STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11259

A SHTETL BAYM SON

Kalman Segal

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

קלמן סעגאַל

אַ שטעטל ביים סאָן

זלמן אוריעוויטש

קלמן סעגאל

אַ מתנה צום אָנדענק
פון
זלמן אוריעוויטש

אַ שטעטל ביים סאַן

פארלאַג: יידיש בוך ווארשע

1965

KALMEN SEGAŁ

MIASTECZKO NAD SANEM

Okładkę projektował R. Chow
הילע פּראָיעקטירט: ר. כאָו.

Printed in Poland

Wydawnictwo „Idisz Buch” Warszawa, Nowogrodzka 5

Nakład 2500 egz. Druk ukończono w maju 1965. Ark. druk. 19,5
Ark. wyd. 16. Papier druk. sat. kl. IV, 61×80 g.
Druk. RSW „Prasa”, Warszawa, Tarczyńska 8. Zam. 1658. Z-12

דערפֿאַרונג

איך לייען פֿאַר אייך מיין יחוס־בריוו. דערקענט דעם קוואַל פֿון מיין וואָרט, די פֿרייד פֿון שאַפֿן, די פּיין פֿון אַנטוישונג, די בלומען פֿון זיג און די דערנער פֿון אָנמאַכט.

צוערשט איז געווען דאָס האַרץ, און געווען איז אויך אַ גרויסע אילוזיע, טויזנט אילוזיעס, וואָס זייער מאַכט דערלויבט צו באַוועגן זיך איבער די צאַרטסטע בלומען, נישט איינבייגנדיק זייערע איידעלע צווייַגעלעך. אַ גליקלעכע צייט איז עס געווען — די צייט פֿון קינדערשע מיראַזשן.

דערנאָך איז געקומען אַ דונער. אַ בליץ האָט צעשמעטערט די פֿאַלשע האַרמאָניע — די וועלט איז געוואָרן צעשפּאָלטן. דער רייסנדיקער שטראָם פֿון אַ פֿינצטערן טייך האָט געבויערט אַ טיפֿן תהום — איך האָב געקוקט אין דעם שוואַרצן אָפּגרונט און געוויינט אויף דעם גורל פֿון טויטע און אויך אויף דעם גורל פֿון לעבעדיקע, וואָס זענען זיך געוואָרן פֿרעמד און ווייט.

דער הימל איז געווען אין וואָלקנס, עס האָט געוועלקט יעדע גרינקייט, די זון האָט זיך באַהאַלטן פֿאַר פּחד. אין טאָלן זענען געוואַקסן שטיינער, אויף די וויסטע פֿעלדער האָבן זיך פֿאַרשפּרייט געוויקסן פֿון האַס, ווילדע געוויקסן — זיי האָבן געהאַט דעם קאָליר פֿון שרייענדיקן בלוט, זיי האָבן געהאַט אַ געשטאַלט פֿון אַן אויפֿגעהויבענער פֿויסט, זיי האָבן געהאַט דעם טעם פֿון אַ קינדערישער טרער, און דעם קלאַנג האָבן זיי געהאַט פֿון אַ ביקסן־סאַלווע און אַפֿילו אַ ריטם האָבן זיי פֿאַרמאָגט — יאָ! דעם ריטם פֿון אַ מענטשלעך האַרץ.

דאָס וואָרט איז דעמלט געווען אַ קללה. נישט אַ וואָרט איז עס געווען, נאָר אַ קללה, אַ טראָפּן בלוט איז עס געווען, אַן אָנמעכטיקע זוכעניש אין דער פֿינצטערניש פֿון דער נאַכט.

ב.

איך האָב געעפֿנט דאָס גרויסע בוך פֿון דערפֿאַרונג — איך לייען עס צוזאַמען מיט אײַך, איך לייען עס ביז צום הײַנטיקן טאָג. מיט טײַכן שווייס איז עס געשריבן, יאָרהונדערטער האָבן עס געשריבן, הענט פֿאַרוואונדעטע האָבן דאָס דאָזיקע ווערק געשריבן. איך זע קוים די אותיות — גערירט בין איך און מײַנע אויגן זענען פֿול מיט טרערן.

ג.

איך דריק אין דער רעכטער האַנט דעם סערפּ, און מײַן לינקע איז פֿול מיט זאַנגען, וואָס שמעקן מיט אַן אָנזאָג פֿון ברויט. איך שטאַם פֿון דער שוואַרצערד, איך קאָן איר גערוך אין יעדער צײַט פֿון יאָר, איך לייד אירע דורשטן אין טעג פֿון טרוקעניש, איך פֿיל איר פֿריידיקן אָטעם נאָך דעם רעגן, איך בין איר האַרץ און זי איז מײַן האָפֿענונג, אין איר וועל איך רוען בײַם סוף פֿון אַקער.

איך שטאַם פֿון דער ערד, און איך קען דעם וווּנדערבאַרן טעם פֿון אירע פֿרוכטן — דעם טעם פֿון ברויט.

ד.

איך האָב געגעסן דאָס ברויט פֿון די אָרעמע. איך האָב אויסגעשטרעקט צו אײַך די הענט — איר זענט נישט געווען קאַרג. קיין ברעקעלע האָט איר מיר נישט אָפּגעזאָגט. און אַ טייל פֿון אײַך האָבן געפּליסטערט: זעט נאָר, זעט נאָר, אַזאַ יונגער מענטש...

איך האָב געגעסן אײַער ברויט — אַ נס איז עס געווען. איך וועל נישט פֿאַרגעסן די זיסקייט פֿון דאָזיקן געשאַנק — טערפּקע איז זי געווען. איך וועל נישט פֿאַרגעסן דעם גענום פֿון דאָזיקן ברויט — אַ ווייטיק איז עס געווען. נאָר איך האָב עס אָנגענומען מיט פֿרייד, ווײַל געדענקט האָב איך תּמיד, אַז איך לייען דאָס גרויסע ספֿר פֿון דערפֿאַרונג.

איך האָב זיך פֿאַרנומען מיט די אייגנשאַפֿטן פֿון פֿאַרשיידענע זאַכן — איך האָב געפּרוּווט די האַרטקייט פֿון שטיינער, וואָס זענען מיר געלעגן צוקאָפּנס. ווייך זענען זיי געווען, חסד און גנאָד האָבן זיי פֿאַר-

מאָגט, ווייל איך זיי זענען געווען פאַרבונדן מיט דעם פּרעכטיקן בוך פון לעבן, מיט דעם וואונדערבאַרן ספר־החיים.

ה.

איך בין נישט געווען אַליין. איר זענט געווען מיט מיר. מיט מיר האָט איר געטיילט אייערע פריידן און געגוסן.

און נאָר בלויז אַ טייל פון אייך זענען געגאַנגען איבער מיר אין אַ גרויסער שטאָלצקייט, און אַרום זיי האָט זיך געטראָגן אַ קאַלטער נעפּל. נאָר אַ טייל פון אייך.

ו.

טיילמאָל פלעגט זיין אומעטיק. די וועלט האָט געהאַט נישט מער ווי פיר וועגט און עטלעכע אייזערנע שטאַנגען. ביז היינט ווייס איך נישט, ווער עס איז געווען געפאַנגען — די זון, אָדער דער מענטש. דער שפין איז געווען אַ פריינד — ער האָט אויך געלעבט. דער הימל האָט געהאַט אַ געאָמעטרישע געשטאַלט — אַ פירעק — און דער גערוך פון דער וועלט איז געווען פאַרמאַכט אין אַן עקלהאַפטן עמער אין ווינקל פון דער קאַמער. עס איז נישט געווען קיין טעג, קיין יאָרן — די אייביקייט איז געווען פאַרשפאַרט, פאַרמאַכט אויף אַ שלאָס, און אין דער טיר איז נישט פאַראַן געווען קיין קליאַמקע.

אָ, וויפל פאַקולטעטן האָב איך פאַרענדיקט? שרייבט מיר אויס אַ דיפּלאָם, שרייבט מיר אַ דיפּלאָם...

ז.

איך בין דעמלט נישט געווען קיין שריפטשטעלער. וויאַזוי וואָלט איך דען געוואָגט? וואָס האָב איך דען געוווסט וועגן לעבן? אַפילו האַסן האָב איך נישט געקאָנט. דאָס גרויסע ספר איז ערשט קוים געווען אָנגעהויבן. אַפילו ליבן האָב איך נישט געוווסט ווי אַזוי.

איך האָב בלויז געקאָנט ליידן און אַוועקרוקן פון זיך די גרענעץ פון אויסדויערקייט.

ח.

דאָס וואָס האָט זיך אויסגעוויזן צו זיין אַ גרענעץ — איז ערשט געווען אַן אָנפאַנג. דאָס וואָס איז ענלעך געווען צו אמת, איז אַ ליגנט געווען. דער טאָג איז געווען פינצטער. אויף שייטערס האָבן געפלאַמט די לידער פון גרויסע דיכטערס. איך האָב נישט געקאָנט אויסטראַכטן קיין שום גאָט — אַלע געטער האָב איך געמוזט האַסן. איך האָב אַוועקגערוקט פון זיך די גרענעץ פון אויסדויערקייט.

איך האָב געקאָנט ליידן. מען האָט געשפּיגן מיר אין פּנים, מע האָט פאַרברענט מיין גוף אויף אַ מאָדערנעם אופן, אין שותפותדיקע קברים האָט מען באַגראָבן מיינע אַשן, אָדער מע האָט זיי צעזייט און צעשפּרייט אויף ארבע־פּינות־העולם. מע האָט מיך צוגעשלאָגן צום קרייץ. איך בין געווען אַ זקן און אַ זויגלינג, אַ באַגראָבענער און אַ באַגראָבער.

איך האָב צוגעמאַכט די אויגן מיין טאַטן, וועלכער איז געשטאָרבן פאַר הונגער, און האָב געקושט די טויטע ליפּן פון מיין מאַמען, וואָס איז אין מיר פאַרבליבן לעבן.

איך האָב געזען די געשפּענסטער, וואָס שוועבן איבער דער וועלט — די ערד איז געווען קליין, קליין ווי אַ קעמערל פון אַטאָם, אַזוי קליין, אַז עס האָט אויסגעפעלט אָרט אויף אַ שמייכל.

און דאָך לעב איך. צי איז עס נישט קיין התפּה? צי איז עס נישט קיין כבוד?

ט.

נאָך דעם גרויסן שטורעם בין איך געשטאַנען אויפן ברעג פון ים. דער ברעג איז געווען אומעטיק, דער ים — אייגזאַם און גרויזאַם.

איך האָב געבענקט נאָך אַ מענטשלעך וואָרט, נאָך אַ קלאַנג פון אַ ליד, נאָך דעם געלעכטער פון אַ קינד.

אויף די כוואַליעס האָבן זיך געטראָגן צעשמעטערטע שיפלעך. אָ, ווען איך זאָל זיי קאָנען פאַרריכטן, די דאָזיקע שיפלעך...

איך האָב זיך אומגעקערט מיטן פּנים צו דער יבשה. עס האָבן געקוקט אויף מיר אייערע אויגן, אַזעלכע ווי איצט — נייגעריקע, פאַרשיידענע, שטאָלצע און אויך באַשיידענע, אומעטיקע און — האָפענונגסלאָזע, בעטנדיקע, פאַרמאַטערטע, גליקלעכע און אויך — טרויערנדיקע.

האָט זיך מיר פאַרגלוסט צו קושן די הענט פון אַלטע פרויען — די הענט פון מיין מוטער.

האָט זיך מיר פאַרגלוסט צו קוקן אין די אויגן אייערע — אין די אויגן פון מיינע ברידער.

האָט זיך מיר פאַרגלוסט צו קושן יונגע מיידלעך — מיינע שוועסטער שוואַרצהאָריקע און אויך מיינע בלאָנדהאָריקע שוועסטער.

האָט זיך מיר פאַרגלוסט צו דערגרייכן צו אייערע הערצער, ווייל איינזאַם און אַליין בין איך געווען אַנטקעגן דעם גרויסן אומעטיקן ים.

י.

בין איך צוגעפאַלן צו דער האַנט פון פשוטן מענטש און איך האָב מיך צעוויינט. אָט בין איך ווידער געווען גליקלעך — איך האָב געליבט.

אַן אָרעם פון אַ פרוי האָט מיך אַרומגענומען, צוגעדריקט צו זיך מיין קאָפּ.

איך האָב געקושט די האַנט, וואָס האָט פאַרשטעלט מיינע וויעס, בכדי דער ים זאָל נישט וויסן, אַז עס וויינט אַ מענטש.

— שעם זיך נישט מיט דיינע טרערן — האָט מיך עמעץ געטרייסט — אויך אין זיי איז פאַראַן אַ קראַפט.

איך בין אַוועק פון אומעטיקן ים, איך בין געגאַנגען מיט אייך, צו אייערע היימען, מיט מיין צוטרוי האָב איך אייך באַשאָנקען, איך האָב זיך באַזעצט צווישן אייך. איך ליב אייך.

איך בין געווען קראַנק. רופאים האָבן געזאָגט, אַז איך וועל שטאַרבן. איך בין נישט געשטאָרבן. ווייל איך ליב.

אויף דער לעצטער זייט פון גרויסן בוך פון דערפאַרונג האָב איך פאַרשריבן דאָס וווּנדערבאַרע וואָרט: ל י ב ע.

איך האָב גענומען פלאַנצן בלומען און האָדעווען פאַרביקע שמעטערלינגען.

איין מאָל אין יאָר מוחל זיין

אינדרויסן האָט געקיניגט דער גילדענער האַרבסט, אין די סעדער האָבן געשמייכלט די רייפע עפּל, די בלעטער אויף די ביימער זענען שוין געווען רויט און געל, וואַרעם זענען זיי געווען, און אויף די סטערניעס האָבן די פּויערים פאַנאַנדערגעפירט וועגענער מיט פּעטן, שמעקעוודיקן מיסט. אויף די פעלדער האָבן די פּאַסטעכער געברענט שייטערס און געבראָטן געשמאַקע קאַרטאָפל און דער רויך פון די שייטערס האָט זיך אַרייַנגעמישט אין פאַרנאַכטיקן נעפּל. אַלץ אַרום האָט געאָטעמט מיט דעם אומעט פון פּוילישע דערפער און שטעטלעך.

פאַרנאַכט האָבן מיר פאַרשלאָסן די שטוב און געלאָזט זיך אין שטעטל אַריין צו כל נדרי: דער טאַטע אין זיין שוואַרצער שבתדיקער קאַפּאָטע, די מאַמע איינגעהילט אין אַ טערקישער שאַל און איך — אין נייע תחתונים.

אין בית המדרש איז געווען געדיכט און הילכיק. די לופט איז געווען אַ שווערע — אַן אויסגעמישטע מיטן גערוך פון צאַנקנדיקע ליכט, מיטן ריח פון מענטשישן שוויים און אויך מיטן אַראָמאַט פון שוואַרצן שמעקטאַבאַק.

אויף די טרעפּלעך און אויף דער שוועל זענען געזעסן בעטלער, קאַליקעס בלינדע און לאָמע, אָדער סתם זקנים. אינעווייניק ביי דער טיר איז געשטאַנען אַ לאַנגער טיש — דאָ האָבן זיך אַוועקגעזעצט די באַלמעלאָכעס, שניידערס, שוסטערס און טרעגערס, גראָבע יונגען, וואָס האָבן נישט פאַרשטאַנען קיין אונטערשייד צווישן אָרור המן און ברוך מרדכי — ברייטפּלייציקע אָדער דאַריניקע, אַרומגעוואַשענע, נאָך נאַסע פּונעם וואַסער און זייף. מידע פון דער ערב יום־טובדיקער סעודה, האָבן זיי אַרייַנגעקוקט אין די מחזורים און געשאָקלט מיט די קעפּ, פּונקט ווי זיי וואָלטן עפּעס פאַרשטאַנען פון די קליינע אותיות.

ביי דער מזרח־וואַנט זענען געזעסן די שטאָטישע מיוחסים — מענטשן קלוגע און רייכע. אָנגעזעענע און וויכטיקע.

דער טאַטע האָט זיך אַדורכגעשטופּט צו זיין באַנק — נישט צופיל פאָרויס און נישט צופיל צו דער טיר. איך האָב זיך געהאַלטן אין דער פאָלע פון זיין קאַפּאָטע און געקוקט אויפן באַלקאָן — אויף די הילצערנע באַגילדעטע שטערן, אויף דעם הילצערנעם הימל, וואָס איז אַמאָל געווען בלוי און פריש־געמאָלט און הייגט — פאַרדרייכערט און גרוי, ווי די וואָלקנס פאַר אַ סלאָטע. לייבן באַפליגלטע זענען געשטאַנען ביים ארון קודש און געשאָקלט מיט די גרויזאַמע קעפּ. מען האָט נאָך נישט געדאַוונט, מען האָט זיך ערשט צוגעגרייט צו דער תפילה, אָבער גע־הערשט האָט שוין די שטימונג די יום־טובדיקע, אַ געזשום האָט זיך געהערט פון טויזנט שטימען און טויזנט זיפצן, און אין דעם דאָזיקן געזשום האָט זיך מסתמא אויך געפונען דער ווינט, וואָס בלאָזט אין אַ האַרבסטיקן אָוונט און דאָס געזאַנג פון די זעקספליגלדיקע שרפים, און דאָס געוויין פון די פרויען אין דער ווייבערישער שול אויפן גאָרן.

שטאַרקער פון אַלץ איז אָבער געווען דער גערוך פון שוואַרצן פּול־ווער־טאַבאַק — יידן האָבן געגאָסן און מיט רייניקע פאַטשיילעס אויס־געווישט די שוואַרצע נאָזלעכער. אינדרויסן איז דערווייל צוגעפאַלן דער אָוונט, און אין שול איז געווען ליכטיק פון די הונדערטער ליכט און פון דעם גרויסן שיינעם הענג־לייכטער.

דורך דעם המון האָט זיך דורכגעשטופּט אַן עלטערער ייד מיט אַ שוואַרצער הדרת־פּנימדיקער באָרד. ער איז צוגעגאַנגען צום טאַטן און אָנגערירט אים ביים אָרעם. דער טאַטע האָט אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ פון אונטערן טלית — געהאָנגען איז דער טלית איבער אים, ווי אַ שטרויענער דאַך איבער אַן אַלטער דאָרפישער כאַטע.

— זאָלסט האָבן אַלדאָס גוטס אויסגעבעטן — האָט געזאָגט דער פרעמדער ייד און האָט אַרומגענומען מיין טאַטן. זיי האָבן זיך צעקושט.

דערווייל האָט זיך געהערט אַ קלאַפּ אין די שטענדערס און עס האָט זיך דערהערט דאָס קול פון בעל־תפילה. דער חזן האָט געדאַוונט שיין און געזונגען שיין, איך האָב דערהערט דעם ניגון פון כל נדרי — דעם דאָזיקן ניגון האָב איך געקענט, ווייל דער טאַטע פלעגט אים אָפט זינגען — האָב איך צוגעמאַכט די אויגן, כדי צו קאָנען בעסער האָרכן, און אפשר האָב איך צוגעמאַכט די אויגן, ווייל עס האָט מיך אַרומגע־

גומען אַ שלעפעריקייט, כאָטש פון גאַנצן האַרץ האָב איך געוואָלט צוגייגן מייגע געדאַנקען צו די ערנסטע תפילות און תשובה טאָן פאַר מייגע יונגע זינד. דער געזאַנג פון חזן און פון זייגע משוררים איז געווען אַן אומעטיקער, אַ מעלאַנכאָלישער און האַרצרייסנדיקער, ער האָט מיך געריירט ביז צו טרערן, עס איז מיר פלוצים געוואָרן בענקלעך, איך האָב זיך ווידער געוואָלט געפינען אינדרויסן, געוואָלט פילן דעם גערוך פון די האַרבסטיקע פעלדער, געוואָלט ווידער שפילן זיך מיט דער לאָמער מאַרישקע, מיט וועלכער איך פלעג פאַשען די קו.

ווען מיר האָבן זיך אומגעקערט אַהיים, האָט אונדז באַגלייט די ליכטיקע לבנה.

— טאַטע — האָב איך געפרעגט — ווער איז דער דאָזיקער ייד, וואָס האָסט זיך מיט אים געקושט?

— דאָס איז ע ר — האָט געענטפערט דער טאַטע.

ע ר — איך האָב פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז אונדזער אייביקער שונא, וואָס דער טאַטע מיינער שעלט אים אַ גאַנץ יאָר. מיט פיל יאָרן צוריק איז דער דאָזיקער מענטש באַגאַנגען אַ פאַרברעכן לגבי מיין טאַטן, אָבער איך האָב נישט געוווסט וואָס פאַר אַ פאַרברעכן און וואָס פאַר א חטא דאָס איז געווען.

— פאַרוואָס האָסטו זיך מיט אים געקושט? — האָב איך ווידער געפרעגט — ער איז דאָך דיין שונא.

— איך האָב אים מוחל געווען — האָט געזאָגט דער טאַטע — יעדעס יאָר פאַר כל נדרי בין איך אים מוחל. איינמאָל אין יאָר מוז איך דאָך אים מוחל זיין. אויב איין ייד וועט דעם צווייטן נישט מוחל זיין, וויאַזוי וועט מען קאָנען פאַרלאַנגען, אַז גאָט זאָל אונדז מוחל זיין?

— אַלע יידן זענען ברידער — האָט געזאָגט די מאַמע — יידן דאַרפן זיך ליב האָבן.

די לבנה האָט זיך באַהאַלטן הינטער אַ וואָלקנדל, דער טאַטע האָט געשוויגן, איך האָב איצט נישט געזען זיין פנים, אָבער איך וואָלט גע־קאָנט שווערן, אַז אַפילו אין דאָזיקן ערב יום־כיפורדיקן אָוונט האָט ער געקריצט מיט די ציינער און געצופט דאָס בערדל, טראַכטנדיק וועגן זיין אייביקן שונא, וואָס איינמאָל אין יאָר האָט ער אים מוחל געווען — נישט מער ווי איין מאָל אין יאָר, פאַר כל נדרי...

סענדער דער נגיד

זיבן יאָר איז סענדער ליפּמאַן קראַנק געווען און זיבן יאָר האָט ער באַוויזן אָפּצונאַרן דאָס גאַנצע שטעטל. דערנאָך איז ער געשטאָרבן און דעמלט האָט זיך אַנטפּלעקט דער גאַנצער אמת.

זיבן יאָר איז ער געלעגן אין זיין שטיבעלע, וואָס האָט זיך געפונען אין דעם אָרעמסטן טייל פון דער שטאָט, דאָרט ווו די געסלעך זענען געווען גאָר שמאָל און די הייזער האָבן זיך געבויגן פון אַלטקייט און געזונקען אין זומפּיקן גרונט.

דורך דעם קליינעם פענצטערל פון סענדערס שטוב האָט מען געקאָנט זען אַ שטיקעלע הימל, אַ וואָלקנדל וואָס פלעגט פאַרביישוועבן, אַ שטיקל דאַך, אויף וועלכן עס האָט טיילמאָל אַרומשפּאַצירט אַ קעצל מיט קראַנקע, קאַפּרעווע אויגן. צום באַדויערן האָט מען דורך דעם דאָזיקן פענצטערל נישט געקאָנט זען קיין שטיקעלע זון, ווייל ווי באַקאַנט, איז אוממעגלעך צו זען די ליכטיקע זון אויף דער צפונדיקער זייט און סענדערס פענצטער האָט זיך געפונען אויף דער צפונדיקער זייט פונעם הויז. דאָס פענצטערל פלעגט אַ גאַנצן זומער זיין פאַרמאַכט, ווייל זומערצייט זענען די גערוכן דאָ געווען ביטערע, סמיקע. אויך ווינטער פלעגט מען דאָס פענצטערל נישט עפענען, ווייל דאָס שטעטל איז געלעגן ווייט פון די וואַרעמע לענדער, די פרעסט זענען דאָ געווען האַרבע, עס פלעגט בלאָזן און שנייען. סענדער האָט אָבער נישט געהערט צו יענע איידעלע און קאַפּריזנע מענטשן, וואָס קאָנען זיך נישט באַגיין אָן פרישער לופט.

רואיק איז ער געלעגן און רואיק האָט ער געקרענקט, און אַרומגעפּאָרעט זיך לעבן אים האָט זיין זאָרגעוודיקע און געטרייע פרוי מלכה. און ער איז געלעגן און האָט געהוסט, און טיילמאָל האָט ער אָפּגעשפּיגן מיט בלוט און דעמלט האָט אים מלכה געטרייסט, אַז דאָס איז דאָס שלעכטע בלוט, וואָס מאַכט דעם מענטשן קראַנק, און ווי נאָר ער וועט

דאָס גאַנצע שלעכטע בלוט אָפּשפּייען, וועט ער אם ירצה השם באַלד געזונט און שטאַרק ווערן.

האָט סענדער זיבן יאָר געשפּיגן און דערנאָך איז ער געשטאָרבן. ערשט דעמלט האָבן די שכנים גענומען טרייבן רכילות. זיי האָבן געזאָגט, אַז סענדער איז שטענדיק געווען אַ מאָדנער פּאַרשוין, און קיינער האָט נישט געקאָנט פאַרשטיין, וויאַזוי די דאָזיקע אומגליקלעכע מלכה האָט אַזויפיל יאָרן געקאָנט אויסהאַלטן מיט אים. אָבער דעמלט ווען זיי האָבן דאָס געזאָגט, איז שוין סענדערן געווען אַלץ איינס, וואָס די שכנים טראַכטן וועגן אים.

איך מוז דאָ אונטערשטרייכן, אַז כל זמן ער האָט געלעבט, וואָלט קיינער נישט געוואַגט צו רעדן וועגן אים שלעכטס.ווייל וואָס האָט מען וועגן אים געקאָנט רעדן שלעכטס? אַז ער איז קראַנק אויף אַן אָפּצערונג? דאָס קאָן דאָך מיט יעדן מענטש פּאַסירן. אָדער — אַז ער איז אַן אָרעמאַן, וואָס קהל גיט אים די פּאָר גראָשן אויף שבת? מילא, אויך דאָס פּאַסירט צווישן יידן. דער גראָשן איז קיילעכדיק — איין מאָל איז ער דאָ, און צען מאָל איז ער נישטאָ. פון דער צווייטער זייט ווידער — ווו שטייט עס געשריבן, אַז סענדער איז אַן אָרעמאַן? פּונקט פאַרקערט, דאָס גאַנצע שטעטל ווייסט, אַז סענדער האָט צוקאָפּנס אַ קישעלע, אַ גאַנץ פיין קישעלע, אין וועלכן ער באַהאַלט זיין צוואה, און נישט נאָר די צוואה — יעדער ייד אין שטעטל וואָלט זיך געווונטשן צו האָבן כאָטש די העלפט פון דעם, וואָס עס געפינט זיך אין יענעם קישעלע — אפשר גאָלד, אפשר דאָלאַרן און אפשר טייערע איידלשטיינער און פּערל?

און סענדער איז זיך רואיק געלעגן אויף זיין געלעגער, ווי אַ מלך איז ער געלעגן און נישט צוגעלאָזט קיינעם צו זיין סודותפולן קישעלע.

די איינוווינער פון שטעטל האָבן געשווינט סענדערס סוד. מען האָט געוווסט, אַז ער האָט אַ נדר געטאָן נישט צו פאַרטאַכליעווען דאָס דאָזיקע פאַרמעגן, נישט צו פאַרקלענערן דעם קאַפּיטאַל אפילו אויף איין פּרוטה, נישט צו גענוסן פון אים ביז איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר... דאָס גאַנצע פאַרמעגן איז פאַרשריבן געווען אין דער צוואה אויף די באַדערפעניש פון דער קהילה און דערווייל האָט סענדער געלעבט פון דעם, וואָס דער קהילה־שמש האָט יעדן דאָנערשטיק אַריינגעבראַכט. און די קהילה האָט נישט געקאַרגט די פּאָר גראָשן פאַר סענדערן, ווייל מען האָט דאָך געוווסט, אַז פריער אָדער שפּעטער וועט סענדערס פאַרמעגן אַריבערגיין צום כלל, ווייל קיין קינדער האָט סענדער מיט

מלכהן נישט געהאַט, און מלכה, די פּלוניתטע זיינע, איז שוין אויך נישט געווען קיין יונג ווייבל, וועמען־זשע וועט סענדער פאַרשרייבן דאָס פאַרמעגן, אויב נישט אויף די באַדערהפּעגישן פון דער יידישער געמיינדע, וועלכע האָט זיך שטענדיק געגוויטיקט אין געלט — ווי אַ ברונעם, וואָס עס דראָט אים שטענדיק אַ טרוקעניש.

קיינעם אין שטעטל איז נישט איינגעפאַלן צו פרעגן, אָדער צו פאַרטראַכטן זיך פון וואַנען סענדער ליפמאַן האָט געקאָנט האָבן אַזאַ גרוים פאַרמעגן, און קיינער האָט נישט געצווייפלט, אַז עס איז אַ ג ר ו י ס פאַרמעגן. ווי לאַנג איך האָב געקאָנט סענדערן, האָט דער דאָזיקער מענטש קיינמאָל נישט געאַרבעט און קיינמאָל נישט געהאַנדלט און קיינמאָל זיך נישט פאַרנומען מיט קיין שום זאַך. איז וויאַזוי איז ער געקומען צו אַזאַ רייכטום — דאָס איז שוין זיין זאַך, דאָס דאַרף קיינעם נישט אָנגיין.

אין אַ געווויסן העלן טאָג האָט סענדער ליפמאַן אויפגעהערט צו הוסטן און צו שפּייען מיט בלוט. דאָס קליינע צימערל האָט זיך פאַרפולט מיט מענטשן, מיט גוטע פריינד און סתם מיט יידן. איינע זענען אַריינגעקומען, אַנדערע זענען אַרויסגעגאַנגען. מען האָט זיך געפּאַרעט און געאיילט, און ער, סענדער, איז געלעגן אַ בלאַסער און בכבודיקער, ער האָט געשוויצט און געאָטעמט שווער, נישט געקאָנט כאַפּן דעם אָטעם.

דער שמש האָט זיך אָנגעבויגן איבער אים און געפרעגט:

— רב סענדער, ווו איז די צוואה, רב סענדער?

אַ לייכטער שמייכל האָט זיך באַוויזן אויף סענדערס געל געזיכט, און מלכה האָט דערווייל געשלאָגן מיטן קאָפּ אין דער וואַנט און געקניפּט זיך די באַקן און געשריגן און געוויינט:

— סענדער, לאָז מיך נישט איבער אַליין, אויף מיין ביטערער עלטער, סענדער, מפּתּחים מיינער, ליכטיקער מאַן מיינער, אוי ווי איז מיר און ביטער איז מיר, אַ פינצטערער בראָך צו מיינע יאָרן...

אָבער סענדער ליפמאַן האָט שוין דאָס נישט געהערט און זיין ריינע נשמה איז שוין געווען ווייט, כאָטש זיין לייב האָט מען ערשט אין איילעניש אַגידערהנעלייגט אויף דער ערד אויף אַ הויפן שטרוי, און מען האָט זיך צוגעכאַפּט צום קישעלע.

אָבער אין קישעלע איז קיין שום זאַך נישט געווען; האָט מען גענומען זוכן אין שטרויזאַק און מען האָט געפונען. מען האָט געפונען דאָס, אויף וואָס די קהילה האָט געוואַרט גאַנצע זיבן יאָר.

קיין געלט און קיין איידלשטיינער האָט מען נישט געפונען, אָבער אַ צוואה איז געווען. אַ שיינע צוואה געשריבן מיט אַ שיינעם כתב און מיט חכמה. יעדער אות איז געווען אויסגעטאָקט ווי אַ בריליאַנט, יעדעס וואָרט איז געווען געגליכן צו אַ בלום. און מיט גרויס פרומקייט האָט סענדער אין דער האָזיקער צוואה צוגעזאָגט דער גאַנצער קהילה עולם־הבא און דאָס טייערסטע און בעסטע האָט ער פאַרשריבן פאַר זיין געטרייער פרוי מלכה:

„דיר, מיין געטרייע און געליבטע פרוי, מלכה בת חנה ז״ל, לאָז איך איבער דאָס, וואָס איז טייערער פון איידלשטיינער און טייערער פון גאָלד און זילבער — מיין ברכה לאָז איך דיר איבער, מיין ברכה, וואָס וועט דיך באַגלייטן אויף יעדן טריט און שריט פון דיין לעבן — דער אַלמעכטיקער זאָל מערן דיינע טעג ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר, אמן“.

אָט דאָס איז די דערציילונג וועגן סענדער ליפּמאַן ז״ל, וועלכער האָט זיבן יאָר געקרענקט און אָפּגענאַרט דאָס גאַנצע שטעטל.

אַ שטעטל ביים סאָן

זיבן יאָר האָט די טויבע רבקה געוואַרט אויף איר אייניציקן זון, אויף הערש־לייבן. עס האָבן זי פאַרלאָזט די כוחות, אירע פיס זענען געשוואָלן געוואָרן און דאָס האַרץ האָט ווי געטאָן פון בענקשאַפט און געוויין.

מענטשן האָבן אויף איר געהאַט רחמנות. די קהילה האָט זיך באַמיט און געשאַפן פאַר איר אַן אָרט אין זקנים־הויז, אָבער זי האָט זיך אָפּגעזאָגט פון אַ גרינג לעבן, זי האָט מורא געהאַט פאַר דעם זקנים־הויז, עס האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז דאָרט וועט זי גיכער שטאַרבן, און שטאַרבן האָט זי נישט געוואָלט, זי האָט נישט געטאָרט שטאַרבן פאַר דער צייט — זי האָט געגלייבט — אַז אין אַ געוויסן טאָג וועט הערש־לייב צוריקקומען און זי וועט אים ווידער צודריקן צום האַרץ, און ערשט דעמלט וועט זיך פאַר איר אָנהייבן אַ ניי לעבן.

און ער? הערש־לייב? ווו איז ער געווען אזויפיל יאָרן? האָט ער דען נישט געוווסט, אַז אַנטלויפן פאַר דעם אייגענעם גורל קאָן מען נישט? ווו האָט ער געזוכט גליק? איז ער געווען געזונט? האָט ער געהאַט אַ דאַך איבערן קאָפּ? אפשר האָט ער געהונגערט? אפשר האָט ער אָנגעטראָפן אויף שלעכטע מענטשן, וואָס האָבן אים פאַרקירצט און פאַרביטערט דאָס לעבן? און אפשר איז ער אַוועק אויף שלעכטע הרכים? אפשר. אַלץ איז דאָך מעגלעך, און דעם גאַנצן אמת וועגן מענטש ווייסט קיינער נישט, אַפילו דער בורא עולם.

וואָס האָט זיך געענדערט אין שטעטל, אין משך פון די דאָזיקע זיבן יאָר? גאָרנישט. ווער עס איז געווען אָרעם, דער איז אַן אָרעמאַן פאַרבליבן. ווער עס איז געווען אַ נגיד, דער איז נאָך רייכער געוואָרן. אַ סך קראַנקע זענען געשטאָרבן, און קרענקען פלעגן נישט נאָר קבצנים, נאָר אויך מענטשן רייכע און באַלעבאַטישע.

הערש־לייבס כלה, ציפּרע, די שיינע טאָכטער פֿון יונה בעקער, האָט חתונה געהאַט מיט אַן אַלטן אַלמן און צו די ניין חדשים איז זי געשטאָרבן אין קימפּעט. דאָס נײַ געבוירענע האָט יונה דער בעקער גענומען צו זיך און די טויבע רבקה האָט דאָס קינד געקאָרמעט מיט מילך פֿון אַ פֿלאַשקע.

איינמאָל האָבן די פּאָליציאַנטן אַרומגערינגלט דאָס הײַזל, ווו עס האָט געוווינט דער שוסטער פּרומקין, און געמאַכט אַ חורבן אין דער וווינונג. פּרומקינס יידענע האָט זיך אַרויסגעריסן די האָר פֿון קאָפּ, די קינדער האָבן געוויינט, און די פּאָליציאַנטן האָבן אַרויסגעטראָגן פֿון דער שטוב אָן אַ שיעור אומלעגאַלע מאַטעריאַלן. דער עולם האָט געמיינט, אַז בײַ פּרומקינען האָט מען געפֿונען באָמבעס און געווער, און דערווייל זענען עס געווען ביכער, געוויינלעכע ביכער, אין וועלכע מען האָט געשריבן וועגן איבערקערעניש און נאָך אַזעלכע זאַכן. דעם שוסטער פּרומקין מיט צוויי געזעלן האָט מען אַוועקגעפֿירט קיין לעמבעריק אין דער דאָרטיקער תּפֿיסה און ביז הײַנט ווייסט נישט קיינער וואָס מיט זיי איז געשען.

ווידער האָט זיך איינמאָל געטראָפֿן, אַז דער לעדער־קרעמער בראַנדעס איז ערב יום כּיפּור געלאָפֿן אין מקווה אַרײַן, ווי דער סדר איז געווען, און עס איז אים שלעכט געוואָרן און ער האָט אויסגעהויכט די נשמה — געשטאָרבן ערב דעם יום הדין פֿאַרנאַכט, אין יענער שעה, ווען דער אויבערשטער רופֿט צו זיך די נשמות פֿון יידן פֿרומע און גערעכטע. דעם לעדער־קרעמער האָבן אַלע יידן באַדויערט און באַוויינט, און נישט איינער איז אים מקנא געווען: אַזאַ שיינער טויט, געשטאָרבן ערב יום כּיפּור פֿאַרנאַכט...

אַ פֿאַרשאָלטענע מקווה איז עס געווען אין שטעטל, נישט געבראַכט קיין מזל און נישט קיין פֿאַרגעניגן. איינמאָל האָט זיך דער בעדער אָנגעשיכורט און איז אַנטשלאָפֿן געוואָרן, און אין אויוון האָט געברענט אַ פֿייער, און דער בעדער איז געשלאָפֿן. האָט זיך געמאַכט אַ שׂרפֿה און עס איז פֿאַרברענט געוואָרן דאָס בעדל צוזאַמען מיט צוויי שכנותדיקע הײַזער — די הײַזער זענען געווען אַלט, געשטאַנען דאָ זייט גאָט האָט די וועלט באַשאַפֿן, און פֿאַרברענט געוואָרן זענען זיי אין איין מינוט, ווי אַ הויפֿן טרוקן שטרוי.

געשטאָרבן איז דער אַלטער רב, אַ הייליקער ייד, אַ צדיק, וואָס פֿון גאַנץ גאַליציע פֿלעגן צו אים קומען יידן אויף שבת. דאָס גאַנצע

שטעטל האָט געוויינט, די גאַנצע וועלט האָט באַוויינט דאָס גרויסע אומגליק. אָפּגעזעסן שבעה, האָבן די זין פון נפטר אָנגעהויבן צו פירן מחלוקות, ווער עס וועט איבערנעמען דאָס רבנות. דאָס גאַנצע שטעטל האָט זיך אַריינגעמישט אין וויכוח. אין די יידישע געסלעך האָט זיך אַריינגעריסן אַ האַס — ווי אַ בייזער ווינט. די טאַטעס האָבן זיך געקריגט מיט די קינדער. אַ ברודער האָט זיך פאַרמאַסטן אויף אַ ברודער. ווייבער האָבן זיך באַוואָרפן מיט זידלערייען, ווי מיט בלאָטע. זקנים האָבן זיך געריסן ביי די בערד, אַזוי לאַנג, ביז די פּאָליציי האָט זיך אַריינגעמישט, די פּאָליציי און דער סטאַראָסטע און אפשר טאַקע דער סאַמע וואָיעוואָדע אין דער גרויסער שטאָט לעמבעריק. — און אין איין שיינעם טאָג האָט מען געבראַכט צו פירן אַ נייעם רב, אַ קאַזיאָנגי רב, וואָס דאָס שטעטל האָט קיינמאָל זיין נאָמען נישט געהערט און וואָס קיינער האָט אַפילו נישט געוווּסט וועמענס אייניקל ער איז — און ערשט איצט האָט די קהילה געשלאָסן יד אחת און אַלע האָבן זיך געוואָרפן אויף דעם אומגליקלעכן נייעם רב, מען האָט אויף אים אויסגעטראַכט בלבולים, מען האָט געזאָגט, אַז ער האָט אַ ממזר מיט אַ שיקסע און אַז זיין פרוי, די רביצין, שפּילט אויף פּיאַנע און אַז זי לייענט פּוילישע ראָמאַנען. קיינמאָל איז נאָך אין דער דאָזיקער פרומער און הייליקער קהילה נישט געווען קיין רביצין!, וואָס זאָל לייענען פּוילישע ראָמאַנען און שפּילן אויף פּיאַנע. האָט מען אין אַ געוויסער נאַכט פאַרטריבן דעם רב צוזאַמען מיט זיין אויסגעלאַסענער פרוי — קוים מיטן לעבן זענען זיי אַנטלאָפן ביי דער לבנה.

און ווידער איז געשען אַן אומגליק מיט דער שיינער יוכבד, מיט דער איינציקער טאָכטער פון שטאָטישן קברן — אַ שיינע מויד געווען און אַ וויל קינד, און פלוצים פאַרליבט זיך אין זון פון רוסישן גלח. דער זון פון גלח איז געווען אַ פּאָעט און אַ שיכור און געקרענקט האָט ער אויף אַן אָפּצערונג. דעם קברנס טאָכטער האָט פאַרלאָזט דעם אַלטן פאָטער, אַנטלאָפן אין אַ ווייבערישן מאָנאַסטיר און דאָרט זיך צוגעגרייט צו דער שמד. און ווען עס איז געקומען דער טאָג, ווען מען האָט אַוועקגעפירט די מויד צו דער גוייִשער חופּה, האָט דער אַלטער קברן נישט אויסגעהאַלטן און זיך אויפגעהאָנגען אין טהרה־שטיבל. עס איז נישט געווען ווער עס זאָל דעם קברן באַגראָבן, ווייל אין אַזאַ קליין שטעטל איז נישט לייכט געווען צו געפינען אַ קברן, און באַגיין זיך אָן אַ קברן קאָן מען אויך נישט...

פונדעסטוועגן קאָן מען זאָגן, אַז עס האָט זיך דאָ אין שטעטל גאָר־נישט געענדערט. ווייל וואָס באַטייט דען איין פאַרברענטע מקווה מיט צוויי פאַרברענטע אַלטע הייזער? ניין, דאָ אין שטעטל איז גאָרנישט פאָרגעקומען און גאָרנישט האָט דאָ קיינמאָל נישט פּאַסירט. ווייל וואָס פאַר אַ געשעעניש האָבן דאָ געקאָנט פּאַסירן? אַ שיכורער פויער האָט איבערגעקערט אַ שטענדער מיט עפּל אין מאַרק? אַ פּאָליציאַנט האָט אַוועקגעפירט אַ יידישן שוסטער מיט צוויי לערן־יונגען? אַ ייד האָט אָנגעזעצט און אויפגעפרעסן דעם גדן פון אַן אָרעמער דינסט־מויד? אַ קברן האָט זיך אויפגעהאָנגען, ווייל זיין געליבטע טאָכטער האָט זיך געלאָזט פאַרפירן פון אַ גלחישן זון?

ניין, דאָס אַלץ האָט נישט געקאָנט ענדערן דעם אויסזען פון שטעטל, וואָס איז געלעגן אונטער די שמעקעוודיקע בערג פון די קאַרפּאַטן ביים שיינעם טייך סאַן, וואָס אויף יידיש האָט דער דאָזיקער טייך געהייסן סאָן — מיט אַ קמץ...

הערש־לייב איז צוריקגעקומען אין פרילינג, פאַרטאָג, קיינער האָט נישט געזען פון וועלכער זייט ער איז אָנגעקומען, אָדער מיט וועלכן וועג ער איז געקומען צו פאָרן.

זיין מוטער, די טויבע רבקה, האָט דערזען פאַר זיך אַ מאַן כמעט אַ פרעמדן, כמעט אַ ווייטן, אַ דערוואַקסענעם. זי האָט צו אים אויסגעצויגן די הענט, אירע האַנטפלאַכן האָבן געציטערט — צום ערשטן מאָל האָט הערש־לייב דערזען, אַז די הענט פון זיין מוטער ציטערן — די דאָזיקע הענט זענען ענלעך געווען צו ציטערנדיקע פייגל צוויי, וואָס צאַפּלען פאַר פּחד, און אפשר ציטערן זיי, ווייל זיי זענען פאַרוווּנדעט...

— ווער איז דאָס? — האָט געפרעגט די טויבע רבקה און עס האָט איר אָנגעהויבן ווי צו טאָן דאָס האַרץ, זי האָט שוין ווידער דערפילט, אַז זי האָט אַ האַרץ — ווער איז געקומען?

— מאַמע, דאָס בין איך — האָט ער געענטפערט — הערש־לייב.

— דו ביסט עס? זעץ זיך דאָ, לעבן מיר.

זי האָט גענומען גלעטן זיין פּנים און האָט שטיל געפליסטערט.

— וויין נישט, הערש־לייב, וויין נישט.

הערש־לייב האָט נישט געוויינט, כאָטש עס האָט אים געשטיקט אין האַלדז און ער האָט נישט געקאָנט אַרויסברענגען קיין וואָרט.

— ווו ביסטו געווען, הערש־לייב? כ'האָב אַזוי געוואַרט אויף דיר. ווו ביסטו געווען?

זי האָט צוגעמאַכט די אויגן און איבערגעחזרט די דאָזיקע ווער־טער, און עס האָט זיך געקאָנט אויסווייזן, אַז זי בייזערט זיך חלמאי הערש־לייב האָט זיך ווידער פאַרשפּעטיקט צו דער שבתדיקער סעודה.

— מיט וועמען ביסטו געווען? — האָט זי געפרעגט און עס האָבן זיך איר דערמאָנט די גאָלדענע שבתדיקע נאָכמיטאָגן און די שיינע זומערדיקע אָוונטן, ווען זי איז נאָך געווען יונגער מיט אַזוי פיל יאָרן, און זי פלעגט זיצן אויף דער שוועל פון דער שטוב און לעבן איר איז געזעסן ציפּרע דעם בעקערס טאָכטער — ציפּרע האָט געהאַט אַ שיי־נעם אויסשטייער און זי האָט ליב געהאַט הערש־לייבן. אָבער הערש־לייב איז נישט געווען קיין געטרייער חתן, און טאַקע דערפאַר פלעגט די מוטער אָפט פרעגן ביי אים: „ווו ביסטו געווען? מיט וועמען ביסטו געווען?“

— ציפּרע האָט געוואַרט אויף דיר — האָט איצט אויסגעפּליסטערט די טויבע.

הערש־לייב האָט זיך דערמאָנט: אַ שיינע גרויסע מויד מיט אַ פּאָר שוואַרצע פאַרטראַכטע אויגן.

— ציפּרע דעם בעקערס? — האָט ער איבערגעפרעגט און אַ ווייטיק האָט ער דערפילט ערגעץ לעבן האַרץ.

די מוטער האָט אויפגעעפנט די אויגן און איז מיט אַ מאָל ניכטער געוואָרן?

— אוי, הערש־לייב, הערש־לייב...

זי האָט זיך צעוויינט, און ער האָט געשוויגן — ווייל וואָס האָט ער געקאָנט זאָגן? וואָס איז דאָ געווען צו זאָגן?

— ציפּרע איז שוין דאָרט... — האָט געזאָגט די מוטער.

און הערש־לייב האָט פאַרשטאַנען, אַז ציפּרע לעבט נישט.

פון מויל צו מויל האָט מען זיך איבערגעגעבן די ידיעה: הערש־לייב דאָבקעס האָט זיך אומגעקערט פון דער ווייטער וועלט. מען האָט נאָך נישט געוווסט, צי ער איז געקומען אויף שטענדיק, אָדער בלויז אויף אַ באַזוך. אפשר איז ער געוואָרן באַגליקט, אפשר האָט אים דאָס מזל צוגעשפּילט און ער איז געקומען צו פאָרן בכדי צו העלפן זיין אָרעמער מוטער? מען האָט שוין דאָ געזען אַזעלכע זאַכן. איינמאָל,

מיט יאָרן צוריק, האָט זיך אומגעקערט פון אַמעריקע הערשל דער אָקסן־טרייבער, הערשל איז אַ ציליגדער און אין אַ דרייפערטלדיקן מאַנטל, און ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט אין מיטן מאַרק־פּלאַץ אויף אַ פּעסל פון ביר און אַלע יידן האָבן אים אַרומגערינגלט און ער האָט אַרויסגענומען פון בוזים אַ פּעקל קנאַקעדיקע דאָלאַרן און האָט גענומען פאַרטיילן. אין איין טאָג איז דאָס גאַנצע שטעטל רייך געוואָרן און נאָך צוויי אַלטע ווייבער זענען אומגעקומען — מען האָט זיי פאַרטאַפּטשעט אין דער גרויסער ענגעניש. און פאַר דעם געלט, וואָס איז אים פאַרבליבן, האָט הערשל געקויפט דימענטן און פּערל און ער איז אַוועק צו זיין אַמעריקע, און דאָס גאַנצע שטעטל האָט אים געזעגנט און געוויינט ביי דער דאָזיקער געזעגעניש. און ווען הערשל דער אָקסן־טרייבער איז צוריקגעקומען קיין אַמעריקע און האָט אויפגעפּאַקט זיינע רענצלעך איז אים פינצטער געוואָרן פאַר די אויגן, ווייל אין די פּושקעלעך און קופּערטלעך האָט ער אנשטאָט איידעלע שטיינער געפינען געווייגלעכע שטיינער פון סאָן. מען האָט געזאָגט, אַז דאָס האָט אים די דאָזיקע שטיינער איינגעפּאַקט זיין אייגענער ברודער יואל בראַנדעס, וועלכער איז זייט דעמלט געוואָרן אַ גרויסער עושר. הערשל איז נאָך איין מאָל געקומען אין זיין אַלטער היים זוכן די דימענטן און פּערל. אָבער איצט איז ער שוין געווען אַן אָרעמאַן, קיינער האָט אים איצט נישט געוואָלט קענען און הערשל האָט גאָרנישט אויפגעטאָן. מען האָט אַפילו נישט באַמערקט ווען ער איז נעלם געוואָרן און איך ווייס נישט, וואָס מיט אים איז געשען. אפשר איז ער געשטאָרבן, און אפשר האָט ער זיך ווידער־געלאָזט ערגעץ אין די ווייטע מדינות מעבר לים.

און איצט איז ווידער געקומען הערש־לייב דער טויבער רבקהס, אָבער הערש־לייב איז געווען אַ גאָרניישט און פאַרבליבן אַ גאָרנישט. ער האָט צוריקגעבראַכט זיין אומעטיק פאַרזאָרגט געזיכט, אַ פּאַסמע גראָע האָר אויפן קאָפּ, און מלבושים פון אַן אָרעמאַן. באַקאַנטע האָבן אים באַגריסט מיט אַ פאַלש געלעכטערל:

— נו, הערש־לייב? ווו ביסטו געווען, האַ? דערציייל עפּעס!

הערש־לייב האָט געשוויגן, ער האָט נישט דערציילט, ער האָט זיך דאָ איצט געפילט פרעמד. שווייגנדיק האָט ער געקוקט ארום זיך, געזען אַן אָרעמקייט, וואָס איז געווען אַנדערש פון יענער אָרעמקייט אין די גרויסע שטעט, ווו ער האָט פאַרבראַכט גאַנצע זיבן יאָר.

— שטענדיק האָב איך געהאָפט, אַז ווי נאָר דו וועסט אַהיימקומען, וועל איך ווידער זיין געזונט און שטאַרק... — האָט געזאָגט די טויבע רבקה — און איצט ביסטו שוין דאָ און איך בין פון טאָג צו טאָג אַלץ שוואַכער.

די כוחות האָבן זי פאַרלאָזט. עס האָט זיך געקאָנט אויסווייזן, אַז דער מלאך המות האָט ביז איצט אויסגעמיטן רבקהס שטוב, בכדי זי זאָל קענען דערלעבן צו זען דעם זון. און איצט איז זי געלעגן אויפן געלעגער און ער, הערש־לייב, האָט זיך געפאָרעט לעבן איר, אַ פאַרטראַכטער, אַן אומעטיקער.

— לאָז מיך נישט איבער — האָט זי געזאָגט, ווען הערש־לייב האָט געוואָלט גיין זוכן אַרבעט ביים בעקער, וווּ זיין פאָטער איז מיט יאָרן צוריק געווען באַשעפטיקט — ווי לאַנג איך לעב, בין איך תמיד געווען אַליין, שטענדיק בין איך געווען איינזאַם און איצט ווילסטו מיך איבערלאָזן, כ׳זאָל דאָ שטאַרבן אין דער איינזאַמקייט. לאָז מיך נישט איבער, איך וויל נישט זיין אַליין. כ׳האָב מורא צו זיין אַליין.

האָבן זיי געלעבט פון דעם, וואָס די בעקעריכע האָט יעדן טאָג אַרייַנגעשיקט. טיילמאָל פלעגט זיי באַזוכן אַ ווייטע קרובה און ברענגען אין קיישעלע עטלעכע שטיקלעך ברויט אָדער חלה. און די טויבע רבקה איז געלעגן אַ צופרידענע, זי פלעגט איצט אָפט שמייכלען, כמעט אַ גליקלעכע איז זי געווען, ווען זי פלעגט צו האָבן פאַר וועמען צו דערציילן וועגן איר הערש־לייבן, ווי גוט ער איז פאַר איר, אַ גאָלדן קינד, אַ גוטער זון, הלוואי וואָלט ער נאָר געווען אַ גרעסערער בר מזל, וואָלט שוין אַלץ געווען גוט.

— פאַראַן מענטשן, וואָס האָבן אַלץ, אַחוץ האַרץ... — האָט געזיפצט די בעקעריכע — און אַנדערע האָבן האַרץ, און זענען קבצנים...

— מיין הערש־לייב האָט אַ גילדן האַרץ, אַ געזונט אויף זיין קאָפּ..

און איינמאָל האָט די בעקעריכע געבראַכט די ידיעה, אַז ווען הערש־לייבן טרייבט מען רכילות.

— מען רעדט וועגן אים. מענטשן רעדן.

— מען רעדט וועגן אים? — האָט זיך דערשראָקן די טויבע — וואָס רעדט מען וועגן אים?

— מע זעט אים נישט אין בית מדרש. ער איז מחלל שבת.

— אַ ליגנט! — האָט אויסגעשריגן רבקה — זאָג זיי דאָרט, אַז עס איז אַ ליגנט. זאָלן זיי נישט טרייבן קיין רכילות, צו גרינגע קעפּ האָבן זיי, מיינע צרות זאָלן זיי דערפילן און מיין טעם, הייליקער גאָט!

און פאַרנאַכט האָט זי געפרעגט:

— הערש־לייב, וואָס פאַר אַ טאָג האָבן מיר היינט?

— פרייטיק, מאַמע.

— וואָס רעדסטו, פרייטיק? פרייטיק פאַרנאַכט? און דו האָסט מיר פאַרגעסן צו קויפן ליכט.

— ליכט? — האָט ער איבערגעהערט און עס איז אים שווער געוואָרן אויפן האַרץ, ווייל ער האָט האָד איר נישט געוואָלט אָנטון קיין פּיין — דאַכט זיך, אַז עס זענען נאָך דאָ ליכט.

און ער האָט גענומען זוכן אין קעסטל און האָט געפונען צוויי ליכטלעך צום בענטשן און אַוועקגעשטעלט אויפן טיש די מעשענע לייכטער.

און שבת אינדערפרי האָט רבקה געזאָגט:

— הערש־לייב, אפשר וואָלסטו געגאַנגען אין בית המדרש אַריין. עסט קומען צווישן מענטשן, וועסט נישט זיין אַזוי אַליין. פאָלג מיך און גיי. איך בעט דיך.

ער איז נישט דערגאַנגען ביז צום בית המדרש — עס האָט אים פאַרהאַלטן אַ המון, אַ טומל אַרום דער צערקווע. געשטאַנען איז זי, די צערקווע, נישט ווייט פון דעם יידישן מקום־קדוש, און פונקט יענעם שבת איז געווען אַ גרויסער יום־טוב ביי די גריכיש־קאַטוילישע. אַרום דער ווייסער קירכע האָט זיך פאַרזאַמלט אַן עולם, אַן אָנגעקומענער פון די אַרומיקע דערפער: פויערים מיט ווייסע ליינענע העמדער אַרויסגעלאָזטע איבער די הויזן, פויערטעס אין לאַנגע און ברייטע אונטערקליידער. יונגע בליענדיקע קראַסאַוויצעס אין געבלימלטע קליידלעך, און ווילדע יונגען מיט האָר לאַנגע, היידאַמאַקישע און אין שטאָטישע צייגענע הויזן. דער דאָזיקער פאַרביקער המון האָט זיך נישט געקאָנט קיין אָרט געפינען אין דער קליינער קירכע, דעריבער איז אויך דער פּלאַץ אַרום באַדעקט געווען מיט מענטשן ווי מיט מוראַשקעס, און פון אינעווייניק האָט זיך געהערט די בכבודיקע שטימע פון אַלטן רוסישן גלח — אַ שטימע איז עס געווען אַ שטאַרקע, ווי די שטימע פון אַ פּיפּל־אָקס, להבדיל דער עולם האָט געזונגען און פּלוצים האָט זיך באַוויזן אויף די טרעפּ

דער אַלטער גלח און גענומען בענטשן דעם עולם און עס האָט זיך, זעט אויס, פֿאַרענדיקט די תּפֿילה, ווייל עס האָבן זיך גענומען אַרויסשאַרן אויף דער גאַס די גלוביקע, און אין דעם המון פֿון פֿרומע פּויערים און פּויערטעס האָט הערש-לייב דערזען אַ באַקאַנט געזיכט — דאָס אומעטיקע רוגזדיקע געזיכט פֿון יוכבֿד, דעם קבֿרנס טאָכטער, וואָס האָט חתונה געהאַט מיט דעם גלחס זון. ווילדע אויגן האָט זי געהאַט, די משומדת, שוואַרצע אויגן, יידישע אויגן זענען עס געווען. און הערש-לייב האָט פּלוצים דערפֿילט אַ מיטלייד, אַ רחמנות, און אַ שטילער אומעט האָט אַרומגעוויקלט זיין האַרץ.

אין אַ שיינעם זומערדיקן פֿרימאָרגן איז די טויבע רבֿקה געשטאָרבן. זי האָט אויסגעהויכט די נשמה שטיל און אין איינזאַמקייט — קיינער איז ביי איר נישט געווען אין דער דאָזיקער לעצטער מינוט, אפֿשר איז זי געשטאָרבן אין שלאָף, און אפֿשר איז זי געווען וואך ביז צום לעצטן אָטעם. אפֿשר איז זי אויסגעגאַנגען ווי אַ מענטש, וואָס איז שוין זייער מיד און האָט זיך דערוואַרט אויף זיין אָפּרו, זיין אייביקער רו.

אָפּגעזעסן שבֿעה, איז הערש-לייב געגאַנגען זוכן אַרבעט ביי יונה דעם בעקער, אָבער יונה האָט נישט געדאַרפֿט קיין אַרבעטער, די צייטן זענען געווען שווערע — יונה האָט אַליין נישט וואָס צו טאָן, עס זענען שוין נישט יענע צייטן, ווען הערש-לייבס פֿאָטער האָט געלעבט און דאָ געאַרבעט, ניין, יונה האָט נישט קיין אַרבעט פֿאַר הערש-לייבן, כאָטש הערש-לייב איז דאָך כמעט אַן אייגענער, ווייל ער האָט דאָך געזאָלט חתונה האָבן מיט ציפּרען, זי זאָל זיין אָפּגעשיידט, אין גן עדן רוט זי.

יונהס יידענע האָט הערש-לייבן מכבד געווען מיט אַ שטיק בולבעניק, הערש-לייב האָט געגעסן און זי האָט גערעדט, זי האָט אים עצות געגעבן, געראַטן, ער זאָל זיך ווידער לאָזן אין די ווייטע מקומות, דאָרט וועט ער נישט אומקומען, ער איז דאָך שוין דאָרט אַמאָל געווען. הערש-לייב האָט געהאָרכט מיט איין אויער, ער איז געווען הונגעריק און דער בולבעניק האָט אים זייער געשמעקט, און פֿאָרן האָט ער שוין אינערגעץ נישט געוואָלט, ער האָט שוין געוווסט, אַז נישט יעדער אייניציקער קאָן אַנטלויפֿן, איינמאָל האָט ער געפּרוווט צו אַנטלויפֿן פֿון שטעטל און געמוזט צוריקקומען נאָך זיבן יאָר — אַ פֿאַרשפּילטער

איז ער צוריקגעקומען און ער האָט שוין נישט געהאַט קיין כּוח, קיין מוט, ווידער צו לאָזן זיך אין וועג אַריין.

ער איז געגאַנגען צו דער רייכער אַלמנה בראַנדעס, צו דער לעדער־קרעמערין, וואָס איר מאַן איז געשטאָרבן ערבֿ יום־כּיפּור. זי האָט אים געקוקט טיף אין די אויגן אַריין און געזיפֿצט און געקלאָגט זיך, אַז שווער איז איר, אַ איינזאַמער פֿרוי, צו פֿירן געשעפֿטן, שווער און אומעטיק צו לעבן אָן אַ אָנלען, אָן אַ אָנשפּאַר. הערש־לייב האָט נישט פֿאַרשטאַנען וואָס זי איז אויסן געווען מיט איר רייד, און ער איז אַוועק מיט גאָרנישט. ער האָט נאָך געפּרוווט ביים רויטן לייזער, וועלכער האָט געהאַט אַ גרויס געשעפֿט מיט תּבֿואה און באַשעפֿטיקט אַ מנין טרעגערס. אָבער פֿאַר הערש־לייבן האָט זיך קיין אַרבעט נישט געפֿינען.

ביסלעכווייז האָט ער אויספֿאַרקויפֿט דאָס אָרעמקייט, וואָס איז פֿאַרבליבן אין דער דירה. די שטוב איז געוואָרן לער און פּוסט, עס איז אים פֿיינלעך געווען צו זיצן אין די פֿיר ווענט, האָט ער זיך אַרומגעדרייט אין שטעטל, אָבער אין אַ געווייסן טאָג האָבן אים די קינדער אָנגעהויבן צו פֿאַרפֿאָלגן. זיי האָבן, זעט אויס דערקאָנט זיין שוואַכקייט און הילפֿלאָזיקייט, און אפֿשר האָבן זיי אין זיינע אויגן דערקענט אַ פֿונק פֿון משוגעת. זיי האָבן זיך געוואָרפֿן אויף אים מיט קינדערשער אַכזריותדיקייט, און וויפֿל מאָל ער האָט זיך באַוויזן אויף דער גאַס, האָבן זיי געשריגן:

הערש־לייב דאָבקעס
פֿרעסט קאָזע־באָבקעס!...

און איינמאָל האָט אַ קינד געטראָפֿן אים מיט אַ שטיין אין קאָפּ אַריין. זייט דעמאָלט האָט הערש־לייב אויפֿגעהערט צו דרייען זיך אין די געסלעך פֿון דער שטאָט, ער האָט אָנגעהויבן אויסמיידן מענטשן, און סיי אין רעגן, סיי אין זון, פֿלעגט ער יעדן טאָג קלעטערן אויף ווייטע שפּאַצירן הינטער דער שטאָט.

אינדערפֿרי האָט זיך דערהערט אַ ווילד געשריי אין דער ווינקל פֿון רוסישן גלח, דאָס האָט וולאַדימיר, דעם גלחס זון, דער שיכּורער פּאָעט, געשלאָגן זיין יידישע שיינע פֿרוי, דעם קבֿרנס טאָכטער.

פֿון מאַרק־פּלאַץ זענען געלאָפֿן מענטשן נייגעריקע, געשטופּט זיך איינער פֿאַר דעם צווייטן, בכדי וואָס מער צו הערן און וואָס נעענטער צו זען. און געהערט האָט מען אַ שיכּור געשריי פֿון גלחס זון און

אַ געוויין פון דער פרוי, און פלוצים האָט זיך די מיר געעפנט פון דער גלחישער פלעבאַניע און אַרויסגעלאָפן איז זי, יוכבד, אין אַ שוואַרצן קלייד, מיט רויטע קרעלן אויפן האַלדז. באָרוועס איז זי געווען, די האָר צעשויבערט, איר שיין געזיכט איז געווען צעקיילט און צעבייליט, פאַרבלוטיקט. זי איז אַרויסגעלאָפן אויף דער גאַס און געלאָזט זיך לויפן צום סאַן, צו דער שקאַרפּע, ווו דאָס וואַסער איז געווען טיף און מוטנע. און ווען דער המון האָט זי געזען אַזוי לויפן — באָרוועס און אין דעם לאַנגן שוואַרצן קלייד, האָט עמעץ זיך צעלאַכט מיט אַ בייזן געלעכטער, און זי האָט דאָס געהערט און האָט נאָך גיכער גענומען לויפן, דער דאָזיקער געלעכטער האָט זי אונטערגעשמיסן, געטריבן ווי מיט אַ בייטש, און פלוצים —

פלוצים האָט זיך וועקגעשטעלט צווישן איר און צווישן דער שקאַרפּע, און זי האָט נישט באַוויזן צו דערלויפן ביז צום סאַמע וואַסער.

— לאָז מיך! — האָט זי אויסגעשריגן און איבערגעחזרט עס אין דער שפּראַך פון איר מאַן: — פּוסטי מענע!

זי האָט געציטערט און געריסן זיך צום וואַסער, הערש־לייב האָט זי געהאַלטן אין די אָרעמס און עס איז אים פיינלעך געווען צו קוקן אויף אירע יסורים און אויף איר אייגזאַמקייט — וווהין איז זי געלאָפן? פאַר וועמען האָט זי געוואָלט אַנטלויפן? פאַרוואָס האָט זי פאַרלאָזט דעם אַלטן קבֿרן. האָט זי, זעט אויס, נישט געוווּסט, אַז אַנטלויפן קאָן מען נישט?

— יוכבד — האָט ער שטיל געזאָגט — אַנטלויף נישט, יוכבד, יוכבד, יוכבד...

ער האָט איבערגעחזרט איר נאָמען — און איר איז ליב געווען צו הערן דעם דאָזיקן נאָמען, וואָס אַזוי לאַנג האָט זי אים נישט געהערט. זי האָט זיך אַ ביסל באַרויִקט און אויפגעהויבן די אויגן.

— דו ביסט הערש־לייב דאַבקעס — האָט זי געזאָגט — איך האָב געקאָנט דיין מאַמען.

נישט ווייט האָט זיך דערהערט פון געסל אַ קינדערש געלעכטער:

— הערש־לייב דאַבקעס פרעסט קאַזע־באַבקעס!

— יוכבד די גלחטע!...

די משומדת האָט זיך אָנגעשפּאַרט אין דער שקאַרפּע און געקוקט אין דער גרויער טיפקייט פון טייך.

— קום — האָט געזאָגט הערש־לייב — לאָמיר גיין.

— וווהין גיין? — האָט געפרעגט די פרוי — איך האָב שוין נישט וווהין צו גיין.

ער האָט זי אָנגענומען ביי דער האַנט און געפירט. מיט דעם פאַנאַכלעסיקטן פעלד־וועג האָבן זיי זיך געלאָזט אין דער ריכטונג פון בית עולם. אין שיין פון פרימאָרגן האָט זיך זיי אויסגעוויזן, אַז זיי גייען צו אַ גליקלעך אויסגעבענקט לאַנד.

הערש־לייב איז דער ערשטער אַריינגעגאַנגען אין דער פאַראייניקטער שטוב פון קברן. ער האָט זיך גענומען פאָרען ביי דער קיך, געוואָלט מאַכן אַ פייער אונטער דער פליטע. יוכבד איז אַ ווילע געשטאַנען אויף דער שוועל — דערמאָנונגען האָבן זי באַפאַלן און זי האָט זיך צעוויינט.

— וויין נישט — האָט געזאָגט הערש־לייב — איך קאָן נישט געפינען קיין שטיקל בעזים. כ'וועל אָנרייסן בערעזעווע ריטלעך, מע מוז אַ ביסל פאַרקערן די שטוב.

און ער האָט נאָך צוגעגעבן:

— פאַרוואָס וויינסטו, יוכבד? דאָ וועט אונדז גוט זיין. ביסט דאָך דאָ געבוירן געוואָרן. דאָ האָט דיין מאַמע געלעבט...

זי האָט אויפגעעפנט די פענצטער. אינדרויסן האָבן געזונגען די פייגל, אַ לייכט ווינטל האָט געוויגט די צווייגן פון די אַלטע ביימער. אויף די קברים האָבן געבליט ווילדע רויזן.

עס איז געווען שטיל און עס האָט נישט געדראָט קיין שום געפאַר.

די גאַס

געהייסן האָט ער פ אָ נ י ע. פאָניטשקע האָבן אים גערופן זיינע באַקאַנטע, אַזוי האָט אים גערופן די גאַס, וועלכע האָט אים דערצויגן, אַזוי האָבן אים גערופן די שטאָטישע יאַטן און יאַטעכעס, וואָס צו זיי האָט געהערט די שטאָט פון אָוונט ביז אינדערפרי. אַ נאַכטמענטש איז ער געווען פאָניטשקע, און ביינאַכט האָב איך אים באַגעגנט ערגעץ אויף דער זאַוואַלנער גאַס אין ווילנע, אפשר איז עס געווען נישט אויף דער זאַוואַלנער, נאָר אויף דער ברייטער, אין יענער געגנט וווּ עס זענען געווען די ביליקע רעסטאָראַנען פאַר טרעגער־יונגען און באַלעגאָלעס, פאַר שיכורע פּאָעטן און פאַר אָרעמע גאַסן־מיידלעך, וואָס פלעגן דאָ אַריינקומען אין די ווינטערדיקע פראָסטיקע אָוונטן, בכדי זיך צו דערוואַרעמען און צו כאַפּן אַ טרונק בראָנפן.

פאָניטשקען האָט מען דאָ געקאָנט און געשוינט — ער איז געווען אַ יאַט אַן אייגענער, אַ בלאַטנער יאַט. מיאוס איז ער געווען ווי די נאַכט, מיט קליינע אויגעלעך, מיט געלע אָפּגענוצטע ציינער און שמאָלינקע ליפּן — גיין, קיין קראַסאַוויעץ איז ער נישט געווען, ער איז נאָר נישט ענלעך געווען צו אַ בן־מלך, כאָטש מען האָט דערציילט, אַז די יאַטעכעס פלעגן קראַפּירן פאַר ליבשאַפט צו אים, און ער האָט זיך נישט געקאָנט אָפּטרייבן פון זיי.

קיינמאָל האָט מען נישט געוווּסט, אין וואָס פאַר אַ שטימונג פאָניע איז היינט. איז ער בייז, אָדער איז ער צופרידן? זיין געלעכטער פלעגט פון ציט צו צייט זיך לאָזן הערן ווי דאָס ברומען פון אַ לייב — און ווער איז דען אימשטאַנד צו וויסן, פאַרוואָס אַ לייב ברומט?

פאָניע האָט געהאַט אַ שוואַכקייט צו מיר — ער האָט מיך ליב געהאַט, און איך בין שטאָלץ געווען מיט דער דאָזיקער באַקאַנטשאַפט און מיט דער דאָזיקער פריינדשאַפט, ווייל נישט יעדער איז זוכה געווען צו קאָנען זאָגן וועגן זיך: פאָניע האָט מיך האָלד. פאָניעס פריינד=

שאַפט האָט געהאַט איר וואָג און איר באַדייטונג, ווייל פאָניע איז געווען אַ פערזענלעכקייט און זיין נאָמען האָט געהאַט אַ שם. אַ העלדישן שם, כמעט אַזאַ שם, ווי דער ליודער חב, אָדער ווי דער באַנקיר בוגימאָוויטש. פאָניע האָט מיך ליב געהאַט און נישט איינמאָל פלעגט ער מיר שטעלן אַ כוסה, און איך פלעג טרינקען צוזאַמען מיט אים, און מיר פלעגן צוזאַמען עסן וועטשערע. און די יאַטעכעס פלעגן אַריינקומען פון דער גאַס און צוזעצן זיך אויף אַ ווייל און שמייכלען צו אונדז, מכלומרשט האָבן זיי געוואָלט הערן וועגן וואָס מען רעדט, און אין אמתן האָבן זיי געוואָלט דערכאַפן דאָס זינדיקע האַרץ מיט אַ טרונק משקה, און פאָניע, אויב ער איז געווען אין אַ גוטער שטימונג, האָט נישט געזשאַלעוועט וועמען אַ גוט וואָרט, און וועמען אַ קניפ אָדער אַ כמאַליע אין דער פלייצע, און די חנוודיקע מיידן האָבן געלאַכט און געקוויטשעט, אין די אַלטע באַבעהדלטע באַלעגאָלעס האָבן געלאַכט, ווי אַלטע הירזשענדיקע פערד, וואָס דערמאָנען זיך וועגן עפעס, וואָס איז שוין לאַנג פאַרביי.

איינמאָל אין אַ ווינטערדיקן אָוונט האָב איך פאָניען געטראָפן ווי געווייגלעך ביי דעם זעלבן טיש, אַ פלעשל משקה איז געשטאַנען פאַר אים, שוין ביז צו דער העלפט אויסגעלערט. ער איז געזעסן אַליין, פון צייט צו צייט פלעגט ער אויפהייבן די פויסט און אַ זעץ טאָן אין טיש, אין די פליאַשקע אונטערגעשפרונגען און געקלונגען האָבן די גלעזלעך. דער באַלעבאָס פון רעסטאָראַן האָט געקוקט אַ באַמרואיקטער, אָבער ער האָט געשוויגן, קיינער האָט נישט געהאַט קיין מוט צו זוכן זיך אַ וויכוח מיט פאָניען.

ער האָט מיך דערזען נאָך איידער איך האָב באַשלאָסן צו אים צוצוגיין. און ער האָט מיך צוגערופן.

— עס און טרינק! — האָט ער געזאָגט — איך וועל אַלץ באַצאָלן. אפשר וועט פון דיר אויסוואַקסן אַמאָל אַ וווילער יאַט, ווילע יאַטן מוזן זיך האַלטן צוזאַמען.

איך האָב זיך צוגעזעצט, געמאַכט אַ כוסה און באַלד איז צוגעקומען דער קעלנער און דערלאַנגט וואָס פאָניע האָט געהייסן.

— און איצט — האָט ער אויף מיר אויפגעהויבן זיין געזיכט מיט אַ גרימאַסע, וואָס איך האָב קיינמאָל נישט פאַרשטאַנען איר באַדייטונג — איצט זאָג מיר ווער איך בין, האַ?

און נאָך איידער איך האָב באַוויזן עפּעס צו זאָגן, האָט ער שוין ווייטער גערעדט, עפּעס האָט זיך אין אים איבערגעבראָכן און ער האָט איצט געוואָלט רעדן, ער האָט איצט ג ע מ ו ז ט רעדן. מעגלעך, אַז ער האָט לאַנג געוואַרט אויף דער דאָזיקער רגע, ווען ער וועט קאָנען און וועלן דערציילן —

פאָניע האָט דערציילט און איך האָב געהאָרכט זיינע רייד. אין געזשום וואָס איז געווען אַרום אונדז, האָט פון דער דאָזיקער האַלב שיכורער שטימונג זיך פאַר מיר באַוויזן אַ מענטש — זיינע קינדער־יאָרן און זיין יוגנט, זיין נעכטן און זיין היינט: פאָניע דער ווילער יאַט, פאָניע דער נאַכט־מענטש.

...און ווען די מאַמע האָט געלאַכט, איז געווען אַזוי, ווי מלאכים וואָלטן געזונגען. און געווען איז נאָך אַ מיידעלע, אַ שוועסטערל. יאָרן זענען פאַרביי און מיר דאַכט זיך נאָך אַלץ, אַז געווען איז עס ערשט נעכטן און אַז אָט וועט זיך עפענען די טיר און אַריינקומען וועט די מאַמע און וועט פרעגן: „האָסט ווידער שמוציק געמאַכט דאָס קליידעלע? און ווו איז די נייע לענטע?“ אָבער דאָס אַלץ איז געווען אַמאָל, ווען פאָניע איז נאָך געווען אַ קינד און האָט געלעבט פּונקט אַזוי, ווי אַלע באַלעבאַטישע קינדער אין שטאָט. אַ סך דאַרף דען דער מענטש צום גליק? ביי פּשוטע מענטשן איז עס דאָך אַזוי: ווען דער מענטש איז געזונט און האָט פּרנסה, און ווען ס'איז דאָ שלום־בית, דאַכט זיך, אַז אָט האָט מען דעם רבונו־של־עולם געכאַפּט ביי דער פּאָלע. איז עס נישט אַזוי? וואָס קוקסטו אויף מיר ווי אַ ליימענער גולם? טרינק!

און שפּעטער האָט זיך אַלץ אין איין טאָג געענדיקט. אַזוי איז עס, ווען עס גייט וועמען גוט, וועט אים אַפילו אַ האָן גאָלדענע אייער לייגן, נאָר טאָמער ענדיקט זיך דאָס מזל, דעמלט האַלט זיך, ברידער! אויף אַ פּשוטער שטרוי קאָן מען דעמלט די פיס צעברעכן.

ווען דער טאַטע איז געשטאָרבן, האָבן מיר נאָך אַלץ נישט גע־ ווּסט, סאַראַ אומגליק עס דערוואַרט אונדז. און די מוטער, די מאַמעשי אונדזערע... זי האָט געטאָן אַלץ, וואָס זי האָט געקאָנט טאָן. צוערשט האָט זי געזוכט אַרבעט, אָבער קיינער האָט אויף איר מיט אַרבעט נישט געוואַרט. איינמאָל האָט זי שוין עפּעס וואָס געפינען, דריי טעג איז זי געגאַנגען וואַשן דילן ערגעץ אין צווייטן עק פון דער שטאָט, דאָרט ווו

קיינער האָט זי נישט געקאָנט. זי האָט זיך אַפּנים געשעמט מיט איר אָרעמקייט און מיט דער דאָזיקער אַרבעט. דריי טעג האָט זי געוואַשן די דילן און די טרעפּ. דעם דריטן טאָג איז זי אַהיימגעקומען אַ בלאַסע און פאַרווייניטע, אָן לעבן איז זי צוריקגעקומען, און ווידער איז זי געווען מיט אונדז, און אַלץ איז געווען ווי פריער. מיר האָבן געגעסן ווי תמיד, כאָטש די זילבערנע לעפל און די זילבערנע לייכטער האָט די מאַמע פאַרקויפט, און פיל אַנדערע זאַכן. און איינמאָל איז שוין מער נישט געווען וואָס צו פאַרקויפן, אָבער מיר, דאָס הייסט איך און מיין שוועסטערל, מיר האָבן נאָך אַלץ נישט געוווסט פון קיין נויט. מיין קליין שוועסטערל האָט געטראָגן שיינע קליידלעך און שיינע לענטעלעך אין די האָר, ווי אַ קליינע בת־מלכה האָט זי אויסגעזען. און זי, די מאַמעשי אונדזערע, פלעגט אונדז אין אָוונט לייגן אין בעט אַריין, צודעקן אונדז, קושן אונדז און האַלדזן, און דערנאָך פלעגט זי אַרויסגיין פון דער שטוב, ערגעץ איז זי געלאָפן געשעפטן דערליידיקן און ערשט שפּעט אין דער נאַכט פלעגט זי זיך אומקערן אַ מידע, און צומאָרגנס איז זי לאַנג געשלאָפן, נישט געקאָנט זיך אויפהייבן פון געלעגער. זי האָט אָנגעהויבן צו רוי־כערן פּאַפּיראָסן, די אויגן זענען ביי איר טיף איינגעפאַלן, ווי ביי אַלע יאַטעבעס. איינמאָל איז זי אַהיימגעקומען אינדערפרי אַ שיכורע, זי האָט געלאַכט און געלאַכט און נישט געקאָנט אויפהערן צו לאַכן, און ווען אַ מענטש לאַכט און קאָן נישט אויפהערן, הייסט עס, אַז מיט אים איז שוין שלעכט, ווייל נישט ער לאַכט, נאָר זיינע צרות שטשירען די ציין. דעמלט האָב איך זיך צום ערשטן מאָל דערשראָקן פאַר מיין מאַמען. און ווען זי האָט אויפגעהערט צו לאַכן, האָט זי גענומען וויינען. זי האָט מיך אַרומגענומען, און וויינענדיק האָט זי מיך צוגעטוליעט צו זיך און איך האָב דערפילט דעם גערוך פון איר לייב, אָבער דאָס איז געווען אַ פרעמדער גערוך, אַ גערוך פון בראָנפן און פון פרעמדע פאַרפומען. וויינענדיק האָט זי מיך געגלעט און געשעפטשעט: „זאָרג נישט, זונעלע, זאָרג נישט. וועסט אויסוואַקסן און בראָניע וועט אויסוואַקסן...“ בראָניע — אַזוי האָט געהייסן מיין שוועסטערל. „מאַמע“ — האָב איך געענט־פערט — „איך וויין נישט, דו וויינסט דאָך...“ זי האָט זיך צעלאַכט און געזאָגט: „איך וויין שוין אויך נישט, איך פריי מיך, אַז מאָרגן וועל איך דיר קאָנען קויפן אַ ניי מענטעלע, און בראָניע וועט באַקומען אַ ניי קליידל... „קעלנער, אַ רוח אין דיין טאַטנס טאַטן אַריין, דערלאַנג מיר אַ פלעשל וויין! און דו טרינק, אפשר וועסטו אַמאָל אויס־

וואַקסן אויף אַ לייט, אויף אַן אמתדיקן גאַזעטן־שרייבער, זאָלסטו רעמלט נישט פאַרגעסן, אַז עס זענען געווען וווילע יאַטן אויף דער וועלט. לחיים, מיידן!

ווו האָב איך געענדיקט? אײנמאָל איז די מאַמע נישט אַהיימגעקומען. אַ גאַנצן טאָג האָבן מיר אויף איר געוואַרט און אַ גאַנצע נאַכט. בראָניע, מיין שוועסטער איז געשטאַנען ביים פענצטער און האָט געוויינט: „אפשר האָט אַן אויטאָ איבערגעפאָרן דער מאַמען?" אָבער ביי קיינעם האָבן מיר נישט געפרעגט, צו קיינעם זענען מיר נישט געגאַנגען. מיר האָבן געפילט, אַז עפעס איז דאָ פאַראַן אַזוינס, וואָס קיינער דאַרף נישט ווּיסן. צומאָרגנס איז געקומען אַ פּאָליציאַנט, ער האָט זיך אַרומגעקוקט אין דער שטוב און געזאָגט, אַז אונדזער מאַמע לעבט, זי וועט אָבער נישט אַזוי גיך צוריקקומען, ווייל זי איז קראַנק, זי איז אין שפּיטאָל, וו זי מוז זיך היילן. דערנאָך איז ער צוגעגאַנגען צו מיין שוועסטערל, גענומען זי קניפּן אונטערן קליידל און געפרעגט: „ווען וועסט אויפוואַקסן, וועסטו אויך טאָן דאָס זעלבע, וואָס דיין מאַמע טוט?" ער האָט אונדז געזאָגט, מיר זאָלן וואַרטן אינדערהיים, באַלד וועט דאָ ווער קומען און מיט אונדז זיך פאַרנעמען. און אַזוי איז עס געווען. מען האָט זיך מיט אונדז פאַרנומען, די שוועסטער האָט מען אַוועקגעפירט אין אַ יתומים־הויז, און מיך האָבן מענטשן גענומען צו זיך.

איך ווייס נישט, ווער פון אייך עס געדענקט די דאָזיקע שטאָט מיט אַ יאָר פינף און צוואַנציק צוריק. עס האָט דאָ אויסגעזען כמעט אַזוי ווי היינט. עטוואָס ווייניקער בעטלערס איז געווען אַרום די קלויסטערס און אַרום די בתי מדרשים, להבדיל, און עטוואָס ווייניקער מיידן האָבן זיך אין אָוונט אַרומגעדרייט אין די גאַסן. דאָ נישט ווייט, לעבן פיש־פּלאַץ איז געשטאַנען אַן אַלטע קרעטשמע, אַ קרעטשמע ווי גאָט האָט געהייסן, מיט אַלע פּריטשיפּקעס, מיט באַזונדערע קאַבינעטן און מיט פרישע פיש. אַלע באַלעגאָלעס האָבן דאָ געטרונקען בראָנפן און פאַר די צאַרישע טשינאָווניקעס און פאַר אַנדערע בעסערע געסט זענען געווען די קאַבינעטן — אין יעדן קאַבינעט איז געשטאַנען אַ ווייכער דיוואַן פונקט ווי אין אַ שלאָפצימער, בעסערע געסט פלעגן זיך דאָרט פאַרווײלן ביי פאַרמאַכטע טירן. פאַרשטייט זיך, אַז קיין רבנישע איינִיקלעך פלעגן דאָרט נישט האָבן וואָס צו טאָן, קיין תהילים האָט מען דאָרט נישט געזאָגט.

די אייגנטימער פֿון דער קרעטשמע האָבן נישט געהאַט קיין קינדער. ער — אַ יונגער, אַן עלעגאַנטער, אַן אויסגעוואַשענער און אָנגעשטייפֿטער, אַ קעלנער איז ער געווען פֿון באַרוף און אַ טבע האָט ער געהאַט אַ חזירשע — פֿאַר אַ גראָשן האָט ער זיך דערלויבט מען זאָל אים שפּייען אין פּנים אַריין. ער האָט זיך דערוואַרט, אַז דער באַלעבאָס זייַנער איז געשטאָרבן מיט אַ פּלוצימדיקן טויט און ער האָט זיך באַלד צוגעכאַפּט צו דער אַלמנה, ווי אַ קאַץ צו דער זויער־מילך, ווי אַ הונט צו דער נבלה האָט ער זיך צוגעכאַפּט — ער האָט מיט איר חתונה געהאַט און איז אַליין פֿאַרבליבן דער אייגנטימער פֿון געשעפֿט. זי איז שוין דערמלט נישט געווען קיין יונג ווייַבעלע. זי האָט שוין דערמלט געהאַט אָנגעהויבן דעם צווייטן האַלבן הונדערטער. געוויגן האָט זי אירע פֿינף אָדער זעקס פּוד, די דאָזיקע קראַסאַוויצע. און אָט צו די דאָזיקע מענטשן האָט מען מיך איבערגעגעבן, צו די דאָזיקע צוויי פּילאַנטראָפּן, וואָס האָבן געשעפֿט פּרנסה פֿון די שיכורע באַלעגאָלעס און פֿון די מיידן, וואָס האָבן געוווינט פּונקט ווי היינט — אין באַקשטער געסל אָדער אונטן אין די סאַפּיאַניקעס כאַטעס.

געצאַצקעט מיט מיר האָט זיך דאָ קיינער נישט. מען האָט מיך דאָ געוואָלט אויסלערנען אויף אַ קעלנער, און איך האָב זיך טאַקע געלערנט פֿון פֿאַרטאָג ביז אין שפּעטן אָוונט. איך בין געשטאַנען אין קיך און געוואַשן די פֿעטע שמוציקע טעלער. איך וואָלט נישט געזאָגט, אַז עס איז געווען אַ שווערע אַרבעט — עס איז געווען אומעטיק און לאַנגווייליק. זומער איז דאָ הייס געווען, ווי אין גיהנום. די מיידן זענען דאָ אין קיך אַרומגעגאַנגען האַלב נאַקעט, די פֿאַרע האָט געזעצט פֿון די טעפּ, קיין פֿענצטער האָט מען נישט געעפֿנט, ווייל אויפֿן הויף זענען די גערוכן געווען גאָר גאָר שלעכטע. דערפֿאַר האָט מיר אָבער קיין פֿויגל־מילך נישט געפֿעלט: עס און טרינק, כאָטש ווער צעזעצט.

איינמאָל איז אַרייַנגעקומען די באַלעבאָסטע, זי האָט מיך גענומען גלעטן און געזאָגט, איך זאָל גיין אין שפּיטאָל אַריין צו דער מאַמען, איך זאָל דאָרט אָבער לאַנג נישט זיצן, ווייל עס איז היינט פֿאַראַן אַ סך שמוציקע טעלער צום וואַשן. איך האָב מיך דערפֿרייט, ווייל כ׳האָב פֿאַרשטאַנען, אַז ענדלעך נאָך אַזויפֿיל חדשים וועל איך ווידער זען די מאַמען.

אין שפּיטאָל האָב איך באַלד דערזען מייַן שוועסטערל, בראָניען. איך האָב זי אָנגענומען ביי דער האַנט און דאָס האַרץ האָט מיר גע-

נומען קלאַפּן ווי ביי אַ גנב. איך בין געשטאַנען לעבן איר, לעבן מיין שיינער שוועסטער, איך האָב געקוקט אויף איר און עס האָט זיך מיר געוואָלט וויינען, אַז דאָס איז שוין נישט די זעלבע בראָניע וואָס אַמאָל. זי איז אויפֿגעוואַקסן אין די דאָזיקע חדשים, ווען מיר האָבן זיך נישט געזען, אָבער דאָס קליידל האָט זי געטראָגן דאָס זעלבע ווי אינדערהיים. זי האָט שוין נישט געהאַט קיין צעפּעלעך און די בעקעלעך אירע זענען שוין נישט געווען אַזוי ראָזעווע און אַזוי קיילעכדיק ווי אַמאָל. זי איז געווען אומעטיק און כמעט פֿרעמד, אָבער זיך האָט זי נישט געזען — זי האָט געזען פֿאַר זיך איר ברודער, און זי האָט מיך אַרומגעכאַפּט און געקושט און געפֿרעגט: „וואָס איז מיט דיר געשען? וויאַזוי זעסטו אויס? דו הונגערסט, פּאַניטשקע?" „איך הונגער נישט" — האָב איך געענטפֿערט — „איך אַרבעט דאָך אין אַ רעסטאָראַן, וויזשע קאָן איך זיין הונגעריק?" „און אפֿשר מוטשען זיי דיך דאָרט?" „ניין" — האָב איך זי באַרואיקט — „קיינער מוטשעט מיך נישט. איך לערן זיך". און ווען בראָניע האָט מיך געקושט, האָט זיך מיר געדאַכט, אַז איך בין ווידער אַ קליין ייִנגעלע און אַז דאָס קושט מיך די מאַמעשי אונדזערע.

דערנאָך האָט מען אונדז צוגעפֿירט אין אַ קעלער־שטיבל און מען האָט אונדז געוויזן אונדזער מוטער — זי איז געווען צוגעדעקט מיט אַ פֿאַרבלוטיקט ליילעך. זי איז געווען טויט. איך האָב אויפֿגעדעקט איר פּנים. זי איז נאָך אַלץ געווען שיין, אַ ליכטיק פּנים האָט זי געהאַט. איך בין צוגעפֿאַלן צו אירע הענט. זיי זענען נאָך געווען וואַרעם. עמעץ האָט אונדז אָנגענומען ביי די הענט און אַרויסגעפֿירט, און מיר האָבן אַפֿילו נישט באַוויזן צו פֿרעגן, ווען זי איז געשטאָרבן און אויף וואָס זי איז געשטאָרבן.

אַרויסגעגאַנגען פֿון שפּיטאָל, האָבן מיר זיך געמוזט געזעגענען, ווייל איך האָב זיך געאיילט צו מיין אַרבעט. „בראָניע — האָב איך געפֿרעגט — „וויאַזוי איז דיר דאָרט, אין יתומים־הויז?" „גוט" — האָט זי געענטפֿערט, „אונדז אַלע איז שוין איצט גוט. דו זאָגסט, אַז דיר איז גוט. דער מאַמען איז אויך גוט. און מיר איז אויך גוט." „בראָניע, אפֿשר זאָל איך ווען קומען צו דיר?" „ווילסט קומען?" — האָט זי זיך פֿאַרטראַכט. „ניין. בעסער, זאָלסט נישט קומען. איך וועל דאָרט נישט זיין. איך האָב שוין באַשלאָסן. כ'וועל אַנטלויפֿן". זי האָט זיך גיך אויסגעדרייט און גענומען גיין אין דער ריכטונג פֿון יתומים־הויז. און

איך האָב זיך דערמאָנט, אַז מיין שיינע באַלעבאָסטע וואַרט אויף מי־מיט די שמוציקע טעלער און האָב זיך גיך געלאָזט אַהיים.

איך קאָן נישט זאָגן, אַז זי איז געווען אַ שלעכטע, די באַלעבאָסטע מיינע. זי פלעגט אַריינקומען אין קיך, אַוועקזעצן זיך ביי אַ ווינער שניצל און ביי אַ האַלבע ביר, און זעענדיק ווי איך האָרעווע, פלעגט זי זאָגן: „איל זיך נישט אַזוי, פּאָנישקע, איך וויל נישט זאָלסט אַזוי שווער־אַרבעטן. שוין זיך, מיין קינד, וועסט זיך נאָך גענוג אָנהאָרעווען“.

און אַזוי חודש נאָך אַ חודש, איך בין שוין דאָרט געווען צוויי יאָר, באַוויזן צו פאַרגעסן, אַז איך לערן זיך אויף אַ קעלנער, ווייטער געוואַשן די טעלער און די טעפּ, געטראָגן זעקלעך, געהייצט אונטער דער פּליטע און שפּעט אין אָוונט, ווען קיינער האָט נישט געזען, האָב איך ליב געהאַט צוצולייגן אַן אויג צום שליסל פון קאַבינעטן און געקוקט אויף די יאַטעכעס, וואָס האָבן געטרונקען בראָנפן מיט די אָפּיצירן, טשינאָווניקעס, אָדער סטודענטן.

געוווינט האָב איך אין אַ קליין בוידעם־שטיבעלע, דאָס שטיבעלע איז געווען קליין ווי אַ געגעט, אָבער מיר איז דאָרט געווען גוט און באַקוועם. ביינאַכט פלעג איך ביים נאַפט־לאָמפּ לייענען ביכער, וואָס די באַלעבאָסטע האָט מיר אויסגעבאָרגט. ביכער זענען עס געווען וועגן קרעפטיקע באַנדיטן און וועגן אומשולדיקע בת־יחידות.

פון מיין שוועסטערל האָב איך קיין שום ידיעות נישט געהאַט. איך האָב בלויז געוווסט, אַז אין יתומים־הויז איז זי שוין נישטאָ, מען האָט עס מיר דאָרט געזאָגט, ווען איך האָב זי איינמאָל געוואָלט באַזוכן.

און פּלוצים — שפּעט אין אָוונט, הער איך עמעץ לויפט גיך אויף די טרעפּ. איך געדענק שוין נישט, צי איך האָב דערקאָנט די טריט פון מיין שוועסטער, צי דאָס האַרץ האָט מיר אונטערגעזאָגט, אַז דאָס איז ז י.

ווי נאָר זי האָט אויפגעעפנט די טיר און געבליבן שטיין אויף דער שוועל, האָב איך באַלד דערקאָנט, אַז קיין גרויסע גליקן האָט זי מיט זיך נישט מיטגעבראַכט. זי איז געווען אין אַ קורץ קליידל, די ליפּן געמאָלט, די בעקלעך געפּודרעוועט, און אויף די אָרעמס האָט זי געהאַט בלויע צייכנס — זעט אויס, עס האָט זי ווער געשלאָגן. זי האָט זיך געוואָרפן אויף מיין בעט און פאַרדרייבערט אַ פּאַפּיראָס. „בראָניע“ — האָב איך געפרעגט — „וואָס איז מיט אונדז געשען?“ מיר האָבן זיך ביידע אַרומגענומען און ביידע האָבן מיר געוויינט ווי קליינע קינדער.

אין אַ שעה אַרום האָט זי זיך אויפגעהויבן און געזאָגט: „פּאָניטשקע, אפשר האָסטו וועלכן גראָשן. איך האָב שוין צוויי טעג קיין גראָשן נישט פאַרדינט. איך קאָן נישט אַהיימקומען אָן וועלכן פאַרדינסט. און מער זאָלסטו ביי מיר נישט פרעגן“. איך האָב נישט געפרעגט. איך האָב איר געגעבן דאָס אַלץ, וואָס איך האָב פאַרמאָגט, ביז צו דער לעצטער קאָפּיקע. איך וואָלט האָך פאַר איר די נשמה אָפּגעגעבן. „ווען וועסטו ווידער קומען?“ — האָב איך געפרעגט. איך האָב נאָך געוואָלט פרעגן, וויאַזוי דאָס איז געשען, וויאַזוי זי איז דערגאַנגען צו אַזאַ מצב. אָבער זי האָט דערנענטערט די פינגער צו מיינע ליפּן און צוגעמאַכט מיר דאָס מויל. „פּאָניטשקע“ — האָט זי געזאָגט — „ביסט דאָך מיין ברודער, פאַרוואָס ווילסטו מיך מאַטערן?“. און זי איז אַוועקגעגאַנגען.

ווען מיין באַלעבאָסטע האָב איך אייך נאָך נישט דערציילט. איינמאָל קומט זי צו מיר אַריין — געווען איז עס שוין שפּעט אין דער נאַכט — זי עפנט די טיר פון מיין צימערל און מיט אַ זיס געלעכטערל, זאָגט זי: „פּאָניטשקע, קרוין, איך האָב דיר עפּעס געבראַכט, אַ מתּנה...“ און זי נעמט אַרויס און וויקלט אויף אַן אַנצוג, וואָס איז געווען גאַנץ ניי און נאָך וואַרעם פון שניידער. „איך האָב דיר געקויפט אַן אַנצוג, פּאָניטשקע, זע נאָר, צי עס וועט דיר פּאַסן“. איך האָב אָנגעטאָן דעם אַנצוג, און מיין שיינע באַלעבאָסטע האָט זיך אַרומגעדרייט לעבן מיר ווי אַ קאָזע לעבן צאַפּ, און זי האָט געקוואָלן און געשמייכלט. „פּאָניטשקע, דו ביסט שוין אַ גאַנצער מאַנצפּאַרשוין...“

זי האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף מיין געלעגער און געזאָגט: „פּאָניע־לעבן, קום צו מיר, האָב נישט קיין מורא פאַר מיר, קום, וועסט מיך ליב האָבן, איך וועל שוין אויס דיר מאַכן אַ מאַנצביל, איך וועל אויס דיר מאַכן אַ לייט, וועסט שוין מער נישט וואַשן קיין געשיר אין דער קיך, פּאָניע, אַ געזונט אויף דיין קעפּעלע, פאַרוואָס אַנטלויפסטו?“

אָבער פּאָניע האָט נישט געוואָלט ליב האָבן די שיינע באַלעבאָסטע. אין דעם נייעם אַנצוג האָב איך זיך געלאָזט לויפן — אָבער וווהין? וווהין האָב איך געקאָנט אַנטלויפן, אַז קיין גראָשן געלט האָב איך נישט פאַרמאָגט. אַ גאַנצע נאַכט האָב איך זיך אַרומגעדרייט אין יענע געסלעך, ווו די יאַטעכעס פלעגן אַרומגיין, איך האָב געמיינט, אַז איך וועל באַגעגענען מיין שוועסטער. אָבער אומזיסט — איך האָב זי נישט באַגעגנט. ערשט אין דער פרי האָט מיך געטראָפן איינע אַ מוי־
און זי האָט מיך אַוועקגעפירט צו זיך. קיין גרויסע קראַסאַוויצע איז

זי נישט געווען, אָבער זי האָט געהאַט אַ גוט האַרץ. זי האָט ביי מיר גאָרנישט געפרעגט און גאָרנישט האָט זי פון מיר פאַרלאַנגט. מיר האָבן ביידע געלעבט פון דעם, וואָס זי האָט פאַרדינט, אָבער עס האָט זיך צוגעפלאָנטערט אַ יאַט, וואָס האָט ביי איר די גראָשנס צוגענומען. איינמאָל האָב איך אים געטראָפן און אונטערגעהאַקט די אויגן. זייט דעמלט האָבן מיר געהאַט מנוחה. נו, און שפעטער...

אין רעסטאָראַן איז שטיל. די באַבערדלטע איזוואָשטשיקעס, די אָנגעפודרעוועטע מיידן זיצן שטיל און טרינקען דעם ביטערן טראָפן. אינדרויסן רוישט די גרויסע שטאָט. פאָניע שווייגט. ער האָט געזאָגט דאָס, וואָס ער האָט געוואָלט זאָגן. מער וועט ער היינט נישט דערציילן. און פרעגן אים, וואָס איז געווען ווייטער, וועט אים קיינער נישט. פאָניען פרעגט מען נישט. פאָניען גיט מען אָפ כבוד. פאָניע איז אַ ווויִלער יאַט. אַלע יאַטעכעס האָבן אים האָלד, אַלע גיבן אים אָפ זייערע שווער פאַרדינטע גראָשנס.

— פאָניע, לאָמיר מאַכן אַ כוסה!

פאָניע פאַרדעקט דאָס פנים מיט ביידע הענט, אַזוי פאַרמאַכט מען אַ בוך.

משפחה מאַנדלבוים

די שענסטע משפּחה אין אונדזער שטעטל איז געווען די משפּחה מאַנדלבוים. ווען דער אַלטער לאָזער מאַנדלבוים איז יעדן אינדערפרי געלאָפן אין בית המדרש אַריין, איז דאָס גאַנצע שטעטל נאָך געשלאָפן, ווייל עס איז נאָך געווען טונקל. און ווען ער פלעגט אָנהייבן צו לערנען אַ בלאַט גמרא, האָט מען אים געהערט פון איין עק שטאָט ביז צום צווייטן, אַזאַ מעכטיקע שטימע האָט ער געהאַט. אַ קלינגעוודיקע ווי אַ גלאָק. און אַלע יידן און אַלע פּאָליאַקן פלעגן זאָגן מיט חידוש: „איר הערט? דאָס איז די שטימע פון אַלטן מאַנדלבוים!“.

און פלעגט ווו אַ מענטש קראַנק ווערן, אַ דערוואַקסענער אָדער אַ קינד, דעמלט פלעגט די אַלטע רויזע מאַנדלבוים איינהילן זיך אין איר שוואַרצער שאַל — זומער און ווינטער איז זי געגאַנגען איינגעהילט אין דער זעלבער שאַל — און אונטער דער שאַל האָט זי געהאַט אַ קליין קיישעלע מיט אַ שטיק שבתדיקער חלה, אָדער מיט אַ טעפּעלע יויך, און זי פלעגט לויפן דורך די שמאָלע געסלעך פון יידישן קוואַרטל צו יענעם הויז, ווו עס האָט געוווינט דער קראַנקער און זי פלעגט דאָרט זיצן אַ גאַנצע נאַכט און מענטשן פלעגן זאָגן: „רויזע מאַנדלבוים נעכטיקט היינט ביים קראַנקן, געזונט און שטאַרק זאָל זי זיין, אַזאַ וווילע יידענע...“ און בייטאָג האָט רויזע מאַנדלבוים געמאַכט קאַרטאָפל-פּלעצלעך, געפּרעגלטע קאַרטאָפל-פּלעצלעך, וואָס האָבן געהאַט טעם גן עדן, און מענטשן פון גאַנצן שטעטל פלעגן קומען און לעק די פינגער, אַזוי גוט זענען זיי געווען ד דאָזיקע פּלעצלעך — וואָס האָבן געהאַט אַ שם אין גאַנצן שטעטל און אין דער גאַנצער געגנט.

און געווען איז נאָך איין מאַנדלבוים, איך מיין — מאַנדלבוימס זון. מאַנדלבוימס בן יחיד. אויך ער האָט געהאַט אַ שם אין גאַנצן שטעטל — געהייסן האָט ער מענדל מאַנדלבוים. ער איז שוין דעמלט געגאַנגען מיט זיינע אייגענע דרכים, אין בית המדרש האָט מען אים נישט געזען אַפילו

אין די גרעסטע יום־טובים. ער האָט געגעסן טריפה און געלייענט טריף־פּסולן. ווען דער אַלטער מאַנדלבוים איז וועגן דעם געוויר געוואָרן, איז ער געזעסן שבעה און האָט געזאָגט קדיש נאָך דעם בן יחיד זיינעם. אָבער מענדלען האָט עס גאָר נישט געשאַדט, ער איז פון דעם נישט געשטאָרבן. פּונקט פאַרקערט, ער איז געווען געזונט און שטאַרק און די פּשוטע מענטשן פון שטעטל האָבן אויף אים געקוקט מיט באַוווּנדערונג: „דאָס איז מאַנדלבוים, דער וואָס זיצט אַזוי אָפט אין תפיסה, דער וואָס האָט אויף דעם פאָטערס לוויה קיין קדיש נישט געזאָגט...“

און געווען איז נאָך בלימע מאַנדלבוים, די בלום פון די מאַנדלבוימס. זי פלעגט זיצן אין אַלקער און לייענען פּוילישע ראָמאַנען און ווען זי פלעגט אַרויסגיין אין גאַס, האָבן אַלע דורכגייער זיך אומגעקוקט און געפּליסטערט מיט אַנטציקונג: „ווי שיין זי איז, די דאָזיקע מאַנדלבוים...“ און אַלע יידן אין שטעטל האָבן געוואָלט האָבן אַזעלכע טעכטער ווי בלימע מאַנדלבוים, אָדער אַזעלכע שנורן. און מיידלעך האָבן געטרוימט צו האָבן אַזעלכע שוואַרצע האָר און אַזעלכע ראָזעווע בעקעלעך, און אַזאַ זיסן שמייכל ווי די מאַנדלבוים, ווי בלימע מאַנדלבוים, וואָס אַלע יינגלעך אין שטעטל זענען אין איר פאַרליבט, כאָטש יעדער איינער ווייסט דאָך, אַז זי האָט נישט קיין גראָשן נדן, און כאָטש דער ברודער אירער זיצט שטענדיק אין תפיסה.

אויך איך בין געווען פאַרליבט אין דער שיינער בלימע מאַנדלבוים. אָבער ווער בין איך דען געווען, מישטיינס געזאָגט, אין פאַרגלייך מיט יענע בחורים פון די שיינע רייכע משפחות, וואָס האָבן זיך אַרומגעדרייט לעבן בלימען?

בלימע האָט מיך אָבער גערן געזען לעבן זיך, ווייל אויך איך האָב געלייענט פּוילישע ביכער און אויך איך האָב געקאָנט דיסקוטירן וועגן **פּרווידס טעאָריע, וועלכע** איז [illegible] אין יענע יאָרן **געווען מאָדערן. פלעג** איך שעהן לאַנג שטיין אַנטקעגן דער טיר פון דער מישפּחה מאַנדלבוים און וויפל מאָל עס האָט ווער אויפגעעפנט די טיר, האָט ביי מיר דאָס האַרץ געפּיקט ווי ביי אַ גנב, ווייל איך האָב געוואַרט זי זאָל צו מיר אַרויסקומען. און אין פרילינג פלעג איך איר ברענגען קליינינקע בינטעלעך פיאָלקעס, און זומער — גאַנצע בוקעטן זשאַסמין, און איך בין געשטאַנען מיט די דאָזיקע בלומען ביי דער טיר פון זייער שטוב, און

די מאַמע מאַנדלבוים פּלעגט פֿון צייט צו צייט אַ בליק טאָן דורכן פֿענצטער און פֿריינדלעך צו מיר שמייכלען.

איינמאָל האָב איך געזאָגט בלימען, אַז איך קאָן שוין אָן איר נישט לעבן, און אַז איך קאָן שוין נישט אויסהאַלטן די דאָזיקע אומזיכערקייט, און אַז אויב איך בין איר נישט ליב, וועל איך מיך דערטרינקען אין סאַן אָדער אויפֿהענגען אויפֿן אַלטן בית עולם. עס איז געווען אַ שבתדיקער נאָכמיטאָג, מיר האָבן שפּאַצירט הינטער דער שטאָט, דערנאָך זענען מיר אַרויסגעגאַנגען אויף אַ בערגל, פֿון וועלכן מען האָט געזען דאָס גאַנצע שטעטל און אויך די אַרומיקע דערפֿער. דאָרט האָט בלימע מיך אַרומגענומען, און זי האָט דערלויבט, אַז אויך איך זאָל זי אַרומנעמען, און מיר האָבן זיך צעקושט. און איך האָב געוואָלט שטאַרבן פֿאַר גליק און איך האָב געוואָלט אייביק לעבן פֿאַר גליק, צוזאַמען מיט איר, מיט דער שיינער בלימע מאַנדלבוים. און ווען מיר זענען אַהיימגעגאַנגען פֿון דאָזיקן שפּאַציר, האָבן אונדז באַטראַכט די מענטשן פֿון שטעטל און זיי האָבן אונדז מקנא געווען, ווייל מיר האָבן זיך געפֿירט ביי די הענט ווי חתן־כּלה.

דאָס אַלץ, וואָס איך דערצייל איצט וועגן דער משפּחה מאַנדלבוים און וועגן בלימע מאַנדלבוים, קאָן זיך אייך אויסווייזן באַנאַל. און נישט איינער וועט אפֿשר פֿרעגן פֿ אַ ר וו אָ ס איך דערצייל עס. ווייס איך פֿאַרוואָס? אפֿשר זוך איך ביי אייך פֿאַרשטענדעניש, פֿאַרשטענדעניש און מחילה? ווייל...

בלימע מאַנדלבוים לעבט נישט. זי איז אומגעקומען מיט אַ יאָר צוואַנציק צוריק — אומגעקומען, אפֿשר פֿאַרברענט געוואָרן... און ווען עס איז צו מיר דערגאַנגען די דאָזיקע ידיעה וועגן איר טויט, האָב איך זיך נישט אויפֿגעהאָנגען אויפֿן אַלטן בית עולם און אויך נישט דערטרונקען זיך אין טייך. איך האָב עס נישט געטאָן — און אפֿשר דערפֿאַר טאַקע דערצייל איך וועגן איר, וועגן בלימען, און וועגן דעם אַלטן שטעטל, וווּ יעדער שטיין איז אַרומגעוואַשן מיט בלוט.

אומקום

שבת איגדערפרי האָט שוין אויפן טורעם פון ראַטהויז געפלאַטערט אַ פאָן מיטן האַקנקרייץ. דורך דער הויפטגאַס פון שטעטל האָט זיך געצויגן אויף מזרח אַן אומענדלעך לאַנגע ריי פון שווערע אויטאָמאָבילן, מיט אַ גיהנומדיקן רעש זענען דורכגעפאָרן הונדערטער טאַנקען, די ערד האָט געציטערט. אין אַלע געסלעך האָבן זיך געראָיעט די היטלעריסטישע זעלנער.

אין דעם אַלטן בית המדרש איז פון גאַנץ פרי אָן געווען פול. די, וואָס האָבן נישט באַוויזן, אָדער האָבן נישט געוואָלט אַנטלויפן צו דער רוסישער גרענעץ, האָבן זיך דאָ פאַרזאַמלט — יעדן האָט זיך אויסגעוויזן, אַז צווישן די אַלטע הײליקע ווענט פון מקום קדוש איז די געפאַר פיל קלענער ווי ערגעץ אַנדערש. וועלכער שונא וועט זיך וואַגן צו שענדן דאָס דאָזיקע אָרט?

דאָס בית המדרש איז געווען פול מיט מענטשן און מיט רויך פון די צאָלרייכע צאַנקנדיקע ליכט. די לופט איז געווען אַ געדיכטע, אָנגע־זאַפּט מיט שווייס און מיט שמעק־טאַבאַק.

דער חזן האָט אָפּגעדאַוונט פריער און גיכער ווי געוויינלעך, דער־נאָך האָט דער רב גענומען זאָגן תהילים.

אויף די טרעפּלעך ביים אַריינגאַנג איז געשטאַנען דער אַלטער שמש און זיך געשאָקלט צום ניגון פון דער תפילה. פּלוצים האָט זיך דער־הערט אויף דער גאַס דאָס זשומען פון אויטאָס, וואָס האָבן זיך דערנעענ־טערט און מיטגעבראַכט מיט זיך דאָס קנאַלן פון אַ מאַשין־געווער.

— זיי גייען! — האָט אויסגערופן דער שמש און מיטאַמאָל איז דער גאַנצער עולם שטיל געוואָרן.

בלויז איין מענטש, דער אַלטער רב, פאַרהילט אין טלית איבערן קאָפּ, האָט זיך אויסגעדרייט צו דער וואַנט און מתפלל געווען.

ווען די דייטשן זענען צוגעקומען צו דער טיר, האָט דער שמש אויף די טרעפּלעך אַראָפּגענומען דאָס היטל פון קאָפּ און זיך פאַרנייגט. ער איז געווען אַן אַלטער ייד, אַן איינגעבויגענער, מיט קראַנקע, שטענדיק רויטע וויינענדיקע אויגן. איצט האָט ער אויף זיין צעקנייטשט פּנים געפּרווט אַרויפליגן די מאַסקע פון פריינדלעכער אונטערטעניקייט. אָבער זיי, די דייטשן, האָבן עס נישט געוואָלט באַמערקן. זיי האָבן אים אַריינגעשטופּט אינעווייניק, אין בית המדרש אַריין, און פון דרויסן פאַרריגלט די טיר.

דורך די פענצטער פון דעם מקום קדוש האָט געשטראָמט די ליכטיקייט פון האַרבסטיקן פרימאָרגן, און באַשיינט האָט די דאָזיקע ליכטיקייט די טונקעלע געשטאַלטן פון דער יידישער עדה.

די שטימע פון רב איז געווען א ציטערנדיקע, מינוטנווייז א צעבראָכענע, אַ וויינענדיקע.

ערגעץ פון צווישן די בענק האָט זיך דערהערט אַ דין קולכל פון אַ קינד.

— מאַמע עסן...

געענטפערט האָט אים אַן אומגעדולדיקער פליסטער.

— ששאַאַאַ...

און ווידער האָט געציטערט די שטימע פון רב.

— אבינו מלכנו חטאנו לפניך...

איצט האָבן אַלע איבערגעחזרט די ווערטער פון ווידוי.

זיי האָבן נישט געהערט דאָס פּאָרען זיך אויפן הויף. פון דער אָפענער טיר פון ארון קודש האָבן אויף זיי געקוקט די קעפּ פון לייבן, אויסגענייטע אויף די פּליושענע מענטעלעך פון ספרי תורות און די גילדענע אותיות פון עשרת הדברות.

זיי האָבן געזען די אָפענע טויערן פון הימל, ווייסע טויבן האָבן געטראָגן די ווערטער פון זייערע תפילות צום כסא הכבוד: ווייסע טויבן — מלאכים, וואָס זאָגן אָן אַ נס.

גאָט ליבט זיינע יידן אויף דער גאָרער וועלט, און אויך די יידן פון דעם דאָזיקן קליינעם שטעטעלע, און נישט צום ערשטן מאָל איז ער זיי מציל פון טויט. מיט פינף הונדערט יאָר צוריק האָבן די טאַטערן איינגענומען די שטאָט, און אויך דעמלט האָבן די יידן זיך פאַרזאַמלט אין דאָזיקן בית המדרש. האָבן זיך פלוצים באַוויזן צוויי ווייסע טייבעלעך און די טאָטערן האָבן געשאָסן צו זיי פון די בויגנס, אָבער צי קאָן מען

דען דערשיסן אַ מלאך, וואָס קומט אין געשטאַלט פון אַ טויב און באַ־שיצט די יידישע ערדה? די מאַטערן האָבן זיך דערשראָקן פאַר דעם בפירושן נס, זיי זענען אַראָפּ פון די פערד, און פּאַלגדיק אויף די קניען, האָבן זיי אָפּגעגעבן אַ שבח צו זייער גאָט און — זענען אַוועק פון דער שטאָט אויף אייביק.

— אדון עולם אשר מלך בטרם כל....

וואָלקנס רויך און פלאַמען פייער האָבן פאַרשטעלט דאָס פענצטער. עס האָבן גענומען פּלאַצן די שויבן און פלאַמען האָבן גיריק גענומען שלינגען די אינעווייניקסטע זייט פון די ווענט. די מענטשן האָבן זיך געוואָרפן צו דער אייזערנער טיר — זי איז געווען פאַרמאַכט, פאַרשלאָסן פון דרויסן.

דער רב האָט איינטאָניק געזאָגט איין קאַפּיטל נאָך דעם צווייטן, אָבער איצט האָט אים שוין קיינער נישט געענטפערט, נישט נאָכגעזאָגט.

מען האָט איבערגערוקט די בענק און די טישן, צוגערוקט זיי צו דער וואַנט, כדי דערלאַנגען צום פענצטער. אָבער דאָרט האָט זיי באַ־געגנט דאָס פייער פון מאַשין־געווער. אייגער, אַן אַלטער ייד איז צוריק־געפאַלן צו דער ערד. ווען מען האָט אים אויפגעהויבן, האָט ער שוין נישט געלעבט.

עס איז געווען געדיכט פון רויך. איבער דער איינטאָניקער שטימע פון רב האָבן זיך געהויבן די געשרייען — עס איז געווען אַ געשריי פון פחד, אַ געוויין פון קינדער, אַ הוסט פון מענטשן, וואָס שטיקן זיך אין שעה פון גסיסה.

מען האָט צעבראָכן די שויבן פון די פאַרבליבענע פענצטער. אָבער אָנשטאָט לופט, האָט זיך ווידער אַרייַנגעריסן אַ וואָלקן פון רויך און פון פייער. די פלאַמען האָבן איצט אַרומגענומען אַלע פיר ווענט.

זיי האָבן זיך צוזאַמענגעדריקט וואָס ווייטער פון די ווענט, אַרום דעם באַלעמער, זיי האָבן זיך געדריקט צו זיך און אַרומגענומען זיך, און עס האָט זיך געקאָנט דאַכטן, אַז זיי זוכן הילף איינער ביים צווייטן.

עס האָבן זיך צוזאַמענגעמישט און צוזאַמענגעפלאָכטן די פאַרצווייפל־טע געשרייען, די תפילה פון אַלטן רב, דאָס געוויין פון קינדער, דאָס שטעפּן פון מאַשין־געווער.

עטלעכע שטאַרקערע יידן האָבן זיך געוואָרפן צום רב, אָנגענומען אים ביי די אָרעמס און אַרויפגעטראָגן אויפן באַלעמער. אַ באַגאָסענער

מיט שוויס, אַן אָפּגעשוואַכטער, פֿאַרחלשטער, האָט ער נאָך גערירט מיט די ליפּן, אָבער זיין שטימע האָט שוין איצט קיינער נישט געהערט.

ווען דער ברענענדיקער דאַך איז זיך צעפֿאַלן אויף צענדליקער פֿייער־דיקע גלאָווניעס און איז אַראָפּגעפֿאַלן אויף די מענטשנס קעפּ, האָט זיך נאָך אויף איין רגע דערהויבן און געשטאַרקט דאָס געשריי און — עס איז געוואָרן שטיל. די ווייסע טויבן האָבן זיך נישט באַוויזן. עס איז נישט געשען קיין נס.

דערווייל האָט מען פֿון די הייזער אַרויסגעפֿירט יענע יידן, וואָס זענען פֿאַרבליבן אין די וווינונגען. עס זענען אויך צווישן זיי געווען זקנים מיט גרויע בערד, אין בעקעשעס מיט שוואַרצע זיידענע גאַרטלען; און יונגע פֿרויען זענען געווען, מיידלעך יונגע, און בחורים און קינדער. מען האָט זיי אויסגעשטעלט אויפֿן רינג־פּלאַץ, ווו עס זענען שוין געלעגן אויסגעשפּרייט ברייטע באַלעבאַטישע טליתים. אַרום זענען געשטאַנען דייטשן.

די אָפֿיצירן אין ס.ס.־מונדירן האָבן זיך אַ ווײַלע געסודעט, דערנאָך איז געפֿאַלן אַ באַפֿעל:

— אויסטאָן!...

עטלעכע זעלנער האָבן זיך געוואָרפֿן אויספֿירן דעם באַפֿעל. זיי האָבן אַראָפּגעריסן די שבתדיקע בעקעשעס און די זיידענע קליידער און די וועש. זיי האָבן געלאַכט און געחוזקט.

אָפּגעריסן פֿון די מלבושים זענען די מענטשן געשטאַנען געבעכדיקע, פֿאַרשעמטע. נאַקעטע דאַרע רוקנס פֿון זקנים האָבן זיך געבויגן און געבראָכן אונטער דער ווירקונג פֿון קאַלטן געלעכטער. אַן אַלטע יידענע, וואָס איר שייטל האָט זיך אַרומגעוואַלגערט אויף דער ערד, האָט אויס־געזען ווי אַ געשפּענסט. איר לייב איז געווען דאַר און פֿול מיט קנייטשן. די אַנדערע זענען געווען בלאָ און אָנגעדראָלן. פֿאַרשטעלנדיק זיך הינטער אַנדערע איז געשטאַנען אַ יונג, אפֿשר זעכציניעריק מיידל, מיט לאַנגע שוואַרצע צעפּ, אַ שיינע — איר לייב איז געווען ענלעך צו אַ בראָנזענער סקולפּטור, אין וועלכער עס שפּיגלט זיך די זון.

אַן אָפֿיציר איז צוגעגאַנגען צום אויטאָמאָביל און אַרויסגענומען — אַ פֿידעלע.

— ווער פֿון אייך קאָן שפּילן? — האָט ער געפֿרעגט.

אַ באַקעטער מענטש אין די מיטעלע יאָרן האָט זיך אַרויסגערוקט פֿאָרויס. ער איז געווען אַ קלעזמער, פֿלעגט שפּילן אויף חתונות און בריתן און אויך אויף פֿריצישע בעלער.

— ווער שפּילן שומאַנס „טרוים“... קאָנסט עס?

דער באַקעטער מוזיקאַנט האָט אָנגענומען דאָס פֿידעלע. געמאַכט עטלעכע באַוועגונגען מיטן סמיק און אונטערגעצויגן די סטרונעס.

— אַכטונג! דו וועסט שפּילן און איר אַלע — איר וועט טאַנצן!

דער קלעזמער האָט זיך אַוועקגעשטעלט מיטן פּנים צו דער זון און האָט צוגעמאַכט די אויגן. דאָס געלעכטער פֿון די דייטשן איז פֿאַרשוויגן געוואָרן. אַ ווײַלע האָט געדויערט די דערוואַרטונג.

שטיל, כמעט שעמעוודיק האָבן זיך געלאָזט הערן די צאַרטע טענער פֿון פֿידל. זיי האָבן וויברירט און געציטערט אונטער די פֿילבאַרע פֿינגער פֿון אַלטן מוזיקער, זיי האָבן זיך געטראָגן איבער די קעפּ פֿון געבויגענע, באַקעטע מענטשן, איבער דעם ריננ־פּלאַץ און איבער דעם שטעטל.

די דייטשן האָבן מיט אָנעריקענונג געשאָקלט מיט די קעפּ.

דאָס מיידל מיט די שוואַרצע צעפּ האָט פֿאַרביסן די ליפּן און טרערן האָבן זיך געקייקלט איבער איר געזיכט.

— אַלע טאַנצן! — האָט זיך איבערגעחזרט דער באַפֿעל.

די באַקעטע מענטשן זענען געשטאַנען אומבאַהאָלפֿן. דער אָפֿיציר איז צוגעגאַנגען צו אַן אַלטן געבראָכטן ייד און געזאָגט:

— דרעקיקער יודע, קלויב דיר אויס אַ פֿרוי און טאַנץ!

דער זקן האָט געוואָלט ארויסבאַקומען פֿון זיך אַ וואָרט, אפשר אַ וואָרט פֿון בקשה, אָבער אין האַלדז איז אים געווען טרוקן און קיינער האָט אים נישט פֿאַרשטאַנען.

דער קלעזמער האָט געשפּילט. ער האָט פֿאַרגעסן וועגן זיין שאַנד, וועגן די באַקעטע מענטשן, ער האָט נישט געזען פֿאַר זיך קיין דייטשן — געווען איז בלויז „דער טרוים“ — די וווּנדערבאַרע מוזיק פֿון שומאַן — בליענדיקע גערטענער, פֿייגל פֿאַרביקע, יונגפֿרויען אין דינע זיידענע קליידער, גייסטער וואַלדיקע, פֿאַרכישופֿטע — שיינקייט און פֿאַר־טראַכטונג.

— ווער עס וועט נישט טאַנצן, דער וועט ווערן דערשאָסן!...

דאָס מיידל מיט די צעפּ האָט אָנגענומען ביי דער האַנט איר פֿאָ־טער. ער איז געווען אַ הויכער און דאַרער, זיין פּנים איז געווען

אַרומגעוואַקסן מיט אַ געל שיטער בערדל. די ליפּן זיינע האָבן געציטערט ווי צוויי באַזונדערע דערשראָקענע באַשעפֿענישן.

— קום, טאַטע — האָט זי צו אים געזאָגט — קום, לאָמיר טאַנצן.

נאָך דער דאָזיקער ערשטער פּאָר איז געגאַנגען די צווייטע, די דריטע, די צענטע. און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ טאַנץ.

מיט אומגעשיקטע באַוועגונגען האָבן זיי זיך גערוקט פֿאָרויס אין אַן אויסטערלישן קאַראַהאָד — אַ פּאָר נאָך אַ פּאָר, אַ פּאָר נאָך אַ פּאָר, דערשלאָגן פֿון שאַנד, צעחושטע, אָפּגעריסענע פֿון די מלבושים און פֿון כבוד, פֿאַרפּייניקטע דורך דעם קאַלטן געלעכטער פֿון די שפּעטנדיקע רוצחים.

— העפּ, יודע, העפּ!...

און דער נאַקעטער קלעזמער מיט פֿאַרמאַכטע אויגן האָט אַלץ געשפּילט זיין אויסטערלישן קאָנצערט און עס האָט זיך געדאַכט, אַז דער דאָזיקער פֿאַרשאָלטענער קאָנצערט וועט דויערן אייביק.

אויף איינעם פֿון אויטאָס האָבן געאַרבעט די קינאָ־אָפּעראַטאָרן.

און אין אַ וואָך אַרום האָט מען אין די קינאָס פֿון דריטן רייך געוויזן אַ „דאָקומענטאַלן" פֿילם: די באַרבאַרישע אויסגעלאַסענע טענץ פֿון די פּוילישע יידן...

אַ מעשה מיט אַ טעלעפאָן

אין ביוראָ־צימער וווּ איך אַרבעט, שטייען פיר שרייבטישלעך. אויף יעדן שרייבטישל שטייט אַ טעלעפאָן, און אַלע פיר טעלעפאָנען האָבן דעם זעלבן נומער. ווען עמעץ קלינגט צו אונדז, רופן זיך אָן אַלע פיר טעלעפאָנען גלייכצייטיק און מיר אַלע ציען אויס די הענט צום שוואַרצן טרייבל. אָבער אַפילו דעמלט, ווען קיינער קלינגט נישט צו אונדז, אַפילו דעמלט, ווען אונדזערע פיר טעלעפאָנען שווייגן, אַפילו דעמלט פילן זיי אויס זייער דערהויבענע און וויכטיקע אויפגאַבע: מיט אַ פשוטן דראָט פון טעלעפאָן זענען מיר אָנגעקנופּט צו דער גרויסער נעץ, וועלכע נעמט אַרום דעם גאַנצן ערד־קיילעך און פאַראייניקט ווייטע מדינות און עקזאָטישע קאָנטינענטן. טייל מאָל, ווען איך דערנענטער דאָס טעלעפאָן־טרייבל צום אויער, הער איך אַ ווייטן גערויש — אפשר רוישט אַזוי דער ים הגדול, און אפשר איז עס אַ בת קול פונעם ווינט, וואָס טראָגט זיך פון מדבר צום סודותפולן לאַנד פון ווייסע מינאַרעטן. ווער קאָן דען וויסן וואָס עס רוישט...

נעם איך אָן דאָס טרייבל און טראָג עס צו צום אויער.

— ס'אַראַ קלוגע זאַך — זאָג איך — ס'אַראַ קלוגע זאַך, דער דאָזיקער טעלעפאָן. איך קאָן אָנקלינגען אויף דער פּאָסט און זאָגן: זייט מוחל און פאַרבינדט מיך גלייך מיט דעם מלך פון האָצעפּלאָץ, אָדער מיט דער מלכה פון אַן אַנדער לאַנד, פאַרבינדט מיך גלייך מיט יענעם בלאָנדהאָריקן מיידל, וואָס לעבט צען טויזנט מייל פון דאַנען — און אויב איך קען נאָר איר נאָמען, וועט עס גלייך געשען, אין אַ שעה אָדער צוויי וועט מען מיך פאַרבינדן און איך וועל קאָנען רעדן וואָס דאָס האַרץ וועט אונטערזאָגן.

מיין קאָלעגע, וואָס צו אים געהערט דאָס שרייבטישל ביי דער טיר, האָט זיך פאַרטראַכט און קוקנדיק אין פענצטער, האָט ער לאַנגזאַם געזאָגט:

— פאַרשטייט זיך, איר קאָנט אָנקלינגען. פאַרוואָס דען נישט? אָבער איר האָט דאָך נישט קיין שום אינטערעס צו יענע מענטשן אין די ווייטע מקומות, און אויב אַ מענטש האָט נישט קיין קאָנקרעטן אינטערעס, דאַרף ער דעם צווייטן מענטשן נישט פאַרדרייען דעם קאָפּ. בפרט ווען יענער איז אַזוי ווייט, אין האָצעפּלאָץ, ווי איר אַליין האָט געזאָגט...

— מען קאָן דאָך אָנקלינגען צו עמעצן, אויב אַפילו מען האָט נישט קיין שום אינטערעס. מען קאָן זיך דורכשמועסן, מען קאָן יענעם אומבאַקאַנטן ווינטשן אַ גוט יאָר, אָדער דערציילן אים אַן אינטערעסאַנטן אַנעקדאָט. פאַרוואָס דען נישט? אַלע זענען מיר דאָך מענטשן פון דער זעלבער וועלט. אַלע זענען מיר דאָך, אַזוי צו זאָגן — ברידער...

— איך האַלט נישט פון אַזעלכע ברידער — האָט געזאָגט מיין קאָלעגע — קיינמאָל קלינג איך נישט צו קיין אומבאַקאַנטע מענטשן און איך האָב נישט ליב, ווען אומבאַקאַנטע מענטשן קלינגען צו מיר. און דאָס וואָס איך זאָג איצט, זאָג איך פון דערפאַרונג. מיט אַ פּאָר יאָר צוריק האָט זיך געטראָפן, אַז עס האָט צו מיר אָנגעקלונגען איינער אַן אומבאַקאַנטער און האָט מיך גענומען זידלען, אַז איך האָב פאַרפירט זיין יונגע טאָכטער און איבערגעלאָזט זי מיט אַ קליין קינד אויף דער האַנט, אָן שום מיטלען צום לעבן. ער האָט דערקלערט, אַז איך בין אַן אויסוואורף, אַ פרויען־הענדלער, און האָט מיר געשוווירן, אַז ביי דער ערשטער געלעגנהייט וועט ער מיך קאַלטבלוטיק הרגענען. צוערשט האָב איך די דאָזיקע רייד אָנגענומען פאַר אַ וויץ, פאַר אַ שפּיצל וואָס איינער פון מיינע קאָלעגן האָט מיר מסתמא געוואָלט אָפּטאָן. אָבער די דאָזיקע טעלעפאָן־שמועסן האָבן זיך איבערגעחזרט יעדן טאָג. טיילמאָל פלעגט צום טעלעפאָן צוגיין מיין פרוי, דעמלט האָט יענער איבערגעגעבן דאָס טרייבל זיין פאַרפירטער טאָכטער, און יענע האָט גענומען וויינען און זי האָט פאַרלאַנגט, אַז מיין פרוי זאָל צוריק אָפּגעבן דעם טאַטן פון איר קינד, וואָס איז באַשאַפן געוואָרן אין ליבע און ליידנשאַפט און ווערט איצט דערצויגן אין נויט און אין הונגער. מיין פרוי האָט צוערשט נישט געגלייבט, אַז איך זאָל קאָנען זיין אַזאַ אויסוואורף און פאַרפירער. זי האָט צומבעסטן געוווסט, אַז צו אַזעלכע מעשים בין איך שוין נישט פעיק. אָבער איינמאָל האָב איך דערהערט ביינאַכט איר געוויין, און דעמלט האָב איך פאַרשטאַנען, אַז אויך אין

איר הארץ האָט זיך דערוועקט אַ חשד. די דאָזיקע טעלעפאָנען פלעגן זיך איבערחזרן יעדן אָוונט. בין השמשות פלעגן מיר ביידע זיצן שווייגנדיק און וואַרטן. ווער וועט היינט אָנקלינגען, דער טאַטע אָדער די טאָכטער? טייל מאָל פלעגט דער טעלעפאָן שווייגן אַ גאַנצן אָוונט, אָבער אויך דעמולט איז דער אָוונט שוין געווען אַ נישט געלונגענער, ווייל וועגן קיין שום אַנדערער זאַך האָבן מיר שוין נישט געקאָנט טראַכטן... עס איז שוין זייט דעמולט פאַרביי אַ לענגערע צייט, און מיר דאַכט זיך, אַז מיין פרוי איז נאָך אַלץ נישט איבערצייגט אין מיין אומשולד.

— און וויאַזוי האָט זיך די זאַך געענדיקט? — פרעגט דער קאָלעגע, וואָס זיצט ביים פענצטער — ווען האָבן זיי אויפגעהערט צו טעלעפאָנירן?

— איך האָב ליקווידירט דעם טעלעפאָן, איבערגעשניטן דעם דראָט און דעם אַפּאַראַט אַוועקגעטראָגן אויף דער פּאָסט.

דער קאָלעגע וואָס זיצט ביים פענצטער, האָט זיך צעלאַכט און געזאָגט:

— איר האָט נישט געדאַרפט אַזוי ערנסט נעמען די גאַנצע זאַך. מעגלעך, אַז עס האָבן צו אייך געקלונגען אַקטיאָרן, וועלכע האָבן אויף אַזאַ מאָדנעם אופן רעפּעטירט זייערע ראָלן... אפשר האָבן זיי געשפּילט אין אַן אַמעריקאַנישער היינטצייטיקער דראַמע.

דער דריטער קאָלעגע מיינער, דער וואָס זיין שרייבטיש שטייט ביים אויוון, האָט זיך פלוצים צעשמייכלט און דער שמייכל אויף זיין געזיכט האָט דערמאָנט אין אַ זון־שטראַל, וואָס באַווייזט זיך פלוצים אין אַ רעגנדיקן פאַרנעפּלטן טאָג אין האַרבסט. אַן אַלטער בחור איז ער, דער דאָזיקער קאָלעגע, וואָס זיצט ביים אויוון, און אַלע אַלטע בחורים זענען עטוואָס סענטימענטאַל, און דאָס דריגנט אויך אַרויס פון זיין דערציילונג:

— ווען איר רעדט וועגן טעלעפאָן, דערמאָן איך מיר איינעם פון די שענסטע טעג אין מיין לעבן. איך געדענק נישט, צי איך האָב אייך שוין ווען דערציילט, אַז איך האָב אַ שוועסטער, אַן איינציקע שוועסטער, וואָס שטענדיק בענק איך צו איר, כאָטש קיינמאָל האָב איך זי נישט געזען. ביז איך, הייסט עס, נישט אַזוי אינגאַנצן איינזאַם, ווייל וויאַזוי קאָן מען זאָגן א יי נ ז אַ ם, אַז מען האָט אַ שוועסטער ערגעץ אין דער ווייטער וועלט. די שוועסטער מיינע האָט איר גאַנץ לעבן פאַרבראַכט ווייט פון דער היים — מיינע עלטערן זענען געווען

אָרעמע מענטשן, און פּונקט דעמאָלט ווען מיין שוועסטער איז געבוירן געוואָרן, זענען ביי אונדז געווען צו גאַסט רייכע קרובים פון אַמעריקע. די האָזיקע קרובים אונדזערע האָבן נישט געהאַט קיין קינדער און דעריבער האָבן זיי מיט זיך מיטגענומען מיין ניי־געבוירן שוועסטערל — באַשאַנקען דאָס קינד מיט זייער אייגענעם נאָמען און דערצויגן עס אויף אַן אַמעריקאַנישער לייִדי. אָבער קיינער לעבט נישט אייביק. צוערשט איז געשטאָרבן די קרובה, די כלומרשטע מוטער פון מיין שוועסטער, דערנאָך איז ער קראַנק געוואָרן, דער כלומרשטער פּאָטער, ליגנדיק שוין, ווי מען זאָגט, אויף דעם טויטן בעט, אין דער שעה פון גסיסה האָט ער פאַר מיין שוועסטער אַנטפּלעקט דעם סוד פון איר אָפּשטאַמונג. ער האָט איר דערציילט וועגן אירע אמתדיקע עלטערן, וואָס זענען פאַרבליבן אין דעם קליינעם פּוילישן שטעטל, אויך וועגן מיר האָט ער דערציילט, וועגן איר ברודער — ער האָט איבערגעלאָזט דעם אַדרעס פון אונדזער שטעטל און האָט רואיק אויסגעהויכט די נשמה — פּונקט ווי אין אַ סענטימענטאַלער פּיעסע פון אַלטן טעאַטער. די שוועסטער האָט זיך גענומען ענערגיש זוכן. אָבער אונדזערע אָרעמע עלטערן האָבן שוין נישט געלעבט, אונדזער שטעטל איז פאַרשניטן און אויסגעמעקט געוואָרן, און זייַנע חורבות האָט מען פאַראַקערט און פאַרגלייכט. איך האָב מיך איבערגעטראָגן פון איין שטאָט אין דער צווייטער, אינערגעץ קיין מנוחה נישט געקאָנט געפינען. און מיין שוועסטער האָט מיך דערווייל געזוכט אין פאַרשידענע אַמטן, געשריבן פיל בריוו און בקשות און ענדלעך, נאָך גאַנצע יאָרן זוכעניש, האָט זי מיך געפונען — דאָס הייסט נישט מיך האָט זי געפונען, נאָר מיין ריכטיקן אַדרעס האָט מען איר צוגעשיקט. אין אַ געווישן טאָג, אָדער בעסער געזאָגט אין אַ געווייסער נאַכט האָט מיך אויפגעוועקט אַ שליח פון דער פּאָסט און פאַרלאַנגט איך זאָל וואָס גיכער מיט אים מיטגיין, ווייל מען וואַרט שוין דאָרט אויף מיר, מען וואַרט אויף מיר מיט אַ טעלעפאָן־געשפּרעך פון ניו־יאָרק. איין קלייניקייט — איך און ניו־יאָרק! איך האָב דעם שליח אויסגעלאַכט, אָבער געגאַנגען בין איך. און ווען איך בין שוין געווען אויף דער פּאָסט און אָנגענומען דאָס טרייבל, האָב איך דערפילט, אַז די האַנט ציטערט מיר און אַז איך בין אינגאַנצן נאַס פון אויפרעגונג. איך בין שוין דעמאָלט געווען אַן אַלטער און שווער געפּרוּווטער מענטש, קיינעם האָב איך נישט געהאַט און צו קיינעם האָב איך נישט געבענקט, קיינעם האָב איך נישט געליבט און קיינער האָט מ י ד נישט גע-

ליבט. און פלוצים — דורך אַקעאַנען און גרענעצן, דורך נאַכט — טויזנטער מײַלן פון דאַנען האָט ווער אויף מיר געוואַרט, עמעץ האָט וועגן מיר געטראַכט, עמעץ האָט מיך גערופן. ווער? און אין טרײַבל האָב איך געהערט די פריינדלעכע שטימעס פון פרויען, וואָס באַדינען די טעלעפאָנען — זיי האָבן זיך איבערגעגעבן מײַן נאָמען און לויטן אַקצענט האָב איך פאַרשטאַנען, אַז פון איין שטימע צו דער צווייטער איז אפשר טויזנט קילאָמעטער... איך האָב געהערט וואַרשע, איך האָב געהערט בערלין, פאַריז און ניו־יאָרק און לסוף איז צו מיר אָנגעקומען די שטימע פון מײַן שוועסטער, אַ ווייכע, צאַרטע שטימע, וואָס האָט מיר דערמאָנט די שטימע פון מײַן גוטער מאַמע. איך האָב געציטערט, איך האָב געשוויגן און זי האָט צו מיר גערעדט. איך האָב גיריק אויפגעכאַפּט יעדן זילב, יעדן קלאַנג און יעדעס וואָרט, כאָטש בשום אופן האָב איך נישט געקאָנט אויפכאַפּן דעם זין פון אירע ווערטער. דער אינהאַלט האָט פאַר מיר נישט געהאַט קיין שום באַדײַטונג, איך האָב בלויז געוואָלט הערן איר שטימע, און איך האָב די דאָזיקע שטימע געהערט און געפרייט זיך, וואָס מײַן שוועסטער לעבט, וואָס מיר ביידע לעבן אויף דער זעלבער וועלט. איך האָב אָנגעהויבן שווער צו אָטעמען, ווײַל אַ געוויין האָט מיך גענומען שטיקן אין האַלדז און איך האָב דאָך נישט געוואָלט וויינען, כ'האָב נישט געוואָלט זי זאָל הערן, אַז איך וויין, אָבער זי האָט דעם דאָזיקן שווערן אָטעם מײַנעם דערהערט און זי האָט געפרעגט, וואָס מיר איז, צי בין איך נישט קראַנק. מיר איז גאָרנישט, האָב איך געענטפערט, נאָר די טרערן שטיקן מיך. און זי האָט געבעטן: רעד צו מיר, רעד צו מיר, איך וויל דיך הערן, איך וויל הערן דײַן שטימע, רעד צו מיר, ברודערל, איך וויל געדענקען דײַן שטימע, שטענדיק האָב איך געוואָלט האָבן אַ ברודער, און איצט האָב איך דיך, אָבער דו ביסט אַזוי ווײַט, אַז איך וועל דיך שוין מסתמא קיינמאָל נישט זען. אַזוי האָט זי געזאָגט, און אויך מיר האָט זיך דאָס האַרץ געריסן אויף פּיצלעך — און פּלוצים האָט מען איבערגעריסן די פאַרבינדונג.

ער האָט פאַרענדיקט און איז געבליבן זיצן מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, אַן אַלטער און מידער — אַן איינזאַמער מענטש. אַ ווײַלע איז געווען שטיל, דערנאָך האָט גענומען דערציילן דער פערטער פון אונדז, דער קאַלעגע, וואָס זיצט בײַם פענצטער. אָט, וואָס ער האָט אונדז דערציילט:

— די דאָזיקע מעשה, וואָס איך וויל אייך דערציילן, האָט זיך אָנגעהויבן נאָך דעמלט, ווען איך בין געווען אַ יונגער בחור, דאָס הייסט מיט אַ יאָר דרייסיק צוריק. עס איז אַן אַלטע מעשה, נישט מער ווי אַ דערמאָנונג, אָבער די קאָנסעקווענצן פון דער דאָזיקער געשעעניש דויערן ביז היינט, און איך מוז אייך זאָגן, אַז איך בין פון זיי צופרידן און אפשר גאָר גליקלעך. אַלט געווען בין איך דעמלט נישט מער ווי אַכצן יאָר און געאַרבעט האָב איך ביי איינעם אַ רייכן סוחר, אַ האָלץ-סוחר איז ער געווען. היינט, צום באַדויערן, איז שוין אַפילו קיין שפור נישט פאַרבליבן פון יענעם אָרט אין די קאַרפאַטן-בערג, וווּ איך האָב ביי דעם דאָזיקן סוחר געאַרבעט. דער טאַרטאַק, וווּ איך בין געווען אָנגעשטעלט, איז געלעגן אינמיטן וואַלד, אויפן אָרט האָט מען געהאַקט די הונדערטיעריקע ביימער און אויפן אָרט געשניטן פון זיי ווייסע ברעטער, וואָס האָבן געשמעקט מיט די פרישע ביימער-זאַפטן. און טאַקע דאָרט בין איך געווען אַן אָנגעשטעלטער ביים רייכן באַלעבאָס און וואַלד-אייגנטימער. אין טאַרטאַק האָבן מיר געהאַט אַ טעלעפאָן און יעדן טאָג האָב איך געקלונגען צו מיין פרנסה-געבער וועגן געשעפטלעכע ענינים, דאָס הייסט וועגן דעמבענע ברעטער אָדער סאָסנאָווע קלעצער, אָדער אַנדערע ענלעכע זאַכן. איינמאָל איז דער סוחר נישט געווען אינדערהיים, און אין טעלעפאָן-טרייבל האָב איך דערהערט אַ פרויען-שטימע, זייער אַן אָנגענעמע, צאַרטע שטימע. איך האָב איר געזאָגט, אַז איר שטימע איז מלא חן. זי האָט מיין קאָמפּלימענט אָנגענומען און מיר האָבן אָנגעהויבן צו רעדן. ביידע זענען מיר געווען יונג, קיין טעמעס האָבן אונדז נישט געפעלט, זי האָט פונקט דעמלט געלייענט „זשאַן קריסטאָף" — דעם וווּנדערלעכן ראָמאַן וועגן מענטשלעכן לעבן און ליידן, און איך... איך בין טאַקע געזעסן אין וואַלד ווי אַ בער, אָבער פון צייט צו צייט האָב איך דאָך אַריינגעקוקט אין אַ ביכל און איך האָב אַפילו געקאָנט אויסנווייניק עטלעכע מאָנאָלאָגן פון אָניעגינען. צומאָרגנס האָב איך ווידער אָנגעקלונגען, דאָס מאָל האָב איך בכוונה אויסגעקליבן אַ שעה, ווען דער סוחר איז באַשטימט נישט געווען אינדערהיים. און ווידער האָט זיך אָנגערופן די טאָכטער — ווייל דאָס איז געווען זיין טאָכטער, זיין בת יחידה — און ווידער האָבן מיר גערעדט וועגן רוסישער דיכטונג און וועגן פראַנצויזישע ראָמאַנען, ווייל אויך פראַנצויזישע ביכער האָט זי געלייענט, ווי ס'איז געווען דער סדר אין רייכע הייזער. דערנאָך האָט זי זיך אַוועקגעזעצט צום פּאָרטעפּיאַן און האָט פאַר מיר

געשפּילט שאָפּענס מאַזורקעס און איך האָב געהאָרכט דורך דעם טעלעפאָן און מיט צוגעמאַכטע אויגן געפּרוווט זיך פאָרשטעלן וויאַזוי זי זעט אויס, די שיינע טאָכטער פון רייכן סוחר, די צאַרטע נשמה, די ערשטע ליבשאַפט מיינע. טאָג־טעגלעך האָב איך צו איר טעלעפאָנירט, אויב דער פאָטער איז געווען אין שטוב, האָב איך גערעדט מיטן פאָטער וועגן דעמבעגנע ברעטער, אויב דאַקעגן ער איז נישט געווען אין שטוב, האָב איך גערעדט מיט דער טאָכטער וועגן ליבע, וועגן מענטשלעכן גורל, און וועגן אַנדערע דערהויבענע זאַכן. און אַזוי האָט עס געדויערט פיל וואָכן. ביז עס איז געקומען דער טאָג, ווען די בענקשאַפט מיינע איז שוין געווען נישט צו פאַרטראָגן און דעמלט האָב איך מיך אויסגעקליבן אין שטעטל צו באַזוכן מיין געליבטע. פאַרטאָג האָב איך אָנגעזאָטלט דאָס פערד און געלאָזט זיך אין וועג אַריין. געקומען אין אַ מזלדיקער שעה פאַרן סוחרס הויז, האָב איך דאָס פערדל צוגעבונדן צום פּלויט און געלאָזט זיך מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ אַנטקעגן מיין גורל. איר קאָנט אייך פאָרשטעלן ווי גערירט און אויפגערעגט איך בין געווען אין יענע מינוטן: אָט האָבן געזאָלט מקוים ווערן מיינע חלומות, אָט האָב איך ענדלעך געזאָלט דערזען די בת מלכה מיינע, די רייכע טאָכטער פון מיין באַלעבאָס, די רייניע נשמה, וואָס לייענט פראַנצויזישע ראָמאַנען און שפּילט שאָפּענס מאַזורקעס אויף דעם פאָרטעפּיאַן. איך האָב שוין געהאַט אין זינען עטלעכע שיינע גראַמען, מיט וועלכע איך וועל זי באַגריסן, עטלעכע גראַמען פון אַלעקסאַנדער פּושקין און פון לאָרד בייראָן און פון אַדאַם מיצקעוויטש... אַריינגעגאַנגען בין איך דורך דער קיך און ווען איך האָב זיך געפונען אויף דער שוועל, האָב איך דערזען אַ שלאַנקע און בלאָנדע שיינהייט, מיט לאַנגע צעפּ אַרומגעוויקלטע אַרום דעם קאָפּ, מיט אַ שיין פּנימל און טיפע ערנסטע אויגן. און ווען זי איז אַזוי געשטאַנען ביי דער קיך, האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז זי איז נאָך פיל שענער ווי איך האָב מיר עס פאָרגעשטעלט אין מיינע חלומות. איך בין צו איר צוגעפאַלן און גענומען קושן אירע הענט, אירע אָרעמס, אירע ליפּן... זי האָט זיך נישט געווערט, זי האָט נאָר געלאַכט, געשמייכלט, און מיט דעם דאָזיקן שמייכל איז זי געווען נאָך שענער. מיר האָבן אפילו נישט דערהערט, ווען עס האָט זיך געעפנט די טיר און אַריינגעקומען איז דער באַלעבאָס, דער סוחר. „וואָס טוט זיך דאָ?“ — האָט ער געפרעגט, פאַרברעכנדיק די הענט. „מיר האָבן זיך ליב“ — האָב איך געענטפערט. — דער סוחר איז געווען אַ גוטמוטיקער מענטש,

שטעלט אייך פֿאָר, אַז ער האָט מיך נישט אַרויסגעוואָרפֿן און אַפֿילו נישט געשריגן — פֿונקט פֿאַרקערט, ער האָט אונדז צוגעהאָלפֿן מאַטעריעל און אין אַ פּאָר חדשים אַרום האָבן מיר חתונה געהאַט אין אַ מזלדיקער שעה, פֿאַרשטייט זיך, אַז דאָס מיידל, וואָס איך האָב געקושט אין קיך, איז נישט געווען זיין טאָכטער. געקושט זיך און חתונה געהאַט האָב איך מיט דער דינסטמויד פֿון סוחר. און מיט דער טאָכטער האָב איך זיך באַקענט ערשט אויף דער חתונה. זי איז געווען זייער אַ פֿיינע, מיט ברייטע פֿאַראינטערעסירונגען, אָבער פֿיל שענער איז געווען מיין פֿרוי. נאָך דער חתונה האָב איך זי אויסגעלערנט לייענען און שרייבן און מיר זענען ביז היינט זייער גליקלעך מיט זיך. און ווען איר זאָלט וויסן, וויאַזוי זי קאָן קאָכן און באַקן... נאָר וועגן זשאַן קריסטאָף האָט זי נישט געהערט און שפּילן אויף דעם פֿאָרטעפּיאַן קאָן זי נישט. און אַלץ האָט זיך אָנגעהויבן מיט אַ טעלעפֿאָן־שמועס...

די דאָזיקע מעשה איז אונדז זייער געפֿעלן געוואָרן און אַ ווײַלע זענען מיר געזעסן שטיל און געטראַכט, ווי מאָדנע און ווי אינטערעסאַנט עס איז דער מענטשלעכער גורל...

די שיינע טאָכטער

אין דער תפיסה־קאַמער איז מיט מיר געזעסן אַ פּויער. ער איז געווען מיט אַ יאָר צוואַנציק עלטער פון מיר, אַ הויכער און ברייט־פּלייציקער, מיט אַ טונקל געזיכט און לויטערע אויגן. פויסטן האָט ער געהאַט האַרטע ווי אייזן.

פאַרנאַכט אין דער שעה פון בין־השמשות פלעגט אים באַפאַלן אַ חשק צו רעדן. יעדן טאָג אין דער דאָזיקער שעה פלעגט ער דערציילן און איך האָב גיריק געהאָרכט זיינע ווערטער — האַנקבאַר בין איך אים געווען פאר זיינע מעשהלעך, ווייל זיי זענען געווען פאַרביק ווי זיין דאָרפישע לאַנדשאַפט און אינטערעסאַנט זענען זיי געווען פאַר מיר, כאָטש ניט זייער אינהאַלט איז געווען דער עיקר. איך האָב מיך פּשוט געניייטיקט אין קלאַנג פון מענטשישן לשון, אין קלאַנג פון אַ פריינד־לעך וואָרט — יעדער איינציקער וואָס איז ווען געזעסן אין תפיסה, פאַר־שטייט דאָס דאָזיקע געפיל און וועט עס מסתמא קיינמאָל ניט פאַרגעסן.

און מיין שכן, דער פּויער, האָט דערציילט:

— ווען שטעלסט זיך אַוועק אויף דער שוועל פון מיין שטוב, זעסטו פאַר זיך דאָס גאַנצע דאָרף, ווייל מיין שטוב שטייט אויפן בערגל, הינטערן וואַלד, און דאָס דאָרף ליגט אונטן, אין טאָל, ביים טייך. אויף אונדזערע פעלדער גרעאָט צום שענסטן ווייץ און קאָרן. עך, מיין ליבער, ווען דו זאָלסט זען אונדזערע ווייצן אין חודש מאי — געדיכט און גרין זענען זיי, זאַפטיק גרין, און ווי הויך! האָ־האָ!...

און ווען ער האָט אַזוי דערציילט, האָב איך צוגעמאַכט די אויגן און געזען אַרום זיך אַ ים פון גרינקייט, וואָס האָט זיך געמיניעט און געכוואַליעוועט אין דער זון און אין לייכטן פרילינגדיקן ווינטל.

טיילמאָל, ווען מיר פלעגן זיין הונגעריק, האָט מיין חבר געעפנט זיין דאָרפישן שפייכלער — אין דער קאַמער, אויף די הילצערנע

פּאָליצעס זענען געשטאַנען גרויסע ערדענע טעפּ מיט מילך און מיט סמעטענע, געשמעקט האָבן די פרישע ברויטן, די הילצערנע געשירן מיט קעז און מיט פּוטער. איך האָב שוין געקאָנט אויסנווייניק אַט די אַלע פּרטים, איך האָב געקאָנט דאָס גאַנצע הויז, געוווּסט אַפילו וועלכע בלום עס שטייט אויף וועלכן פענצטער, און אין וועלכן יאָר עס האָט צום ערשטן מאָל געבליט דער עפּל־בוים ביי דעם ברונעם.

איך האָב ליב געהאַט די לאַנדשאַפט פון מיין דאָרפישן חבר.

איך האָב געהערט דאָס רוישן פון קליינע ריטשקעלעך אין דער צייט פון ערב־פּרילינג, ווען אויף די בערג טייעט דער שניי. איך האָב געזען ווי פון די דאָזיקע קליינע ריטשקעלעך ווערט ברייט און הייבט זיך דער טייך, ביי וועלכן עס ליגט מיין פריינדס דאָרף. ערב־פּרילינג פלעגט דער טייך אויסגיסן, אויף די מוטנע רוגזדיקע כוואַליעס פלעגן זיך טראָגן הילצערנע מכשירים, חרובע הילצערנע בריקן, דעכער פון כאַטעס, הייליקע איקאָנעס, וויגעלעך — די גאַנצע אָרעמקייט פון אַ פויער.

איינמאָל איז אין דאָרף אויסגעבראָכן אַ שׂרפה. פאַרנאַכט איז דער הימל געשטאַנען אין פלאַמען, אין טייך האָט זיך געשפּיגלט דאָס פייער פון די ברענענדיקע הייזער, געברענט האָבן די שטרויענע דעכער, דאָס היי אויף די בוידעמער, דאָס פייער איז געשוווּמען פון איין הויז צום צווייטן, די שׂרפה האָט זיך דערהויבן צום שוואַרצן נאַכטיקן הימל, די געשרייען פון פרויען האָבן זיך געטראָגן וויַט, וויַט, געכליפּעט האָבן די קינדער.

דאָס אַלץ האָט מיר דערציילט מיין חבר.

ער האָט אויך ליב געהאַט צו רעדן וועגן זיין פרוי. אַן אַנדערש מאָל האָט ער באַשריבן דעם אַלטן צווינטער ביי דער צערקווע. טיילמאָל פלעגן מיר צוזאַמען גיין רייסן קימל אויף די לאָנקעס. מיר האָבן געקלעפּט ערדענע טעפּלעך און שיסלען, באַצירטע מיט רויטינקע און בלויע בלומען. און אין די וואַרעמע יוני־נעכט פלעגן מיר זיך לאָזן צום טייך כאַפּן פיש.

— אין אַ געוויסן טאָג — האָט צו מיר מיט אַ גוטמוטיקן שמייכל געפליסטערט מיין פריינד — אין אַ געוויסן טאָג וועלן מיר פון דאַנעט אַרויס, און דו וועסט מיט מיר פאָרן, איך וועל דיך מיטנעמען מיט זיך, וועסט חתונה האָבן מיט מיין טאָכטער. דאָס איז אַ שיין מיידל און אַ גוט קינד. זי איז שיין ווי די וועלט. וועסט זי ליב האָבן, איך ווייס,

אַז וועסט זי ליב האָבן. יעדער איינער, וואָס זעט זי כאָטש איין מאָל, מוז זי ליב האָבן, אַזאַ איז זי, די בת יחידה מיינע. וועסט חתונה האָבן און מיר וועלן לעבן צוזאַמען. הונגעריק וועסטו ביי אונדז נישט זיין. וועסט זען, ווי גוט עס וועט אונדז זיין...

און שוין האָט ער געענדערט די טעמע. ער האָט זיך דערמאָנט די זאַטע דאָרפישע מיטאָגן מיט חזיר־פלייש און מיט קאָלבאַס, און דעם אָוונט־ברויט — קאַרטאָפל געבראָטענע מיט פוטער און מיט זויער־מילך.

און שפּעטער האָט ער זיך ווידער אומגעקערט צו זיין שיינער טאָכ־טער, און זיינע ווערטער זענען געפאַלן אויף א גוטן באָדן — זיי האָבן געוועקט אַן אומרו און נייגעריקייט און... בענקשאַפט.

ביי טאָג און ביי נאַכט האָב איך געקלערט און געטרוימט וועגן דער שיינער אומבאַקאַנטער טאָכטער פון מיין דאָרפישן חבר. וועגן מיין אומבאַקאַנטער כלה, וואָס אין א געוויסן טאָג וועל איך צו איר קומען און אָננעמען זי ביי דער האַנט און זאָגן איר, אַז...

יאָ, אָט דער פראָסטער פויער, וואָס האָט אפילו נישט געקאָנט שרייבן און לייענען, אָט דער דאָזיקער האַרציקער שכן מיינער איז געווען א געניטער נשמה־קענער, א רעזשיסאָר איז ער געווען, א רעזשיסאָר פון מיינע געפילן און פון מיינע געדאַנקען.

— איך ווייס, וואָס דו ווילסט וויסן — האָט ער צו מיר איינמאָל געזאָגט — איך בין אויך אַמאָל געווען יונג, איך פאַרשטיי, אַז די וואָלסט גערן געוואָלט וויסן וויאַזוי זי זעט אויס, דיין כלה און מיין טאָכ־טער. קאָן איך דיר זאָגן נאָר איינס: זיי רואיק, זי איז א שיינע און יונגע, א געזונטע מויד איז זי און זי האָט דאָס אַלץ, וואָס א מאַן וויל האָבן צום גליק.

אין א געוויסן טאָג האָב איך מיר אָפּגעגעבן א חשבון, אַז איך בין שוין נישט אימשטאַנד צו טראַכטן וועגן קיין שום אַנדערער פרוי — איך בין שוין נישט געווען פעיק צו טראַכטן וועגן קיינעם, אחוץ איר, אחוץ דער אומבאַקאַנטער כלה מיינער פון דעם ווייטן דאָרף, ווו זי האָט גע־וווינט און געאַרבעט אויף די גרינע בייטן מיט ווייץ און מיט קאָרן.

איין זאַך זעט זיך מיר אויס מאָדנע, היינט, נאָך אַזויפיל יאָרן, ווען איך דערמאָן און דערצייל די דאָזיקע מעשה. קיינמאָל האָב איך ביי אים נישט געפרעגט וויאַזוי זי הייסט, וואָס פאַר א נאָמען זי האָט. פאַרוואָס האָב איך עס נישט געפרעגט? אפשר דערפאַר, ווייל זי איז פאַר מיר געווען עפּעס מער ווי א געוויינלעך דאָרפס־מיידל, פאַר מיר

איז זי געווען א ס י מ ב אָ ל, מיט וועלכן עס איז פֿאַרבונדן געווען מײַן בענקשאַפֿט צו דער פֿרײַהייט, צו א פֿרײַ לעבן, צו ליבע און זעטיקייט, צו א משפּחה. זי איז פֿאַר מיר געווען א סימבאָל, און א סימבאָל דאַרף נישט קיין נאָמען.

און טראַכטנדיק וועגן איר, האָב איך ביסלעכווײַז פֿאַרלוירן מײַן אומעט און מײַן געפֿיל פֿון אײנזאַמקייט. מיט האָפֿענונג און מיט בטחון האָב איך אָנגעהויבן צו טראַכטן וועגן דער צוקונפֿט. איך בין געווען פֿאַרליבט, ליבע וועקט אָפּטימיזם.

איינמאָל האָב איך בײַ אים געפֿרעגט, פֿאַרוואָס עס באַזוכט אים קיינער, נישט די פֿרוי און נישט די טאָכטער. ער האָט זיך גוטמוטיק צעלאַכט און געענטפֿערט:

— און ווער וועט זיך מיט די בהמות פֿאַרנעמען? מײַן נישט, אַז עס איז אַזוי לײַכט זיך אָוועקצורײַסן פֿון דער ווירטשאַפֿט. זאָלן זיי דאָרט בעסער זײַן אינדערהיים און פֿאַרנעמען זיך מיט דער באַלעבאַטישקייט. די צײַט לויפֿט און אַנטלויפֿט, באַלד וועלן מיר ווידער זײַן אינדערהיים, און דו וועסט זײַן מיט אונדז...

די צײַט לויפֿט און אַנטלויפֿט. גערעכט איז געווען מײַן פֿרײַנד: אין אַ געוויסן טאָג האָט מען מיך אַרויסגעפֿירט פֿון דער קאַמער — איך בין אָפּגעזעסן מײַנס און איצט האָב איך זיך געזעגנט מיט מײַן שכן — ער האָט נאָך געהאַט פֿאַר זיך א האַלב יאָר תּפֿיסה. מיר האָבן זיך אַרומגענומען און צעקושט.

— אין א האַלב יאָר אַרום וועל איך אויך אַרויס אויף דער פֿרײַ האָט ער געזאָגט — אפשר וועלן מיר זיך נאָך זען.

— מיר וועלן זיך זען פֿריִער — האָב איך אים געענטפֿערט — איך וועל דאָ קומען אויף אַ באַזוך צו דיר. איך וועל קומען מיט א י ר...

ער האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ, געשמייכלט אומעטיק און פֿאַרשעמט. אין דער טיר האָט זיך באַוויזן דער וועכטער, איך האָב געמוזט פֿאַרלאָזן די קאַמער.

איך האָב פֿאַרלאָזט די פֿאַרשאָלטענע טורמע און אין א וואָך אַרום האָב איך מיך געלאָזט צו דעם דאָרף פֿון מײַן חבר. א גאַנצע נאַכט בין איך געפֿאָרן אין דער דריטער קלאַס פֿון שלעפּ־צוג, אינדערפֿרי האָב איך מיך געפֿונען אין אַ קליין שטעטל, פֿון וואַנעט איך האָב נאָך געהאַט פֿאַר זיך צוויי מײַל צופֿוס.

איך האָב זיך געלאָזט אין וועג אריין, געגאַנגען מיט אימפעט, עס האָט מיך געטריבן די פרייד פון דעם לויטערן זומער־טאָג, די פרייד פון פרייהייט, וואָס איז געווען ווי ווין מיט וועלכן עס איז אזוי לייכט זיך צו פארשיכורן. עס האָט מיך געפרייט דער גערוך פון וואלד, דער געזאַנג פון די פייגל, די קאָלירן פון דער וועלט, פון דער שיינער קאַרפּאַטישער לאַנדשאַפט.

איך בין אדורך צוויי דערפער, אָרעמע דערפער, ארום וועלכע עס האָט זיך געזען בלויז געבעכדיקע שטיקלעך פעלד. די שטיינערדיקע ערד איז געווען פארזייט מיט האָבער און גערשטן — א סימן פון אָרעמקייט און נויט. צום סוף בין איך אָנגעקומען אין דעם דאָרף פון מיין פריינד.

— ווו וווינט דאָ זאַוואַדאַ? האָב איך געפרעגט ביי אן אלטער פויערטע.

— וועלכער זאַוואַדאַ? — האָט זי אויף מיר אויפגעהויבן איר אומעטיק געזיכט.

— דער, וואָס וווינט אויפן בערגל, לעבן וואַלד.

— אויפן בערגל? קיין שום זאַוואַדאַ וווינט נישט אויף דעם בערגל.

— וואַסיטשער זאַוואַדאַ — האָב איך איבערגעחזרט — דער, וואָס האָט א טאָכטער.

—איך ווייס נישט — האָט געזאָגט די אַלטיטשקע — פרעגט ביי וועמען, איך ווייס נישט.

איך האָב זיך געלאָזט ווייטער, אומגעקוקט זיך אויף רעכטס און אויף לינקס, ווי אייגער וואָס קומט צוריק צו זיין אַלטער היים און באַטראַכט די ענדערונגען, וואָס זענען דאָ פאָרגעקומען בשעת זיין אָפּוועזנהייט. איך האָב געקוקט און נישט דערקענט דאָס דאָרף, וועגן וועלכן זאַוואַדאַ האָט אזוי שטאָלץ דערציילט. עס איז דאָ נישט געווען קיין רייכקייט און נישט קיין זעטיקייט, קיין ווייץ און קאָרן האָבן דאָ נישט געוואַקסן, בלויז האָבער און גערשטן, ערטערווייז א ביסל קרויט אָדער קאַרטאָפל. אן אָפּגעריסן יינגל איז געשטאַנען ביים פלויט.

— ווו וווינט זאַוואַדאַ? — האָב איך ווידער געפרעגט — וואַסיטשער...

— וואַסיטשער? — האָט זיך צעלאכט דאָס יאַטל — דער וואָס האָט געשלאָגן א פאָליציאַנט? ער זיצט אין טורמע.

— זאָג מיר, ווו וווינט זיין פרוי? זיין פרוי און זיין טאָכטער?

— זאַוואַדאַ האָט נישט קיין פרוי און נישט קיין טאָכטער.

אַן עלטערער פויער האָט זיך באַוויזן אויף דער שוועל פון כאַטע.

— זאַוואַדאַ? — האָט ער איבערגעחזרט — ניין, זאַוואַדאַ האָט קיינעם נישט. דאָס איז אַן אָרעמער מענטש, אַן איינזאַמער מענטש.

אין איין מינוט איז חרוב געוואָרן מיין גאַנצע האָפענונג אויף דער שיינער היים און אויף דער שיינער טאָכטער פון מיין תפיסה־חבר. מיד און דערשלאָגן האָב איך זיך געלאָזט אין וועג אריין — ווידער געהאַט פאַר זיך צוויי מייל וועג צו דער באַן־סטאַציע.

צומאָרגנס האָב איך מיך ווידער געפינען אין שטאָט און באַשלאָסן צו באַזוכן זאַוואַדען אין דער תפיסה. איך האָב געוואָלט פרעגן ביי אים פאַרוואָס ער האָט דאָס געטאָן. פאַרוואָס האָט ער מיך אָפּגענאַרט, פאַרוואָס?

איך האָב נישט באַמערקט אין וועלכער מינוט ער איז אָנגעקומען און אוועקגעשטעלט זיך ביי דער דראָטענער נעץ, ווו איך האָב שוין אויף אים געוואַרט. איך האָב אויף אים געקוקט שווייגנדיק, איך בין נאָך בייז געווען אויף אים און ער האָט עס געפילט.

— נו? — האָט ער געפרעגט — ביסט געווען דאָרט, אין דאָרף?

— ניין — האָב איך געענטפערט, ווייל איך האָב נישט געהאַט קיין האַרץ צו זאָגן אים דעם אמת — איך בין נישט געווען. איך וועל וואַרטן אויף דיר, ווען דו וועסט אָפּזיצן און אַרויסקומען אויף דער פרייהייט, וועלן מיר צוזאַמען אַהיימפאָרן.

— איך האָב נאָך א האַלב יאָר — האָט ער געזאָגט שטיל — וועסט וועלן, וועסטו וואַרטן....

— איך וועל וואַרטן — האָב איך ווידער געזאָגט, און האָב דערפילט א ווייטאָג אין האַרץ — ביסט דאָך מיין פריינד.

— אוודאי בין איך — האָט ער זיך צעלאַכט.

— און ביסט **איר פאָטער...** — האָב איך צוגעגעבן.

— איר פאָטער — האָט ער איבערגעחזרט — ביסט א ווילער יאַט, איך מיין, אז ביסט נישט בייז אויף מיר. איך האָב געמיינט, אז אזוי וועט אונדז גרינגער זיין.

— איך פאַרשטיי, זאַוואַדאַ... נאָר איך.. איך האָב זי דאָך ליב גע־האַט, פונקט אזוי ווי מען האָט ליב א לעבעדיקן מענטש.

— זי איז געווען א גוטע און שיינע — האָט געזאָגט דער פויער מיט אַן אומעט אין די אויגן און די ליפּן האָבן ביי אים מאָדנע געצי־טערט — עס זענען מסתמא פאַראַן אַזעלכע ערגעץ אין דער וועלט.

ער האָט מיר דערלאַנגט צוויי פינגער דורך דער דראָטענער גען, ביי וועלכער מיר זענען געשטאַנען.

— ליבער האַרציקער זאַוואַדאַ. איך וועל ווידער קומען צו דיר — האָב איך אים צוגעזאָגט.

אָבער איך בין נישט געקומען. דאָס לעבן האָט מיך פאַרוואָרפן ערגעץ אין אַנדערע קאַנטן, וויכטיקע ענינים האָבן מיר נישט דערלאָזט ווידער צו באַזוכן זאַוואַדען. איך בין אַרויסגעפאָרן פון יענער אָרטשאַפט און האָב שוין מער קיינמאָל זאַוואַדען נישט געזען.

אָבער פאַרגעסן האָב איך אים נישט. אָפט טראַכט איך וועגן אים, וועגן אים און וועגן זיין שיינער טאָכטער, וואָס האָט געלעבט אין אונדזער דמיון און דערמוטיקט אונדז אין די שווערע צייטן.

מוטער און זון

געקומען איז דער טאָג, ווען דער זון האָט געמוזט פֿאַרלאָזן די שטוב, בכדי צו גיין דינען ביי די סאָלדאַטן. די מוטער האָט אים באַגלייט צום וואָקזאַל.

— זיי אַ מענטש — האָט זי אים אָנגעזאָגט — זיי אַ מענטש, מיין קינד, אויב וועסט זיין אַ מענטש, וועסטו נישט אומקומען צווישן מענטשן. מיליטער איז אויך פֿאַר מענטשן. אַלץ איז פֿאַר מענטשן, נאָר געדענק זיי אַ מענטש, איך זאָל נישט מוזן אַזויפֿיל זאָרגן און אַזויפֿיל וויינען, דו ווייסט דאָך, אַז דאָס האַרץ טוט מיר ווי פֿון וויינען.

זי האָט זיך פֿאַרהוסט און גענומען ווישן די טרערן מיט דער פּאָלע פֿון פֿאַרטעך.

דער צוג איז אַוועקגעפֿאָרן און די מוטער איז פֿאַרבליבן אַליין מיט אירע טרערן. זי האָט געוויינט גאָר אָפֿט, נאָך אָפֿטער ווי פֿריער, כאָטש פֿון געוויין האָט איר ווי געטאָן דאָס האַרץ. זי האָט געוואַרט אויף דעם זון, זי האָט געגלויבט, אַז ער וועט זיין אַ מענטש, אַז ער וועט נישט אומקומען צווישן מענטשן און אַז אין אַ געוויסן טאָג וועט ער זיך אומקערן אַהיים און חתונה האָבן מיט אַ שיינער און רייכער כלה און פֿאַרזיכערן דער מוטער אַ זאַט און וואַרעם עלטער.

אָט מיט אַזעלכע האָפֿענונגען האָט זיך געגערט די מוטער און אַלע באַקאַנטע און גוטע פֿריינד האָבן זי געטרייסט מיט דער דאָזיקער האָפֿענונג אין משך פֿון לאַנגע דרייאונצוואַנציק חדשים.

די מוטער האָט געציילט די שעהן, און געבלעטערט דעם לוח, בכדי צו געפֿינען דעם שיינעם יום-טובדיקן טאָג, ווען דער זון וועט קומען. איינשלאָפֿנדיק נאָך דער שווערער אַרבעט, האָט זי אים געזען פֿאַר זיך, דעם בן יחיד, און זי האָט אים געזען אין חלום. אין דעם שיינעם מונדיר פֿון אַ קאַוואַלעריסט, פֿון אַ אולאַנער מיט עפּאָלעטן און מיט אַקסלבענדער

איז ער געריטן אויף א פערד, און ענלעך איז ער געווען צו א גענעראַל, אזוי שיין און געראָטן איז ער געווען.

פיר און צוואַנציק חדשים האָט דער זון געדאַרפט אָפּדינען אין מיליטער. די דאָזיקע צייט האָט זיך שוין דערנענטערט צום סוף, און דער געלונגענער קאַוואַלעריסט איז נאָך קיין איין מאָל נישט געווען אין דער היים. בלויז איין מאָל, און אפשר צוויי מאָל האָט ער געשריבן א פּאָר ווערטער, פון וועלכע עס איז געווען געדרונגען, אז ער איז ביים פולן געזונט און ער בעט איבערצוגעבן גרוסן פאַר אלע באַקאַנטע.

און אָט אין דרייאונצוואַנציקסטן חודש פון זיין מיליטערישער דינסט, אויף איין מאָנאַט פאַר דער באַפרייאונג, אין שפּעטן האַרבסט, אין אַ פינצטערער רעגנדיקער נאַכט האָט ווער אָנגעקלאַפּט אין דער טיר פון דער אָרעמער אלמנה — געקלאַפּט האָט ער לאַנג, ווייל די מוטער איז געווען מיד פון א גאַנצן טאָג שווערער ארבעט און זי איז געווען פאַרזונקען אין א טיפן שלאָף. זי האָט אפילו נישט געהערט דאָס וואָיען פון ווינט און נישט דאָס ארומבאַלעווען פון די מייז אין די ווינקלען פון צימער, וויזשע האָט זי געקאָנט הערן, אז אין דער טיר האָט אָנגעקלאַפּט איר געליבטער זון, וואָס זי האָט זיך געריכט אויף אים ערשט אין א חודש ארום.

דער זון האָט אָפּגעריסן דאָס קייטעלע ביי דער טיר און איז אריינגעקומען ווי א שאָטן. און ווי א שאָטן האָט ער זיך אוועקגעשטעלט ביים בעט פון דער מוטער. ער האָט זי אָנגענומען ביי דער האַנט און ערשט דעמאָלט האָט זי זיך אויפגעוועקט און דערקענט אין דער פינצטערניש זיין געשטאַלט. ער האָט אָנגעצונדן דעם נאַפט=לאָמפּ און פון דער פינצטערניש האָט זיך ארויסבאַקומען זיין געזיכט — א מיד געזיכט איז עס געווען, אויסגעמאַטערט. ער איז געווען אָפּגעריסן און כמעט באָרוועס — קוים לעבעדיק.

— מיין קינד — האָט זי זיך צעוויינט — איך האָב אויף דיר אזוי געוואַרט, אזוי געוואַרט, און איצט זע איך, איך וועל ווידער מוזן וויינען צוליב דיר, ווייל איך זע דאָך, אַז אַן אומגליק האָט מיט דיר פּאַסירט. זעסט אוים אזוי, אז שענערע פון דיר טראָגט מען אוועק אויפן בית=עולם. ביסטו חס וחלילה נישט קראַנק?

און שוין האָט זי זיך אויפגעהויבן פון בעט און גענומען זיך פאַרען.

— שוין גיב איך דיר צו עסן — האָט זי געזאָגט — אָבער איך וויל וויסן, וואָס עס איז געשען. האָסט געדאַרפט קומען אין א חודש ארום

און ביסט געקומען היינט. ווו איז דיין מונדיר און ווו איז דיין ביקס? ביסט אנטלאָפן?

ער האָט געשוויגן. שווייגנדיק האָט ער אָפּגעבראָכן אַ שטיקל פון דעם ברייטל, וואָס איז געלעגן אויפן טיש.

— זיי וועלן דיך כאַפּן, וועסטו מוזן ווידער אָנהייבן פון אָנפאַנג.

ער האָט געגעסן, געשאָקלט מיטן קאָפּ, און אַ צופרידנקייט האָט זיך צעגאָסן אויף זיין געזיכט. דאָס ברויט איז נאָך געווען וואַרעם, די מוטער האָט עס געבראַכט פון בעקער אין אָוונט — ווייס ברויט איז עס געווען, עס האָט געשמעקט מיט קימל און מיט דער בעקעריי.

— פאַרוואָס האָסטו עס געטאָן? — האָט געפרעגט די מוטער און מיט דער האַנטפלאַך האָט זי געגלעט זיין געזיכט. זי האָט אים גיריק געקוקט אין די אויגן, אַזוי לאַנג האָט זי אים נישט געזען, פאַרבענקט זיך צו אים האָט זי, און איצט איז זי געווען שטאָלץ, אַז זי האָט אַזאַ שיינעם זון, און גליקלעך וואָלט זי געווען אין דער דאָזיקער מינוט, ווען נישט דער פּחד, וואָס האָט זי אַלץ שטאַרקער ארומגענומען.

— פאַרוואָס האָסטו נישט געוואַרט נאָך איין חודש? בלויז איין חודש. און איצט וואָס וועלן מיר טאָן? וועסט זיך מוזן באַהאַלטן.

— איך וויל שלאָפן — האָט געזאָגט דער זון — פיר טעג און פיר נעכט בין איך געגאַנגען צופוס. די פיס טוען מיר ווי. איך וויל מיך אויסשלאָפן, נאָך איידער זיי וועלן נאָך מיר קומען.

— איך וועל דיך ערגעץ באַהאַלטן — האָט געזאָגט די מוטער — איך וועל דיך אַזוי באַהאַלטן, אַז קיינער וועט דיך נישט געפינען.

— איך וויל זיך נישט באַהאַלטן — האָט ער געענטפערט — אין די היינטיקע צייטן קאָן מען זיך נישט באַהאַלטן. די וועלט איז קליין און ענג.

די מוטער האָט נישט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס די וועלט איז אַזוי קליין, אַז אַ מענטש קאָן זיך נישט באַהאַלטן פאַר אַנדערע מענטשן, וועלכע זוכן אים. זי האָט אָבער געוווסט, אַז אויב דער זון איר וויל זיך נישט באַהאַלטן, וועט אים דערצו קיינער נישט צווינגען.

— זייער שלעכט איז דיר דאָרט געווען? — האָט זי אים געפרעגט, ווען ער איז שוין געלעגן אין בעט, אונטער דער פּערינע.

— נישט זייער. האָסט דאָך אַליין אַמאָל געזאָגט, אַז אַלץ איז פאַר מענטשן. אויב אַלץ איז פאַר מענטשן, האָב איך טאַקע אָפּגעדינט גאַנצע דרייאונצוואַנציק חדשים אָן צוויי טעג. פּונקט אויף אַזויפיל האָט מיר

געסטייעט געדולד, אָבער עס האָט מיר אויסגעפּעלט געדולד אויף דעם פּיראָונצוואַנציקסטן חודש. דיר האָט קיינמאָל געאַרנישט אויסגעפּעלט?

— מיין אָרעם ייִנגל — האָט זי זיך ווידער צעוויינט — מיין אָרעם קינד. מען וועט דיך כאַפּן און וועסט מוזן אָנהייבן אויפּדאַסניי.

— איך וועל אָנהייבן אויפּדאַסניי — האָט געזאָגט דער זון — אפשר וועט מיר איצט קלעקן געדולד אויף גאַנצע פּיראָונצוואַנציק מאָנאַטן.

— זאָל גאָט העלפן, עס זאָל דיר קלעקן — האָט זי געזאָגט, גלעטנדיק זיינע באַקן.

— איך בין שלעפעריק און מיד, אָבער איך וויל דיר דערציילן, וויאַזוי דאָס איז געווען. כ׳וויל זאָלסט וויסן וויאַזוי דאָס איז, ווען א מענטש האָט געדולד אויף דרייאונצוואַנציק חדשים און פאַרוואָס נישט אויף גאַנצע פּיראָונצוואַנציק. צוערשט מוז איך דיר זאָגן, אז איך האָב קיינמאָל נישט ליב געהאַט קיין פערד. און דאָרט האָט מיך זייער אויפגערעגט, וואָס אָפט האָב איך געמוזט קושן מיין פערד אין זאַד, דערפאַר וויל עס פלעגט טיילמאָל האָבן א שטיקל בלאָטע אויפן בויך, אָדער אויף די פיס. עס איז אפילו א גוט פערד, אַן אנשטענדיק פערד און אפשר אפילו פון א גוטער משפּחה, אָבער פאָרט נישט מער ווי א פערד, און צי פּאַסט עס, אז א מענטש זאָל קושן א פערד, און הוודקא אויף אזא אָרט? מיר האָבן געהאַט איינעם אַן אָפיציר, וועלכער האָט זייער ליב געהאַט פערד, דאָס איז א רייכער מענטש, א גראַף, ער האָט פיל פערד אין זיין פאַרמעגן און ער פלעגט אָפט זאָגן, אז פערד זענען שיין און אז זעלנער שטינקען, וויל זיי פרעסן שוואַרץ ברויט. מיר האָבן אויך געהאַט אַן אונטעראָפיציר, וועלכער פלעגט אונדז פייניקן, ווען א פערד האָט זיך, זיי מיר מוחל, באַשמוצט און דער זעלנער האָט נישט באַוויזן אזוי גיך אָפּצורייניקן. דער דאָזיקער פאַרשוין פלעגט אויף אונדז אַרויסטראָגן דעם אורטייל — קושן דעם פערדישן זאַד, מחילה בעטן ביי אים. פלעגן מיר קושן און אלע האָבן געמוזט לאַכן און דער אָפיציר פלעגט אונדז דערביי פאָטאָגראַפירן. און נאָך מוז איך דיר זאָגן, אז דאָס פערד האָט געשטינקען ווי אַן אַלטער בעטלער, וואָס האָט צופיל אַרבעס אויפגעפרעסן און קרענקט אויף די געדערים. איצט פאַרשטייסטו שוין פאַרוואָס איך האָב נישט געהאַט קיין געדולד?

— איך פֿאַרשטיי — האָט געזאָגט די מוטער — איך פֿאַרשטיי, אַז עס דערוואַרט אונדז איצט אַ גרויס אומגליק און איך ווייס נישט, וואָס מיר וועלן טאָן.

דער זון האָט זיך אויפֿגערעגט און מיט דער פֿויסט אַ זעץ געטאָן זיך אין האַרץ.

— מאַמע! דו קאָנסט מיך! ווען איך זאָל אַפֿילו נאָך צען מאָל מוזן פֿון דאָרט אַנטלויפֿן, וועל איך מער נישט קושן דאָס פֿערד אין זאַד. הערסט? איך וועל נישט קושן מער!

— שריי נישט אויף מיר, וואָס בין איך דען שולדיק? כ'בין אַ אָרעמע אומגליקלעכע מאַמע און דאָס האַרץ טוט מיר וויי, איך קאָן שוין נישט אַזויפֿיל וויינען.

— זאָרג נישט — האָט ער זי געפּרוווט טרייסטן — אַלץ וועט זיין גוט. אַלץ איז פֿאַר מענטשן.

— שלאָף שוין איצט, זונעלע. שלאָף.

— אַ גוטע נאַכט, מאַמע.

זי האָט פֿאַרלאָשן דעם נאַפֿט־לאָמפּ.

— מאַמע? שלאָפֿסט שוין?

— ניין, איך שלאָף נישט.

— איך מיין, מאַמע, אַז מאָרגן אינדערפֿרי וועל איך מוזן זיך לאָזן אין וועג אַריין. איך וויל נישט, זיי זאָלן מיך דאָ זוכן. איך וועל קומען, און כ'וועל זיי זאָגן, אַז כ'בין דאָ. אפֿשר וועט אַזוי זיין בעסער.

— אפֿשר וועט זיין בעסער — האָט געזאָגט די מוטער — דו ווייסט דאָך בעסער. ביסט קלוגער פֿון מיר.

— זיי זאָלן נאָר נישט קומען ביינאַכט.

— זיי וועלן נישט קומען. שלאָף רואיק.

— נו, איז אַ גוטע נאַכט.

ער איז אַנטשלאָפֿן געוואָרן און האָט געשנאָרכט ביז אינדערפֿרי. די מוטער האָט געוואַכט ביים פֿענצטער. אינדרויסן איז געווען אַ סלאָ־טע, דער ווינט האָט געקלאַפּט אין די שויבן און דורך די שפּאַרעס אַריינגעבלאָזן זיך אין צימער.

— און איך האָב אים אַזוי געבעטן, אַזוי געבעטן, ער זאָל זיין אַ מענטש.

זי האָט זיך אָנגעבויגן איבערן זון, צוגעטוליעט איר באַק צו זיין באַק און דערפֿילט דעם ליבן ריח פֿון זיין לייב.

ביבלישע מאטיוון

די ערשטע ליבע

די ווירטשאַפט איז געווען א רייכע. ווייט האָבן זיך געצויגן די פעלדער און סעדער, די גערטנער און וועלדער, און אויף די גרינע לאָנקעס האָבן זיך געפּאַשעט בהמות און אין די טייכן און אָזיערעס האָבן זיך געמערט פעטע קאַרפּן און העכט.

אדם האָט אַרומשפּאַצירט אין דעם שיינעם שפּאַציר־גאָרטן, טיילמאָל פלעגט ער זיך אַרויסלאָזן אויף א ווייטערן אויספלוג אין דער געגנט, און פאַרנאַכט, ווי נאָר די זון האָט זיך געזעצט, איז ער שוין געלעגן אויף זיין ווייך געלעגער — ער האָט ליב געהאַט לאַנג צו שלאָפן און פויל איז ער געווען ווי אלע רייכע זינדלעך, און דערצו איז ער דאָך געווען א בן יחיד. איז ער אפשר דערפאַר טאַקע געווען פויל און אויסגעפּיעשטשעט ווי אַ קאַץ.

און אויף דער וועלט האָט שוין זייט צענדליקער יאָרן געדויערט דער פרילינג. אין גרינקייט און אין זון האָט זיך דאָס לעבן געמערט און געפּרוכפּערט. אדם האָט געקוקט אויף דעם משפּחה־לעבן פון די בהמות, חיות און פייגל — און האָט באַשלאָסן צו געפינען פאַר זיך א פרוי.

און וויפל מאָל ער האָט געטראַכט וועגן דער דאָזיקער באַגעגעניש מיט זיין אומבאַקאַנטער כלה, האָט אים אַרומגענומען א מאָדנער אומרו און א זיס קיצלען האָט ער געפילט לעבן האַרצן. אין אַזעלכע מינוטן פון דערוואַרטונג און בענקשאַפט האָט ער זיך געשפּיגלט אין דער שטילער כוואַליע פון טייך און האָט באַטראַכט זיין אייגן פּנים און איז זייער צופרידן געווען פון זיך. עס האָט זיך אים אויסגעוויזן, אז שיין איז ער און שטאַרק ווי א יונגער לייב — גרייט צום קאַמף און צום זיג, אַזאַ איינעם וועלכן יעדע פרוי מוז זיך פאַרליבן.

און איינמאָל איז מקוים געוואָרן זיין חלום און זיין דערוואַרטונג. אין א הייסן זומערטאָג האָט ער זי באַגעגנט אויף דער פּליאַזשע — זי איז אָקערשט אַרויסגעקומען פון וואַסער, געבאָדן האָט זי זיך און איר שייך

לייב האָט געגלאַנצט אין דער זון. ווי א דענקמאָל פון גאָלד און פון קופער.

די ארומיקע וועלט פון לעבעדיקע באשעפענישן און געוויקסן האָט שווער געאָטעמט, געווען איז עס נאָך א רעגן און א ווארעמע פאַרע האָט זיך דערהויבן איבער דער ערד. פארביקע געוויקסן האָבן געבליט און זייער ריח האָט געשלאָגן אין אדמס נאָזלעכער, שיכור האָט מען געקאָנט זיין פון די דאָזיקע גערוכן, און זיי — אדם מיט זיין שיינער כלה — זענען געשטאנען אינמיטן פון דער וועלט, אומשולדיקע און נייגעריקע. זיי זענען נאָך פרעמד געווען צו זיך, נאָך פריי זענען זיי געווען, אָבער שוין אָפּהענגיק איינער פון דעם צווייטן. זענען זיי צו זיך צוגעפאלן גיריק און זשעדנע, און גיך האָבן זיי זיך גענומען באקענען, גיך און מיט אלע חושים, און זייערע הערצער האָבן געשלאָגן שטארק ווי צוויי האמערס.

און ווען ער איז שוין געקומען צו זיך און בארואיקט זיך אביסל, האָט ער געפרעגט:

— פון וואנען ביסטו געקומען? וועמענס טאָכטער ביסטו? קיינמאָל האָב איך דיך דאָ נישט געזען.

און זי האָט געהאט א נשמה א פילבארע און דיכטערישע, און זי האָט ליב געהאט צו שאפן ארום זיך דיכטערישע מעשיות און משלים.

— פון דיין ביין בין איך באַשאַפן — האָט זי געזאָגט מיט א שמייכל

— פון דיין ביין און פון דיין אָדער.

ער האָט נישט פארשטאנען די דאָזיקע שיינע פארגלייכונג, די סימבאָליק פון אירע איידעלע ווערטער, ווייל געווען איז ער סוף כל סוף נישט מער ווי אן עם הארץ.

— וועז איז דאָס געשען? — האָט ער געפרעגט.

— געשען איז דאָס אין חלום — האָט זי ווייטער דערציילט מיט א זיסן שמייכל אויף די ליפּן — ביסט געשלאָפן, ווען איך בין געבוירן געוואָרן. האָסט גראָד געחלומט וועגן מיר...

ער האָט זי אָנגענומען ביי דער האנט און אוועקגעפירט צו זיך אין שטוב אריין. און זיי האָבן אָנגעהויבן צו באלעבאטעווען אין צווייען.

חוה האָט זייער געוואָלט האָבן א קינד. די צייט האָט זיך גערוקט פאָרויס, א יאָר נאָך א יאָר, חוה האָט שוין געהאט הינטער זיך די ערשטע יוגנט און זי האָט זיך דערנעענטערט צו יענעם שיינעם עלטער, ווען פרויען בענקען צו דער געבענטשטער מוטערשאפט. עס איז איר נמאס

געוואָרן דאָס ארומגיין ליידיק, זי איז געווען געגליכן צו דער שיינער ערד, וואָס גאָרט מען זאָל זי אקערן און פאַרזייען.

און ער, אדם, האָט מיט א באלעבאטיש אויג געקוקט אויף דער ארו־מיקער ווירטשאפט און הערנדיק חוהס קאַפּריזנע פאַרלאַנגען, האָט ער געטראכט וועגן דער צוקונפט פון דער וועלט, וועגן די שוועריקייטן אין שפּייז־באזאָרגונג און וועגן דעם מאַנגל אין וווינונגען, וואָס דראָט די איינ־ווינער פון ערד־קיילעך.

זי אָבער האָט נישט געוואָלט הערן וועגן קיין עקאָנאָמישע פּראָ־בלעמען.

— נארעלע — האָט זי צו אים געזאָגט — איך וויל האָבן א קינד, און דו האָסט מורא, אז דאָס קליינע מענטשעלע וועט דיר אויפעסן דיין חלק און פארנעמען דיין געלעגער. אוי, דו פרעסער מיינער... עס גייט דאָך נישט מער ווי וועגן איין קינד, העכסטנס צוויי, אָדער דריי...

אָבער ער איז געווען איינגעשפּאַרט. דאָרט ווו ער האָט זי נישט גע־קאָנט איבערצייגן, פלעגט ער זיך פארשטעלן מיט דעם ווילן פון זיין בכבודיקן פאָטער.

— דער טאַטע ווינטשט זיך נישט, מיר זאָלן האָבן קינדער.

חוה האָט זיך איראָניש צעלאכט.

— דער טאַטע! דיין טאַטע וויל נישט פארשטיין, אז געענדערט האָבן זיך די פּרינציפּן פון דער מאָדערנער געגנטיק. ער געדענקט נאָך יענע צייטן, ווען עס איז געווען גענוג א טראכט צו געבן און צו זאָגן א וואָרט און שוין איז אַנטשטאַנען דאָס לעבן. היינט קאָנען מיר אזעל־כע קונצן נישט באווייזן. איך וויל האָבן א קינד. מיר וועלן גרינדן א משפּחה, די משפּחה וועט זיך אנטוויקלען — עס וועט זיך שאַפן א געשיכ־טע, די געשיכטע פון אונדזער מין...

— געשיכטע פארגלוסט זיך דיר — האָט א וואָרקע געטאָן אדם — זיי צופרידן און גליקלעך, וואָס היינטער אונדז געפינט זיך גאָרנישט. מיר האָבן נאָך נישט קיין פאַרגאַנגענהייט און נישט קיין שום געשיכטע. א ריין בלאט האָבן מיר. א ריין בוך. אָן פלעקן. מיר טראָגן נישט קיין שום שולדן און מיר ליידן נאָך נישט אויף קיין שום היסטאָרישע קאָמ־פּלעקסן. צי ווייסטו וויפל אומגליקן עס קאָן ברענגען די געשיכטע?

— פאַר דעם דאַרפסטו זיך נישט זאָרגן — האָט געזאָגט די קלוגע חוה — איך וועל זיך באמיען צו אנטשיידן וועגן דעם, וואָס עס דאַרף פארשריבן ווערן אין ספר הימים.

אדם האָט אראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און אומעטיק געזיפֿצט.

— איך מיין, אז כ'האָב נישט געדאַרפט חתונה האָבן. דער טייוול האָט מיך געפירט צו דער חופה.

— פארפאַלן — האָט זיך צעלאכט חוה און גענומען נייען ווינדע-לעך פאר דעם צוקונפטיקן בשר ודם.

— און אויב דער טאַטע וועט אונדז פארטרייבן פון דער שטוב? האָט ווייטער געזאָרגט דער יונגערמאַן — דו ווייסט גאָרנישט ווי שווער און ביטער עס איז צו פארדינען דאָס שטיקל ברויט. און דאָ לעבן מיר רואיק. מען עסט קעסט...

— מיר וועלן אַרבעטן — האָט געזאָגט חוה — פרנסה וועט מען פארדינען. מיר וועלן לעבן באַשיידן, אָבער זעלבשטענדיק און אָנגענעם. אוי, מיין טייערער שמאַטע-קאָפּ! מיר מוזן דאָך טראכטן וועגן פראָג-רעס, די צוקונפטיקע דורות זאָלן נישט לאַכן, אז מיר זענען געווען אזוי קאָנסערוואַטיוו...

זי האָט גערעדט מיט שכל און זיין ווידערשטאַנד איז געוואָרן אַלץ שוואכער און שוואכער.

— וועלן אונדז די קינדער נישט פארשעלטן דערפאר, וואָס מיר האָבן זיי געבראכט אויף דער וועלט?

— אונדזערע קינדער וועלן זיין גליקלעך — האָט געענטפערט חוה

— זיי וועלן גלייבן אין גליק.

— גלייבן? — אדם האָט נישט פארשטאַנען דעם אינהאַלט פון דאָזיקן וואָרט — וואָס מיינט מען דאָס ג ל י י ב ן?

— גלייבן, הייסט האָבן צוטרוי דעמלט, ווען מיר ווייסן נישט דעם גאַנצן אמת. — האָט אויפגעקלערט חוה און ארומגענומען דעם מאַן, פארקלאַמערט אים אין אירע שלאַנקע שיינע אָרעמס.

ער האָט דערפילט אירע ליפּן אויף זיין געזיכט.

— חוה — האָט ער געזאָגט מיט א ציטערנדיקער שטימע — חוה, דאָס בלוט קאָכט מיר אין די אָדערן.

— די העכסטע צייט — האָט געענטפערט די פרוי, אָטעמענדיק שווער — אייל זיך צו, איידער דיין פאָטער וועט אריינקומען.

— איך שעם זיך — האָט שטיל געזאָגט אדם, אָבער שוין האָט זיך דער הימל צעוויגט איבער אים, דער הימל און די ערד, די ביימער האָבן גענומען פאָכען מיט די צווייגן, בלומען האָבן זיך צעבליט אויף

א גאַר שמעקעוודיקן אופן, און א קאַפּעליע פון פייגל האָט זיך צעשפּילט און צעזונגען מיט די איידלסטע ניגונים.

— איך ליב דיך — האָט געפּליסטערט חוה.

אָבער ער איז שוין געווען זאַט און עס האָבן אים שוין ווידער גע־מאַטערט די זאָרגן.

— א בראָך איז צו מיר — האָט ער אויסגעשטאַמלט — איך בין דאָך נאַקעט און באָרוועס.

זי האָט זיך נאָך לאַנג געטוליעט צו אים, אָבער ער איז שוין געווען פאַרנומען — ער האָט זיך אַוועקגעזעצט נייען אַ פּאָר תחתונים פון דער פעל פון א ציג...

* *
*

פון צייט צו צייט באַגעגן איך אדמען און חוהן. ער פירט ביי די הענטלעך צוויי געראָטענע קינדער, זי גייט נעבן אים, א שטאָלצע און שיינע, אין מויל האלט זי א פּאַפּיראָס און א מאָדערן שירעמל אין דער האַנט. זי איז אייביק יונג און שיין געבויט. מענער קוקן זיך אום און שלינגען זי מיט די אויגן, כאָטש זי איז דאָך אַן אשת־איש.

אדם האָט זיך געעלטערט, טיילמאָל פילט ער זיך עטוואָס מיד.

פון צייט צו צייט באַגעגענען מיר זיך אין קאַפע־הויז. מיר זיצן ביי איין טישל און דערציילן זיך מעשיות. מיר רעדן וועגן שעקספּירן און וועגן דעם זין פון לעבן, וועגן קאָעקזיסטענץ און וועגן דער מאָדערנער קונסט.

אויב איר וועט מיך פרעגן צי אדם און חוה זענען גליקלעך, וועל איך זיך מוזן פאַרטראַכטן וואָס אייך צו ענטפערן. איך מיין אָבער, אז מיין תשובה וועט סוף כל סוף זיין א באַשטעטיקנדיקע.

יעדנפאלס האלט איך, אז זיי באַדויערן נישט יענע ערשטע זיסע זינד...

דלילה פון טאָל שורק

אזוי הייס איך — דלילה פון טאָל שורק.

דורך אונדזער דאָרף פליסט אַדורך אַ קליין ריטשקעלע און וועלכן עס באָדן זיך די קינדער. אויף איין ברעג פון טייך ציען זיך קליינע בערגלעך מיט ווייַנגערטנער, אויפן צווייטן ברעג וויַיסלען זיך שטיינער אויף די קברים פון אונדזערע אבות. אויף איין זייט איז דאָס לעבן, אויף דער אַנדערער — דער טויט. און אינמיטן שטייט דער מענטש, דער בלאָנדזשענדיקער מענטש, מיט זיינע ליידן און מיט זיינע ליידנשאַפטן, מיט זיינע פּרינציפּן, אָדער גאָר אָן פּרינציפּן — שטערבלעך איז ער, ווייל נאָר געשטאַלטן אויסגעטראַכטע פון מענטשלעכן דמיון זענען אומשטערבלעך, אָבער נישט דער מענטש גופא.

איך וויל איר זאָלט וויסן, ווער איך בין געווען.

געווען בין איך אַ סתירה, ווייל וואָס איז דען נישט קיין סתירה אין אונדזער דאָזיין?

איך האָב געליבט מיין מאַן. וויאַזוי זאָל איך אים פאָרשטעלן פאַר אייך? נישט דער נאָמען איז דאָך וויכטיק און נישט דער אויסזען. ער איז נישט געווען שיין — געהאַט האָט ער אַ ברייט געזיכט, אַ פויעריש געזיכט, דיקע געגראָדאַלע ליפּן, וווּלגאַרע ליפּן — ווען זיי פלעגן שמייכלען, האָט מען געזען זיינע נידעריקע געזונטע ציינער, וועלכע זענען געווען וויַיס און שטאַרק ווי די ציינער פון אַ ווילדער חיה.

בלויז די האָר האָט ער געהאַט שיינע — לאַנגע האָר, וואָס קיינמאָל האָט זיי נישט אָנגערירט די שער. אין די דאָזיקע האָר האָט געשטעקט זיין גבורה. און אפשר איז עס געווען נישט מער ווי אַן אגדה, נישט מער ווי אַ מעשה, וואָס איז אַדורך איבער יענעם דור, ווי אַ דונער וואָס קייקלט זיך איבער די שפּיצן פון הויכע בערג.

ווען איך בין נאָך געווען אַ קינד, האָב איך זיך איינמאָל אויסגעקליבן וויַיט הינטער אונדזער דאָרף, דאָרט וווּ עס זענען געווען די גע-

צעלטן פון די פאסטעכער, וואָס האָבן געהערט צו זיין שטאַם. איך האָב דאָרט געהערט ווערטער פרעמדע, וועלכע איך האָב נישט פארשטאַנען, און געזאַנגען אָדער תפילות, וואָס האָבן מיך געשראָקן מיט זייער פרעמדן קלאַנג. עס האָט זיך געפילט דער גערוך פון ציבעלעס און קנאָבל. אַלץ איז דאָ געווען פרעמד, פרעמד.

ערשט שפּעטער האָב איך פארשטאַנען ווער זיי זענען געווען, די דאָזיקע מאָדנע נאָמאדן, די דאָזיקע פרעמדע וואנדערער — מיין פאָטער האָט מיר אויפגעקלערט, אז זיי זענען געקומען פון ווייטע מדינות, קיינער פון די לעבעדיקע געדענקט נישט ווען זיי זענען געקומען, אָבער אַלע ווייסן, אז דאָס זענען מענטשן, וואָס קאָנען זיך באנוצן מיט טינט און פעדער. אויף א קעלבערנער לעדער פארשרייבן זיי פארשידענע סודות, פונקט ווי די מיצרים און פעניציאַנער. אָבער באנוצן זיך מיט פייל און בויגן קאָן נישט מער ווי איינער פון צען — באַרבאַרן זענען זיי, דער בעסטער באווייז, אז זיי קאָנען נישט דעם פרעכטיקן טעם פון חזיר-פלייש און אָן רחמנות שניידן זיי אָפּ דעם שענסטן טייל פון קערפּער פון זייערע ניי-געבוירענע יינגלעך.

אָט אזויפיל האָב איך געוווּסט וועגן שמשונס אָפּשטאַמונג אין יענעם טאָג ווען איך האָב אים דערזען צום ערשטן מאָל. אין שיין פון דער אונטערגייענדיקער זון, האָבן זיינע האָר אויסגעזען ווי א לעבעדיקע כוואַליע גאָלד. און ווען ער האָט מיך אָנגערירט, האָב איך א ציטער געטאָן און איך האָב דערפילט א הייסקייט אין גאנצן לייב, א הייסקייט ווי פון דעם הייסן ווינט, וואָס טראָגט זיך פון מדבר. און ווען ער האָט מיך ארומגעארעמט, האָב איך דערפילט דעם ריח פון האָניק און פון ווילדע פעלדבלומען — ער איז געווען א מענטש פון די פעלדער און וועלדער, און אפשר דערפאר האָט ער געהאט אזעלכע העלע אויגן, ליכטיקע און בלויע ווי דער הימל איבערן טאָל שורק.

און ווען ער איז צו מיר געקומען, האָט ער שוין געהאט א שם אין גאנצן לאַנד. איך האָב אים ארומגעוואשן די פיס, אָנגעריבן זיין לייב מיט בוימל און מיט פאַרפום, אזוי ווי דער מנהג הייסט. און ווען עס איז צוגעפאלן דער אָוונט, זענען מיר אריינגעגאנגען אין מיין צימער און איך האָב דערפילט זיין ווילן. איך בין געוואָרן זיין פרוי און ער איז געווען מיין מאַן — ער, דער מענטש מיט די שענסטע האָר און מיט די שטאַרקסטע אָרעמס אין לאַנד. און שפּעטער בין איך שטיל געלעגן אויף מיין געלעגער, אַ זאַטע און גליקלעכע און איך האָב שוין נישט געפילט קיין פאַר-

אַכטונג צו זיין שבט, און ער אַליין איז מיר געוואָרן נאָענט און אייגן, מייגער איז ער איצט געווען — איך האָב געפילט, אז עס וואַקסט אין מיר די שטאַלציקייט פון זיין כוח און פון דער קראַפט פון זיינע לענדן.

איך האָב געקעמט זיינע האָר, די לבנה האָט באַלויכטן זיין צופרידן געזיכט — ער איז געזעסן אויף מיין געלעגער און געגעסן א שטיק געבראָטן פלייש, ער האָט געהאַט א פול מויל מיט עסן, און ווען ער האָט צוגעטרונקען פון דעם לייםענעם קרוג, איז דער וויין גערונען אויף זיין באָרד. ער האָט געגעסן און געטרונקען מיט אַ גיריקייט, און די פעטע פינגער האָט ער אָפּגעווישט אין מיין ווייס זיידן ליילעך. אָבער מיר האָבן זיינע ווילדע זיטן ניט געשטערט — ער איז דאָך געווען מיין געליבטער, מיין מאַן.

א גאַנצע נאַכט האָט ער פאַרבראַכט ביי מיר. איך בין געווען יונג און עקזאַלטירט, איך האָב געוואָלט רעדן מיט אים וועגן ליבע, איך האָב געוואָלט ער זאָל קענען מיינע געפילן. אָבער ער איז געווען נישט מער ווי א פאַסטעך — ער האָט נישט באַהערשט די שיינע קונסט פון לירישער דיכטונג, ער האָט נישט געוווסט וויאַזוי מען רעדט מיט א געליבטער פרוי.

פאַרטאָג האָב איך אים צוגעשווירן צו זיין געטריי — ער האָט אויסגעהאָרכט מיין שבועה און האָט זיך צעלאַכט. גלעטנדיק מיין האַלדז און מיין רוקן — אַזוי ווי מען גלעט א יונגע קו — האָט ער עטלעכע מאָל איבערגעחזרט: „וועסט מיך פאַראַטן, באַשטימט וועסטו עס טאָן, איך דערקען עס אין דיינע אויגן, דו האָסט מיך בכלל נישט ליב, דו ליבסט נישט מיך, נאָר די קראַפט פון מיינע לענדן". אַזוי האָט ער געזאָגט און איז אוועק צו זיין שבט, וואָס האָט געפאַשעט די שאָף אויף די באַרגיקע לאָנקעס נישט ווייט פון אונדזער דאָרף.

עס זענען פאַרביי מאָנאַטן און יאָרן. די צייטן האָבן זיך געענדערט. אין פרילינג זענען די ברעגעס פון טייך געווען גרין, די וואַסערן פלעגן אָנקומען פון די הויכע בערג און באַפרוכפּערן די פעלדער און ווייַנגערטנער.

איך האָב געליבט מיין מאַן און פונקט ווי אַלע פאַרליבטע פרויען, האָב איך נישט געזען וואָס עס קומט פאָר אַרום מיר. אין לאַנד האָט מען דורכגעפירט א פאַרשווערונג, א נייער מלך האָט איבערגענומען די מאַכט, דער נייער דעספּאָט האָט איינגעפירט נייע געזעצן, דער שבט פון מיין מאַן — זיינע ברידער און שוועסטער זענען פאַררעכנט געוואָרן צו א ני=

דעריקן מין באַשעפעניש — זיי האָבן דאָך געגעסן קנאַבל און ציבעלעס און האָבן נישט געקאָנט שיסן פון בויגן.

א פינצטערער שאָטן פון פאראכטונג איז געפאלן אויף פיל משפּחות, ווו עס זענען געווען געמישטע פּאָרפעלקער. מענער האָבן איבערגעלאָזט זייערע פרויען, פרויען זענען אוועק פון זייערע מענער און קינדער, אין טאָל שורק האָט געוויסט פון רכילות. און איך... אין דער טיפעניש פון הארץ האָב איך געליטן, אין דער טיפעניש פון הארץ האָב איך געוווסט, אז די דאָזיקע נייע געזעצן זענען אוממענטשלעך און איך האָב באשלאָסן געטריי צו פארבלייבן מיין מאַן. אָבער געוווסט האָב איך, אז קאָמפּראָמיטירט בין איך שוין אויף אייביק.

איך האָב געפילט אויף זיך די בייזע בליקן פון פרויען און מענער. פרויען זענען געווען אייפערזיכטיק, זיי האָבן געוווסט, אז קיין איינציקע פון זיי האָט נישט אזא לייהנשאפטלעכן און געזונטן מאַן. און די מענער — די באַקאַנטע אָפיצירן און מלוכהשע אָנגעשטעלטע האָבן געקוקט אויף מיר ווי אויף א פארברעכער, וועלכער האָט פאראומרייניקט דעם נאַציאָנאַלן מין, די נאציאָנאַלע ראַסע.

— וואָס ווילט איר? — האָב איך געפרעגט — ווען צוויי מענטשן ליבן זיך, ווען צוויי מענטשן פארבינדן זייער גורל אין ליבשאפט, גייט זיי דען אָן זייער ראַסע? מיין מאַן איז געבוירן אונטער דעם זעלבן הימל און אויף דער זעלבער ערד, ער אָטעמט מיט דער זעלבער לופט און יאָרן־לאַנג האָט ער געטרונקען וואַסער פון דעם זעלבן קוואַל. און מער וויל איך פון קיין זאך נישט וויסן.

אזוי האָב איך צו זיי גערעדט, און זיי, די שטרענגע ריכטער און אָפיצירן האָבן מיר געדראָט און האָבן מיך באַליידיקט מיט גראָבע ווערטער.

איינמאָל האָט מיך באזוכט א הויכער באַאַמטער, א מענטש מיט פיינע פריצישע זיטן און דווקא נישט קיין מיאוסער. ער האָט מיר געבראַכט א שיינע מתנה — טייערע קלייניקייטן אויס געקינצלטן גאָלד און אַ פלעשעלע אויסלענדישע פּאַרפומען. ער האָט מיט מיר גערעדט לאַנג און פריינדלעך, געגלעט מיין האַנט און דערמאַנט וועגן מיין חוב לגבי אונדזערע טויזנטיאָריקע געטער און לגבי אונדזער פּאַטערלאַנד.

— דער מלך פארלאַנגט זאָלסט אויספירן דיין פליכט — האָט ער געזאָגט — ווען דיין אומגלויביקער מאַן וועט אנטשלאָפן ווערן, דערמלט בינד אים די הענט און רוף מיינע זעלנער.

און ווען ער האָט דאָס געזאָגט, ווען ער האָט אַזוי זיס געפּרוּווט מיך צו דערפירן צום פאַרראַט, ווען ער האָט מיר צוגעזאָגט פיל געלט און פיל כּיבודים, האָב איך צוגעמאַכט די אויגן און מיט דעם כּוח פון דמיון האָב איך געזען מיין מאַן, מיין גיבור, וועלכער רייסט די קייטן אַזוי ווי מען רייסט די פעדים פון שפּינוועבס. און איך האָב געלאַכט און האָב צוגע־זאָגט אויסצופירן דעם באַפעל. און שפּעט אין דער נאַכט, ווען שמשון איז שוין מיד געווען פון צערטלען און ליבן, ווען ער איז נאָר וואָס אַנט־שלאָפן געוואָרן, האָב איך אַריינגערופן די וועכטער, און ער האָט זיי גע־שלאָגן און פאַרטריבן האָט ער זיי, און איך בין ווידער געווען שטאָלץ: איך האָב דאָך געוווּסט, אַז אַזוי וועט עס זיין — אים וועט קיינער נישט באַזיגן! ווען מיר זענען פאַרבליבן אַליין אין אונדזער צימער, האָט לאַנג אין דער נאַכט געהילכט אונדזער געלעכטער, ווען מיר האָבן זיך דער־מאָנט, ווי שנעל אונדזערע שונאים זענען אַנטלאָפן. און מיין מאַן האָט מיך געצערטלט און געליבט פּונקט ווי שטענדיק, און ער איז אַפילו נישט בייז געווען אויף מיר דערפאַר, וואָס איך האָב אים צום ערשטן מאָל פאַרראַטן.

אינדערפרי איז ער אַוועק אין די הויכע בערג, ווו זיינע ברידער האָבן זיך באַהאַלטן פאַר די שטרענגע געזעצן פון דעם נייעם מלך.

איך בין געווען אַ טאָכטער פון דעם הערשנדיקן פאָלק, און מיינע אָדערן האָט געפלאָסן דאָס פּרעכטיקע בלוט פון אַ העכערער ראַסע, און דאָך האָב איך נישט געפילט קיין האַס צו מיין מאַנס שבט. פּונקט פאַר־קערט — די געזעצן, וועלכע האָבן יענע מענטשן פאַרפאָלגט, די דאָזיקע געזעצן האָבן זיך מיר אויסגעוויזן אוממענטשלעך, כאָטש אמת גע־זאָגט, האָב איך קיינמאָל נישט ליב געהאַט יענע פּרעמדע מאכלים, וואָס זענען געווען פול מיט קנאָבל און ציבעלעס. קיינמאָל האָב איך אויך נישט ליב געהאַט יענע שפּראַך און יענע פּרעמדע זיטן. טיילמאָל פלעג איך צו זיי האָבן אַ טענה: צופיל אָרט האָבן זיי פאַרנומען אין לעבן פון מיין שמשון, געליבט האָט ער זיי, ער האָט זיך מיט זיי נישט געוואָלט שיידן, כאָטש נישט איינמאָל האָב איך אים געבעטן מיט טרערן אין די אויגן:

— פאַרלאָז דיינע פאַסטעכער! ביסט אַ מענטש אַ שטאַרקער, אַן אומבאַזיגטער, וועסט זען ווי גוט עס וועט אונדז זיין, ווען וועסט איבער־גיין אויף דער זייט פון די פּלישתּים. וועסט ווערן אַ גענעראַל און וועסט קעמפן קעגן די מענטשן פון דער נידעריקער ראַסע. ווען אַ מענטש איז

אזוי שטאַרק ווי דו, דאַרף אים זיין גלייכגילטיק מיט וועמען ער קעמפט, אַבי צו זיין דער זיגער!

נאָך האָב איך נישט געענדיקט צו רעדן, און שוין איז ער אַריינגעפאַלן אין אַ ווילדן כעס און ער האָט מיך געשלאָגן מיט זיין האַרטער פויסט — און איך האָב געקושט זיין האַנט און געבעטן ער זאָל מיר מוחל זיין.

— אין דיין נשמה איז נישטאָ קיין פונק פון ערלעכקייט — האָט ער געשריגן און ער איז געווען גערעכט, איך האָב אין זיך נישט פאַרמאָגט קיין ערלעכקייט, ווער בין איך דען געווען? אַ פּשוטע פרוי, וואָס האָט געוואָלט האָבן אַ מאַן, אַזעלכן מאַן, וועלכער זאָל ביי קיינעם נישט וועקן קיין האַס און קיין פאַראַכטונג. איך האָב געוואָלט צוגרייטן מאכלים פאַר מיין מאַן, אַרבעטן אין מיין גאָרטן, ווו עס וואַקסן איילבירטן און זאַפּערן, וויינטרויבן און בלומען.

צי איז עס באמת געווען אַזוי און נישט אַנדערש?

— אַ ליגנט! צו שטאָלץ בין איך געווען צו אַ שטיל באַשיידן לעבן. פון מיין מאַן האָב איך פאַרלאַנגט אַלץ נייע באַווייזן פון קראַפט און פון גבורה. און ער איז געווען זיכער אין כוח — אַן אומבאַזיגטער ריז — ער האָט געגעסן דאָס פעטע שאָפענע פלייש און עס האָט אים נישט געאַרט וועגן וואָס איך טראַכט און טרוים, און וואָס פאַר אַ געפילן עס פלאַמען אין מיין האַרץ. און איך האָב געוואַרט אויף דער מינוט, ווען ער וועט ווידער רייסן די דיקע, מיט סמאָלע אָנגעשמירטע שטריק, איך האָב געוואַרט אויף דער דאָזיקער זיסער מינוט און מיט דעם געדאַנק האָב איך אים רואיק איבערגעגעבן אין די הענט פון פּאָליציאַנטן — געוווסט האָב איך דאָך, אַז ער איז אומבאַזיגבאַר.

ווי איינזאַם איז ער געווען, ווען דערוואַכנדיק פון טיפן שלאָף האָט ער אַרום זיך דערזען די אכזריותדיקע פּנימער פון די שונאים. און צי נאָר דעמאָלט איז ער געווען איינזאַם? צי איז איינזאַמקייט דער גורל פון אַלע גדולים?

ער האָט זיך געעלטערט. מיט מיר האָט ער געטיילט זיינע נעכט אויך איך האָב די ערשטע באַמערקט, אַז זיינע אָרעמס ווערן שוואַכער, אָבער ער האָט נישט געוואָלט וויסן וועגן דער דאָזיקער שוואַכקייט, ער האָט אַלץ נאָך געגלייבט אין כישוף פון זיינע לאַנגע האָר, וואָס ביז היינט האָט זיי נישט אָנגערירט קיין שום שער — אָבער די דאָזיקע האָר זענען שוין גראָ געוואָרן און שיטער געוואָרן.

ווער איז ער געווען איצט, ווער איז געווען דער דאָזיקער לאַנגהאָ־
ריקער זקן, דער מיאוסער זקן, וואָס פון טאָג צו טאָג און פון נאַכט צו
נאַכט זענען אַלץ שוואַכער געוואָרן זיינע לענדן, פונקט ווי מיט יעדן
אַרויספאַלנדיקן האָר וואָלט אים פאַרלאָזט אַ טראָפּן כוח. און פאַר דעם
דאָזיקן אַלטן מענטש האָב איך מקריב געווען אַלץ — מיין פאַטערלאַנד,
מיין ערע, מיין ראַסע...

ער פלעגט איצט אַנטשלאָפן ווערן נאָך איידער די זון האָט זיך באַ־
וויזן צו באַהאַלטן הינטער די ווייסע שטיינער, וואָס ליגן אויף די קברים
פון אונדזערע אבות, און איך בין געזעסן אויף דער שוועל פון שטוב און
האָב געוואַרט, עס זאָל ווער צו מיר זאָגן אַ וואָרט, אָדער באַשענקען מיך
מיט אַ שמייכל. אָבער — איך בין שוין אויך נישט געווען יונג — וועגן
דעם האָבן מיר צו וויסן געטאָן די בליקן פון מענער און די פאַלשע
שמייכלען פון פרויען.

— שמשון — האָב איך צו אים געזאָגט אין אַ געוויסן טאָג — אַלע
לאַכן אויס מיר, שמשון. אַלע זאָגן, אַז מיין מאַן איז אַלט און שוואַך.
און אפשר זענען זיי נישט גערעכט? אפשר קאָנסטו נאָך באַזיגן וועמען
אין דאָזיקן מאָל? פּרוּוו, אפשר וועלן ווידער אַ ציטער טאָן דיינע שוֹ־
נאים און דעמלט וועל איך ווידער קאָנען קוקן אין די פאַלשע אויגן פון
מיינע חברטאָרינס.

קאַלט זענען געווען מיינע ווערטער און זיי האָבן אין אים געוועקט
כעס — ער האָט פאַרביסן די ציינער און ביידע פונקען האָבן זיך באַוויזן
אין זיינע אויגן. ער האָט געשוויגן און געקריצט מיט די ציינער — גע־
האַסט האָב איך די דאָזיקע שווייגעניש, און איך האָב ווייטער גערעדט:

—ביסט קיינמאָל נישט געווען גרויס, האָסט גענאָסן פון דער
קראַפט, וועלכע עס פאַרמאָגט די לעגענדע וועגן דיינע פאַרכישופטע
האָר. די דאָזיקע לעגענדע האָט דיך באַפליגלט און באַשיינט, אָבער היינט
איז שוין אויס וווּנדער. דו באַקומסט דאָך אַ פּליך!

שמשון האָט אויפגעהויבן די פויסט און געשריגן:

— רוף זיי, רוף זיי, די מערדער דיינע, רוף דיינע ברידער, וועסט
זיך נאָך איבערצייגן ווער איך בין!

איך האָב אים אַרומגענומען און געקושט אים, ער איז ווידער געווען
מיין אומפאַרגלייכלעכער, מיין איינציקער אין דער וועלט — געליבט האָב
איך זיין שטרענגקייט, די גבורה, וואָס האָט געשטראַלט פון זיין פּנים.

און אין דער האלבער נאכט האָב איך מיט א שטאָלענער שער אָפּגעשניטן די רעשטלעך פון זיינע גרויע האָר און איך האָב אים געבונדן — איך האָב עס געטאָן, ווען ער איז געווען פארזונקען אין טיפן שלאָף, און — איך בין געלאָפן רופן זיינע שונאים.

אַ געפּענטעטער איז ער געשטאַנען און מאַכטלאָזער, אַן אומבאַהאָלפענער. ארום האָט גערוישט דער המון, געגעראלן און פירשטן זענען געקומען זען שמשונען דעם געבונדענעם, שמשונען מיט אויסגעשטאָכענע אויגן. און אין דאָזיקן המון בין איך געשטאנען, א דערשלאָגענע, אַ וויטיק האָט מיר געפּיקט דאָס האַרץ. איך האָב זיך נישט געפילט שולדיק — איך האָב געהאט א טענה צו אים: פארוואָס האָט ער דאָס מאָל נישט געזיגט? פארוואָס האָט ער פארפירט מיינע דערווארטונגען? פארוואָס איז ער אנידערגעפאלן אין דאָזיקן פינצטערן תהום?

מען האָט אים אוועקגעפירט אין קערקער אריין, און איך האָב איבערגעקויפט דעם וועכטער און בין אריין אין קעלער און אוועקגעלייגט זיך לעבן מיין מאן. מיין הארץ איז געווען פול רחמנות און צער. איך האָב געקושט זיינע פארבלוטיקטע פוסטע אויגנלעכער, געצערטלט זיינע ווונדן און געפּליסטערט צו אים ווערטער פון טרייסט:

— שטענדיק ביסטו געווען מיינער, שטענדיק האָב איך דיך געליבט, שטענדיק אנדערש, און היינט האָב איך דיך א שוצלאָזן און בלינדן. איך ליב דיך, מיר וועלן אנטלויפן ווי נאָר עס וועט צופאלן די נאכט, מיר וועלן אוועק אין ווייטע מקומות, ביי דער האנט וועל איך דיך פירן, איך וועל דיר דינען, מיינע אויגן וועלן דיר דינען, און איך וועל גליקלעך זיין, אז קיינמאָל וועסטו מיך נישט זען אין מיין אלטקייט און אין מיין וועלקונג.

אָבער ער האָט שוין נישט געוואָלט אנטלויפן און האָט זיך אָפּגערוקט פון מיר. ער האָט געשוויגן. וואָס האָט ער געפילט צו מיר? פאראכטונג אָדער נישט מער ווי האס? וועגן וואָס האָט ער געטראכט? וועגן זיין גרויסקייט, צי וועגן זיין מפּלה?

פארטאָג האָט מען אונדז פאנאנדערגעטיילט.

אינדערפרי האָט מען שמשונען אוועקגעפירט אין טעאטער. איך האָב פארנומען אן אָרט אין דער לאָזשע, דאָרט וווּ עס זענען געזעסן די אָנגעזעענע לייט. מען האָט מיר אָפּגעגעבן גרויס כבוד. איך האָב דאָך דערפילט די בליקן לגבי מיין פּאָטערלאנד און לגבי אונדזערע געזעצן.

די מוזיקאנטן האָבן געשפּילט לוסטיקע שטיקלעך. איך האָב געקוקט

אויף דער בינע און געזען א מענטשן, וואָס האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן די מאַרמאָרנע זיילן. איך האָב באַוווּנדערט זיין נאַקעט לייב און פאַר מיינע אויגן האָבן אויפגעלעבט יאָרן יונגע, פאַרגאַנגענע, פול מיט ליבשאַפט און מיט ליידנשאַפט. פאַרשיכורט האָבן מיך די דאָזיקע זיסע דערמאָנונגען און איך האָב גענומען לאַכן, אַזוי ווי עס לאַכט א פאַרליבטע פרוי, ווען זי פאַלט אין די גיריקע אָרעמס פון איר מאַן.

צום לעצטן מאָל האָב איך געקוקט אויף זיין פאַרבלוטיקט געזיכט און האָב געפילט, אַז איך ליב אים — נאָך קיינמאָל האָב איך אים נישט געליבט אַזוי, ווי אין דער דאָזיקער מינוט.

און דער דאָזיקער פאַרכאַפּנדיקער געדאַנק האָט מיר געהאָלפן אומקומען אונטער די חורבות פון טעאַטער, אין יענער רגע, ווען שמשון האָט א שאָקל געטאָן מיט די זיילן, שרייענדיק: „תמות נפשי עם פלישתים!“

דער אשמדאי און דער מלך

בלוי איז דער הימל און ריין. די הרומדיקע זון פארפלייצט די ערד. צווישן גרינקייט און בלומען שטייט א פאלאץ — דעם קעניגס פאלאץ, פון די פיינסטע מירמל־שטיינער אויסגעבויט, מיט שטיינער פון די ווייטע לענדער, וווּ די זון גייט קיינמאל נישט אונטער.

אין שאָטן פון די באגילדעטע ווענט באוועגט זיך דער מלך — יונג איז ער, און שיין איז ער, נאָר זיין יונג געזיכט איז איינגעהילט אין זאָרגן ווי אין א נעפל, און אין די אויגן זיינע האָט זיך פארנעסטיקט אן אומעט.

אומעטיק איז דער מלך און ער זעט נישט די שיינע פילגש, וואָס בענקט צו זיין שמייכל. אומעטיק איז דער מלך, כאָטש מענטשן גלייבן נישט, אז אויך מלכים קאָנען זיין אומעטיק און טרויעריק פונקט ווי יע־דער פשוטער בשר ודם.

שווייגט דער קיניגלעכער פאלאץ. ווייל דעמלט ווען דער מלך שווייגט, מוזן שווייגן אלע ארומיקע. און ערשט ווען די זון פארנייגט זיך צו שקיעה דערהערט דער אומעטיקער מלך א שטילן קלאנג, קלאנגען זיסע, וואָס דערנעענטערן זיך אלץ נעענטער און נעענטער, און עקבערן אין דער שטילקייט און זאָגן אָן, אַז אָט קומט ווער אָן צום פאלאץ. די פידלען און פלייטן, די פויקן און צימבלען — וועמען גיבן זיי אָפּ כבוד אין דעם דאָזיקן שטילן פארנאכט?

דער קיניגלעכער ליץ, וואָס זיצט אויף דער שוועל, ציטערט פון אויפרעגונג:

— די געטלעכע מלכה שבא דערנעענטערט זיך צו די טויערן!

דער מלך דערוואכט פון זיינע מרה־שחורהדיקע געדאנקען:

— איז זי שיין? — פרעגט ער.

— א מחנה דינער און פירשטן און זעלנער רינגלען זי ארום. און קעמלען זע איך, און העלפאנטן באלאָדן מיט וואָל און מיט ווייַן, מיט איידלשטיינער און מיט גאָלד.

— איך האָב געפרעגט צי זי איז שיין... — חזרט איבער מיט פאַר־ וווּרף דער מלך און קנייטשן באוויַיזן זיך אויף זיין שטערן.

— אין אירע אויריגן שפיגלט זיך די זון און אירע בראנזלעטן זע־ נען דיק, ווי די קייטן פון א שקלאַף.

•

עס איז שטיל געוואָרן. אין דער שטילקייט האָבן זיך דערהערט שריט פון דער אָנקומענדיקער מלכה. אליין איז זי אריינגעקומען אין קע־ ניגלעכן חדר, אליין איז זי געשטאנען אויף דער שוועל. אליין אנטקעגן גע־ גאנגען דעם מלך. און ער האָט דערזען, אז שיין איז זי, און אז שווארץ זענען אירע אויגן און אירע האָר, און די שיינקייט פון איר לייב האָט ער דערזען —, און ער האָט זיך פארנייגט פאר דער שיינער מלכה און פאר דער שיינער פרוי.

— זיי באגריסט — האָט ער געזאָגט — דיין שיינקייט איז געגליכן צו א חלום.

— זיי געגריסט — האָט זי געענטפערט — זיי געגריסט, גרויסער מלך! דיין חכמה איז באַקאַנט אויף דער גאַנצער וועלט, און דאָך ביסטו לייכטזיניק: די טויערן פון דיין שטאָט און פון דיין פּאַלאַץ זענען נישט באוואכט. הונדערט שקלאפן וועל איך דיר שענקען, הונדערט שקלאפן באוואָפנטע, וואָס וועלן וואכן לעבן דיין געלעגער און לעבן דיין כסא־ המלכות.

דער מלך האָט זיך צעלאכט:

— אין מיין לאנד איז דער מלך נישט מער ווי א דינער פון זיין פאָלק! פאסט עס דען, אז א דינער זאָל זיך ארומרינגלען מיט וועכטער?

— מאָדנע מנהגים הערשן אין דיין לאנד — האָט געזאָגט די מלכה — איך בין צו דיר געקומען צו גאסט, איך — א מלכה, און קיינער האָט מיך נישט באגריסט, קיינער, אחוץ דער שמוציקער המון.

דאָס לויטערע געזיכט פון מלך איז ווידער פארשאָטנט געוואָרן. ער האָט אָנגענומען ביים אָרעם זיין גאסט און צוגעפירט אים צו דער כסא־ מלוכה, וואָס איז געווען אויסגעקאָוועט פון ריינעם זילבער.

— האָסט פיינט דעם המון — האָט ער געזאָגט — אָ, שיינע און איידעלע, נאָר די קרוינען אונדזערע טיילן אונדז אָפּ פון המון...

— איך האָב נישט געפונען קיין חן אין דיינע אויגן, אַ גרויסער מלך... — האָט געזאָגט די מלכה.

און ער, וואָס איז געווען דער קלוגסטער צווישן אלע הערשנדיקע, האָט געשוויגן א ווײַלע, און דאַן האָט ער געזאָגט שטיל, אָבער באַפע־לעריש:

— נעם אראָפּ דײַן קרוין, אַ שיינע!

— ווען איך וועל אראָפּנעמען מײַן קרוין, ווער וועט מיר אָפּגעבן כבוד?

זיי האָבן זיך אוועקגעזעצט אויף דעם כסא־המלכות און ער האָט גענומען ווײַטער רעדן:

— אָפּגעבן כבוד א געוויינלעכן בשר ודם געהער צו גוטע זיטן. אָבער אָפּגעבן כבוד צו א קאַלטן שטיק גאָלד — דאָס איז א לעכערלעך לצנות.

—איך בין א פרוי — זאָגט די מלכה — איך בין צוגעוווינט צו כבודים. אזעלכע ווי איך, וועסטו נישט געפינען צווישן טויזנט דײַנע פּלגשות.

— צווישן טויזנט מענער פון מײַן שטאָט האָב איך געפונען איי־נעם, וואָס האָט נישט געהאַט אין זיך קיין גאווה. צווישן טויזנט קעבס־ווײַבער האָב איך קיין איין באַשיידענע נישט געפונען.

די שיינע מלכה איז אויפגעשטאַנען און האָט אויפגעהויבן די אָרעמס אין דער הויך.

— כ'וועל טאַנצן פאַר דיר, מײַן האַר. אין מײַן היימלאַנד איז פאַ־ראַן א מנהג, אז פרויען טאַנצן פאַר די אויגן פון מענער. טאַנץ און לי־בע — וואָס קאָן דען זײַן שענער און וויכטיקער אין אונדזער לעבן?

דער מלך האָט זיך צעלאַכט.

— טאַנץ און ליבע העלפן פארגעסן. איר, געצנדינער, פאַרטרײַבט אויף אזא אופן אייער אומרו און אייער פּחד, וואָס דרימלט אין דער טי־פעניש פון הארץ. מיט ווײַן און געזאַנג פארהילכט איר די סודותפולע געשרייען, וואָס ווײַטיקן אין יעדן איינציקן פון אייך.

— דו ביסט אן אומעטיקער מלך. דו ביסט דער מלך פון אומעט. אין מײַן היימלאַנד זענען די מלכים צופרידן און לוסטיק. זיי זענען זיך משמח ביז אין דער שפּעטער עלטער. אַזאַ איז דער זין פון זייער לעבן.

דער יונגער מלך האָט געגלעט די נאַקעטע אָרעמס פון דער פרוי.

— איך באַווונדער דיין לייב — האָט ער געזאָגט מיט אנטציקונג — דיינע האָר האָבן דעם גערוך פון סעדער בליענדיקע אין פרימאָרגן, זיס ווי האָניק איז דיין לייב און ווי ווײַן זענען דיינע ליפּן, און אַז אומעט נעמט מיך ארום, ווייל איך זיי וועלן פארביי, פונקט ווי דיינע העבאָן־שווארצע האָר, פונקט ווי דער שימער פון דיינע אויגן, ווי דער קלאַנג פון דיינע ווערטער.

זי איז צוגעפאלן צו אים, פארפלאָכטן די אָרעמס אויף זיינע אקסלען.

— ביסט א חכם, מיין קעניג. ביסט א חכם, אָבער דיין הארץ איז שוואך און פול מיט ספקות. דערלויב מיר: איך וועל אָנפילן דיין הארץ מיט נייער קראַפט, און דו פיל מיך אָן מיט דיין שוואכקייט, אזוי ווי מען פילט אָן א בעכער מיט ווײַן... פארוואָס לאכסטו, מיין ליבער?

— לעכערלעך איז די חכמה פון דיין פאָלק.

מיט דער האַנטפלאך האָט זי אויף זיינע ליפּן דערשטיקט די ווערטער.

— פארשידענע זענען די וועגן פון חכמה — האָט זי געענטפערט — נאָר זייער סוף איז בלויז איינער און דער זעלבער.

זי האָט אראָפּגעוואָרפן פון זיך דאָס פורפורנע מלבוש און גענומען טאַנצן.

דער מלך האָט דריי מאָל געפּאַטשט אין די הענט.

— זאָלן אויפשפּילן די פלייטן און צימבלען לכבוד דער שיינער מלכה!

אין זייטיקן חדר האָבן זיך דערהערט זיסע קלאַנגען. די פּלגשות האָבן זיך באַוויזן מיט ווײַן און מיט מאכלים.

און ווען די מלכה האָט אויפגעהערט צו טאַנצן, האָט דער מלך גע־רעדט צו איר לאַנג און מיט ווערטער שיינע, אויסגעזוכטע, מיט אזעלכע ווערטער, וואָס נאָר פּאָעטן און הערשער באַנוצן, ווען זייערע חושים זענען שיכור פון ליבע.

ער האָט אָנגענומען די פרוי ביי דער האַנט און געפרעגט:

— האָסט נישט קיין מורא פאר מיין ליבע?

— דו היט זיך! — האָט זי געענטפערט.

און פּלוצים האָט זי אראָפּגענומען פון קאָפּ די קרוין און זי אוועק־געוואָרפן ווייט הינטער זיך, און צעלאכט האָט זי זיך מיט א וואַנזיניקן געלעכטער און מיט פרייד האָט געהילכט איר שטימע אין די לאַנגע קאָ־רידאָרן פון קעניגלעכן פּאַלאַץ.

ערשט ווען עס האָבן זיך פֿאַרמאַכט הינטער זיי די טירן פֿון מלכּס שלאָפֿצימער, ערשט דעמאָלט איז פֿאַרשוויגן געוואָרן איר געלעכטער.

געדיכטע פֿינצטערניש האָט אַרומגענומען דעם מלכּס שלאָפֿצימער. וועמענס פּליסטער דערגייט צו די אויערן פֿון וואַכנדיקן מאַן?

— ביסט אומעטיק, מיין פֿריינד! טרינק וויין!

— הבל הבלים — ענטפֿערט דער מלך — יעדע פֿרייד איז ווי אַ נעפּל, וואָס וויקלט אַרום אונדזערע ליידן.

— ביסט נישט גליקלעך מיט דער דאָזיקער געצנדינערין?

— זים איז איר לייב, ווען זי צערטלט מיך, זיס זענען אירע אברים ווען זיי געהערן צו מיר. אָבער וואָס וועט פֿון זיי פֿאַרבלייבן?

אין טונקלסטן ווינקל פֿון חדר הערט זיך דעם אשמדאים בייזער געלעכטער. און די שטימע פֿון מלך ווערט נאָך מער אומעטיק, מיט טרויער זענען אַרומגענומען אַלע זיינע ווערטער.

— אַ הויז פֿאַר מיין גאָט האָב איך געבויט פֿון גאָלד און מאַרמאָר, טויזנטער שקלאַפֿן האָב איך מיט פֿרייהייט באַשאָנקען, טויזנטער הונגעריקע אָנגעזעטיקט און טויזנטער פֿרויען האָב איך געליבט, און נישט געפֿונען האָב איך דעם זין פֿון זייער לעבן און אויך נישט דעם זין פֿון מיין אייגן לעבן.

— האָסט נישט געפֿונען דעם זין פֿון לעבן? — שפּעט אויס אים דער אשמדאי — און אפֿשר איז עס אַ זאַך וואָס מען דאַרף גאָר נישט זוכן?

— איך האָב געטרייסט מענטשן, וואָס האָבן געטרויערט נאָך זייערע נאָענטע, אָבער דעם זין פֿונעם טויט האָב איך נישט פֿאַרשטאַנען. לידער האָב איך געזונגען וועגן ליבע — האָבן די לידער געלעבט יאָרן לאַנג, אָבער די ליבע איז פֿאַרוועלקט געוואָרן, פֿאַרוועלקט ווי די שוואַכטע פֿון בלומען. מיין פֿאָלק האָב איך געמשפּט און די אורטיילן מיינע האָבן געפֿונען חן אין די אויגן פֿון מיין דור — אָבער נישט פֿאַרשטאַנען האָב איך ביז היינט דעם זין און דעם תּוך פֿון גאָטס אורטיילן איבער אונדז.

— ביסט אַ שלעכטער מלך — האָט געפּליסטערט דער שאָטן — דיינע געדאַנקען זענען ווי אַ צעפּלאָשעטע סטאַדע קראָען. האָסט נישט קיין מיניסטאָרן? האָסט נישט קיין מכשפֿים און כּהנים, וואָס זאָלן פֿאַר דיר טראַכטן? אַ מלך דאַרף זיך נישט פֿאַרדרייען דעם קאָפּ מיט אַזעלכע

נארישקייטן. טרינק וויין! זע, די מלכה שבא ציט צו דיר אויס אירע נא־קעטע אָרעמס. אירע לענדן זענען פול מיט גיריקייט. בעסער איז איין שעה אין אירע אָרעמס, ווי די גאנצע אייביקייט נאָך אונדזער טויט.

— טויט? טויט איז נישטיקייט. און דאָס לעבן איז ווי א פּאָדער־הויז צו דער דאָזיקער נישטיקייט.

— שווייג! די געצנדינערין דערוואכט!

— מיט וועמען טיילסטו דיינע מחשבות? — פרעגט די שיינע מלכה.

— איך האָב גערעדט מיט דעם אשמדאי — ענטפערט דער מלך.

—מיט דעם אשמדאי? איז דאָס דיין דינער אָדער דיין פריינד?

— ער האָט נישט קיין געשטאלט און נישט קיין געזיכט. ער לעבט אין יעדן איינציקן פון אונדז. ער איז דער שאָטן פון אונדזער געוויסן, ער איז אונדזער שוואכקייט. אונדזער גדלות און אונדזער מפּלה.

— האָסט אים פיינט? — פרעגט די געצנדינערין.

— איך האָס אים. ער איז די פארלייקענונג פון ליבע.

די מלכה שבא האָט גענומען פּאטשן אין די הענט און איר געלעכ־טער האָט זיך צעהילכט אין די מויערן פון פּאלאַץ.

— דיין אשמדאי איז ענלעך צו אונדזערע געטער, צו דער אומ־שטערבלעכער עשתורות און צום גאָט בעל. צי איז אין דיין שיינעם פּא־לאַץ נישט פאראן קיין מזבח פאר דער אומשטערבלעכער אישטאר? אָדער פאר דעם אלמעכטיקן גאָט מולך?

— יעדע איינציקע פון מיינע פלגשות האָט אַן אַנדערן גאָט אין איר צימער. דאָס איז ביי מיר נישט פארבאָטן. איך נעם קיינעם נישט אוועק זיין אָפּגאָט. אויב דאָס איז וועמען נייטיק צום גליק...

— גליק איז א זאך, וואָס געהער בלויז צו די געקרוינטע.

דער מלך קוקט אין אירע שווארצע אויגן און זאָגט מיט א גוטמו־טיקן שמייכל:

— צי האָסטו נישט באמערקט, אז איך טראָג נישט קיין קרוין?

— א מלך אָן א קרוין! א מלך אָן א קרוין! — האָט זי אויסגע־שריגן און מיט אַן אַנדערער שטימע, ערנסט און מיט באַוווּנדערונג:

— דו טראָגסט נישט קיין קרוין, און דאָך ליבן דיך דיינע אונטער־טעניקע.

— דאָס איז קעגנזייטיקע ליבשאפט — האָט געענטפערט דער גו־טער מלך — איך ליב זיי, איך האָב אויף זיי רחמנות.

— אין מיין לאנד — האָט געזאָגט די מלכה — האָבן די קסרים ניט קיין רחמנות אויף זייערע אונטערטעניקע. מיינע אבות האָבן קיינ־מאָל נישט געליבט. זיי האָבן זיך דערוואָרבן אַ שם מיט זייער אכזריות דערפאר האָבן זיי געלעבט לאנג און אין גרויס כבוד.

— ווי איז צו מענטשן אכזריותדיקע און צו הערשער בייזע. אכזריות וועקט פּחד און נקמה.

זיינע קלוגע רייד האָבן אָבער אויף איר נישט געווירקט. זי האָט אים געוואָלט איבערצייגן און באַווייזן, ווי אַזוי אַ מלך דאַרף זיך באַציען צו זיינע אונטערטעניקע.

— ביי דער טיר פון חדר שטייט מיין אדיוטאַנט. זאָל ער אריינ־קומען...

דער מלך האָט דריי מאָל געפּאטשט אין די הענט, און ווען ביי דער טיר האָבן זיך דערהערט זעלנערישע טריט, האָט ער געזאָגט מיט פאָרוואורף:

— ביסט נאַקעט, שיינע, דעק צו דיין לייב פאַר דעם אויג פון אַ שקלאַף.

— שקלאַפן זענען נישט קיין מענטשן — האָט זי געענטפערט און איז געבליבן אין דער זעלבער אויסגעלאַסענער פּאָזע. איר לייב האָט זיך געבאָדן אין די ערשטע שטראַלן פון דער אויפגייענדיקער זון.

אויף דער שוועל האָט זיך באַוויזן דער אָפיציר, אַ נעגער, אַ הויכביי־ניקער און ברייטער, מיט האָר געקרייזלטע. ער איז געפאַלן אויף די קניען און מיט אַ זינגענדיקער שטימע האָט ער אויסגערופן:

— זיי געלויבט געטלעכע קעניגין! געגריסט זיי, מלך!

דער מלך האָט געענטפערט מיט אַ פריינדלעכן שמייכל, און זעענ־דיק, אַז דאָס געזיכט פון נעגער האָט שפּורן פון פאַרהיילטע וואונדן, האָט ער געפרעגט:

— דיין פּנים זאָגט עדות, אַז דו האָסט אָנטייל גענומען אין מל־חמות. מיט וועמען האָסטו געקעמפט?

דער שווארצער שקלאַף האָט פאַרבויגן דעם קאָפּ נאָך נידעריקער צו דער ערד און איבערגעחזרט:

— געלויבט זאָל זיין אונדזער אומשטערבלעכע מלכה!

די אומשטערבלעכע האָט זיך אויפגעהויבן פון געלעגער און איז צו־געגאַנגען צום אָפיציר.

— שטיי אויף!

— גיב מיר דיין שווערד!

ער האָט זיך אויפגעשטעלט און מיט צוגעבונדנקייט געקוקט אין אירע אויגן.

זי האָט אָנגענומען די שווערע און שארפע שווערד און א ווײַלע געקוקט אויף דעם שווייגנדיקן שקלאַף. דערנאָך האָט זי דערגענטערט די שפּיציקע שאַרף צו זיין געזיכט און ער איז געשטאַנען אומבאַוועגלעך ווי א שווארצער מאָנומענט, וואָס קיין שום וואָפן קאָן אים נישט פארלעצן. ער האָט אפילו קיין ציטער נישט געטאָן, ווען דאָס אייזן האָט דורכגעלעכערט זיין באַק און אַ דין טייכל בלוט האָט געגומען רינען און טראָפּנווייז פאַלן אויף דער ערד. ווארפנדיק די שווערד ווייט צו דער שוועל פון חדר, האָט די מלכה געזאָגט:

— וויש אוים דיין בלוט, שקלאַף!

— לעב אייביק געטלעכע! — האָט אויסגעשריגן דער אדיוטאַנט.

— אַוועק, הונט! — האָט זי אים געענטפערט און אומגעקערט זיך אויפן געלעגער.

און ווען דער שקלאַף האָט פארלאָזט דאָס צימער, האָט זי זיך צעשמייכלט און געזאָגט:

— מיינע שקלאַפן ליבן מיך.

— דיינע שקלאַפן ליבן דיך — האָט געענטפערט דער מלך — אָבער איך בין דאָך נישט קיין שקלאַף. איך האָב דיך...

זי האָט אָנגענומען זיינע ווערטער מיט צופרידנקייט, זי האָט פארשטאַנען, אז זיין האַס שעפּט נאָך נישט אוים אלע זיינע געפילן.

אָנגעבויגן איבער איר לייב, האָט ער אויסגעפליסטערט:

— איך האָב דיך. און איך באַגער...

— געלויבט זאָלן זיין אונדזערע געטער! — האָט זי אויסגעשריגן מיט א ווילד געלעכטער — געלויבט זאָל זיין דיין אשמדאי!

און אין פענצטער האָבן זיך באַוויזן די ערשטע שטראַלן פון דער אויפגייענדיקער זון.

און ווידער קומט די נאכט.

מיט אַ זיידענער שאַל פאַרדעקט ער דאָס לייב פון דער שלאָפנדיקער פרוי און לאָזט זיך ארוים אין די טונקעלע גאַסן פון דער שטאָט.

אַ ווילדע בענקשאַפט פאַרטרייבט פון זיינע וויעס דעם שלאָף, אַ ווילדע בענקשאַפט טרייבט אים ארויס פון זיין קעניגלעכן הויף. וועמען זוכט ער אין דער נאכט? וועמען?

איינזאַם איז ער, אליין איז ער —

אליין?

— איך בין לעבן דיר — פליסטערט דער אשמדאי — שטענדיק מיט דיר.

און זיי גייען ווייטער צוזאמען, נאָענטע און פרעמדע צו זיך — דער מלך און זיין שאָטן — און זיי פירן אַ וויכוח אַ לאַנגן, וואָס דויערט שוין יאָרהונדערטער גאנצע, יאָרהונדערטער.

— האָסט דיך געלאָזט באזיגן פון א געצנדינערין — זאָגט דער מלך צום אשמדאי.

— ביסט אן אומגליקלעכער מענטש — ענטפערט דער שאָטן — ביסט א משוגענער מלך, וואָס פארלאָזט ביינאכט זיין געלעגער און לאָזט זיך בלאָנקען אין די שמאָלע געסלעך פון דער שטאָט. וווהין ווילסטו אנטלויפן?

— וווהין אנטלויפן? — איבערחזרט דער מלך מיט א טרוימערישער שטימע — אונדז איז שלעכט צוזאַמען. לאָמיר זיך שיידן.

— לאָמיר זיך שיידן — איז מסכים דער שלעכטער גייסט — ווען איך זוך פארגעניגן, דערמלט ביסטו אויף פארשידענע אופנים מצער דיין שוואכן קערפער. ווען איך באמי זיך צו פארפירן די שענסטע פרויען פון דער וועלט, דערמלט זאָגסטו, אז די פילסט צו זיי פאראכטונג און האס. איך זוך כבוד און גדלות, און דו שטאָלצירסט מיט דיין הכנעה.

— אלץ, וואָס פאר דיר איז שטאָלצקייט, איז פאר מיר נישט מער ווי שאנד. גיי אוועק פון מיר, בכדי איך זאָל קאָנען ווייטער ליבן מיין לאנד און מיין שטאָט און מיין פאָלק. איך וויל זיין דער באשיידנסטער צווישן די באשיידענע. כ'וועל אריינגיין אין הויז פון מיין אונטערטעניקן און פון זיין טיש וועל איך עסן גערשטענע פלעצלעך און ציבעלעס, און אין מיין פאלאַץ וועל איך אים פארבעטן און איך וועל אים אָפוואשן זיינע מידע פיס...

— שוטה! — שרייט אוים דער אשמדאי — ווילסט איך זאָל דיך פארלאָזן? זאָל געשען, וואָס דו פארלאנגסט. איך וועל אוועק פון דיר און איך וועל דיר איבערלאָזן דאָס, וואָס דו באַגערסט. און דו לאָז מיר איבער דאָס, וואָס איך באגער. גיב מיר דיין רינג און דיין חותם — גיב

מיר די קרוין פון דיין געצנדיגעריין, און איך וועל מיך אומקערן צו איר, צו דעם ווארעמען ווייכן געלעגער, צו די סודותפולע און שיכורע מנהגים פון די בלוטדורשטיקע געטער און צו דיינע פלגשות, וואָס בלאַנקען איצט ארום אומעטיקע און פארוויינטע.

— שווייג — זאָגט דער מלך — אַלץ איז נישט מער ווי הבל הבלים.

און ער נעמט אראָפ פון פינגער זיין גאָלדענעם רינג און ווארפט אים ווייט פון זיך, און דער אשמדאי הייבט אים גיך אויף, און אין דער שטילקייט פון דער נאכט דערהערט זיך זיין טייוולאָניש געלעכטער, דאָס געלעכטער פון א שד און דאָס געוויין פון א בן אדם.

ווו איז דער מלך? צו וועמען רופט ער? צו וועמען בענקט ער אין דער נאכט?

— שולמית... שולמית...

— דאָס איז די שטימע פון מיין געליבטן — ענטפערט אים א שטילער פליסטער.

— בענקשאפט מיינע... — קלאָגט זיך דער מלך — איינזאם און אָרעם בין איך, א בן אדם בין איך...

— איך וויל זען דיין געזיכט — זאָגט מיט פרייד שולמית — קום מיט מיר, איך וועל דיך ארייגפירן אין דער שטוב פון מיין מוטער...

זיין שווייגן האָט זיך איר אויסגעוויזן פאַרדעכטיק.

— און אפשר... אפשר שעמסטו זיך ארייגצוקומען אין דער שטוב פון געוויינלעכע פאַסטעכער?

— אויך איך בין א פאַסטעך — ענטפערט דער מלך.

— איז דאָך גוט — דערפרייט זיך די יונגע — זאָג מיר ווו פאַשעסטו דיין סטאַדע, וועל איך קומען צו דיר און זעצן וועל איך מיך אין דיין שאָטן.

— איך האָב נישט קיין שאָטן, מיין שאָטן האָט מיך פארלאָזט.

— וועל איך זיין דיין שאָטן — זאָגט די יונגפרוי און דערלאנגט אים אירע ליפן, וואָס זענען פריש ווי א קוואַל.

— כ'האָב געווארט אויף דיר, מיין ליבער. איך בין ארויס אין דער נאַס, בכדי דיך צו באגעגענען, האָבן מיך געטראָפן די נאכטוועכטער. איך האָב זיי געפרעגט: ווער פון אייך האָט געזען דעם, וואָס איך ליב און באגער?

— מיט וואָס איז דיין געליבטער בעסער פון אנדערע מענער? — פרעגט דער מלך — פאַרוואָס האָסטו האָסטו גראָד אים אוועקגעגעבן דיין האַרץ?

— מיין געליבטער איז איידעלער און בעסער פון אנדערע צענטויזנט...

זי האָט אים אָנגעגומען ביי דער האַנט און אוועקגעפירט צום ווייגאָרטן, וואָס איז געווען אויפן באַרג.

עס טאָגט שוין.

שולמית וועקט זיך אויף די ערשטע און אָנגעבויגן איבערן מלך, באַטראַכט זי לאַנג זיין געזיכט.

ער האָט דערפילט איר בליק און אויפגעמאַכט די אויגן. עס איז אים געווען רואיק און פריידיק.

— ווער ביסטו? — האָט ער געפרעגט מיט א שמייכל — ביסטו א פרוי, אָדער בלויז א דמיון? אפשר ביסטו די געשטאַלט פון מיין בענקשאַפט?

מיט א פראַגע האָט זי געענטפערט אויף זיין פראַגע.

און דו ווער ביסט? דו האָסט געזאָגט, אז אויך דו ביסט א פאַסטעך. אָבער פאַסטעכער רעדן נישט אַזוי שיין. פאַרוואָס אַנטפּלעקסט דו נישט פאַר מיר דיין נאָמען?

— איך בין א מלך. א מלך, וואָס בענקט און ליידט.

— ביסט מיין מלך — האָט זי געזאָגט ערנסט — אָבער פאַרוואָס בענקסטו? מלכים בענקען נישט, מלכים ליידן נישט, מלכים זענען גליקלעך.

— איך לייד די זאָרגן און די יסורים פון אַלע מענטשן, פון נאָענטע און ווייטע, און קיין שום הילף קאָן איך פאַר זיי נישט אויסטראַכטן. די קללה פון וועלקונג און פון שטאַרבן הענגט איבער דער וועלט.

צי האָט זי פאַרשטאַנען זיינע רייד?

— דו ליידסט. ווער עס ליידט, דער איז אַן אמתדיקער מענטש און נישט א געשטאַלט פון חלום.

זי האָט אים אָנגענומען ביי דער האַנט און צוגעגעבן:

—איצט מוזן מיר זיך שיידן.

ער האָט זיך דערשראָקן פאַר דער איינזאַמקייט.

— קום מיט מיר, שיינע שולמית. אַריינפירן וועל איך דיך אין מיין פּאַלאַץ און אוועקזעצן לעבן מיר אויף דעם כסא המלכות. פאַר דיר וועל

איך זינגען די שענסטע פון מיינע שירים. קום מיט מיר. וועסט זיין מיין געווויסן און מיין הצלה...

זי האָט אויף אים געקוקט פאַרשנדיק.

— ביסטו אַן אמתדיקער מלך? — איר שטימע איז פּלוצים אומעטיק געוואָרן — ניין, איך וויל נישט, איך וויל נישט אין דיין פּאַלאַץ אריין, אין דיין פּאַלאַץ אוים מאַרמאָר און גאָלד...

ער האָט פאַרשטאַנען, אַז זי וויל אים פאַרלאָזן.

— כ'וועל וואַרטן אויף דיר — זאָגט זי, די שיינע — כ'וועל וואַרטן אויפן באַרג, דאָרט וווּ עס פּאַשען זיך מיינע שאָף. כ'וועל וואַרטן!

און שוין לויפט זי פון אים אַוועק, שוין דערהויערט זיך איר שטימע און דער מלך בלייבט ווידער אליין.

באַלד וועט שוין אויפגיין די זון, אָבער אין פּאַלאַץ לויכטן זיך נאָך די שטורקאַצן און פייערלעך און רוישיק איז אין אַלע חדרים. עס לאַכן די פאַרזאַמלטע געסט, עס זינגען די פּלגשות און דער קלאַנג פון די האַרפעס און צימבלען לאָזט זיך הערן ווייט אויסער דעם פּאַלאַץ.

צום טויער דערנעענטערט זיך א מענטש מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ — דער אומעטיקער מלך.

אויף די טרעפּ פון פּאַלאַץ שטייט דער ברייטפּלייציקער נעגער — דער אַדיוטאַנט פון דער מלכה שבא. זיין פּנים, זיינע באַקן זענען באַצייכנט מיט וווּנדן.

— דו ביסט דער אַדיוטאַנט פון דער מלכה שבא — זאָגט דער מלך.

דער שוואַרצער שקלאַף קוקט אויף אים מיט שטאָלצקייט.

— איך בין געווען דער אדיוטאַנט פון דער מלכה — ענטפערט ער.

— דו ביסט געווען? און ווער ביסטו היינט?

— די געטלעכע שבא האָט מיך געשאָנקען דעם היגן מלך, לעבן זאָל ער אייביק! איצט בין איך זיין וועכטער.

א שמייכל האָט זיך באַוויזן אויף דעם מלכס געזיכט.

— אין מיין פּאַלאַץ איז נישטאָ קיין וועכטער.

— אין דיין פּאַלאַץ? — שרייט אוים דער אָפיציר און זיין געלעכטער איז פול מיט שפּאָט — אין דיין פּאַלאַץ איז נישטאָ קיין וועכטער? און ווער ביסטו דען, אויב עס איז דערלויבט צו וויסן?

אויף דער מלך האָט זיך צעלאַכט און געענטפערט:

— אויך איך האָב שוין נישט איינמאָל געלאַכט אויס זיך אליין. אָבער איצט שטער מיר נישט און פאַרשטעל מיר נישט דעם וועג. איך בין דער מלך פון דאָזיקן לאַנד.

דער אָפיציר האָט אויף אים בייז געקוקט און געוואָרנט:

— דער ווין האָט פאַרמישט דיינע געדאַנקען. גיי אוועק בשלום, ווייל אויב נישט, וועל איך דיר שלאָגן.

— רעדסט צום קעניג!

— דער קעניג איז איצט פאַרנומען. ער איז איצט מתפלל צו די געטער. אויב ווילסט אים זען, דערנעענטער זיך צו דער שוועל, איך דערלויב עס דיר, ווייל דו האָסט געפונען חן אין מיינע אויגן. איך זע דאָך, ווער דו ביסט: א לוסטיקער יאַט, וואָס האָט ליב א גוטן וויין צו זאָגן.

זיי האָבן זיך אוועקגעשטעלט ביי דער טיר און דערזען: טישן באַדעקטע מיט מאכלים און געטראַנקען, טישן ביי וועלכע עס זענען געלעגן פרויען אויסגעלאַסענע און שיכורע מענער. אויף דעם כסא המלכות איז געזעסן א געשטאַלט אן ענלעכע צום מלך, אָבער די ענלעכקייט איז געווען נישט מער ווי אן אויסערלעכע. דער מענטש מיט דער קרוין אויפן קאָפּ האָט געהאַט א שטרענגן אויסזען, אן אכזריותדיקן אויסזען. דער מלך ביי דער טיר האָט דערקאָנט די פאַרהאַסטע געשטאַלט פון אשמדאי.

און דער שוואַרצער שקלאַף האָט געזאָגט:

— קוק, ביי דער רעכטער האַנט פון קעניג זיצט די געטלעכע שבא. זעכציק גיבורים באַוואַכן זייער שטול, וואָס איז אויסגעקאָוועט אויס רייַנעם גינגאָלד, און יעדער זעלנער איז באַוואָפנט אין א שפּיז און אין א שווערד. זע, אָט קומט דער הויפישער שר — ער פירט אריין הונדערט נאַקעטע יונגפרויען, וועלכע וועלן טאַנצן לכבוד אונדזערע געטער. די שענסטע טענצערין וועט מען מקריב זיין אויף דעם מזבח פון גאָט בעל
— געלויבט זאָל זיין דער הייליקער נאָמען זיינער.

און שוין האָבן אויפגעשפּילט די טראָמייטערס און די פלייטן, די צימבלען און די פידעלעך און הונדערט נאַקעטע מיידלעך האָבן זיך געלאָזט אין טאַנץ ארום דעם לײמענעם גאָט, און מיט יעדער מינוט איז די מוזיק געוואָרן אלץ הייסער און ווילדער, אלץ ווילדער און אלץ מער ליידנשאַפטלעך, און עס האָט זיך געדאַכט, אז ווי א פייער איז זי, אָדער ווי דער הייסער ווינט, וואָס קומט אָן פון מדבר.

און ביי דעם טויער פון פּאַלאַץ איז געשטאַנען דער מלך, אן איינזאַמער און פאַרשעמטער, א נישט דערקאָנטער — ווייל נישט דערקאָנט

האָבן אים זיינע דינער, און נישט זיינע פריינד, און נישט די איינוווי־
נער פון זיין שטאָט, און אפילו נישט זיינע שיינע קעבסווייבער. האָט ער
פּלוצים אויפגעהויבן זיין שטימע — איבער דעם גערויש פון דער אויסגע־
לאַסענער סעודה האָט זיך דערהערט זיין געשריי:

— איך בין דער מלך!

און אין דער זעלבער רגע זענען פארשטומט געוואָרן די צימבלען און
די הארפעס, און די יונגפרויען זענען פארגליווערט געוואָרן און שטיין גע־
בליבן אָן דער מיגדסטער באוועגונג, און א ווײַלע האָט געדויערט די
שטילקייט.

— ווער האָט זיך געוואגט צו שטערן אונדז? — האָט געפרעגט די
מלכה שבא.

— פירט ארויין דעם דאָזיקן פארברעכער פאר אונדזער געזיכט! —
האָט באפוילן דער אשמדאי.

עס האָבן זיך דערהערט די שטילע טריט פון מלך. ווי שיין איז ער,
דער אמתדיקער הערשער — א שמייכל בליט אויף זיינע ליפּן; אָבער
אויך די אכזריותדיקע פרוי שמייכלט, נאָר איר שמייכל איז אן אנדע־
רער, א שלעכטער.

— דיין פּנים האָב איך שוין ערגעץ געזען — זאָגט די שיינע געצנ־
דינעריין — דערנעענטער זיך און גיב מיר אָפּ כבוד!

— כבוד זענען מיר שולדיק צו יעדן אייניציקן בשר ודם, צו יעדן
אָרעמען און באשיידענעם. אָבער כבוד פאר שטאָלצע? ניין!

— ווער ביסטו? — פרעגט דער אשמדאי און די האנט, אין וועל־
כער ער האלט דעם בעכער וויין, ציטערט.

— איך בין דער מלך, וואָס האָט דיך גובר און מנצח געווען.

— און אפשר ביסטו א לייזיקער נביא, וואָס זוכט א זין פון לעבן
— אויב אזוי, וועל איך באפעלן, מען זאָל דיך ארייגוואַרפן אין תפיסה,
בכדי זאָלסט נישט שטערן קיינעם פון יענע מענטשן, וואָס זענען שטענדיק
לוסטיק און פריילעך.

— איך בין דיין געוויסן... — האָט געענטפערט דער מלך, וואָס האָט
שוין קיין מלכות נישט געהאַט.

— ביסטו א שקלאַף, אָדער א פרייער מענטש? — האָט געפרעגט
די מלכה שבא.

— איך בין א באַפרייטער מלך. גאָלד באַלאַסטעט נישט מיינע אָרעמס, זילבער ציט נישט צו דער ערד מיינע פיס, די קרוין באַלאַסטעט נישט מיינע געדאַנקען.

— געטלעכע מלכה — פליסטערט דער איבערגעשראָקענער שקלאַף — דער דאָזיקער מענטש איז שיכור.

— אויב ער איז שיכור — זאָגט די מלכה — זאָל ער טרינקען ביי אונדזער טיש און זאָל ער אונדז פאַרווײלן.

— אויב ער איז שיכור — צעלאַכט זיך דער אשמדאי — אויב ער איז שיכור, זאָל ער זיך לאָזן וווילגיין מיט איינער פון אונדזערע דינסט־מיידן. איך וועל דיר שענקען די שענסטע פון מיינע פילגשות.

— איך פאַראַכט אייך — ענטפערט דער אמתדיקער מלך.

— שטעלסט זיך אַנטקעגן מיין ווילן. האָסט נישט קיין מורא פאַר מיין מאַכט? — פרעגט דער אשמדאי.

— האָסט נישט קיין מורא פאַר מיין אכזריות? — פרעגט די געט־לעכע מלכה.

— טיראַנען זענען שקלאַפן פון זייער פחד. איך בין א באַפרייטער מלך, א פרייער מענטש בין איך.

— נישטאָ קיין פרייע מלכים — ענטפערט דער אשמדאי — אויף דער וועלט זענען פאַראַן קייטן און קרוינען. די קייט מאַכט אויס דעם מענטש א שקלאַף. די קרוין מאַכט פון דעם שקלאַף א מלך.

— דאָס האַרץ מאַכט פון דעם מענטש א מלך — ענטפערט דער אומעטיקער הערשער, וואָס האָט זיין הערשאַפט פאַרלוירן.

— איך האָב נישט קיין האַרץ — ענטפערט דער אשמדאי מיט גאווה — מיין האַרץ האָב איך פאַרקויפט פאַר דעם קעניגלעכן רינג.

— געגוג! — באַפעלט די שטאָלצע מלכה — פירט אים אוועק, וועכטער!

— זאָל איך אים הרגענען? — פרעגט איינער פון די שקלאַפן.

— פאַרטרייבט אים פון מיין שוועל!

און די שקלאַפן נעמען אָן ביי די הענט דעם פאַרטריבענעם מלך און זיי פירן אים צו דער טיר און דער המון לאַכט און זידלט, בכדי צו געפעלן דעם געקרוינטן אשמדאי.

און אויפן געזיכט פון דער שיינער מלכה באַווייזט זיך א טונקעלער וואָלקן — צאָרנדיק איז די שיינע געצנדינערין און זי לערט אויס דעם

בעכער ווין און זי שרייט אויף די קנעכט און אויך אויף די פארבע־טענע געסט, וייל אויך זיי זענען דאָך ביי איר טיש נישט מער ווי קנעכט...

— אוועק פון מיין געזיכט! אליין וויל איך בלייבן מיט מיין געליבטן!

און ווען זי בלייבט אליין מיט דעם הערשנדיקן, נעמט זי די הארפע און הייבט אָן שפילן, אָבער פאלש זענען אלע טענער און אומעטיק ווערט איר אויפן הארץ און זי רופט:

— קנעכט! גיב מיר אן אנדערע הארפע!

אָבער אלע הארפעס שווייגן, אלע הארפעס פרויערן — אוועקגעגאַנ־גען איז דאָך דער זינגער...

גרויס און ברייט איז די וועלט פון א היימלאָזן, שיין איז די וועלט פון א היימלאָזן.

אין טאָלן שאָטנדיקע, צווישע בערגלעך בליען די סעדער. יונגע פרוכטן הענגען אראָפ פון די צווייגן פון פייגנבוים. עס ווערן רייף די זיסע פאָמעראַנצן און די ערד שמעקט מיט קרייטעכצער און בלומען.

— שולמית — רופט דער היימלאָזער מלך — שולמית...

און עס ענטפערט אים דאָס געזאַנג פון די פייגל און אין דער ווייט הערט זיך דאָס רופן פון די הירטן און א ווידער־קול טראָגט צוריק זיינע ווערטער פון די ווייטע בערג.

און אָט באַגעגנט זי אים, די שוואַרצאויגיקע כלה און מיט פרייד באַגריסט זי אים:

— ביסט געקומען, מיין מלך. ביסט געקומען.

און זי זעט ווונדן בלוטיקע אויף זיין קערפער און די מלבושים זיינע זענען צעריסן.

— ווער האָט עס דיר געטאָן, מיין ליבער? ווער האָט געוואַגט?

און ער דערציילט איר, וואָס מיט אים האָט פאַסירט.

— א פינצטערניש האָט ארייַנגעדרונגען אין מיין הויז, א פינצטער־גיש, וואָס לאָזט נישט צו קיין ליכט. בין איך אוועק פון מיין פאַלאַץ, וואָס איז קאַלט ווי מאַרמאָר און זינדיק ווי א שאַנדהויז. די וועכטער האָבן מיין מאַנטל צעריסן און געשלאָגן האָבן זיי מיך. דער המון איז מיר נאָכגע־לאָפן מיט זידלעריי און געלעכטער. קיינער האָט מיינע רייד נישט גע־וואָלט פארשטיין און מיינע אמאָליקע גוטע פריינד האָבן געשריגן, אז איך בין משוגע, אז איך בין א ליץ, וואָס וויל נישט אָפּגעבן כבוד דעם מלך און זיין געקרוינטער פרוי.

— דו לײדסט — האָט געזאָגט שולמית — אָבער אין דײַנע אױגן זע איך א פרײד א גרױסע.

— איך ליַיד, אָבער איך בין פרײ. װעסט גײן מיט מיר, שײנע מײַנע?

— װוהין װעסטו מיך פירן? — האָט זי געפרעגט.

— די װעלט װעט זײַן אונדזער הײם. שטערן װעלן באַלױכטן אונ־דזער װעג. דער הימל װעט אונדז זײַן פאַר א דאַך.

— דער הימל איז א דאַך פאַר אָרעמע און הײמלאָזע — זאָגט די הירטין.

— אָרעמקײט און רײַכקײט, אַלץ איז אין אונדזערע הערצער. װעסט גײן מיט מיר. שטענדיק װעסטו זײַן בײַ מײַן זײַט.

די שײנע שולמית האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, א טרער האָט זיך באַװיזן אין איר אױג.

— שױן זשע װעסטו גליקלעך זײַן מיט מיר? שטענדיק װעלן דיך באַגלײטן דײַנע באַגערן און דײַנע לײדן.

— מוז איך שױן שטענדיק זײַן אײנזאַם? — פרעגט דער מאַן אין צעריסענע קלײדער.

— װעסט אײביק בענקען, מײַן מלך, אָבער װעסט קײנמאָל נישט זײַן אײנזאַם. הערצער באַפרײטע קאָנען נישט קײן אײנזאַמקײט, הער־צער באַפרײטע זענען רײנסטע ליבע.

ער האָט געהאָרכט אירע װערטער, באַװוּנדערט איר חכמה.

— אַלײן װעסטו גײן און די װעלט װעט זײַן דײַן קעניגרײַך — האָט זי װײַטער געצױגן — װעסט צוטראָגן צו מענטשן דײַן בענקשאַפט און אױך דײַן ליד, דאָס שענסטע ליד װעגן דער גרױסער און אומשטערבלע־כער ליבע. דײַן ליד װעט זײַן א טרײסט פאַר לײדנדיקע און א האָפענונג פאַר ליבנדיקע. אײביק װעט לעבן דײַן ליד.

— און דו? — האָט געפרעגט דער מלך — דו, װאָס ביסט דאָס האַרץ פון מײַן האַרץ?

— איך װעל װױנען אין דײַן ליד, אזױ װי איך װױן אין דײַן האַרץ. אין ליד װעסטו אױסקאָװען מײַן יוגנט און מײַן ליבשאַפט, אין שיר װעסטו פאַראײביקן דאָס פײַער פון מײַנע קושן און דעם געשרײ פון מײַן לײדנ־שאַפט. אין דײַנע געזאַנגען װעל איך לעבן אײביק.

ער האָט זי גענומען אין די אָרעמס און זי האָט אים געקושט און געהאַלדזט — דעם מענטש אין צעריסענע קלײדער — און זי האָט עס געטאָן מיט פרײד, געלאַכט האָט זי צו אים און אירע צײן זענען געװען

ווייס ווי דער שניי אויף די הויכע בערג פון איר היימלאנד, און דער ווינט האָט געצערטלט אירע שוואַרצע האָר; און איר קול איז געווען שטאַרקער פון וויכער, וואָס האָט זיך געטראָגן פון צפון.

— עס וועלן הרוב ווערן פּאַלאַצן געבויטע אויס פּימצן־האָליץ, און פאַלן וועלן צו דער ערד געטער לייםענע, און אין פאַרגעסנקייט וועלן זיך צעשווימען די נעמען פון קיסרים און הערשער, אָבער אומשטערבלעך וועט פאַרבלייבן אונדזער ליבע. גיי צו דער וועלט, מלך!

איז ער אוועק אין דער ברייטער וועלט, און באַגלייט האָבן אים זיינע געזאַנגען, די שיינע שירים זיינע, אין וועלכע בענקשאַפט און ליבע פאַרפלעכטן זיך, און פרייד מיט אומעט גיבן זיך די הענט.

און מענטשן באַגעגענען אים און גייען לעבן אים פאַרביי און ווייסן אפשר גישט, אז דאָס איז דער וואַנדערער דער אייביקער, דער פרייער מלך, וואָס די וועלט איז זיין היים, און זיין דאַך — דער בלויער הימל איבער אונדז...

מיניאטורן

אַ מענטש מיט אַ הינטל

איינער פון מיינע קאָלעגן האָט מיר דערציילט אַ מעשה וועגן זיין שכן, וועלכער האָט זיך, נישט דאָ געדאַכט, אויפגעהאָנגען אין קעלער, ווייל עס האָבן אים געמאַטערט בייזע זכרונות.

— דער דאָזיקער מענטש איז מיט פיל יאָרן צוריק באַגאַנגען אַ פאַרברעכן, אָבער קיין עדות פון דאָזיקן פאַרברעכן איז נישט געווען, ווייל יענע, וועלכע האָבן געקאָנט זאָגן עדות קעגן אים, האָבן שוין נישט געלעבט. אַזוי אַרום האָט זיך געקאָנט דאַכטן, אַז די האַנט פון גערעכטיקייט וועט שוין מיין שכן נישט דערגרייכן. אָבער אין אַ געוויסן טאָג האָט ער אין טראַמוויי באַגעגנט עמעצן פון יענע צייטן און די דאָזיקע באַגעגעניש האָט געזאָלט האָבן אַ דעצידירנדיקע ווירקונג אויף דעם גורל פון צוקונפטיקן זעלבסטמערדער. זייט דער דאָזיקער באַגעגעניש האָט עמעץ טאָג איין, טאָג אויס געקלינגען צו מיין שכן און געפרעגט מיט אַן אומעטיקער שטימע (און אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דאָס איז אַ שטימע פון יענער וועלט): „צי איז דאָס דער פּראָקוראָר?" — אָדער: „איך וויל רעדן מיטן ריכטער..." טייל מאָל פלעגט יענע שטימע אין טעלעפאָן־טרייבל פרעגן, צי דאָס איז דער אינסטיטוט פון קרימינעלער מעדיצין, אָדער וועגן אַנדערע ענלעכע אַנשטאַלטן, וואָס אַ געוויינלעכער בשר ודם האָט ליבער מיט זיי נישט האָבן צו טאָן. מיין שכן האָט געציטערט ביי יעדן איינציקן פון די דאָזיקע טעלעפאָן־שמועסן און ענדלעך האָט ער אין אַ געוויסן טאָג אָפּגעזאָגט זיך פון טעלעפאָן, און ערשט דעמלט האָט ער פריי אָפּגעאָטעמט. אָבער די פרייד איז געווען אַ קורצע, ווייל אינגיכן האָט ער ווידער באַגעגנט דעם זעלבן פאַרשוין, דעם עדות און נקמה־נעמער, ער האָט אים באַגעגנט אויף דער גאַס — אַליין אָפּטער האָט ער אים אָנגעהויבן צו באַגעגענען און אַליין נעענטער פון דער אייגענער שטוב. אַזוי לאַנג האָט עס געדויערט, ביז מיין שכן האָט אויפגעהערט אַרויסצוגיין פון שטוב, ער האָט זיך פאַרשלאָסן אויף זיבן

שלעסער און בלויז פון צייט צו צייט פלעגט ער אריינקומען צו מיר כאפן א שמועס, אדער בארגן א זעמל. איינמאל האט ער מיך אויפגעוועקט ביינאכט און דערציילט, וואס עס טוט אים וויי. ער האט געוואלט אראפווארפן פון זיך די זינד, אראפווארפן פון הארץ און פון געוויסן, אבער עס האט אים אויסגעפעלט צוטרוי צו מיר און איך בין נישט געווויר געווארן, וועגן וו א ס פ א ר א פארברעכן עס האנדלט זיך. איך האב בלויז פארשטאנען, אז עס איז געווען א מאט א שרעקלעכע, א גרויזאמע און אכזריותדיקע. אבער דער דאזיקער שמועס האט אים, זעט אויס, גארנישט געהאלפן, ווייל אין א צייט ארום האט ער זיך אויפגעהאנגען.

דער קאלעגע האט פארענדיקט זיין דערציילונג, אבער נישט אלץ איז דא פאר מיר געווען קלאר.

— און ווער איז געווען דער דאזיקער מענטש? — האב איך געפרעגט — ווער איז ער געווען, דער דאזיקער סודותפולער עדות?

— א שווערע זאך צו ענטפערן — האט געזאגט מיין קאלעגע — שטעלט אייך פאר, אז איך בין נאכגעגאנגען אויף דער לוויה פון דאזיקן מענטש און איך בין געווען דער איינציקער, וואס האט אים באגלייט צו זיין אייביקער רו. ניין, נישט דער איינציקער, ווייל חוץ מיר איז דארט געווען נאך איין פארשוין — א מאדנע באשעפעניש, א קליין מענטשעלע מיט א פליך און מיט ברילן און מיט א קליין הינטעלע, פון יענע הינטעלעך, וואס מען קאן זיי טראגן אפילו אין בוזעם־טאש. איך בין צוגעגאנגען צום דאזיקן פארשוין און האב געפרעגט: „האט איר געקאנט דעם געשטארבענעם? זענט איר אפשר זיין קרוב? אדער זיין פריינד?" דער מענטש מיטן הינטל האט געענטפערט: „ניין, נישט קיין קרוב און נישט קיין פריינד. אפילו נישט קיין באקאנטער. איך האב אים איינמאל באגעגנט אין טראמוויי און שפעטער א פאר מאל אויף דער גאס, ווייל איך וווין דא נישט ווייט, און איך האב ליב באקומען צו קוקן אויף זיין געזיכט, ווייל דאס דאזיקע שיינע און איידעלע געזיכט האט מיר דערמאנט אין איינעם פון מיינע אמאליקע פריינד, וואס לעבט שוין נישט. און היינט בין איך געווויר געווארן וועגן דאזיקן אומגליק, וועגן דאזיקן טראגישן טויט און איך האב באשלאסן צו באגלייטן דעם דאזיקן אומבאקאנטן צו זיין אייביקער רו. איך האב אייך שוין געזאגט, אז איך וווין דא נישט ווייט, כמעט אין שכנות".

אזוי האָט געזאָגט דער מענטש מיטן הינטל און איך האָב ווייטער געפרעגט: „און פארוואָס האָט איר צו אים טעלעפאָנירט? פארוואָס האָט איר אים פארפאָלגט?“ — „איך? קיינמאָל האָב איך צו אים נישט טעלעפאָנירט, איך האָב דאָך אפילו זיין נאָמען נישט געקענט. ערשט היינט בין איך געוואויר געוואָרן, וויאזוי ער האָט געהייסן“... אָט אזא תשובה האָט מיר געגעבן דער מענטש מיטן הינטל. האָט איינציקע, וואָס איז מאָדנע אין דער דאָזיקער געשיכטע, איז דאָס, וואָס דעם מענטש מיטן הינטל האָב איך מער נישט געזען, כאָטש איבערגעהזרט האָט ער אזש צוויי מאָל, אז ער וווינט דאָ נישט ווייט, אין שכנות...

— זייער אן אינטערעסאנטע דערציילונג — האָב איך געזאָגט און זיך פארטראכט, וויפל אין דער דאָזיקער מעשה איז פאראן אמת און וויפל ליטעראטור. — אינטערעסאנט, כאָטש אפשר אביסל מיסטיש...

— איך מיין — האָט ווייטער געצויגן מיין קאָלעגע, וועלכער איז אויך א שריפטשטעלער פון בארוף — איך מיין, אז דעם דאָזיקן מענטש מיטן הינטל וועל איך שוין קיינמאָל נישט זען. ער האָט געהערט בלויז צו דער דאָזיקער מעשה, צו דער מעשה וועגן מיין שכן. די מעשה האָט זיך אָבער פארענדיקט אויף א גערעכטן אופן און דער מענטש מיטן הינטל האָט שוין נישט דאָ וואָס צו טאָן. יעדער פארברעכער האָט זיין מענטש מיט א הינטל.

— פארוואָס דווקא מיט א הינטל? — האָב איך געפרעגט.

— איך זאָג נישט, אז ער מוז זיין מיט א הינטל. קאָן זיין אָן א הינטל. קאָן זיין מיט א קעצל, אָדער אָן א קעצל.

— איך פארשטיי, ליבער קאָלעגע, וואָס איר זענט אויסן. איך מיין אָבער, אז אין צוקונפט וואָלט בעסער געווען איר זאָלט דערציילן פרייליכערע מעשיות.

די זיסקייט פון לעבן

— מענטשן ווייסן נישט וויאַזוי צו לעבן — האָט צו מיר געזאָגט איינער אַ זקן, מיט וועלכן איך פאַרברענג פון צייט צו צייט אַ שעה, צוויי — מענטשן נעמען זיך איבער מיט יעדער קלייניקייט, זיי דענערווירן זיך און רעגן זיך אויף, און מען קאָן זאָגן, אַז מיט די אייגענע הענט גראָבט יעדער איינער פאַר זיך אַ קבר. יאָ, יאָ, מענטשן זעען נישט, אַז די וועלט איז שיין און דאָס לעבן איז זיס.

— די וועלט איז שיין? דאָס לעבן איז זיס? — האָב איך מיך געחידושט — איר זאָגט עס ערנסט? איר, וואָס האָט אַזויפיל ליידן דורכגעמאַכט און אַזויפיל פיין דורכגעלעבט?

און דאָך איז עס זיס—האָט געזאָגט דער אַלטער מאַן—כאָטש עטוואָס צו קורץ איז עס. אָט, אין אַ געוויסן טאָג דערפילסטו אויף זיך עמעצנס בליק, וואָס באַטראַכט דיך מיט מיטגעפיל, עמעץ באַמערקט, אַז דו̈ עטעמסט אַ ביסל צו שווער און שוין מאַכט מען דיר אַן אָרט אין דעם איבערפולטן טראַמוויי, אָדער עס טרעפט זיך ווער, וואָס דערלאַנגט דיר די האַנט ביים אויסשטייגן... און דו פאַרשטייסט, אַז דאָס גיט מען שוין אָפּ כבוד דיינע גרויע האָר און דיינע אַלטע יאָרן און דיין שוואַכן קערפער... דערמאָלט דערפילסטו אַ מאָדנעם ווייטיק אין האַרץ... פרויען ווילן שוין נישט האָרכן דיינע קאָמפּלימענטן, זיי שמייכלען שוין נישט צו דיר, זיי לאַכן מיט שפּאָט — אָט אַזוי קומט זי אָן, די ביטערע עלטער...

און ווען מיר האָבן אַזוי גערעדט וועגן לעבן און וועגן וועלקונג, איז צוגעקומען נאָך איין דערפאַרענער מענטש און אויך ער האָט צוגעוואָרפן אַ פּאָר באַמערקונגען.

— מענטשן זענען גיריק, פּונקט ווי זיי וואָלטן געהאַט אַ פאַרזיכערונג פון מלאך־המות, אַז זיי וועלן לעבן נאָך גאַנצע הונדערט יאָר. און טיילמאָל האָבן זיי פאַר זיך נישט מער ווי אַ פּאָר וואָכן. אַנדערע לייט זענען ווידער אַזוי לייכטזיניק, ווי זיי וואָלטן געווען איבערצייגט, אַז צום

סוף פון דער וועלט איז פארבליבן נישט מער ווי א פאָר שעה, און דער־ווייל לעבן זיי נאָך צענדליקער יאָרן.

— און מיר דאכט זיך — האָב איך געזאָגט — אז לאַנג און אינ־טערעסאַנט לעבן די פשוטע בעטלערס. זאָרגלאָז לעבן זיי און קלוג. זיי וואַנדערן ארום פון שטאָט צו שטאָט, זיי אָטעמען די פרישע לופט פון וועלדער און פעלדער, זיי ווייסן נישט פון קיין שום זאך און זיי ווילן נישט ווייסן. זיי לעבן לאנג און שטארבן גליקלעך, גאָרנישט האָבן זיי צום באַדויערן. טיילמאָל האָב איך א גרויסן יצר־הרע צו לאָזן זיך אין דער וועלט אריין און צו ווערן א בעטלער, א פרייער וואַנדערנדיקער בעטלער...

— נישט אלע קאָנען מיר דאָך זיין בעטלערס — האָט גוטמוטיק געענטפערט דער אלטער מאַן — און נישט אלע קאָנען שטארבן גליק־לעך, ווייל סוף כל סוף, באדויערט דאָך יעדער מענטש, וואָס דאָס לעבן איז אזוי קורץ. איך מיין, אז די חכמה פון לעבן באשטייט אין דעם, וואָס דער מענטש דארף אויספילן זיינע פליכטן און דארף זיך נישט אריינלאָזן אין נביאות. קוקט, אָט איז א זייגער, א קלוגע זאך — דער זייגער גייט און גייט, און קלינגט אויס זיינע שעהן און עס קימערט אים נישט, ווען עס וועט פּלאַצן זיין פרוזשינע, אָדער ווען עס וועט זיך אויסרייבן איינס פון זיינע טרייבלעך. און אזוי דארף זיך אויפפירן דער מענטש: האָבן א רואיק געוויסן, א געזונטן שלאָף, א שמייכל אויף די ליפּן און א גוטסקייט אין הארץ. דעמלט ווען דער מענטש פירט זיך אזוי, דערפילט ער א מאָדנע זיסקייט אין דער וועלט און אין לעבן.

אַ מעשה מיט אַ דאָנערשטיק

אמאָל, ווען עס זענען נאָך געווען אויף דער וועלט לצים און פּירשטן — האָט אַ לץ זיך פאַרשטעלט פאַר אַ פּירשט און געקומען צו גאַסט אין אַ קליין שטעטל. פון זיין זעקספעדיקער ברישקע איז ער ארומגעשטיגן און באַגריסט זיך שיין מיט די אָרטיקע מיוחסים.

— אַ שיינער זונטיק היינט — האָט ער געזאָגט, ווייל פרייטער און יום־טובדיק איז אים געווען אויפן האַרצן — איך האָף, אַז די בירגער פון אייער שטאָט פאַרברענגען דעם דאָזיקן טאָג אַזוי ווי עס פּאַסט פאַר אָנשטענדיקע מענטשן.

— געווים, געווים... — האָט צוגעבאָמקעט דער בירגערמייסטער, און געווען איז אים אַ ביסל מאָדנע, ווייל געוווסט האָט ער דאָך, אַז נישט זונטיק איז עס, נאָר אַ געוויינלעכער וואָכעדיקער דאָנערשטיק. ער האָט אַבער פאַרשטאַנען, אַז עס פּאַסט נישט אַנטקעגנצושטעלן זיך דער מיינונג פון פּירשט.

צומאָרגנס האָט די אָרטיקע צייטונג באַוויזן זיך מיט דער דאַטע פון מאָנטיק, כאָטש אויף דער גאַנצער וועלט איז ערשט געווען פרייטיק. און נאָך מאָנטיק איז געקומען דינסטיק, און זינט דעמלט, ווען אויף דער גאַנצער וועלט איז ערשט מיטוואָך, איז דאָרט אין דעם קליינעם שטעטל שוין שבת.

און די גוטמוטיקע איינוווינער פון דער דאָזיקער שיינער אָרטשאַפט האָפן, אַז אין אַ געווים טאָג וועט זיי ווידער באַזוכן אַ פּירשט מיט אַ זעקספערדיקער ברישקע און וועט פאַרריכטן זייער קאַלענדאַר.

אָבער ווו נעמט מען היינט אַ לץ, וואָס זאָל זיך וועלן פאַרשטעלן פאַר אַ פּירשט און אַרומרייזן אין אַ זעקספערדיקער ברישקע?

עבנהאָלץ איז שוואַרץ

זעקס און דרייסיק מאַן האָבן זיך אוועקגעזעצט צום טיש און איינער פון זיי איז געווען שוואַרץ ווי עבנהאָלץ.

האָבן זיך פון אים אוועקגערוקט ווייסע און בלאָנדע און געלע און אַלע, וואָס זייער הויט און זייערע האָר זענען געווען העלער פון עבנ־האָלץ.

און זיי האָבן אויף אים געקוקט מיט האַס, און זיי האָבן גענומען טראַכטן און פרעגן איינער ביים צווייטן: איז עס דען מעגלעך, אַז אויך דער דאָזיקער פאַרשוין זאָל זיין באַשאַפן בצלם אלוהים? ער איז דאָך שוואַרץ, ווי דאָס עבנהאָלץ.

האָבן זיי אים פאַרשעמט און פאַרטריבן פון זייער טיש, כאָטש זיין הויט איז דאָך געווען גלאַנציק און שיין ווי דער שיינער איידעלער בוים, וואָס טראָגט דעם נאָמען עבנהאָלץ.

און די צייטן זענען געווען גרויזאַמע און גרויזאַם זענען געווען די געזעצן — האָט מען אים פאַרמאַכט אין אַ קאַמער און אַרומגערינגלט מיט דערנער און עס האָבן נישט געהאָלפן זיינע פרעגנדיקע בליקן, און עס האָט נישט געהאָלפן, וואָס זיין נשמה איז געווען ווייס ווי שניי — זיין לייב איז דאָך טונקל, ווי דאָס האָלץ פון העבאַן, וואָס מיר רופן עס עבנהאָלץ.

און פיל בדחנים און פערזן־שרייבער האָבן גענומען באַזינגען און באַוויינען און שרייבן לידער וועגן שוואַרצן מענטש, וואָס זיין הויט איז פיל שענער און טונקעלער ווי דער שוואַרצער בוים פון עבנהאָלץ.

באַרעמהערציקע

א לויב צו די באַרעמהערציקע — זייערע ליפּן זענען געגליכן צו א קוואַל פון האָניק.

א בעל־רחמנות האָב איך באַגעגנט: א פידעלע האָט ער אוועקגעשענקט א מענטש, וואָס האָט פאַרלוירן די הענט און פאַר א קאַליקע אָן פיס האָט ער צוגעגרייט א מתנה — א פּאָר שטיוול נייע...

כ'האָב געהערט וועגן דיכטער, וואָס פאַרטיילן זייערע העקסאַמעטערן צווישן אַזעלכע, וואָס קאָנען נישט לייענען.

און געזען האָב איך מענטשן מאָדנע און וויכטיקע, וואָס האָבן געהאַט ברויט פאַר טויטע, און פאַר לעבעדיקע — שטיינער.

און איך האָב נישט געקאָנט פאַרשטיין, פאַרוואָס די האָזיקע מעשים זייערע האָבן ביי קיינעם קיין פאַרוואונדערונג נישט געוועקט.

און איך?

אויך איך בענק צו מעשים טובים.

אָט האָב איך אין דער האַנט א הוט, א צילינדערהוט א גלאַנציקן און שמאָלצן — דאָס וועט זיין מיין געשאַנק פאַר א געוויסן בכבודיקן און וואַזשנעם פאַרשוין, וועלכער... פאַרמאָגט נישט קיין קאָפּ...

רחמנות

מיר זענען געזעסן אין עסצימער פון מיין פריינדין, געגעסן יום־טובֿ־דיקע מאכלים און געפירט א געמיטלעכן שמועס.

— אין די היינטיקע צייטן האָבן די מענטשן אינגאַנצן פאַרלוירן דאָס געפיל פון רחמנות... — האָט אין א געוויסן מאָמענט א זאָג געטאָן איינער פון מיינע קאָלעגן.

— רחמנות? — האָט א וואָרקע געטאָן דער צווייטער — רחמנות איז נישט מער ווי אַ לעכערלעכע פראַזע.

— און דאָך איז גוט, ווען מען געפינט אין לעבן א מיטפילנדיקע רחמנותדיקע נשמה — האָט געזאָגט מיין פריינדין — פאַר אַ פרוי האָט דאָס זייער אַ גרויסע באַדייטונג.

— געוויס — האָט זיך אָנגערופן איינער פון די אָנוועזנדיקע, וועגן וועלכן מיר האָבן געוווּסט בלויז, אַז ער איז אַ מענטש א גוטמוטיקער און לוסטיקער, און פון באַרוף איז ער אַ קברן — אנטשולדיקט, וואָס איך דערלויב מיר צו נעמען דאָס וואָרט. איך האָב געקאָנט א געוויסן פאַרשוין, וואָס איז דאָס גאַנצע לעבן געווען אָרעם און אומגליקלעך, און ערשט אין שעה פון שטאַרבן האָט ער זוכה געווען צו באַגעגענען זיך מיט רחמים.

— אַזוי שפּעט? ערשט אין שעה פון שטאַרבן? — האָט געפרעגט אונדזער באַלעבאָסטע — האָט ער געהאַט זייער אַ שווערן טויט?

— וואָס פאַר א לעבן, אַזאַ טויט — האָט פילאָזאָפיש געענטפערט דער קברן — יעדער טויט איז שווער. ווען עס זאָל אַנדערש זיין, וואָלטן זיך אַלע לעבעדיקע געשטופּט און געריסן צום שטאַרבן. וואָס שייך דעם דאָזיקן פאַרשוין, קאָן איך אייך זאָגן מיט דער פולער זיכערקייט, אַז ער איז געווען א מאַרטירער. וואָס ער האָט אין לעבן געטאָן — האָט ער געטאָן שלעכט, און שטענדיק איז ער פאַר עמעצן געווען ווי אַ שטרוי אין אויג. איינע האָבן פון אים חוזק געמאַכט, אַנדערע האָבן אים אונטערגע־שטעלט א פוס...

— אַזוי איז עס... — האָט אַ זיפּץ געטאָן מיין פריינדין — אַזוי קומט עס פאָר אין לעבן.

— און שפּעטער — האָט ווייטער געצויגן דער קבֿרן — שפּעטער איז דעם דאָזיקן מענטש געגאַנגען אַלץ ערגער און ערגער, און קיינער האָט נישט געוווסט, וואָס מע זאָל מיט אים טאָן. ענדלעך האָט זיך געפונען איינער אַ חכם, וואָס האָט פאָרגעלייגט, מען זאָל דעם שלימזלדיקן פאַרשווין העננען. דער איינפאַל איז יעדן איינעם געפעלן געוואָרן און באַלד האָט מען זיך גענומען צו דער זאַך. מען האָט אים אַוועקגעפירט אויף דעם אַלטן בית עולם און אויפגעהאָנגען אויף אַ צווייג פון אַ ווילדן באַרן־בוים. אָבער אַז עמעץ האָט נישט קיין מזל... בקיצור — דער שטריק האָט געפּלאַצט און דער עולם אַרום האָט מיטאמאָל דערפילט אַ גרויס רחמנות צו דעם געהאָנגענעם. „אַן אומגליקלעכער מענטש, אַפילו אַ שטריק איז אים נישט באַשערט צו האָבן אַזעלכן, ווי עס דאַרף זיין...“

דער קבֿרן האָט איבערגעריסן די דערציילונג, און אויף זיין געזיכט האָט זיך באַוויזן אַ האַרציקער שמייכל.

— נו, און וואָס איז געשען ווייטער? — האָט געפרעגט די באַלעבאַסטע.

— איך האָב דאָך שוין געזאָגט. צום ערשטן מאָל האָט דער דאָזיקער מענטש זיך באַגעגנט מיט רחמנות. עס האָט זיך אין מענטשלעכע הערצער דערוועקט אַ מיטגעפיל. איינער פון די בעלי רחמים איז גיך געלאָפן אין קראָם אַריין און געקויפט אַ שפּאָגל נייעם שטריק.

— און האָט מאָל האָט שוין דער שטריק נישט געפּלאַצט?

— אָ, ניין. דאָס איז געווען אַ גוטער, געזונטער שטריק — האָט געענטפערט דער קבֿרן און צוגערוקט צו זיך דעם טעלער מיט קעז־קוכן.

— זאָגט, וואָס איר ווילט, רחמנות איז דאָך אַ גרויסע זאַך... האָט מיין פריינדין פאַרענדיקט דעם שמועס און גענומען דערלאַנגען קאַווע...

ראָזעוועברילן

— איך פאַרקויף ברילן, ראָזעווע ברילן אין גרינע אָפּטימיסטישע רעמלעך! מיין מסחר איז אַן ערלעכער און פּראָספּערירט אויסגעצייכנט.

— ראָזעווע ברילן! קויפט ראָזעווע ברילן! דורך זייערע גלעזער פּליסט בלויז לויטערע שיינקייט...

מענטשן קויפן ראָזעווע ברילן און קוקן דורך זיי, בכדי צו קאָנען ליבן און לאַכן.

אַ טייל פון מיינע קונים שיידן זיך נישט מיט די וואונדערלעכע ברילן אַפילו אין שלאָף — זייערע חלומות זענען דעמלט אַזוי שיין.

— קויפט ראָזעווע ברילן! ווי קאָן מען לעבן אָן ראָזעווע ברילן?...

אין אַ געווימן טאָג

עס וועט קומען דער האַרציקער פריינד און וועט זאָגן:

— איך שווער, אַז פון היינט אָן וועל איך אויף דיר גישט אַרויס־ברענגען קיין שלעכט וואָרט.

אַ פאָרשטייער פון דער מאַכט וועט קומען און זאָגן:

— מיר זעגען פון דיר זייער צופרידן, קיינמאָל האָבן מיר נישט גע־גלייבט אין די רכילות פון דייגע גוטע פריינד.

און אומבאַקאַנטער פּראָסטער מענטש וועט קומען און זאָגן:

— מיין שטוב איז דיין שטוב — לאָמיר זיין צוזאַמען. אָט איז ברויט, אונדזער ברויט, עס און זאָל דיר זיין צום געזונט.

עס וועט קומען דער רוצח, וואָס לויערט אין דער נאַכט, און וועט זאָגן:

— זיי מיר מוחל, איך וועל שוין קיינמאָל מער נישט הייבן די האַנט אויף אַ מענטשן.

און עס וועלן נאָך קומען אַנדערע, פיל אַנדערע — און יעדער פון זיי וועט זאָגן ווערטער שיינע און האַרציקע.

און געשען וועט עס אין אַ געווימן טאָג.

דער שיכור

איך בין געווען איינזאַם. אַחוץ איר האָב איך נישט געהאַט קיינעם.

איך האָב ליב געהאַט צו גלעטן איר שלאַנקע געשטאַלט — זי איז געווען קיל. דורכזיכטיק און מלא חן.

איך האָב צו איר גערעדט: „דו ברענגסט מיר נישט קיין גליק און דאָך קאָן איך אָן דיר נישט לעבן".

זי האָט געשוויגן.

איך האָב געליבט איר גערוך, כאָטש אַנדערע מענטשן פלעגן זיך פון איר אָפּקערן מיט עקל.

איך האָב מיך צוגעבונדן צו איר. נאָר זי איז געווען אימשטאַנד צי שטילן מיינע יסורים.

פיל טעג און נעכט האָב איך מיט איר פאַרבראַכט. נישט איינמאָל האָט זי ביי מיר צוגענומען דעם געזונטן פאַרשטאַנד — דעמלט זענען מיינע טאַטן געווען לייכטזיניק. פלעגט טרעפן, אַז די דורכגייער האָבן געקוקט אויף מיר מיט שפּאָט:

— אַ שיכור!...

אַנדערע האָבן געשעפּטשעט מיט מיטגעפיל:

— אן אומגליקלעכער מענטש!...

האָב איך זיך געפילט פאַרשעמט און ווידער געזוכט א טרייסט אין איר — אין דער לויטערער פלאַש משקה...

אַ מאָדנע רייזע

דאָס איז געווען זייער אַ מאָדנע רייזע.

ווען איך האָב אַרויסגעקוקט דורכן פענצטער פון וואַגאָן, האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז מיר באַוועגן זיך מיט אַן אויסערגעוויינלעכער גיכשווינדיקייט. מיר זענען געפאָרן דורך אַ מאָלערישער געגנט, אין וועלכער עס זענען געווען טיפע אָפּגרונטן, טונקעלע טונעלן און בריקן, וואָס האָבן זיך געוואַקלט איבער די רייסנדיקע וואסערן פון טייך.

די קאָנדוקטאָרן און אויך די פּאַסאַזשירן האָבן נערוועז געקוקט אויף די זייגערלעך, זיי האָבן באַוואונדערט די שנעלקייט פון צוג און געפירט אַ לעבהאַפטן וויכוח וועגן דעם, ווי ווייט עס איז נאָך צום ציל פון דער רייזע.

זיי האָבן נישט געקוקט אויף די אויפשריפטן, וועלכע האָבן געוואָרנט, אַז מען טאָר זיך נישט אַרויסבייגן דורכן פענצטער — אין גערדיכטן געפּל האָבן זיי געוואָלט דערזען דעם ציל פון דער רייזע. זיי האָבן פאַרזיכערט, אַז זיי זעען שוין דעם וואָקזאַל, צו וועלכן עס פירט דער צוג.

טיילמאָל פלעגט טרעפן, אַז עמעץ איז נישט געווען גענוג פאָרזיכטיק און האָט זיך צופיל אַרויסגעבויגן. איז ער פון דעם לויפנדיקן צוג אַרויסגעפאַלן. דעמלט האָבן די פּאַסאַזשירן געשאָקלט מיט די קעפּ און געמורמלט קדיש. דער צוג איז, פאַרשטייט זיך, געפאָרן ווייטער.

נישט דאָס אָבער איז געווען דאָס וויכטיקסטע, נישט דאָס איז געווען מאָדנע.

ווען דער צוג האָט זיך פאַרהאַלטן און די אויפגערעגטע פּאַסאַזשירן זענען אַרויס פון די וואַגאָנען, האָבן מיר זיך געפונען אויף דער זעלבער סטאַציע, פון וועלכער עס האָט זיך אָנגעהויבן די רייזע.

ביז היינט קאָן איך נישט פאַרשטיין, וויאַזוי דאָס איז געשען...

ענטוזיאַזם

דער דאָזיקער מענטש האָט געהאַט מאָדנע איינפאַלן.

יאָרנלאַנג האָט ער זיך באַמיט צו דערווייזן, אַז דער שטראָם פון טייך שווימט באַרג־אַרויף. די זאַך איז אים נישט געלונגען, אָבער גערדויערט האָט עס אַזוי לאַנג, אַז ער האָט זיך צו דעם דאָזיקן געדאַנק צוגעוווינט און געגלייבט אין אים מיט דער פולער אמונה.

— זעט, ווי דער טייך פליסט באַרג־אַרויף! אָט איז האָס געניאַלע ווערק פון מיינע הענט...

צוערשט האָבן די מענטשן געקוקט אויף אים, ווי אויף א משוגענעם, אָבער שפּעטער האָבן זיי אויך אָנגעהויבן צו גלייבן.

— אונדזער טייך פליסט באַרג־אַרויף! — האָבן זיי געשריגן, די שטאָלצע ענטוזיאַסטן, און ווען עמעץ האָט נישט געגלייבט, פלעגן זיי זיך שטעלן אויפן קאָפּ אָדער אַרומלויפן אויף די הענט, בכדי צו באַווייזן, אַז עס זענען נישטאָ קיין אוממעגלעכע זאַכן.

אין א געוויסן טאָג האָט דער משוגענער דערפינדער געזאָגט:

— אוים משוגעת... אונדזער טייך פליסט פונקט אַזוי ווי אַלע טייכן אויף דער וועלט...

די מענטשן האָבן אויף אים געקוקט מיט רוגז. זיי זענען געווען באַליידיקט, זיי האָבן דאָך זייער גוט געוווסט, אַז דער טייך פליסט באַרג־אַרויף...

האַס און נקמה

דאָס לעבן' ליבע פֿרייַנד איז געגליכן צו אַ טייך — עס פֿליסט פּאַ־ רויִם און פּאַרויִם. צייַטן ענדערן זיך, עס ענדערן זיך די אַזוי גערופֿענע סעזאָנען און יעדער סעזאָן ברענגט עפּעס נייַעס.

ערשט נישט לאַנג, למשל, האָט זיך אָנגענומען אַ מאָדע צו רעדן שלעכטס וועגן מייַנעם אַ קרוב און בן עיר מיטן נאָמען משה יאָסל. עס איז געגנוג געווען אַרייַנצוקומען אין ערשטן בעסטן קאַפֿע־הויז און שוין פֿרעגט מען בייַ דיר:

— נו? וואָס זאָגסטו נישט צו דעם דאָזיקן אוממענטש? האַ?

מען דאַרף נישט קיין נאָמען, עס איז קלאָר, וועמען מען מיינט.

— אַ בהמה. לא עלינו.

אַפֿילו אין דער רעדאַקציע האָט מען שוין אויף מיר געקוקט קרום:

— האָסט שוין נישט געהאַט מיט וועמען זיך צו באַפֿרייַנדן? מיט משה יאָסלען? אַ רוח אין זייַן טאַטנס טאַטן אַרייַן...

ביז ויהי היום...

געקומען איז דער ליבער ווינטער און געפֿאַלן איז אַ שניי, דערנאָך האָט זיך געמאַכט וואַרעם און ווידער איז געוואָרן אַ פֿראָסט און אויף דער גאַס איז געווען גליטשיק און משה יאָסל איז לא עליכם געפֿאַלן און צע־ בראָכן אַ פֿוס.

צוערשט האָבן אַלע אין שטעטל גערעדט, אַז עס איז אַ גאָט־זאַך, אַן אצבע — אלוהים.

ערשט שפּעטער איז געקומען די פֿאַרטראַכטונג.

— אַ שלים־מזל איז ער טאַקע געווען, דער דאָזיקער משה יאָסל — האָט מען דאָ און דאָרט געהערט — אָבער וואָס האָט ער וועמען שלעכטס געטאָן? וואָס האָט ער געזינדיקט און פֿאַרוואָס האָבן מיר אים אַזוי גע־ האַסט?

דאָס האָט קיינער נישט געוווּסט.

אַ נעקראָלאָג

עס איז געשטאָרבן אַ גדול בעיר. אַלע ווענט זענען אויסגעקלעפּט מיט טרויעריקע פּלאַקאַטן — גרויסע שוואַרצע אותיות דערמאָנען די פאַרדינסטן פון פאַרשטאָרבענעם.

ביי די פּלאַקאַטן פאַרהאַלטן זיך דורכגייער — זיי לייענען, זיי שאָקלען מיט די קעפּ, זיי פאַרטראַכטן זיך.

אַט שטייט אַן עלטערע פרוי — אַ ביטערער זיפץ רייסט זיך אַרויס פון איר דאַרן ברוסטקאַסטן.

— ס'אַרא שאָדן — פליסטערט זי — ס'אַרא שאָדן פאַר דער וועלט. אַזאַ פּרעכטיקער מענטש געווען. איך האָב געקאָנט זיינע עלטערן...

— איך האָב געקאָנט אים אַליין, אים גופא — צעבייזערט זיך אַן אייניגעהויקערטער זקן — ער איז געווען אַן אויסוואורף, אַ מנוול...

אַן אַנדערער אַלטער מאַן ווישט זיך מיט דעם נאָזטיכל די פאַרשוויצטע ברילן, לאַנג לייענט ער דעם נעקראָלאָג און אויף זיינע באַקן קייקלען זיך צוויי שטילע טרערן.

— איר האָט אים אויך געקאָנט? — פרעגט די אַלטע פרוי.

— ניין — ענטפערט דער וויינענדיקער מענטש — איך האָב אים נישט געקאָנט.

— טאָ פאַרוואָס־זשע וויינט איר?

— סתם אַזוי. געשטאָרבן אַ מענטש. אַ רחמנות...

— רחמנות? — האָט זיך ביטער צעלאַכט דער ערשטער זקן — מרחם זיין דאַרף מען זיך איבער די, וואָס וועלן ערשט שטאַרבן.

— איך, געלויבט איז גאָט, פיל מיך זייער גוט — רופט אויס די אַלטע פרוי.

די זקנים קוקן אויף איר אַ ווייַלע, זיי שמייכלען מיט פאַרשטענדעניש. זייערע אויגן זענען פול מיט חכמה פון דערפאַרונג...

די גרויסע אנטדעקונג

שטענדיק בין איך געווען פֿאַרליבט אין לעבן, און ווי יעדער איינציקער פֿון אייך, קאָן איך נישט פֿאַרטראָגן דעם געדאַנק, אַז אין אַ געוויסן טאָג וועל איך פֿאַרלירן דאָס אַלץ, וואָס איז פֿאַרבונדן מיט עולם הזה. און עולם הזה הייסט דאָך אַזויפֿיל פּראַכט: מאָלערישע לאַנדשאַפֿטן, שיינע פֿרויען, דער טעם פֿון ברויט און פֿון וויין, געריך פֿון בלומען, זוניקע וואַרעמקייט און קלוגע שמועסן מיט גוטע פֿריינד, בעטהאָווענס מוזיק און די אומפֿאַרגלייכלעכע פֿאַנטאַזיעס פֿון מאַרק שאַגאַל, און — טויזנט אַנדערע זאַכן און גענוסן, וואָס גיבן אַ זין און אַ חן אונדזער דאָזיין.

אָט דערפֿאַר טאַקע האָב איך מיט אַזאַ גרויסער פֿאַראינטערעסירונג אויסגעהאָרכט דעם אַלטן באַבערדלטן פּראָפֿעסאָר, וועלכער איז געזעסן לעבן מיר אויף דער באַנק אין שאָטן פֿון אַ בוים און מיט נערוועזע באַוועגונגען געצופּט דעם אויסגעריבענעם ברעג פֿון זיין אַלטמאָדישער אָפּגעבליאַקעוועטער קאַפּאָטע.

— פֿאַרטראַכט זיך נאָר, מיין יונגער פֿריינד — האָט געזאָגט דער פּראָפֿעסאָר — וויפֿל פֿעלערן און פֿאַלשע טריט מיר מאַכן אין אונדזער קורץ לעבן. ווייל וואָס איז דען דאָס גאַנצע לעבן, משטיינס געזאָגט? קינדעריאָרן, יוגנט, אַ ביסל רייפֿקייט, וועלכע שטיצט זיך נישט אויף קיין שום דערפֿאַרונג — און שוין קומט די עלטער, די אומבאַהאָלפֿענע און קראַנקע. און באַלד מוז מען שטאַרבן. דער מענטש האָט אַפֿילו נישט קיין מעגלעכקייט צו פֿאַרריכטן די שלעכטע מעשים, וואָס ער האָט אָפּגעטאָן... צי איז דאָס נישט טראַגיש? איך זאָג עס דערפֿאַר, איר זאָלט פֿאַרשטיין, ווי וויכטיק עס זענען מיינע וויסנשאַפֿטלעכע פֿאָרשונגען. איר זאָלט פֿאַרשטיין צו וואָס איך בין דערגאַנגען.

ער האָט איבערגעריסן די רייד און איך האָב געציטערט פֿון נייגעריקייט.

— עס איז מיר געלונגען — האָט ער פּאַמעלעך געזאָגט — עס איז מיר געלונגען צו שאַפֿן אַזאַ מין מעדיקאַמענט, אַזאַ מין רפֿואה, וואָס וועט דערמעגלעכן יעדן מענטש צו לעבן נישט ווייניקער ווי גאַנצע הונדערט יאָר.

איך בין אויפֿגעשפּרונגען — איי, איי, איי, אַזאַ גליק, אַזאַ ברכה פֿאַר דער גאַנצער מענטשהייט...

— אָבער נישט דאָס איז דאָס וויכטיקסטע — האָט ווייטער געצויגן דער אַלטער פּראָפֿעסאָר — ניין, נישט דאָס איז דאָס וויכטיקסטע. אויך פֿאַר דעם הונדערטיעריקן איז דאָך דאָס שטאַרבן טראַגיש. דעריבער האָב איך געמאַכט א צווייטע אַנטדעקונג, א צווייטע רעצעפּטור, וועלכע וועט דערמעגלעכן יעדן בשר ודם נאָך איין מאָל איבערצוחזרן זיין לעבן...

— איך פֿאַרשטיי נישט — האָב איך געזאָגט — איר האַלט, הייסט עס, פֿון תּחית המתים?

אויף דעם קלוגן פּנים פֿון געלערנטן מאַן האָט זיך באַוויזן אַן אומעטיקער שמייכל.

— אויך איר האָט מיך נישט פֿאַרשטאַנען — האָט ער געזאָגט — קיינער קאָן מיך נישט פֿאַרשטיין. נו, וועל איך פּרוּוון אויפֿקלערן אייך דעם ענין. איך האָב אַנטדעקט א מין רפֿואה, וואָס מאַכט יונג דעם מענטשלעכן גוף. אַ הונדערטיעריקער זקן, וועלכער וועט נעמען אַ פּילולע, וועט זיך אומקערן צו דעם מצב פֿון א גיין־און־צוואַנציקיעריקן. אין א יאָר אַרום וועט ער נעמען די צווייטע פּילולע און וועט ווידער יונגער ווערן מיט א יאָר. יעדע פּילולע — איין יאָר. און אַזוי א יאָר נאָך אַ יאָר, אַלץ יונגער און יונגער. ער וועט זיך אומקערן צו זיינע רייפֿע יאָרן, דערנאָך צו זיינע יונגע יאָרן, און אָט טאַקע דאָס וועט זיין דאָס צווייטע לעבן, דאָס דערפֿאַרענע און קלוגע...

איך האָב געקוקט אויף אים מיט באַגייסטערונג, מיט באַוווּנדערונג און דאַנקבאַרקייט. אָט איז דער מענטש וואָס האָט געלייזט דעם וויכטיקסטן פּראָבלעם אין דער געשיכטע פֿון דער מענטשהייט — דעם פּראָבלעם פֿון אריכות ימים.

— און דאַן — האָט ער ווייטער דערקלערט — דאַן וועט קומען דער סוף. דאָס באַשעפֿעניש וואָס האָט סך הכל אָפּגעלעבט זיינע צוויי הונדערט יאָר, וועט ווערן אַזוי קליין, ווי א נײַ געבוירענער, און וועט אַנטשלאָפֿן ווערן, און...

ער האָט גערעדט און איך האָב צוגעמאַכט די אויגן און אין מיין האַרץ האָט זיך פאַרגעסטיקט א גרויסע האָפענונג: ווי דערלעבט מען שוין צו די ערשטע הונדערט יאָר! עד, ווי שיין וועט עס זיין, ווען איך וועל אָנהייבן דעם צווייטן הונדערטער, און די יאָרן וועלן זיך רעכענען אויף קאַפּויער. אָ, איך פאַרזיכער אייך — קיין שום פעלערן וועל איך שוין דעמלט נישט באַגיין. איך וועל לעבן גוט און קלוג, אַזוי ווי עס פּאַסט פאַר אַ מענטש מיט דערפאַרונג...

ווען איך האָב אויפגעעפנט די אויגן — בין איך געווען אַליין. דער פּראָפעסאָר איז נעלם געוואָרן.

איך האָב זיך אומגעקוקט און דערזען אים אויף דער צווייטער זייט פון הויף, אויך אן אנדערער באַנק, אין דער באַגלייטונג פון צוויי קרעפּ־טיקע לייט אין ווייסע קיטלען.

ערשט איצט האָב איך מיר דערמאָנט, אַז איך בין אויף א באַזוך אין אַ משוגעים הויז, און אַז דער באַבעהאַלטער פאַרשוין מיטן אויסזען פון א פּראָפעסאָר איז לא־עליכם — משוגע...

צוויי פרויען אין קאפע־הויז

לעבן אונדזער טישל איז געזעסן א יונג מיידל מיט א וווּנדער־שיין געזיכט. יעדער מענטש האט זיין באגריף וועגן שיינקייט, וועגן דער א י ד ע ע פון שיינקייט — און דאס דאזיקע מיידל ביים צווייטן טישל אין קאפע־הויז האט אנטשפּראכן אלע מיינע עסטעטישע פארלאנגען. דעריבער האב איך עטוואס לענגער געקוקט אויף איר, לענגער ווי עס פּאסט צו קוקן אויף א פרעמדער פרוי. און באמערקט האט עס מיין פריינדין, מיט וועלכער איך בין דא געקומען און זי האט געזאגט מיט אן איראנישן שמייכל:

— האסט נאך אלץ ליב צו קוקן אויף שיינע פרויען...

— איך קאן בלויז א יי ן שיינע פרוי — האב איך געזאגט שארמאנט — ביי מיר ביסט דו די שענסטע...

און באטראכט האב איך ווייטער די יונגע ביים צווייטן טישל. זי האט געהאט גרויסע טונקעלע אויגן, שוואַרצע לאנגע וויעס און אויך האר שווארצע ווי די נאכט און מיט די דאזיקע אריענטאלע אקצענטן האבן קאנטראסטירט אירע בעקעלעך, ווייסע ווי מילך. אויף א ווײַלע האב איך באגעגנט איר בליק — א קלוגער בליק איז עס געווען, אזעלכער וואס פארשטייט אלץ. אויף אירע ליפּן האט זיך געזען א לייכטער, כמעט אומבאמערקבארער שמייכל — א שמייכל, וואס זייער אפט איז ער ווי א בריק איבער אן אפּגרונט צווישן איין מענטש און דעם צווייטן. אָבער דאס איז אפשר גאר נישט געווען קיין שמייכל, מעגלעך, אז אזעלכע ליפּן האט זי שוין געהאט. מעגלעך, אז די גרימאסע פון שמייכל האט געהערט צו איר שיינקייט ווי א רעקוויזיט, ווי א פּאהביקער צייכן אויף דעם פליגל פון שמעטערלינג.

— זי איז שיין — האט געזאגט די פרוי מיט וועלכער איך בין דא געקומען.

די יונגע אומבאַקאַנטע האָט געהאַט נאַקעטע אָרעמס און איר קלייד איז געווען געגוג קורץ, בכדי נישט צו פאַרדעקן די קיילעכדיקע, ווי געטאָקטע קניען. און אויך דאָס האָט געווירקט אויף מיר — בקיצור, די דאָזיקע יונגע פערזאָן האָט געוועקט די זינדיקסטע לײַדנשאַפטן.

— ביסט געקרעכט — האָב איך געזאָגט אַ באַזיגטער — ווען דער מענטש קוקט אויף אַזאַ שיינקייט, קערט זיך אום די וועלט. צום גרעסטן אומגליק קאָן מען קומען.

די פרוי, וואָס איז געזעסן מיט מיר, האָט זיך צעלאַכט. די יונגע פרוי ביים צווייטן טיש האָט געשמייכלט.

איך האָב צוגערופן דעם קעלנער און באַצאָלט פאַר דער קאַווע.

— לאָמיר שוין גיין — האָב איך געזאָגט — לאָמיר גיין אַהיים.

— ווילסט גיין אהיים — האָט איבערגעחזרט די פרוי ביי מיין טישל — קום. לאָמיר גיין. כאָטש איך פאַרשטיי, אַז עס וואָלט דיר ליבער געווען צו גיין מיט יענער יונגער דאַמע.

— דו ביסט אַ העסלעכער פאַרשוין — האָט זי צוגעגעבן, ווען איך האָב איר דערלאַנגט דעם מאַנטל.

אויף דער שוועל פון קאַפע־הויז האָב איך זיך פאַרהאַלטן אויף איין רגע, בכדי נאָך אַמאָל צו באַגעגענען דעם בליק פון יענער יונגער אומ־באַקאַנטער. איך האָב דערהויבן די האַנט מיט אַ זשעסט פון געזעגענונג.

— זי האָט רעוואַנזשירט מיט אַ זיסן שמייכל...

אַ מינוט פול מיט שפּאַנונג

דער מאַן האָט גענומען אין דער האַנט אַריין דעם האַמער און האָט זיך פאַרמאָסטן — אָבער די פרוי איז צו אים צוגעפאַלן מיט אַ געשריי:

— ניין!

— רוק זיך אַוועק! — האָט ער אויסגעשריגן — ער וועט אַפילו נישט פילן, ווען דאָס וועט געשען.

— איך וויל נישט! — האָט היסטעריש געשריגן די פרוי — דאָס איז שרעקלעך.

— רוק זיך אַוועק! — האָט מיט אַ שטרענגער שטימע איבערגע־הזרט דער מאַן — אַליין האָסטו געוואָלט, און איצט זאָגסטו, אַז עס איז שרעקלעך.

— ער קוקט דאָך אויף דיר! — האָט געכליפּעט די פרוי.

— ער קוקט, אָבער ער וועט קיינעם נישט זאָגן — אויב דו ווילסט, וועל איך אים פאַרבינדן די אויגן... — האָט ער זי געפּרוווט באַרויקן.

— נו, זאָל עס שוין געשען! דערלאַנג אים אין קאָפּ אַריין!

דער מאַן האָט ווידער אויפגעהויבן די האַנט, אָבער — עס האָט אים אויסגעפעלט מוט.

— ניין — האָט ער געזאָגט — זאָל אים דער שלאַג טרעפן! איך קאָן דאָס נישט טאָן!

ער האָט אַוועקגעלייגט דאָס העמערל און מיט נערוועזע באַוועגו־נגען פאַררויכערט אַ פּאַפּיראָס.

— אפשר וועלן מיר אים שענקען דאָס לעבן? — האָט שעמעוודיק פאָרגעלייגט די פרוי.

— איך מיין אויך אַזוי — איז מסכים געווען דער מאַן — מיר וועלן וואַרטן ביז ער וועט אַליין פגרן.

די פרוי האָט זאָרגעוודיק אָנגענומען דעם קאַרפּ און אַריינגעלאָזט אים אין אַ שיסל וואַסער. דער פיש האָט אָפּגעאָטעמט. די מענטשן לעבן אים — אויך.

ירושה

וויפל מאָל מען האָט אין שטוב גערוימט און געוואַשן, פלעגן זיך תמיד געפינען אין די ווינקלען פאַרשיידענע זאַכן, וואָס האָבן שוין לאַנג געדאַרפט ליגן אין מיסט־קאַסטן — אָפּגענוצטע חפצים, וואָס האָבן בלויז פאַרנומען אָרט און געזאַמלט אויף זיך שטויב.

— זע — האָט געזאָגט די פרוי — זע, צי מען קאָן שוין אַרויס־וואַרפן די דאָזיקע טראַנטעס.

דער מאַן איז צוגעגאַנגען צום פאַרזשאַווערטן עמער און גענומען גריבלען. א פאָר צעפליקטע קאַמאַשן זענען דאָ געלעגן, עטלעכע קרומע נעגל, אַן אָפּגעבראָכענע קליאַמקע, א שטיקל שפּיגל, אַן אייזאמער קאַ־לאָש, וואָס האָט ערגעץ פאַרלוירן זיין ברודער. און אונטער די דאָזיקע זאַכן איז געלעגן אַ פאָר האַלבשיך און שנור־בענדלעך — דער מאַן האָט זיי אַרויסגעשלעפּט פון עמער, אַראָפּגעבלאָזן דעם שטויב און זאָרגעוודיק אַוועקגעשטעלט אין אַ זייט.

— ווילסט ווידער איבערלאָזן די דאָזיקע שיך? — האָט געפרעגט די פרוי.

דער מאַן האָט גענומען איין שוך אין דער האַנט אַריין און מיטן אַרבל האָט ער אים אָנגעהויבן צו פוצן. באַלד האָט דאָס לעדער גענומען גלאַנצן.

— דאָס זענען ז יי נ ע האַלבשיך — האָט געזאָגט דער מאַן — ער האָט זיי געטראָגן.

— גרויסע זאַכן — האָט א וואָרקע געטאָן די פרוי — אַ פאָר צע־פליקטע שיך!

— ווען איך ריר אָן דעם דאָזיקן שוך — האָט געזאָגט דער מאַן, גלעטנדיק די אָפּגענוצטע צעפליקטע לעדער — דאַכט זיך מיר, אַז איך ריר אָן ז יי ן פוס.

זי איז געווען א פראַקטישע פרוי, ווייט פון סענטימענטאַליזם.

— א גרויסע הייליקייט! — האָט זי זיך צעלאַכט — א שוך...

— אַזויפיל איז מיר נאָך אים געבליבן — האָט זיך פאַרענטפערט דער מאַן.

זי האָט ארויסגעטראָגן דעם עמער מיט די טראנטעס. די האַלבּשיך האָט זי נישט גערירט.

דער מאַן האָט געענדיקט דאָס פוצן און האָט די ירושה־שיך אוועקגעשטעלט אונטערן בעט, לעבן זיינע אייגענע יום־טובדיקע שיך. ביידע פּאָרן זענען געווען ענלעך און עס האָט זיך געקאָנט אויסווייזן, אַז ביידע פּאָרן זענען אלצאיינס אומעטיק, פּונקט ווי זיי וואָלטן געליטן די זעלבע לײדן — די זעלבע זאָרגן און פּחדים. און אפשר איז זיי באַשערט געווען דער זעלבער גורל.

דרײַ אומגעבראַכטע

בשעת דער לעצטער מלחמה, האָט אין אַ געוויסן לאַנד פּאַסירט אַזאַ טראַגעדיע.

ווען דער שונא האָט פאַרנומען די שטאָט, האָט ער באַלד אַרעסטירט פיל מענטשן און קודם כל ייִדן, ווי אויך אַקטיווע פּאָליטישע קעגנער. צווישן די אַרעסטירטע איז געווען א גאַנצע משפּחה — אַ פאָטער, אַ מוטער און אַ זון, אַלע דרײַ זענען זיי געווען אָנגעזעענע קעמפער, אַנטי-פאַשיסטן.

פיל מאָנאַטן האָבן זיי פאַרבראַכט אין תּפיסה, אין דער זעלבער תּפיסה, ביז אין אַ געוויסער נאַכט האָט מען זיי אַרײַנגעפירט אין איין קאַמער און מען האָט זיי צו וויסן געטאָן, אַז איינדערפרי וועט איין מענטש פון דער האָזיקער משפּחה אומקומען — אַזאַ איז דער באַשלוס פון דער מיליטערישער מאַכט.

דער ס.ס.-מאַן, וועלכער האָט די דאָזיקע פאַראָרדענונג געבראַכט, האָט אָנגעווענדט לגבי די דאָזיקע דרײַ אומגליקלעכע אויסערגעוויינלעכע אכזריותדיקייט. ער איז, זעט אויס, געווען א מענטש מיט פאַנטאַזיע, אפשר איז ער געווען א קענער פון טעאַטער, א ליבהאָבער פון אלט-גריכישע טראַגעדיעס, ווייל דאָס וואָס ער האָט אויסגעטראַכט, איז ענלעך געווען צו א גריכישער טראַגעדיע. ער האָט געמלעך באַפוילן, אז דער טאַטע, די מוטער און דער זון מוזן אַליין באַשליסן, ווער פון זיי עס וועט גיין צו דער תּליה. און אָט האָבן זיי זיך געפונען אין אַן אויסטערלישער לאַגע — יעדער אייניציקער פון זיי איז גרייט געווען צו שטאַרבן, בכדי מציל צו זיין זײַנע נאָענטסטע. אָבער אַלע דרײַ האָבן זיי נישט געקאָנט שטאַרבן, און אַלע דרײַ האָבן זיי נישט געקאַנט בלײַבן לעבן.

זיי זענען געווען אין אַ פאַרמאַכטער קאַמער און האָבן אַפילו קיין מעגלעכקייט נישט געהאַט אויסצוקלייבן צוזאַמען דעם טויט — זיי האָבן אַפילו קיין מעגלעכקייט פון זעלבסטמאָרד נישט געהאַט.

...דער מענטש, וואָס האָט די דאָזיקע דערמאָנונג דערציילט, איז אויף אַ ווײַלע שטיל געבליבן, פאַררויכערט אַ פאַפּיראָס און אַראָפּגעלאָזט דעם בליק צו דער ערד. און אונדז, צוהערער, האָט זיך אויסגעוויזן, אַז ער האָט געמאַכט די דאָזיקע הפסקה, ווײַל ער האָט נישט קיין מוט ווײַטער צו דערציילן, ווײַל ער פילט זיך ווי אַ מענטש וואָס פאַרהאַלט זיך פאַר דעם עפענען יענע טיר, הינטער וועלכער עס קומט פאָר עפּעס אַזוינס, וואָס אַנדערע מענטשן דאַרפן עס נישט זען.

איינער פון אונדז, צוהערער, האָט נישט געקאָנט באַהערשן די נײַגעריקייט — ווײַל עס איז דאָך געווען נישט מער ווי נײַגעריקייט, כאָטש זי איז אַרויסגעדרונגען פון טיפן מיטלייד, פון מענטשלעכן רחמנות:

— ווער? ווער פון די דאָזיקע דרײַ איז אומגעקומען?

...און אין דער דאָזיקער רגע האָב איך מיך דערשראָקן — איך, וואָס האָב צום ערשטן מאָל די דאָזיקע געשיכטע געהערט און האָב אַפילו נישט געוווּסט אין וועלכער שטאָט זי איז פאָרגעקומען — איך האָב מיך דערשראָקן, וואָס איצט וועט געקאָנט פאַלן אַן אומבאַדערפטיקער זאַץ, אַן אומבאַדערפטיקע אויפקלערונג, וואָס איז במילא נישט אימשטאַנד די מינדסטע זאַך אויפצוקלערן — און איך האָב געזאָגט גיך, איך האָב אויסגעשריגן, בכדי נישט צו דערלאָזן צו אַ תשובה אויף יענער שרעקלעכער פראַגע, וואָס עמעץ האָט אַזוי לײַכטזיניק געשטעלט:

— ניין! ענטפערט נישט! ענטפערט נישט אויף דער דאָזיקער פראַגע! ווען מיר וועלן וויסן, ווער פון די דאָזיקע דרײַ איז אומגעקומען און ווער איז געבליבן לעבן, קאָן זײַן, אַז מיר וועלן אויף אַ ווײַלע פאַרגעסן, חס ושלום, ווער עס איז געווען שולדיק, ווער עס האָט אויסגעטראַכט דעם דאָזיקן אוממענטשלעכן סצענאַר פון דער טראַגעדיע...

— איר זענט גערעכט — האָט געענטפערט יענער מענטש, וואָס איז זענען באַקאַנט געווען די פרטים פון דער דאָזיקער געשיכטע — איר זענט גערעכט. איך וועל נישט זאָגן, ווער פון די דרײַ איז געבליבן לעבן. איך וועל אויך נישט זאָגן *ווי אַזוי* זיי לעבן. ווײַל האָם לעבן פון די צוויי,

איז דאָך פּונקט אַזוי טראַגיש ווי דער אומקום פון יענעם דריטן, וועלכער איז דעמלט אינדערפרי אַרויסגעגאַנגען פון דער תפיסה־קאַמער צו זיין אומקום.

— און בכלל — האָט ער צוגעגעבן — זייט מוחל, וואָס איך האָב אייך פאַרשטערט די גוטע שטימונג. טייל מאָל קאָן זיך דער מענטש נישט באַהערשן, עס ווילט זיך דערציילן און דערציילן, און שרייען, אַז קיינער זאָל נישט פאַרגעסן...

אַ שמועס

— דאָס מענטשלעכע לעבן קאָן מען נישט מעסטן מיט יאָרן און חדשים — האָט געזאָגט איינער פון מיינע חברים — וויכטיק איז דאָס, וואָס דער מענטש האָט מיטגעמאַכט. וויכטיק זענען די מעשים און דערפאַרונגען.

די דאָזיקע מיינונג איז אונדז זייער געפעלן און מיר האָבן זי גענומען צופאַסן צו די אייגענע דערפאַרונגען.

— איך האָב אָנטייל גענומען אין צוויי מלחמות — האָט געזאָגט אַן אַנדערער קאָלעגע מיינער — דריי מאָל בין איך געווען פאַרוווּנדעט, איך האָב געהרגעט אין קאַמף פיל שונאים און עטלעכע פון זיי האָב איך אַפילו גענומען אין געפאַנגענשאַפט. איך האָב געהאַט דעם כבוד צו רעדן מיט גענעראַלן און צו באַקומען פון זייערע הענט וויכטיקע אויסצייכענונגען. אָפט בין איך געווען אין געפאַר, געקוקט דעם טויט אין די אויגן אַריין און דאָך לעב איך. פונדעסטוועגן מיין איך, אַז יענע יאָרן זענען אויסגעשטראָכענע פון מיין קאַלענדאַר — עס איז דאָך נישט מעגלעך, אַז דאָס זאָל זיין דער ציל פון אונדזער לעבן: פירן מלחמות...

דער דריטער פריינד האָט געזאָגט:

— איך בין צופרידן פון מיין לעבן. איך האָב געליבט פיל פרויען און אויך זיי האָבן מיך געליבט. שטענדיק האָב איך געזוכט דעם אידעאַל פון אַ פרוי, כאָטש אַליין האָב איך קיינמאָל צו די אידעאַלע מענער נישט געהערט. דריי מאָל האָב איך זיך געגט. די פערטע פרוי מיינע איז געשטאָרבן און די פינפטע איז פון מיר אַנטלאָפן מיט אַ שניידער-געזעלן. נישט געקוקט דערויף, קאָן איך אייך פאַרזיכערן: ליבע איז אַ וווּנדערבאַרע זאַך און דאָס לעבן איז אַ וווּנדערבאַרע זאַך...

דער פערטער קאָלעגע האָט געזאָגט אומעטיק:

— איך מוז נאָך לעבן זייער לאַנג, בכדי צו פאַרריכטן אַלע מיינע באַגאַנגענע פעלערן. דאָס וואָס איך האָב ביז איצט איבערגעלעבט איז געווען שלעכט און דאָס קאָן זיך נישט רעכענען אין חשבון פון לעבן. פיל יאָרן האָב איך פאַרשיכורט, פאַרהוליעט. איצט וויל איך אַלץ אָנהייבן אויפסניי. אָבער איצט האָב איך שוין אַ קראַנקע לעבער, אַ לעבער אַ גע־שוואָלענע ווי אַ קאַלאָש און איך ווייס נישט, צי איך וועל נאָך באַוויזן אָנצוהייבן אַ נײַ און גוט לעבן.

איצט האָט זיך אָנגערופן און אַנדערער פון אונזערע פרייַנד.

— אינגאַנצן בין איך נישט געווען — האָט ער געזאָגט — מיין גאַנץ לעבן האָב איך פאַרבראַכט אין דאָזיקן קליינעם שטעטל און איך בין זייער צופרידן, וואָס עס איז אַזוי געווען. איך האָב געלעבט רואיק און שטיל. איך בין געווען אַ גערטנער, געזעצטביימער, וועלכע זענען געוואַקסן אונטער מיין אויפזיכט. איך האָב זיך באַמיט, אַז אין אונדזערע קאַנטן זאָל נישט פעלן קיין גוט אויבסט. גערטנעריי איז זייער אַ שיינער באַרוף, אַ גוטע און אַ שיינע אַרבעט, און איך האָב געהאַט אַ דאַנק איר פיל פרייד אין מיין לעבן.

דער ברודער פון דעם דאָזיקן גערטנער האָט געזאָגט:

— איך האָב געקעמפט פאַר אַ בעסערער צוקונפט, איך האָב גע־בויט באַריקאַדן, געזעסן אין תפיסה, געבענקט און געטרוימט. איך האָב געליבט די ערד, דעם הימל, די פרייהייט און די מענטשן. קיין שום זאַך באַדויער איך נישט. איך האָב געלעבט מיט אַ פול לעבן און איך האָב אַפילו נישט באַמערקט, ווען איך בין גרוי און אַלט געוואָרן.

מיר זענען שטיל געבליבן און זיך פאַרטראַכט. און כאָטש מיר האָבן מער קיין וואָרט וועגן דאָזיקן קאָמפּליצירטן ענין נישט געזאָגט, בין איך דאָך איבערצייגט געווען, אַז מיר טראַכטן וועגן דעם זעלבן: ווער פון אונדז האָט באַוויזן צו דערגרייכן אין זיין לעבן מער פרייד און מער גליק?

אַנטקעגן איינזאַמקייט

אין שפּיטאָל האָב איך באַגעגנט א יונגן מענטש, א בחור מיט אַ לוימער געזיכט און מיט קראַנקע לונגען. ער האָט מיר דערציילט פּרטים וועגן זיין לעבן און וועגן זיינע יסורים. און פון דעם וואָס ער האָט מיר דערציילט, האָב איך פאַרשריבן נישט מער ווי עטלעכע זאצן:

— איך האָב באַזוכט אַן אַלטע איינזאַמע פרוי, וועלכע איז געווען קראַנק. אַ האַרינקע איז זי געווען, אויסגעטרוקנט ווי אַ שפּאָן. זי האָט געקאָנט זיין מיין מוטער און זי האָט צו מיר געזאָגט „קינד...". האָב איך פאַר איר געקויפט צוקערלעך און פרוכטן, און איך פלעג זיצן לעבן איר, ווייל איך האָב געוואַרט, זי זאָל צו מיר רעדן אַזוי, ווי עס פלעגט צו מיר רעדן מיין מוטער. איך האָב געקושט אירע הענט, האַנטפלאַכן האָט זי געהאַט קליינינקע און פאַרקנייטשטע. זי האָט געשפּיגן מיט בלוט און זי האָט מורא געהאַט פאַר דער שעה פון גסיסה. איך האָב נישט געקאָנט פאַרשטיין דעם דאָזיקן פּחד, ווען זי האָט גערעדט וועגן טויט, עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז זי רעדט אין אַ פרעמדער שפּראַך. דערנאָך איז זי געשטאָרבן. איצט בין איך קראַנק אויף דער זעלבער קראַנקהייט און איך באַדויער, וואָס זי לעבט שוין נישט. איך האָב איצט פיל צייט, און איך וואָלט געקאָנט זיצן לעבן איר לאַנגע שעהן. ווייל עס דאַרף דאָך זיין ווער, וואָס זאָל באַזוכן איינזאַמע מענטשן, וועלכע זענען קראַנק און פאַרכטן זיך פאַר דעם טויט...

אַ נס

דער כישוף־מאַכער שלעפּט ביים שטריקל אַן אייזל — צוזאַמען וואַנדערן זיי דורך דער וועלט.

דאָס אייזל איז אַלט און איינגעשפּאַרט. דער מכשף פּאַרשטייט די דאָזיקע עקשנות: דאָס אייזל איז געמאַכט אויס אַלטע טראַנטעס, אויס־געשטופּט מיט זעגעכץ. דעריבער באַוועגט עס זיך אַזוי אומגעלומפּערט.

פונדעסטוועגן טרעפט טיילמאָל, אַז דאָס אויסגעשטופּטע באַשעפעניש הייבט אָן צו טאַנצן און צו הירזשען און עס רירט קאָמיש מיט די לאַנגע אויערן, וועלכע זענען אויפגעגייט פון אַן אַלטן קאַלאָש.

אַרום דעם טאַנצנדיקן אייזל נעמט זיך צוזאַמען דער המון. עס איז אָנגענעם און לוסטיק.

דער כישוף־מאַכער שפּילט אויף דער פלייט, דאָס אייזל טאַנצט, און אַלע מיינען, אַז עס איז אַ נס...

גאַסטפריינדלעכקייט

איינער פון מיינע באַקאַנטע האָט געזאָגט, אַז מענטשן דאַרפן זיין גאַסטפריינדלעך, גאַסטפריינדלעכקייט איז אַ שיינע מידה, וואָס קאָן דען זיין שענער פון הכנסת אורחים.

דאָ האָט ער געגומען דערציילן, וואָס עס האָט מיט אים פּאַסירט מיט פיל יאָרן צוריק.

— איינמאָל אין אַ ווינטערדיקער נאַכט האָט אָנגעקלאַפּט אין מיין טיר אַן אורח און געבעטן איך זאָל אים לאָזן איבערנעכטיקן. די נאַכט איז געווען אַ פראָסטיקע, אין דרויסן איז געווען אַ זאַווערוכע, עס האָט זיך געדאַכט, אַז אָט גייט שוין אונטער די וועלט. איך האָב דעם פרעמדן אַריינגעלאָזט אין שטוב אַריין, געגעבן אים אַ גוטע וועטשערע און געמאַכט פאַר אים אַ ווייך געלעגער. און אין אַ שעה אַרום האָט ווידער וועך אָנגעקלאַפּט אין לאָדן און אַן אַנדערער נע־וונעדניק האָט זיך אַריינגעבעטן אויף נאַכטלעגער. אויך אים האָב איך אַריינגעלאָזט און אויפגענומען אין מכבד געווען, ווי גאָט האָט געהייסן. פאַרטאָג האָט זיך די זאַווערוכע געשטילט, אָבער איך בין געווען פאַרזונקען אין טיפן שלאָף און האָב אַפילו נישט באַמערקט, ווען דער ערשטער אורח איז פאַרשוווּנדן, מיטנעמענדיק מיט זיך דאָס גאַנצע ביסל געלט, וואָס איך האָב פאַרמאָגט אין טייסטער. ווען ער איז אַרויס פון שטוב, האָט ער אונטערגעצונדן מיין הויז און איך בין שיעור נישט פאַרברענט געוואָרן לעבעדיקערהייט.

— פון דעם איז דאָך געדרונגען גאָר עפּעס אַנדערש — האָב איך געזאָגט — צוליב אייער גאַסטפריינדלעכקייט, זענט איר שיעור נישט אומגעקומען אין פייער.

— גיין — האָט זיך צעלאַכט מיין באַקאַנטער — ווען איך וואָלט נישט געווען גאַסטפריינדלעך און נישט אריינגעלאָזט דעם צווייטן אורח, וואָלט איך געווים אומגעקומען אין די פלאַמען. ווייל אָט טאַקע דער צווייטער אורח האָט מיך אויף די אייגענע הענט אַרויסגעטראָגן פון גע־פאַר און געראַטעוועט דאָס, וואָס איז איבערגעבליבן פון מיין אָרעמקייט.

דאָס קליינע מענטשעלע

דאָס קליינע מענטשעלע פֿלעגט אָפֿט אַרומגיין אומעטיק און דערשלאָגן. פֿון צייט צו צייט פֿלעג איך אים באַגעגענען און פֿאַרטוישן מיט אים אַ פּאָר ווערטער.

— וואָס פֿאַר אַן עגמת־נפֿש האָט איר? — האָב איך אים איינמאָל געפֿרעגט.

— עס איז מיר שווער אויפֿן האַרצן, ווייל איך בין קליין... — האָט ער געענטפֿערט.

איך האָב אים זייער גוט פֿאַרשטאַנען. זיינע ווערטער זענען געווען אַזוי מענטשלעך.

היינט איבערהײַנט האָט איך אים ווידער באַגעגנט. דאָס מאָל איז ער געווען אין אַ יום־טובדיקער שטימונג. ער האָט געשטראַלט מיט זיכערקייט און מיט פֿרייד.

— איר זעט היינט אויס צו זיין גליקלעך — האָב איך פֿריינדלעך באַמערקט.

— זייער גליקלעך! — האָט ער געענטפֿערט — כ'האָב היינט באַגעגנט אַ מענטש, וועלכער איז געווען נאָך קלענער פֿון מיר.

אויך דאָס איז געווען אַזוי מענטשלעך...

דערפֿאַרונג

אויף א רוישיקער גאַס, צווישן המון פון דורכגייער האָט מיך פֿאַרהאַלטן א בלינדער מענטש און מיט א שטילער שטימע געפֿרעגט ביי מיר עפּעס אן אַדרעס.

— איר מוזט גיין א היבש שטיקל וועג אין דער זעלבער ריכטונג...

— האָב איך אים פֿריינדלעך געענטפֿערט.

דער בלינדער האָט גענומען גיין אין דער צווייטער ריכטונג.

— זייט מוחל, ליבער מענטש — האָב איך אים געוואָרנט — איר גייט נישט מיט דעם ריכטיקן וועג...

ער האָט זיך ביטער צעלאַכט, און דערווייטערנדיק זיך פֿון מיר, האָט ער אומעטיק געשמייכלט און געשאָקלט מיטן קאָפּ.

איך האָב זיין שמייכל פֿארשטאַנען: זיין בלינדקייט האָט שוין געהאט ד ע ר פ א ר ו נ ג...

עס האָט מיך ארומגעכאַפּט א טרויער. פֿאַרוואָס האָט ער מיר נישט געגלייבט? פֿאַרוואָס?

דער מענטש אויף דער באַנק

אַ גאַנצן זומער פֿלעג איך אים טאָג־טעגלעך באַגעגענען אין שטאָטישן גאָרטן. דאָ פֿלעגט ער וויגנען, דאָ פֿלעגט ער גערבטיקן. עס איז מיר אַפֿילו געלונגען פֿעסטצושטעלן, אויף וועלכער באַנק ער איז געשלאָפֿן. דאָס איז געווען אַ פּשוטע הילצערנע באַנק מיט אַן אָנלען, פּונקט ווי אַלע בענק, וואָס שטייען אין יעדן שפּאַציר־גאָרטן אין יעדער שטאָט.

— שלאָפֿט איר שטענדיק אויף דער זעלבער באַנק? — האָב איך אים געפֿרעגט.

— שטענדיק — האָט ער געענטפֿערט — ווען איך בין אויף איר געלעגן דאָס ערשטע מאָל, איז זי נאָך געווען זייער האַרט. אָבער מיט גאָטס הילף זענען פֿאַרביי אַ פּאָר חדשים און איך בין געבליבן געטריי דער דאָזיקער באַנק, און זי מיר אויך — זי סקריפּעט שוין נישט, און אירע ברעטלעך זענען געוואָרן ווייך ווי אַ פּערינע. איר גלייבט מיר נישט?

איך האָב אָנגערירט די גרין־געמאָלטע ברעטלעך פֿון דער באַנק — זיי זענען געווען וואַרעם און ווייך.

— דער האַרטסטער שטיין ווערט ווייך ווי פּוטער, אויב מען ליגט אויף אים לאַנג — האָט סענטענציאָנעל געזאָגט דער היימלאָזער מענטש און זיך גענומען צוגרייטן דאָס אָרעמע געלעגער.

אַ מעשה מיט אַ תלין

דער תלין האָט צוגעגרייט זיינע מכשירים און דערנעענטערט זיך צום קרבן.

— דו ביסט אַ הייליקער מענטש — האָט ער געזאָגט — יאָרן לאַנג האָסטו מיך געלערנט אויספירן מיינע פליכטן געטריי און גענוי. אַ דאַנק דיינע ווערטער האָב איך ליב באַקומען מיין פּראָפעסיע און מיין אַרבעט. עס האָט נישט פּאַסירט, אַז עמעץ זאָל אַנטלויפן פון אונטער מיין האַנט. איך בין תמיד געווען פלייסיק און פּינקטלעך. בענטש מיך פאַר מיין גוטן ווילן!

דער פאַראורטיילטער האָט אַנגעלענט די האַנט אויף דעם קאָפּ פון זיין מערדער און האָט אים געבענטשט.

— דאָס איז ווייניק — האָט געזאָגט דער אומצופרידענער תלין — זאָג מיר צו, אַז איך וועל האָבן אַן אָרט אין גן עדן. דאָס איז מיין גרויסער באַגער.

דער פאַרמשפּטער האָט געשוויגן און דער תלין האָט ווייטער געבעטן.

— איך פאַרלאַנג נישט פיל: בלויז אַ חלק פון עולם הבא.

דער פאַראורטיילטער מענטש האָט אַ בליק געטאָן אין דער צוקונפט און האָט געזאָגט:

— אין אַ געוויסן טאָג וועסטו אויך אָפּגעבן דיין חיות אויף דעם דאָזיקן אָרט. ווילסטו, אַז אויך ד יי ן מערדער זאָל ווערן געהייליקט?

— אָ ניין! — האָט מיט פּחד אויסגעשריגן דער תלין — זאָל גאָט באַהיטן מיין אָרעם לעבן!

— זיי זשע באַשיידן, און אין באַשיידנקייט טו, וואָס צו דיר געהער!

אַזוי האָט געזאָגט דער אומשולדיק פאַראורטיילטער און שמייכלענדיק, האָט ער זיך דערנעענטערט צו דער תליה.

פאַרגעסענע געזאַנגען

מיין מאַמעס אלטע פאַרגעסענע געזאַנגען — צאַרטע און זיסע — זוי א גרוס פון עבר זענען זיי.

רעגנס האָבן זיי באַגלייט און ווינטן, טרערן האָבן זיי באַגלייט, וווּנדער און חלומות, פּאַוועס גאָלדענע פון איציק מאַנגערס פּאָעמעס, זינגעדיקע פּאַוועס, ראָזשענקעס און מאַנדלען, און שאַגאַלס בת־מלכות.

זאָג איך צו מיין טאָכטער:

— הער, הער זיך צו, אָט אַזוי געקלינגען האָבן זיי, די שיינע לידער פון מיין מוטער — פון מיין מוטער, וואָס לעבט דאָך אין דיין קליינעם הערצעלע — דו טראָגסט דאָך היינט איר שיינעם נאָמען, איר יידישן נאָמען, מיין קינד...

און איך דערמאָן און זינג פאַרגעסענע געזאַנגען, וואָס באַפאַלן מיך טאָג איין טאָג אויס, פאַרגעסענע געזאַנגען וואָס קערן זיך אום פון פאַראייניזאמטע בית־עולמס.

אָבער מיין קליינע טאָכטער פארשטייט נישט די ווערטער, וואָס איך זינג, פּונקט ווי מען פארשטייט נישט קיין קלאַנגען וואָס דערגייען פון אן אַנדער וועלט.

אַ מעשה מיט אַ לייטער

פיר קברנים זענען געשטאַנען ביים אָפענעם קבר און שווער גע־אַרבעט.

— אַ שווערער פאַרשוין... — האָט געזאָגט דער ערשטער קברן.

— שווער איז ער — האָט צוגעגעבן דער צווייטער — אָבער אונ־דזערער איז ער.

— אַלע זענען אונדזערע — האָט געזאָגט דער דריטער.

— און אַזוי דאַרף טאַקע זיין... — האָט זיך צעלאַכט דער פערטער, אַ קרעפטיקער יונגאַטש, וואָס איז זייער שטאָלץ געווען מיט זיין אומ־שטערבלעכקייט.

דעם שווערן בר־מנן האָבן זיי אַראָפּגעלאָזט אין גרוב אַריין, צוגע־שיט אים מיט ליים און מיט שטיינער, אָפּגעווישט דעם שוויים פון די פנימער און געלאָזט זיך גיין מאַכן אַ כוסה.

אויפן בית עולם איז געוואָרן שטיל און אומעטיק. די אַלטע ביימער האָבן זיך פאַרהוילט אין פאַרנאַכטיקן נעפל. פון די קאָנאַרעס האָט זיך פאַוואָליגקע געשיט אַ לייכטע פולווערדיקע סובסטאַנץ, און די דאָזיקע סובסטאַנץ האָט זיך געלייגט אויף די קברים און אויך אויף דעם פרישן קבר פון דעם נאָר וואָס באַגראָבענעם שווערן פאַרשוין.

און אין דאָזיקן נעפל האָט זיך שטיל באַוויזן אַ לייטער, אַ הויכער לייטער, פון יענע לייטערס מיט וועלכע עס באַנוצן זיך די פייערלעשער בעת אַ שריפה — און געווען איז דער דאָזיקער לייטער אַזוי הויך, אַז זיין שפיץ האָט זיך פאַרלוירן ערגעץ ווייט אין דער טיפעניש פון הימל.

— מיין קינד — האָט זיך דערהערט אַ שטילער פליסטער — מיטן דאָזיקן לייטער קאָנסטו אַרויפקומען ביז צום זיבעטן הימל.

די שטימע פון בר־מנן האָט זיך דערהערט אַ בעטנדיקע, אַ ציטערנ־דיקע.

— אַזוי פרי? וואָס איז די איילעניש? דערלויב מיר נאָך אַ ביסל צו פאַרווײַלן דאָ, אויף דער ערד...

— אויסגעשלאָסן — האָט געענטפערט די שטימע פון יענער וועלט — גענוג צרות געהאַט מיט דיר. אלע יאָרן האָסטו פאַרשיכורט און פאַרמאַכליעוועט. אַ גאַנץ לעבן איבערגעפירט...

— נישט איך, נישט איך! — האָט אויסגעשריגן די נשמה, אָנווייזנדיק אויף דעם קבר, אין וועלכן ס'איז געלעגן דער קערפּער — דאָס האָט ער אָנגעבראָיעט. איך בין שטענדיק געווען אין אָרדענונג מיט אלע קאָדעקסן...

צוויי פייערלעשער האָבן אים ענערגיש אָנגענומען אונטער די אָרעמס און אַרויסגעשטופּט אויף דער לייטער. אויבן האָבן געוואַרט צו אים די שטערן, אָבער ער האָט עס נישט באַמערקט — מיט אַלע חושים זײַנע האָט ער נאָך געשמעקט אונטן, אויף דער שיינער ערד, וואָס איז איצט געווען פאַרוויקלט אין האַרבסטיקן נעפּל און אין גערוך פון פאַראַקערטע פעלדער.

דער מערדער מוז שטאַרבן

.I

א ג נ ע ס — אַזוי הייסט זי, די העלדין פון דעם דאָזיקן קאַפּיטל און פון איר וועלן מיר אָנהייבן די דערציילונג. אן עלטערע פרוי איז זי, אָבער נאָך הײַנט זענען קאָנטיק אויף איר געזיכט די שפּורן פון אַמאָליקער שיינקייט. אָבער נישט מער ווי ש פּ ו ר ן זענען עס, ווייל אומברחמנותדיק איז די צײַט: זי באַרויבט דעם מענטשן פון זײַן יוגנט, און אומברחמנותדיק איז געווען די וועלט, ווען זי האָט בײַ אָט דער פרוי אַוועקגערויבט די שענסטע אירע יאָרן און פּריצייטיק באַפּאַרבט אירע האָר מיט זילבער.

אָט איז הײַנט א זומערדיקער פאַרנאַכט און אגנעס האָט זיך אומגעקערט פון דער שטאָט, זי איז אַרײַנגעקומען אין דער שטוב א בלאַסע און צעבראָכענע, איר פאַרזאָרגט געזיכט איז פאַרגליווערט פון שרעק. פאַר וועמען איז דער דאָזיקער פּחד? פאַר וועמען האָט זי מורא? אירע ליפּן זענען פאַרטרוקנט, זי אָטעמט שווער, טראָפּנס שווייס באַדעקן איר שטערן. אַרײַנגעקומען אין דער קיך, האָט זי מיט ציטערנדיקע באַוועגונגען אָנגעגאָסן א גלאָז וואַסער און צוגעטראָגן עס צו די ליפּן.

— באַרואיק זיך — האָט געזאָגט דער זון — א מענטש מוז זיך באַהערשן.

שווייג! — האָט זיך אַרײַנגעמישט דער פאָטער — די מאַמע איז קראַנק.

— קראַנק? — האָט זיך היינריך צעלאַכט — איך בין אויך קראַנק.

ער האָט געשמייכלט, זײַנע שמאָלע ליפּן האָבן געשמייכלט, אָבער די אויגן זײַנע זענען געווען ווי תמיד בייז, איראָניש. ער האָט גערעדט שטיל, אָבער סיי די מוטער, סיי דער פאָטער, האָבן געוווּסט, געפילט, אַז אין יעדן וואָרט פון זייער זון איז פאַראַן דער גיפט פון שנאה. היינריך,

דער זון זייערער, האָט פֿיינט זייַנע עלטערן, ער האָט פֿיינט זייַן משפּחה און אין דער זעלבער מאָס האָט ער אויך פֿיינט די גאַנצע וועלט, אַלע מענטשן וואָס לעבן אויסער דער דאָזיקער שטוב.

אַגנעס האָט זיך אַוועקגעזעצט אין ווינקל מיט דעם גלאָז וואַסער אין דער האַנט. עס איז איר איצט קאַלט געווען, אַנגעשפּיקעוועט איז זי געווען מיט קעלט. זי האָט געהערט דעם אויפֿגערעגטן שמועס צווישן פֿאָטער און זון, אָבער דער אינהאַלט פֿון די ווערטער האָט צו איר נישט דערגרייכט. זי האָט געטראַכט וועגן זיך. זי האָט געוואָלט טראַכטן וועגן זיך, אָבער אירע געדאַנקען אַנגעדראָלענע מיט עגמת נפֿש און ווייטיק האָבן זיך אַלץ צוריקגעקערט צום זון. צו דעם דאָזיקן כמעט פֿרעמדן מענטש מיט אייַנגעפֿאַלענע בלאַסע באַקן און מיט שלעכטע אויגן. דאָס גאַנצע לעבן האָט זי אים געווידמעט, אַלץ פֿאַר אים מקריב געווען, שטענדיק געוואַרט אויף זייַן גוט וואָרט, אויף זייַן שמייכל און שטענדיק געציטערט וועגן זייַן גורל. אָבער ער, הייַנריך, האָט זיך נישט גערעכנט מיט אירע געפֿילן, עס האָבן אים קיינמאָל נישט געאַרט אירע לייַדן, און עס האָט אים אַפֿילו נישט געאַרט, אַז פֿון איר ליבשאַפֿט קאָן אַמאָל פֿאַרבלייַבן נישט מער ווי אַ ביסל אַש. און איצט האָט זי זיך געכאַפּט בייַם געדאַנק, אַז נישט ליבשאַפֿט הערשט אין איר צוגעבונדנקייט צום זון, נישט ליבשאַפֿט מוטערלעכע, נאָר דער פּחד וועגן זייַן לעבן, וואָס איז דאָך אַ טיילעבל פֿון איר אייגן לעבן, דער פּחד וועגן זון, וועלכער לעבט זייט יאָרן אין געפֿאַר, ווייל וואָס וועט געשען, אויב אין אַ געוויסן טאָג וועט זיך ווער דערמאָנען וועגן אים? וואָס וועט זייַן, ווען עמעץ וועט אים דערקאָנען?

וועגן דעם האָט זי געטראַכט אין דער דאָזיקער מינוט, זי האָט זיך אָפּגעשאָקלט פֿון די דאָזיקע געדאַנקען, אָבער זיי זענען געווען שטאַרקער פֿון איר ווילן — אַ זעלבסטשטענדיקן קיום האָבן זיי געפֿירט אין איר מוח, און ערשט דעמלט פֿלעגן זיי זי פֿאַרלאָזן, ווען זי פֿלעגט אָנהייבן וויינען. אָבער איצט איז דער געוויין נאָך נישט געקומען.

זי האָט צוגעמאַכט די אויגן און געפּרוּווט צו טראַכטן וועגן זיך און וועגן איר משפּחה אַזוי, ווי מען טראַכט וועגן מענטשן פֿרעמדע, גלייכגילטיקע. וואָס טוט זיך אין דער דאָזיקער שטוב? פֿאַרוואָס אַזוי פֿיל אומגליק? קיינער האָט ביז איצט נישט גערירט זייער רו, קיינער פֿון אויסן, און דאָך איז דאָ נישט געווען קיין שלום, קיין טאָג און נישט קיין נאַכט. זיי האָבן דאָ געלעבט אין אַ פֿאַרשאָלטענעם קרייז פֿון זאָרגן, אָפּ=

געטיילט פון זיך מיט א גרענעץ פון שווייגן, איינזאַמע, מאַטלאָזע, בייזע און שלעכטע. זיי זענען געווען שלעכט. קליינע שוואכע מענטשן זענען שטענדיק שלעכט אין שעה פון פרווו און אומגליק.

אַזוי טראכט אגנעס, און אַלע אירע געדאַנקען פירן צוריק צו הייגריכן. זי איז זיין מוטער. נישט אמת, אַז זי ליבט אים נישט. שטענדיק איז זי געווען מיט אים, אַפילו דעמלט ווען זיינע מעשים זענען איר געווען פרעמד און נמאס. אַזוי איז געווען זייט זיינע פריע קינדעריאָרן. באַטראַכטנדיק איר זון, איר קינד, האָט זי תמיד אָנגעוואָגדן א באַזונדערע גערעכטיקייט. דאָס וואָס האָט זיך איר ביי אנדערע מענטשן אויסגעוויזן אויסטערליש שלעכט, פארברעכעריש אָדער אויסגעלאסן — ביי איר זון איז עס נישט געווען מער ווי אן עפּיזאָד, וואָס פאַרדינט מחילה. ווען ער האָט געטאָן שלעכט, האָט זי אים נישט פאַראורטיילט, ניבער האָט זי אין איר געוויסן גענומען אויף זיך איר חלק, געוואָלט טראָגן צוזאַמען מיט אים די אחריות, בכדי אים, הייגריכן, זאָל לייכטער זיין צו טראָגן דעם שלעכטן יאָך. איינזאמקייט איז דער גורל פון שלעכטע, און אגנעס האָט נישט געוואָלט איר זון זאָל זיין איינזאַם.

אויף זיך האָט זי גענומען א חלק פון זיין שולד פאַר יענעם גרויסן פאַרברעכן, פאַר יענע פינצטערע געשעענישן, וואָס ביז היינט פארטרייבן זיי דעם שלאָף פון אירע אויגן. אָבער אין יענער טראגישער געשיכטע איז דאָך נישט זי געווען שולדיק און קיינעם איז נישט נייטיק געווען, זי זאָל באַלעסטיקן איר אייגן געוויסן. איבעריקנס, נישט פאַר מענטשן און נישט פאַר דער גערעכטיקייט האָט זי זיך באַשולדיקט. געווען איז עס נישט מער, ווי אַ חשבון מיט די אייגענע געדאַנקען, א שטילער געהיימער חשבון, וועגן וועלכן קיינער האָט נישט געטאָרט וויסן. אָבער א חשבון איז עס געווען א שווערער, א מאַטערנדיקער.

יִם איז נאָך געווען אַ צווייטע שולד פון אגנעס, אַן אַבסאָלוטע שולד: נישט דערצויגן האָט זי דעם בן יחיד אויף א גוטן מענטש, און אַפילו נישט אויף א גוטן זון. מיט ליבשאַפט האָט זי אים שטענדיק ארומגערינגלט, אָבער אויך א צוויג ליבט דאָך איר קינד, פון מענטשישער מוטערשאפט פארלאנגט זיך דאָך עפּעס מערער. און וועגן דער דאָזיקער שולד אירער, פארגעסט נישט אגנעס קיינמאָל, און אין אירע שמועסן מיט גאָט דערמאָנט זי וועגן דעם יעדן טאָג.

אַזאַ איז זי געווען שטענדיק און אַזעלכע איז זי פארבליבן ביז היינט — א מוטער. נאָר טיילמאָל ווערט זי מיד און עס דערוואכן אין איר נייע

געפילן און געדאַנקען. אוועקגיין? פארשווינדן פון דער דאָזיקער שטוב? אַלץ אויסמעקן פון האַרץ און פון מוח? אָפּראַטעווען די פּאָר יאָרן, וואָס זענען איר נאָך פאַרבליבן? אָן אומזין. צו אַלט איז זי שוין און צו מיד, האָפענונגסלאָז איז זי צוגעקאָוועט צו איר יאָך. ווער וועט ווייטער טראָגן די יאַרמע, ווען זי וועט אַוועק?

הייגריך איז שלעכט. זי האָט דעם דאָזיקן געדאַנק פיל מאָל איבערגעחזרט, פונקט ווי עס וואָלט געווען א נייע פעסטשטעלונג, פונקט ווי זי וואָלט ערשט איצט וועגן דעם געוווירער געוואָרן. ווען ער האָט געשוויגן, איז עס געווען א שווייגעניש פול מיט האַס. ווען ער האָט גערעדט, זענען זיינע ווערטער געווען בייסיק. דאָס האָט ער פאַרסמט די שטימונג אין שטוב, ער, וואָס פון אים האָבן זיך גענומען אַלע זאָרגן און ליידן. וואָס האָט ער געוואָלט, דער דאָזיקער פרעמדער און ווייטער מענטש? אָט זיצט ער ביים טיש, אָט שפּאַצירט ער נערוועז איבער דער שטוב, ער הוסט שווער און סאָפּעט, און ווען די מוטער הערט דאָס דאָזיקע הוסטן, פילט זי אַ ווייטיק אין האַרצן, אַלץ שטאַרבט איר אָפּ פון פחד, ער איז ווידער איר זון, איר קינד, איר קראַנק קינד, וואָס שפּייט מיט בלוט.

— טרינק אויס א רוי איי, וועט דיר לייכטער ווערן — זאָגט זי שטיל און זי גייט צו צו דעם שרענקל און גיט אים דאָס. רויע איי און קוקט מיט זאָרג אין זיין געזיכט.

פון צווייטן צימער באַווייזט זיך פּאָל, דער מאַן אירער, ער איז אָנגעטאָן צום אַרויסגיין.

— פּאָל, וווּ גייסטו איצט? — פרעגט די פרוי, אָבער זי הערט נישט קיין תשובה.

פּאָל פאַרלאָזט די שטוב. אַגנעס מאַכט א באַוועגונג מיט דער האַנט, זי וויל פאַרטרייבן די געדאַנקען, אַזוי ווי מען פאַרטרייבט א זלידנע פליג.

.II

אין דער טיר, אויף דער שוועל פון שלאָפצימער שטייט מאַרגאָט, די טאָכטער פון אַגנעס — א שיינע איז זי, זי פאַרמאָגט יענעם חן, יענע שיינקייט, וואָס ווירקט אויף דעם חוש פון לייזנשאַפט, אָבער נישט אויף די געפילן. נישט איין מאַן קוקט אויף איר מיט גיריקע בליקן, אָבער דאָס קאָן נישט פאַרטרייבן איר איינזאַמקייט.

זי איז היינט אהיימגעקומען פֿאַרטאָג, ביז איצט איז זי געשלאָפֿן, נאָר וואָס איז זי אויפֿגעשטאַנען. איר שיין יונג געזיכטל איז עפּעס מיד, די שיינע האָר זענען צוזאַמענגעבונדן מיט א נעצל, געלע האָר זענען עס, געפֿאַרבט אויף געל לויט דער לעצטער מאָדע, ווייל מאַרגאָט איז אייגנטלעך א ברונעטע, מיט טונקעלע אויגן, אין וועלכע עס זעט זיך די ערנסטקייט פֿון פֿריצייטיקער דערפֿאַרונג. זי איז שיין געבויט, זי קאָן שיין טאַנצן, אַ געשיקטן הילוך האָט זי, זי גייט טאַנצנדיק, זי טראָגט קורצע גוט צוגעפּאַסטע קליידלעך. ווען מאַרגאָט גייט דורך דער גאַס, פֿילט זי אויף זיך די בליקן פֿון מענער, טיילמאָל האָט זי פֿון דעם א פֿאַרגעניגן, אָבער ניט שטענדיק — זי איז גענוג קלוג צו פֿאַרשטיין, אז עס דראָען איר פֿון דער דאָזיקער זייט פֿיל געפֿאַרן, אָבער זי קאָן זיך אויף אַזויפֿיל גוט צו פֿאַרשטיין, אז צו שוואַך איז זי מיט די דאָזיקע געפֿאַרן צו קעמפֿן, צו באַזיגן זיי. זי איז שוצלאָז, זי האָט ניט קיין גענוג שטאַרקן ווילן אַנטקעגנצושטעלן זיך יענע כוחות, וואָס ווירקן אויף איר. זי גייט דורך איר יונג לעבן מיט פּחד, כאָטש זי באַמיט זיך צו באַהאַלטן אים טיף אין זיך.

זי שטייט אויף דער שוועל און קוקט מיט אומרו אויף דער מוטער, אויף דעם ברודער. זי איז אומרואיק, זי האָט מורא.

— מיין גאָט! — טראַכט זי — פֿאַר וועמען האָב איך דען ניט מורא? אַלע זענען דאָך קעגן מיר.

אַלע דריי מעסטן זיך א ווײַלע מיט די בליקן. זיי קוקן אויף זיך וואַרטנדיק — די מוטער, דער זון, די טאָכטער — ווער וועט דאָס מאָל דער ערשטער אָנהייבן א קריגעריי?

דער קראַנקער היינריך שמייכלט איראָניש.

— מאַמע, גיב מיר א גלעזל מילך — זאָגט מאַרגאָט — איך האָב שרעקלעכע קאָפּ־שמערצן.

— דאָס קינד איז דורשטיק — לאַכט דער ברודער — דאָס קינד האָט צו פֿיל וויין אויסגעזשלאָקעט נעכטן און אַ גאַנצע נאַכט.

אַגנעס פֿאָרעט זיך אין דער קיך, זי גיסט אָן און דערלאַנגט דער טאָכטער אַ גלעזל קאַלט וואַסער־מילך. אַגנעס איז אויפֿגערעגט, זי קוקט מיט פֿאָרוואורף אויף דער טאָכטער. מאַרגאָט רויכערט א פּאַפּיראָס, איר מויל איז אָנגעזאַפּט מיט רויך פֿון פּאַפּיראָסן, איר לייב האָט דעם גערוך פֿון ביליקער פּודרע און ביליקע פּאַרפֿומען. די מוטער האָט פֿיינט די דאָזיקע גערוכן, אַליין האָט זי קיינמאָל ניט באַנוצט קיין שום פּאַרפֿומען.

די טאָכטער טרינקט אויס די מילך, די מוטער גיסט איר ווידער אָן. דאָס איז איר גאַנץ לעבן, דער גאַנצער אינהאַלט פון איר לעבן: דערלאַנגען, צוטראָגן, צוגרייטן, באַדינען. אַגנעס באַדינט דעם מאַן, דעם זון, די טאָכטער, און נאָר איר אַליין האָט נישט ווער צו דערלאַנגען ווען זי איז דורשטיק אָדער מיד, ווען זי איז שוואַך אָדער ווען עס ציטערן איר די הענט.

— וואָס וועט מיט דיר זיין, מאַרגאָט? — פרעגט די מוטער און ווידער הזרט זי איבער די זעלבע פראַגע און ווענדט זיך צו היינריכן, פונקט ווי זי וואָלט פון אים דערוואַרט אַ תשובה — וואָס וועט פון איר זיין? וואָס וועט פון איר אויסוואַקסן?

— אַ זיס קינד — זאָגט מיט אַן אַכזריותדיקן שמייכל דער ברודער און זיין רואיקע שטים איז פול מיט האַס — אַ זיס קינד, אַן אומשולדיק מיידעלע, אַ נאַכט־פויגל.

— האַלט דאָס מויל! — שרייט מאַרגאָט — דו ביסט פול מיט האַס! מ ע ר ד ע ר! דו קאָנסט נישט פאַרטראָגן, אַז איך בין יונג און געזונט! און דו, דו פוילסט, פוילסט און ציטערסט פאַר פחד. אָבער נישט איך בין דאָך שולדיק, אַז די תליה וואַרט אויף דיר. הערסט? נישט איך בין שולדיק, אַז דו וועסט הענגען...

— שווייג! — שרייט די מוטער און פאַרברעכט די הענט — שווייג!

דער קראַנקער היינריך הערט אויף צו שמייכלען. זיינע שמאָלע ליפן ציטערן, אויפן שטערן באַווייזן זיך טראָפּן שווייס.

מאַרגאָט צעוויינט זיך היסטעריש און פאַרשטעלט זיך דאָס מויל מיט דער האַנט, זי מאַכט אַ באַוועגונג, ווי זי וואָלט געוואָלט צוריקציען אירע נישט באַהערשטע און נישט דורכגעטראַכטע ווערטער — צוריקציען, אָדער צו נישט מאַכן, אויסמעקן זיי פון זיין זכרון.

— וואָס וועט מיט דיר זיין? — פרעגט די מוטער, אָבער זי דערוואַרט נישט קיין ענטפער, זי וויל נישט צו פיל מאַטערן די טאָכטער, זי האָט מורא, אַז אין אַ געווויסן טאָג וואָלט מאַרגאָט געקאָנט פאַרלאָזן דאָס שטוב.

„וואָס וועט פון דיר זיין?“ אַגנעס ווייסט, וואָס עס וועט זיין. מאַרגאָט וועט אָפּעסן אָוונט־ברויט, אָנטאָן זיך און אַרויסגיין אין קאַפע־הויז, צו אירע חברים און חברטאָרינס, ווער ווייסט מיט וועלכע ווען זי גייט? אפשר וועט זי פאַרברענגען די נאַכט אין אַ האָטעל און אינדערפרי וועט זי עמעץ צופירן אַהיים מיט אַ טאַקסי, אַ בלאַסע און אויסגעמאַטערטע,

שוין א פּאָר מאָל האָט זי זיך אומגעקערט א שיכּורע, און זיי דאָ, דער פֿאָטער און די מוטער, האָבן זיך געמאַכט נישט זעעוודיק, בכדי נישט צו פֿאַרשעמען דאָס אייגן קינד, בכדי צו ראַטעווען דעם שלום אין דער שטוב, נישט צו דערלאָזן צו דראַמאַטישע סצענעס. און ווען זי איז ניכטער געוואָרן, האָט זי זיך אַנטשולדיקט: זי באַמיט זיך צו באַקומען א שטעלע, מען האָט איר צוגעזאָגט, אַז עס איז זייער א גוטע שטעלע און צוליב דעם האָט זי נישט געקאָנט נישט אָננעמען די איינלאַדונג, ווייל זי וואָלט פֿאַרלוירן די שאַנס, איבעריקנס איז עס געווען א פּרעכטיקע אויפֿנאַמע און א פֿיינע פֿאַרוויילונג, נאָר צופֿיל שאַמפּאַניער האָט מען געטרונקען...

— אין א געוויסן טאָג וועל איך דיך הרגענען — האָט איר דעמלט געזאָגט דער פֿאָטער, ער, וואָס האָט צומייסטנס ליב געהאַט זיין איינציקע טאָכטער, און זיינע ווערטער האָבן געקלונגען רואיק, פּונקט ווי ער וואָלט זיי לאַנג צוגעגרייט, לאַנג אויסגעמאָסטן און אויסגעוויגן — איך וועל דיך הרגענען און דערנאָך וועל איך גיין צו יענע עלטערע הערן און צו יענע יונגע „האַלב־שמאַרקע“ באַנדיטן, וואָס דו שלעפּסט זיך ארום מיט זיי גאַנצע נעכט...

אַזוי האָט געזאָגט פּאָול, און אַגנעס האָט דערזען אין זיינע אויגן פֿאַרדעכטיקע בייזע בליצן, זי האָט אים כמעט געגלויבט, אַז אין א געוויסן טאָג וואָלט ער עס באמת געקאָנט טאָן. זי האָט זיך דעמלט אַוועקגעשטעלט צווישן פֿאָטער און טאָכטער.

— וואָג זיך נישט — האָט זי געזאָגט — זאָלסט זיך נישט וואָגן אויפֿצוהייבן אויף איר א האַנט. גיכער וועל איך ד י ך הרגענען. זי איז מיין קינד און וואָס עס זאָל נישט געשען, וואָס זי זאָל נישט טאָן, וועל איך שטענדיק זיין לעבן איר און מ י ט איר. אַזאַ איז מיין גורל.

— אויסוואורפֿן. — האָט געזאָגט פּאָול — דאָס זענען אויסוואורפֿן.

— ביסט גערעכט — האָט צוגעגעבן אַגנעס — אַנדערע מענטשן האָבן קינדער און איך האָב געבראַכט אויף דער וועלט אויסוואורפֿן, אָבער די דאָזיקע אויסוואורפֿן זענען מיינע, מיינע! הערסט? מיינע קינדער זענען שלעכט און אומגליקלעך און טאַקע דערפֿאַר דאַרפֿן זיי מיך. זיי דאַרפֿן אַ מוטער!

— איך דאַרף נישט קיינעם — האָט זיך אָנגערופֿן היינריך — וועגן מיר זאָרג זיך נישט.

— אַ ליגנט! — האָט אויסגעשריגן אַגנעס, אַ געטראָפֿענע אין אירע טיפֿסטע געפֿילן — מאַך זיך נישט פֿאַר א העלד, דו ביסט נישט קיין

העלד! נאָר דאָס איינע האַלט מיך נאָך ביים לעבן, אַז איר דאַרפט מיך, אַז איר נייטיקט זיך אין מיין הילף. ווען נישט איר, וואָלט איך זיך אַוועקגעלייגט און געשטאָרבן. ווער פון אייך ווייסט, ווי מיד איך בין? וועמען אַרט עס? די איינציקע טרייסט, אַז מען לעבט נישט אייביק.

— הער אויף! הער אויף! — האָט געשריגן היינריך — צופיל רעדסטו וועגן שטאַרבן.

דער דאָזיקער שמועס איז פאָרגעקומען ערשט נישט לאַנג, ערשט מיט אַ פּאָר טעג צוריק, אָבער אַגנעס האָט נאָך נישט אויפגעהערט וועגן אים צו טראַכטן. אין קיינעם האָט זי נישט געהאַט קיין אָנלען, אין קיינעם קיין טרייסט. איינזאַם איז זי געווען.

מאַרגאָט האָט פאַרשטאַנען דער מוטערס שטימונג. זי האָט איר אַרומגענומען און אַריינגעפירט אין צווייטן צימער. זיי האָבן זיך דאָרט אַוועקגעזעצט אויפן בעט און צוגעדריקט צו זיך. זיי האָבן געוויינט.

דערנאָך, ווען זיי האָבן זיך באַרואיקט, האָט זיך מאַרגאָט אָנגעטאָן און געזאָגט, אַז זי גייט אין קינאָ.

אַגנעס האָט זיך אָנגעלענט אויפן בעט, זי איז געווען דערשלאָגן און קראַנק. שלאָפן האָט זי נישט געקאָנט, זי האָט געטראַכט וועגן יענעם מענטשן, וואָס ערשט מיט אַ פּאָר שעה צוריק האָט זי אים באַגעגנט אין טראַמוויי. און געטראַכט האָט זי וועגן אים מיט פּחד, פּונקט ווי מען טראַכט וועגן אַ דראָענדיק געפאַר, וואָס נעמט אַוועק דעם מענטשן דעם באָדן פון אונטער די פיס. יענער מענטש האָט לאַנג געקוקט אויף איר — צי האָט ער זי דערקענט? צי האָט ער דערקענט, אַז זי איז היינריכס מוטער?

.III

די שטאָט איז געווען פאַרטונקען אין עלעקטרישן שיין, געפינקלט האָבן די פאַרביקע רעקלאַמעס, פון די שויפענצטער האָבן געצויגן דעם בליק פון דורכגייער ליכטיקע פירעקן מיט זייער שרייענדיקן אינהאַלט: דיוואַנען און פאָרצעליי, ביכער און בילדער, זיסוואַרג און געטראַנקען, מלבושים, פרוכטן, און וואָס נאָר דער מענטשלעכער מוח קאָן אויסטראַכטן, וואָס נאָר די הענט קאָנען אויספירן און דאָס האַרץ — גלוסטן.

פון די נאַכט־לאָקאַלן האָט זיך געטראָגן דזשעז־מוזיק, שרייענדיקע אויפשריפטן פון גלאָז און עלעקטרישן שטראָם האָבן איינגעלאַדן די וועלט צו קומען און צו זען דאָס ווונדער פון אונדזער יאָרהונדערט: סטריפּ־טיז.

פּאָול איז געגאַנגען געשווינד, ער איז געווען אויפגערעגט — פון צייט צו צייט פלעגט אים באַפאַלן אַט טאַקע אַזאַ אויפרעגונג און דעמלט האָט ער מיט כוח געמוזט זיך באַהערשן, בכדי נישט אַרויסצורופן אין שטוב קיין קריגעריי, און באַהערשן זיך איז נישט תמיד געווען לייכט, דעריבער פלעגט ער גערן אנטלויפן פון שטוב — גערן וואָלט ער ערגעץ ווו אנטלאָפן אויף שטענדיק, בכדי איינמאָל פאַר אלעמאָל באַפרייען זיך פון יענער אומזיכערקייט, וואָס האָט האָרט זייט יאָרן געהערשט. די סיבה פון דער דאָזיקער אומזיכערקייט איז שוין לאַנג פאַרבליבן הינטער ווייט אין עבר, און אַפילו די אָרטשאַפט, וווּ יענע געשעענישן זענען פאָרגעקומען, איז אויך פאַרבליבן ווייט און אפילו אויסער די גרענעצן פון דער פעדע־ראַלער רעפּובליק — אַלע רעקוויזיטן און פּרטים האָבן שוין אויפגעהערט צו זיין קאָנקרעט, זיי האָבן שוין פאַרלוירן די שאַרפקייט פון רעאַלע גע־שטאַלטן און געשעענישן — די צייט האָט זיי פאַרדעקט מיט א נעפּל, אין פּאָולס זכרון זענען זיי פאַרבליבן נישט מער ווי אין דער פאָרם פון א שטימונג, נישט מער ווי אַ שטימונג פון אַ שלעכטן חלום.

נײן, נישט ער, נישט פּאָול איז דעמלט שולדיק געווען. שולדיק איז גע־ווען הייגריך. פּאָול איז געווען נישט מער ווי אַ פּאַסיווער און מאַכטלאָזער עדות פון די געשעענישן, פּאָול האָט אויף זיך גענומען דאָס שווייגן, ער איז געווען פּאַסיוו און אומשולדיק, ער האָט געשוויגן און איז נישט מסכים געווען, אָבער צי הייסט עס, אז ער איז פאַרבליבן אויסער דעם קרייז פון שולד? ער איז דאָך געווען אַ פאָטער, ער איז געווען דער פאָטער פון אָט דעם געראָטענעם זון, וואָס האָט דעמלט פאַרמאָגט אַזויפיל זעלבסטשטענדיקייט, אזויפיל אונטערנעמונגס־גייסט... מיט זיין כוח און זי־כערקייט האָט ער דעמלט געוועקט ארום זיך פאַרשיידענע געפילן: ביי איינעם דרך־ארץ, ביי אנדערע באַוווּנדערונג און אָנערקענונג, אָדער — פּחד און עקל. און הייַנט ליגט ער אויף זיין געלעגער און פאַמעלעך גייט ער אויס. ער גוססט און די גסיסה דויערט שוין אַ פּאָר יאָר.

פּאָול פילט זיך נישט שולדיק. און כאָטש ער שטעקט נאָך הייַנט מיט די געדאַנקען אין יענע צייטן, האָט ער דאָך באַוויזן אויסצושטרייכן און צו באַזייטיקן פון זכרון פיל פון יענע ענינים — פאַרבליבן איז אייגנט־לעך נישט מער ווי דער אומרו, דער אומצוטרוי צום מאָרגנדיקן טאָג. פּאָול פילט אויף זיך דעם עול, ער איז א מאַן און א פאָטער, וואָס איז פאַרפליכטעט צו באַוואַכן די גאַנצקייט פון זיין משפּחה. אויף אים ליגט דאָס אחריות פאַר דעם גורל פון דער פאַמיליע און אַפילו פאַר דעם גורל

פֿון זון, צו וועלכן ער פֿילט נישט און האָט קיינמאָל נישט געפֿילט קיין הייסע, נאָר פֿאָטערלעכע געפֿילן.

און דאָך — טראַכט פּאָל — דאָך וואָלט צום בעסטן געווען: פֿאַרגעסן. פֿאַרגעסן אַלץ וואָס איז געווען אין עבר און פֿאַרגעסן וועגן דעם, וואָס עס קאָן אין אַ געוויסן טאָג ברענגען די צוקונפֿט. אָ, דעמאָלט וואָלט שוין גאָרנישט געפֿעלט צום גליק. צום גליק? אַ גוזמא.

אומעגלעך איז צו באַפֿרייען זיך פֿון דעם דאָזיקן אומרו, אָבער דער קוואַל פֿון אומרו, פֿאַרווישט זיך אין פּאָלס מחשבֿות — ער געדענקט נישט, ער וויל נישט געדענקען, און ער גיט זיך אָפּ אַ חשבון פֿאַר וואָס ער געדענקט נישט. וווּנדערלעך איז דער מענטשלעכער זכרון — ער פֿאַרגעסט, ער ווייסט ווען צו פֿאַרגעסן, ער ווייסט וואָס צו פֿאַרגעסן, בכדי נישט צו דערפֿירן דעם מענטשן, צום אָפּגרונט פֿון פֿאַרצווייפֿלונג און משוגעת.

פּאָל שפּאַצירט, ער גייט דורך רוישיקע גאַסן פֿון דער שטאָט, עס מײַדט אים אויס אַ המון פֿון דורכגייער, טראַמווייען פֿליִען פֿאַרבײַ, בריקן הענגענדיקע איבער די גאַסן ציטערן און הילכן שווער אונטער דער לאַסט פֿון פֿאַרבײַפֿאָרנדיקע באַן־וואַגאָנען, די עלעקטרישע צוגן אײַלן פֿאַרבײַ ווי געשפּענסטער, אויטאָס יאָגן זיך אויף דעם אַספֿאַלט וואָס איז גלאַנציק און גלאַטיק ווי אַ שפּיגל. וווּהין אײַלט די דאָזיקע וועלט, די וועלט פֿון מענטשן פֿאַרמאַכטע אין זיך, וווּהין לויפֿן זיי, די באַפּאַנצערטע מיט־צײַטלער אונדזערע, סודותפֿולע און אומבאַקאַנטע, אומשעדלעכע אָדער גרויזאַמע, גליקלעכע אָדער אומעטיקע און פֿאַרשפּילטע, וווּהין טראָגן זיי זייערע אינערלעכע טראַגעדיעס, זייער שולד און אומשולד, זייערע פֿאַרברעכנס, זייער איידלקייט, זייער טרויער, באַגערן וואָס וועלן אפֿשר קיינמאָל נישט מקוים ווערן. וווּהין? און וווּהין שפּאַנט ער, פּאָל? צו וועלכער צוקונפֿט? צו וועלכער גאַס? צו וועמען?

ער האָט זיך פֿאַרהאַלטן פֿאַר דער אָפֿענער קירכע. אַ ווײַלע האָט ער געטראַכט: אַרײַנגיין? עס האָט זיך אים געוואָלט געניסן פֿון דער פֿײַכטער האַלב־טונקעלער קילקייט, וואָס האָט מסתמא געהערשט דאָרט אינעווייניק. אפֿשר וועט ער דאָרט טרעפֿן וועלכן אומבאַקאַנטן מענטש אין שוואַרצע מלבושים, וועלכער וועט אים וועלן אויסהערן. עס האָט אים דערפֿרייט דער דאָזיקער געדאַנק: זיך מתוודה זײַן, אַראָפּוואַרפֿן פֿון זיך דעם שווערן יאָך פֿון געדאַנקען, איבערגעבן דעם דאָזיקן יאָך אַן אומבאַקאַנטן גײַסטלעכן, וועלכער איז שוין צוגעוווינט אויסצוהערן מענטש־

לעבע דראַמעס און מענטשלעכע פֿאַרברעכנס, אָ, זיי האָבן שוין גרויס דערפֿאַרונג אין די דאָזיקע ענינים, די גייסטלעכע, זיי פֿילן זיך געוויס ווי צוהערער און צושויער אין אַ גרויסן טראַגישן טעאַטער, וואָס שפּילט זייערע פּיעסן אויף אַ פּערמאַנענטן אופֿן, טאָג איין, טאָג אויס, ביי טאָג און ביינאַכט. זיך מתודה זיין און דערנאָך — נאָך צען מינוט אָדער נאָך אַ שעה, פֿאַרלאָזן די קירכע און ווידער אַרויס אויף דער גאַס, אַ לייכטער און אָפּגערייניקטער — און אָפּגערייניקטער נישט דורך תשובה, ווייל פֿאַל איז נישט קיין גלויביקער — און אָפּגערייניקטער און לייכטער בלויז דורך אַראָפּוואַרפֿן פֿון האַרץ דאָס אַלץ וואָס נאָגט און טוט וויי.

אָבער באַלד האָט ער פֿאַרטריבן דעם דאָזיקן געדאַנק. נאָך איין מענטשן אַרייַנציען אין דאָזיקן טרויעריקן קרייז? ניין, מען דאַרף נישט מער קיין רינגען אין יענער האָפֿענונגסלאָזער קייט און מען דאַרף דאָ נישט רעדן וועגן מחילה. קאָן דען זיין אַ מחילה פֿאַר די פֿאַרברעכנס, וואָס הייַנריך טראָגט אויף זיין געוויסן? הייַנריך און — געוויסן?...

ער האָט אָנגעהויבן גיין שנעלער, כּדי צו געפֿינען זיך וואָס ווייטער פֿון דער קירכע. אָבער באַלד איז ער געבליבן שטיין, ער האָט שווער געאַטעמט, אין ברוסט־קאַסטן האָט ער דערפֿילט סיגנאַלן פֿון אָנקומענדיקן ווייטיק — דאָס האַרץ... אין שפּיגל פֿון אַ שוי־פֿענצטער האָט ער דערזען זיין געזיכט. און ער האָט זיך פֿאַרשעמט, עס האָט זיך אים אויסגעוויזן נישט ערנסט, קינדיש, דאָס באַטראַכטן זיך אין שפּיגל, בפֿרט דאָ, אויף דער גאַס. און אין די לעצטע חדשים האָט ער עס גאַנץ אָפֿט געטאָן. ווען ער איז געווען אויסגערוט און רואיק, ווען ער האָט זיך געפֿילט געזונט, דעמאָלט פֿלעגט זיך אים דאַכטן, אַז דאָס פּרצוף אין שפּיגל קוקט אויף אים מיט פֿריינדשאַפֿט און מיט האָפֿענונג, מיט אָפּטימיזם. אָבער אָפֿט פֿלעגט ער דערזען אין שפּיגל אַ געזיכט, וואָס האָט זיך אים אויסגעוויזן כּמעט פֿרעמד, כּמעט פֿיינטלעך — אַ געזיכט פֿון אַ מידן, פֿאַרמאַטערטן און פֿאַרזאָרגטן גראָען עלטערן מאַן, מיט געלע פֿאַרקנייטשטע באַקן — אַ געזיכט פֿון אַ זקן איז עס געווען, און דעמאָלט פֿלעגט אים אַרומנעמען אַ געפֿיל פֿון פֿאַרצווייפֿלונג: צו שפּעט בכדי אָנהייבן צו לעבן אויפֿסניי, אויף אַ נייעם אופֿן, און צו פֿרי צו שטאַרבן...

איינמאָל — אפֿשר מיט אַ האַלב יאָר צוריק — האָט ער זיך אויפֿגעוועקט באַלד נאָך האַלבער נאַכט מיט אַ געפֿיל פֿון אַ גאַנץ נייעם, אַ גאַנץ אומבאַקאַנטן פּחד. דאָס מאָל איז עס געווען נישט דער פּחד וועגן גורל פֿון זיין משפּחה — געווען איז עס אַ פּחד פֿון אַן אומבאַהאָלפֿן לע=

בעדיק ווען, פאַר וועלכן עס האָט זיך אַנטפּלעקט אַ פאָרגעפיל פון אַבסאָלוטן נישט־זיין, פון אַן אָפּגרונט, וואָס דערנענטערט זיך אומפאַרמיידלעך מיט יעדן טאָג, מיט יעדער שעה. ער האָט פאַרשטאַנען דעם דאָזיקן פּחד: אַ פּחד פאַרן טויט איז עס געווען, אויף אַזאַ אופן האָבן סיגנאַליזירט די קעמערלעך און געוועבן פון זיין אַלטן קערפּער...

מיט דעם דאָזיקן אויסטערלישן געפיל האָט ער זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף, געלעגן לאַנג אָן באַוועגונג, נישט געוואַגט זיך צו עפענען די אויגן, נישט געוואַגט אָנצוצינדן דאָס ליכט. דער דאָזיקער געדאַנק וואָס האָט אים אַרויסגעריסן פון שלאָף אינמיטן נאַכט איז געווען א מ ת ד י ק, רעאַל, און פאַל האָט נישט געוואָלט פאַרטרייבן דעם דאָזיקן געדאַנק, נישט געוואָלט אַנטלויפן פאַר דעם אמת. ער האָט באַשלאָסן איבערצוטראַכטן אָט דעם געדאַנק, פאַרשטיין און צואייגענען זיך זיין זין אָדער א ו מ ז י ן — ווייל עס איז דאָך שווער צו זאָגן, אַז דאָס שטאַרבן, אַז דער ט ו י ט זאָל האָבן אַ זין, דעמלט ווען דער מענטש האָט נאָך כּוח צו פּראָטעסטירן קעגן אים. דער טויט האָט אַ זין נאָר דעמלט, ווען דער מענטש וויל נישט מער לעבן, טראַכט פאַל. אָבער ער, פאַל, איז נאָך צום דאָזיקן אָרט נישט דערגאַנגען. ער האָט ג ע וו אָ ל ט לעבן.

פאַרוואָס איז יענער געדאַנק, דעמלט ביינאַכט, און שפּעטער אין פיל אַנדערע נעכט — פאַרוואָס איז יענער געדאַנק געווען אַזוי שרעקעוודיק, אַזוי גרויזאַם? עס האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז ער האָט דערפונדן און דערזען נאָך איין געאָמעטרישן אויסמעסט, וועגן וועלכן קיינער האָט ביז איצט נישט געוווּסט, אָדער נישט געוואָלט וויסן, יעדנפאַלס ער, פאַל, האָט קיינמאָל נישט געטראַכט וועגן דעם דאָזיקן מאָדנעם ענין. וועגן דאָזיקן ט ר אַ ג י ש ן ענין. ער האָט געפונען אין זיך אַ נייעם חוש, מיט וועלכן מען קאָן אַרומנעמען און באַגרייפן דעם אָפּגרונט אויף יענער זייט פון דער גרענעץ, וואָס ציט זיך צווישן טויט און לעבן. און מיט דעם דאָזיקן נייעם, אָקאָרשט געפונענעם חוש האָט ער געזען אין דער פינצטערניש פון דער נאַכט: זיין בעט, די וווינונג, דעם זון, די לעבעדיקע וועלט, וואָס אָטעמט און טומלט אַרום אים, מאַרגאַט, די שיינע טאָכטער, וואָס איז אַ טייל פון זיין לייב און נשמה, ער האָט געזען די זון און די לבנה, בלומען אין שטאָטישן גאָרטן, זיין פרוי אַגנעס, וועגן וועלכער ער איז נישט אימשטאַנד צו טראַכטן אַנדערש ווי מיט אַ פאַרביסענעם און פאַרבאַקענעם האַס — ער האָט געזען הימל און ערד און גרינקייט, געהערט מוזיק, וועלכע ער האָט שטענדיק געהאַלטן פאַר אַ חלק פון דער אומשטערבלעכ־

קייט — דאָס אַלץ האָט ג ע ד ו י ע ר ט, דאָס אַלץ האָט ער אין דער דאָזיקער מינוט געזען און געהערט מיטן כוח פון המיון, דאָס אַלץ האָט ער געפילט אָבער אָ ן ז י ך, אָן זיין אייגענעם, אַפילו באַשיידנסטן, אַפילו פּאַסיוון — אָנטייל. און דער דאָזיקער געדאַנק איבערראַשט און שרעקט — ער פילט זיך אין אַ געפאַר, אין אַן אַ ב ס אָ ל ו ט ע ר געפאַר, וואָס מען קאָן פון איר נישט אַנטלויפן און מען קאָן זי נישט אויסמיידן. פאול האָט געציטערט.

אין דרויסן האָט געהערשט די נאַכט, שווערע לאַסט־צוגן האָבן געדונערט אין דער געגנט פון וואָקזאַל, אויף דער גאַס האָבן זיך געהערט די איילנדיקע שריט פון פאַרשפּעטיקטע דורכגייער און דער געמאָסטענער רואיקער הילוך פון וואַכנדיקע פּאָליציאַנטן, ערגעץ נישט ווייט האָט געשפּילט דער הזשעז־אָרקעסטער אין אַ טאַנץ־לאָקאַל. פאול האָט גיריק נאָכגעהאָרכט, אויפגעכאַפּט די דאָזיקע סימנים פון לעבן און סטאַבילקייט. אין אָט די קלאַנגען האָט ער געוואָלט געפינען אַ באַשטעטיקונג, אַז אַלץ איז אַזוי ווי ס'איז געווען און ווי עס דאַרף זיין, און אַז גאָרנישט האָט זיך אין משך פון דער דאָזיקער נאַכט נישט געענדערט.

אין איינער פון אַזעלכע שווערע, שלאָפלאָזע נעכט איז ער צוגעגאַנגען צו דער שלאָפנדיקער טאָכטער, אָנגעבויגן זיך איבער איר און לייכט, בכדי נישט אויפצוּוועקן, געגלעט אירע הענט, געזוכט ביי איר דערמאָנונגען, געוואָלט אויפסניי געפינען, אויפסניי פאַנאַנדערבלאָזן אַ פונק פון יענער פרייד, וואָס ער פלעגט פילן, ווען מאַרגאָט איז אַלט געווען אַ יאָר צוויי, און איר ווונדערלעך, איידל קינדיש געזיכט האָט געוועקט אין אים די בעסטע געפילן: איבערגעגעבנקייט, ליבשאַפט, האָפענונג. קיינעם האָט ער קיינמאָל נישט ליב געהאַט אַזוי טיף און געטריי, ווי די טאָכטער זיינע. אָבער היינט, נאָך צוואַנציק יאָר, ווען ער האָט זיך אָנגעבויגן איבער דעם בעט פון דער שלאָפנדיקער טאָכטער, און ווען ער האָט לייכט צוגערירט די ליפּן צו איר שטערן, האָט ער שוין נישט געפונען אין זיך די דאָזיקע פרייִדיקע שטימונג פון אַמאָל. מאַרגאָט רויכערט אַ סך פּאַפּיראָסן, ווען זי אָטעמט פילט זיך דער גערוך פון ניקאָטין, מאַרגאָט טרינקט אויך שטאַרקע געטראַנקען און פאול האָט קיינמאָל נישט געטרונקען קיין בראָנפן, פאול פאַרטראָגט נישט קיין שיכורים. אַן אַנטוישטער האָט ער זיך דערווייטערט פון דער טאָכטער, פרעמד איז זי אים געווען.

איינזאַמקייט. וועמען האָט ער געהאַט לעבן זיך? אַנגעס? אויך זי איז געווען ווייט און פרעמד. קיין זאך האָט זיי שוין נישט געבונדן, אַלץ

האָט זיי געמיילט. הייגריך? אַ טריבער שאָטן פֿון זייער לעבן — דער מוטערס זונעלע. אַזוי איז שוין געווען פֿון סאַמע אָנהייב. מאַרגאָט האָט „געהערט" צום פֿאָטער, צו אים איז זי געווען ענלעך סיי מיט די שטריכן פֿון געזיכט, סיי מיט די מעלות און חסרונות: אַ פֿאַרמאַכטע אין זיך, אַ סודותפֿולע. שווער איז געווען צו פֿאַרשטיין אירע מעשים און אירע געפֿילן. אפֿשר דערפֿאַר האָט זיך געקאָנט אויסווייזן, אַז מאַרגאָט איז אַ קאַלטע, אַז זי האָט נישט קיין טיפֿערע וואַרעמע געפֿילן צו קיינעם. אָבער אַזוי איז נישט געווען — מאַרגאָט האָט אַ פֿילבאַרע נשמה, זי קאָן אָבער נישט, און זי האָט נישט ליב אַרויסצוברענגען פֿאַר מענטשן אירע געדאַנקען. זי שווייגט און שווייגנדיק טראָגט זי מסתמא אירע ליידן און ליידנשאַפֿטן. פּאַול קאָן זיך משער זיין, אַז דער אינהאַלט פֿון מאַרגאָטס שווייגן ווערט אַלץ טיפֿער און טראַגישער — זי איז דאָך שוין נישט קיין קינד, זי איז אַ דערוואַקסענע יונגע פֿרוי, וועגן וועלכער די עלטערן ווייסן אַזוי ווייניק.

פּאַול בלייבט שטיין און לייגט צו די האַנט צום האַרץ. אָנגעשפּאַרט אָן דעם אייזערנעם געשטעל ביי אַ שויפֿענצטער, רוט ער זיך אָפּ אַ ווײַלע. דערנאָך קערט ער זיך צוריק, פּאַוואָליע גייט ער אהיים.

4

פּעטער, דער יונגער „האַלב־שטאַרקער" בחור, מיט וועלכן מאַרגאָט באַגעגנט זיך יעדן אָוונט, איז הויך און ברייטפּלייציק, אַ בראָנז פֿון דער זון אָפּגעברענט געזיכט האָט ער, אַ שיין געזיכט איז עס, און ווען ער לאַכט, גלאַנצן פּרעכטיק און מיט כוח זיינע פּערלדיק ווייסע ציין. ער איז אַ ספּאָרטלער, אַ געזונטער מאַן איז ער, ווען ער פֿאָרט אויף זיין מאָטאָציקלעט, קאָן אים קיינער נישט דעריאָגן. ער איז אַ סטודענט, שטודירט פֿאַרשיידענע זאַכן, וועגן וועלכע מאַרגאָט האָט נישט קיין געהעריגע אַנונג, ווייל קיינמאָל האָט זי אים נאָך נישט געטראָפֿן מיט קיין שום בוך אין דער האַנט.

פּעטערס פֿאָטער איז אומגעקומען בעת דער מלחמה, דערצויגן האָט אים די מוטער — אַן ענערגישע און פּראַקטישע איז זי, פֿון יענעם מין פֿרויען, וועלכע גייען אַרויס גאַנץ פֿון יעדער געפֿאַר. אַ בלאָנדע איז זי, כאָטש ערשט נישט לאַנג האָט זי געהאַט געלע האָר, און נאָך פֿריער איז זי געווען אַ טונקעלע ברונעטקע, אַ שיינע פֿרוי איז זי, פֿון אַ יאָר פֿערציק,

פּופּציק, אָן עלעגאַנטע, שטענדיק, זאָרגעוודיק אָנגעפּודערט און געשמינקט, זי איז נישט קאַרג אין ווערטער, פּאַרקערט, זי רעדט אַ סך און באַנוצט יענעם אַרט פון רעדן, יענעם זשאַרגאָן, מיט וועלכן עס באַנוצן זיך די סוחרטעס אויף די מאַרק־פּלעצער. אָבער זי, פּעטערס מוטער גייט נישט אויף מאַרק־פּלעצער, זי גייט נישט צווישן אָרעמערן המון, זי קאָן מען שטענדיק טרעפן אין איינעם פון יענע עלעגאַנטע קאַפע־הייזער, וווּ עס פאַרברענגען זייער פרייע צייט די אָרטיקע אינטעלעקטואַליסטן, קינסטלער, און אויך די סנאָביסטישע גאָרנישט־טוער און סטודענטן.

פּעטערס מוטער איז אַ רייכע, זי נעמט אָנטייל אין דער אָרטיקער שוואַרצער בערזע, זי קויפט און פאַרקויפט, כּמעט נישט יעדער איינער ווייסט, וו אָ ס זי פאַרקויפט. איר אויסזען, איר עלעגאַנטישקייט איז ווייט איבערגעטריבן און אָן גוטן געשמאַק — אַזוי טראַכט וועגן איר מאַרגאָט — צופיל שמוק טראָגט זי אויף זיך, די דאָזיקע דאַמע: גרויסע אוירינגען, קרעלן, אַ גילדענער קרייץ אויפן האַלדז, רינגען און בראַנזלעטן. „אַ גאַנצער קראָם מיט צירונג“ — האָט אינערלעך געלאַכט מאַרגאָט, ווען פּעטער האָט זי צוגעפירט און פאָרגעשטעלט דער מוטער.

מאַרגאָט איז נישט געווען באַגייסטערט מיט דער דאָזיקער פּרעזענטירונג, וועלכע איז פאָרגעקומען טאַקע אין אַ קאַפע־הויז. זי האָט וואָס גיכער געוואָלט פאַרלאָזן דאָס טישל, ביי וועלכן זיי זענען געזעסן, עס האָט אָבער נישט געפּאַסט אַזוי צו טאָן, סוף כּל סוף איז עס דאָך געווען פּעטערס מוטער, און מאַרגאָט האָט געוואָלט מאַכן אויף איר אַ גוטן איינדרוק. זי האָט זיך אָבער דערפילט פאַרשעמט מיט איר באַשיידנקייט, מיט איר כמעט אָרעמקייט, ווען די רייכע דאַמע האָט זי פון קאָפּ ביז פיס באַטראַכט מיט אירע נייגעריקע בליקן. עס האָט זיך איר געדאַכט, אַז פּעטערס מוטער איז נישט צופרידן פון איר אויסזען, אפשר איז איר קלייד נישט געווען גענוג עלעגאַנט, נישט גענוג מאָדערן... ניין, עס איז איר נישט צוגעפאַלן צום האַרצן די דאָזיקע ברייט־זאַדיקע פרוי, וואָס האָט צו הויך גערעדט און צו זיכער זיך פאַרהאַלטן, פּונקט ווי עס פירן זיך שטענדיק מענטשן רייכע, ווען זיי טרעפן זיך צוזאַמען מיט אָרעמערע פון זיך.

— שיין איז די דאָזיקע קליינע — האָט געזאָגט פּעטערס מוטער, און מאַרגאָט האָט דערפילט, ווי יענע שאַצט אָפּ איר לייב, צוערשט די פיס, די לענדן, די ברוסטן, און ערשט צולעצט איר געזיכט — שיין, אָבער אָרעם. ווער איז דאָס?

— איך האָב דיר שוין וועגן איר דערציילט — האָט דערמאָנט פעטער

— איר פאָטער איז אַ בוך־הענדלער.

— אַ בוך־הענדלער? — האָט איבערגעפרעגט די מוטער — אַ פאַרלעגער?

— מיין טאַטע פאַרנעמט זיך מיט אַנטיקן.

— אַהאַ...

— ער איז אַ גרויסער מבין אויף אַלטע ביכער. — האָט אויפגעקלערט פעטער.

די דאַמע האָט פלוצים פאַרלוירן די פאַראינטערעסירונג צום שמועס און צו מאַרגאָט, מיטן בליק האָט זי גענומען זוכן עמעצן אין זאַל, דערנאָך איז צוגעקומען צו זייער טיש אַ יונגער מאַן, און פעטער האָט אים פאָרגעשטעלט — זאַמאָיסקי — אַזוי האָט ער געהייסן — און געווען איז ער אַ ייִד פון פוילן און האָט אויסגעזען ווי פעטערס ברודער. זאַמאָיסקי האָט זיך אַוועקגעזעצט לעבן פעטערס מוטער און גענומען גלעטן אירע האָר, די דאַמע האָט צוגעשמייכלט אַ צופרידענע. פעטער האָט זיי ביידע באַטראַכט מיט אַן איראָנישן שמייכל און זאַמאָיסקי האָט אין אַ געבראָכענער דייטשמעריש־דייטשישער שפּראַך דערציילט אַ שמאָנצעס, אַן אַנעקדאָט וועגן אַ רבין, וואָס קינדערלאָזע פרויען פלעגן ביי אים געפינען הילף און ברכה. אין זאַל איז געווען הייס, מאַרגאָט האָט וואָס גיכער געוואָלט געפינען זיך אינדרויסן — עס איז געווען אַ שיינער זומערדיקער אָוונט, און פעטער האָט פאַרשטאַנען אירע בליקן און איר שטומע בקשה — זיי האָבן זיך געזעגנט מיט דער מוטער און מיט איר יידישן פריינד און האָבן פאַרלאָזט דאָס קאַפע־הויז.

פאַרבראַכט האָבן זיי דעם דאָזיקן אָוונט אין שטאָטישן גאָרטן, פעטער האָט זי צוגעפירט צו אַ זייטיקער סטעזשקע, וווּ עס איז געווען שטיל און וווּ עס האָבן נישט דערגרייכט די ליכטער פון דער שטאָט. זי האָט זיך געלאָזט אַרומנעמען און קושן, אַ גליקלעכע און איבערגעגעבענע, האָט זי געפילט אין די גלידער אַ זיסע מידקייט, די וועלט, דער נאַכטיקער הימל, די טונקעלע ביימער — אַלץ האָט זיך געוויגט אַרום איר, די שטערן האָבן געטאַנצט, מאַרגאָט האָט דערפילט אין זיך דעם שטורעמדיקן שטראָם פון איר יוגנט, זי האָט זיך געדריקט און געטוליעט צו פעטערן, זי האָט געליבט און איז געווען געליבט, אַ דערוואַקסענע איז זי איצט געווען, אַ דערוואַקסענע און רייפע, דאָס לעבן האָט געעפנט פאַר איר דאָס, אויף וואָס זי האָט אַזוי לאַנג געוואַרט, דאָס וואָס זי האָט פאַרגעפילט און

צו וואָס זי האָט אַזוי לאַנג געבענקט. איר נשמה האָט געוואַרט אויף ליבע, איר קערפּער האָט דערפילט אַ הונגער.

פּעטער האָט זי גענומען אויף די הענט — זי איז געווען שלאַפּ און לייכט. ער האָט זי אַנידערגעזעצט אויף דער ערד אונטער אַ בוים — דאָס גראָז איז געווען פייכט פון דער נאַכטיקער ראָסע, די ערד האָט געשמעקט. מאַרגאָט האָט צוגעמאַכט די אויגן.

פּעטער האָט שווער געאָטעמט און מיט נערוועזע אומגעדולדיקע באַוועגונגען האָט ער גענומען אַראָפּרייסן פון איר דאָס קלייד. זי האָט זיך דערשראָקן פאַר אים, ער האָט זיך איר פּלוצים אויסגעוויזן פרעמד, און זי האָט זיך דערשראָקן פאַר דעם, וואָס עס וועט איצט געשען. זי האָט געוואָלט אַנטלויפן, אַנטלויפן וואָס ווייטער פון פּעטערן, געפינען זיך ווידער לעבן דער מוטער. זי האָט זיך דערפילט ווי אַ קינד, וואָס פאַרבלאָנדזשעט אין אַ פרעמדן גאָרטן, ווו עס לויערן בייזע הינט. זי האָט זיך אויפגעכאַפּט, געפּרוווט לויפן, און דעמלט האָט איר פּעטער דערלאַנגט מיט דער פויסט, צום ערשטן מאָל האָט זי דערפילט זיין אכזריותדיקייט — ער האָט זי געשלאָגן איבערן פּנים און זי איז געווען איבערגעשראָקן און האָט אַפילו נישט געקאָנט אַרויסברענגען פון זיך קיין געשריי, פאַר פּחד האָט זי געשוויגן און נאָר מיט די האַנטפלאַכן זיך פאַרשטעלט פאַר זיינע קלעפּ, און איצט האָט זי שוין פאַרשטאַנען, אַז זי איז נישט בכוח צו אַנטלויפן פון אים, מיט די פויסטן האָט ער זי באַרויבט פון איר ווילן און פון איר שטאָלצקייט. שטיל כליפּענדיק, האָט זי זיך אים אָפּגעגעבן.

אַהיים איז זי דעמלט צוריקגעקומען אַ צעבראָכענע, קוים לעבעדיקע. די מוטער האָט זי לאַנג געטוליעט צו זיך — אין מאָרגנאָטס געוויין האָט אַגנעס אַרויסגעפילט אַ גייעם טאָן, זי האָט פאַרשטאַנען, אַז אין דעם ראָזיקן אָוונט האָט די טאָכטער פאַרענדיקט אַ קאַפּיטל פון איר לעבן.

5

אַזייגער צען אין אָוונט איז אַגנעס נאָך נישט געשלאָפן און פּאָול האָט נאָך נישט באַוויזן צוריקצוקומען פון שפּאַציר.

הייגריך האָט אויפגעלייגט די „געשיכטע פון אַלטערטימלעכן רוים“ און פאַררויכערט אַ פּאַפּיראָס. ער האָט גערן געלייענט היסטאָרישע ביכער, דאָס וואָס עס האָט אים אין די דאָזיקע ביכער פאַרנומען: די מעגלעכקייט צו זוכן אין זיי פאַרגלייכונגען צווישן זיין אייגענעם גורל און איי־

גענע מעשים מיט די מעשים און גורלות פֿון היסטאָרישע העלדן. ער האָט געזוכט אין זיך סימנים פֿון גרויסקייט און ענלעכקייט צו גרויסע פּערזענלעכקייטן פֿון דער געשיכטע, און נאָך אָפּטער פֿלעגט ער אין די היסטאָרישע ווערק זוכן א געלעגנהייט צו באַרעכטיקן זיך, צו באַפֿרייען זיך פֿון שלעכטע חשבונות, ריין מאַכן זיך אין די אייגענע אויגן.

ער האָט געלייענט די געשיכטע פֿון פֿאַרשיידענע עפּאָכעס, פֿון פֿאַרשיידענע צייטן — אָפּט זענען עס געווען צייטן ענלעכע צו די האָזיקע אין וועלכע ער, היינריך, האָט געלעבט, כאָטש קיין שום עפּאָכע איז דאָך נישט געווען אַזוי געפּערלעך און אַזוי אכזריותדיק און פֿאַרעטעריש. יעדע עפּאָכע — טראַכט היינריך — יעדע עפּאָכע האָט אירע קענגזאַצן, אירע ווידערשפּרוכן, אין יעדער עפּאָכע פֿאַרמעסטן זיך כּוחות פֿיינטלעכע און פֿרעמדע, אַלע צייטן זענען געגליכן צו דער פֿלאַך פֿון ים — אונטער די שטילע וואַסערן באַהאַלטן זיך טיפֿע אָפּגרונטן און לויערנדיקע סקאַלעס. יעדער זיג פֿון פֿעלקער אָדער פֿון אידען, און אפֿילו פֿון יחידים, יעדער זיג ווערט באַגלייט דורך מפּלות פֿון אנדערע פֿעלקער און פֿון אנדערע אידען, און נישט שטענדיק האָבן אין דער געשיכטע געזיגט אידען גערעכטע. אָבער ער, היינריך האָט נישט געדינט דער גערעכטיקייט — ער האָט געדינט דעם פֿירער און דעם פֿאָטערלאַנד און מיט זיכערע טריט און מיט א רואיק געוויסן איז ער דערגאַנגען ביז צו דער מפּלה, און איצט לייענט ער היסטאָרישע קלוגע ווערק, קלוגע ביכער, אין וועלכע ער זוכט א טרייסט — ער טרייסט זיך מיט די פֿאַרלוסטן און מפּלות פֿון גרויסע מיליטער־מענער און פּאָליטיקער. האַ, נישט ער איינער, איז באַגאַנגען א פֿ ע ל ע ר (היינריך האָט געהאַלטן פֿאַר א פֿעלער, פֿאַר א טעות, דאָס וואָס איז געווען אין זיין לעבן אן אויסטערליש אוממענטשלעך פֿאַרברעכן), אנדערע האָבן אויך דאָס זעלבע געטאָן, כאָטש זיי, די אנדערע האָבן מער גליק, זיי האָט עס נישט געשטערט אין לעבן, זיי זענען ווידער גרויסע גענעראַלן, צייטונגען שרייבן וועגן זיי, אין קינאָ־כראָניק זעט מען זייערע אויסגעפּרעסענע געזיכטער, זיי זענען ווידער די פֿאָרשטייער פֿון מערב־דייטשישן פֿאָלק, פֿאַרשטייט זיך, אז אן אומגערעכטיקייט איז עס, אן אומגערעכטיקייט לגבי היינריכן, וועגן וועלכן קיינער וויל נישט געדענקען פֿון זיינע אַלטע גוטע פֿריינד, אָבער קיין גערעכטיקייט איז קיינמאָל אויף דער האָזיקער וועלט נישט געווען, נישט אין עבר און נישט היינט.

היינריך האָט געלייענט די ביכער, און פֿון אן א נ ג ע ק ל אָ ג ט ן, פֿלעגט ער זיך פֿאַרוואַנדלען אין א ב אַ ש ו ל ד י ק ע ר. ער האָט

באַרואיקט זיין געוויסן — אין אספּעקט פון געשיכטע, אין פאַרגלייך מיט גרויסע און זיגרייכע מלחמות, האָט זיך אים זיין אייגן געוויסן אויסגעוויזן ריין און אומשולדיק. איז דען די וועלט געווען עפּעס מערער ווי א גרויסער פאַרבלוטיקטער בית עולם?

אין א געוויסער צייט האָט היינריך געוואָלט באַגיין זעלבסטמאָרד. ג ע וו אָ ל ט — פאַרשטייט זיך, נאָר פאַרבליבן איז ער דערווייל ביים באַשלוס, וועלכער האָט אים געזאָלט באַפרייען פון פּחד און פון שלעכטע דערוואַרטונגען, פון יענע שלעכטע שטימונגען, וואָס האָבן אים אָן אויפהער געמאַטערט. מיד איז ער שוין געווען, נמאס איז אים געוואָרן די וועלט, אויף וועלכער ער איז ארומגעגאַנגען א פאַרשפּילטער. און ווען ער איז צום דאָזיקן באַשלוס געקומען, איז אים מיט איינמאָל לייכט געוואָרן, ער האָט זיך פּלוצים דערפילט פריי און ריין, אן אָפּגערייניקטער, וועגן זיך האָט ער אויפגעהערט צו טראַכטן מיט האַס, איצט האָט ער צו זיך דערפילט א גרויס רחמנות. און אין דעם דאָזיקן רחמנות איז אויך געווען א היפּש ביסעלע ליבשאַפט צו זיך אליין, ליבשאַפט און באַוואונדערונג. ער האָט איצט באַדויערט, וואָס זיין לעבן איז געווען אַזוי און נישט אַנדערש, שיין האָט עס דאָך געקאָנט זיין, און געוואָרן איז עס אַזוי אינהאַלטלאָז און פאַרבלאָז. א פּאָר מאָל האָט ער אפילו געוויינט, קיינער האָט נישט געזען זיינע טרערן, קיינער האָט נישט געהערט זיין געוויין, ער האָט געוויינט, ווייל אַזוי האָט עס געפּאַסט צו זיין טעאַטראַלער פּאָזע, צו זיין ראָל, וועלכע ער האָט אין דער איינזאַמקייט געוואָלט אָפּשפּילן, און וויינענדיק האָט ער זיך פאַרגלייכט צו א קליין אומשולדיק קינד, וואָס וועקט זיך אויף אין דער פינצטערניש פון דער נאַכט און זעט אויף דער וואַנט שאָטנס, שאָטנס ענלעכע צום רוקן פון אַ ווילדער חיה.

ער האָט געוויינט, ווייל נישט געקוקט אויף זיין באַשלוס, האָט ער זיך נישט באַפרייט פון פּחד — דער געדאַנק וועגן שטאַרבן איז געווען פיל שרעקלעכער, ווי דער געדאַנק וועגן די ק אָ נ ס ע ק וו ע נ צ ן פון לעבן.

ער האָט אָפּגעלייגט דעם באַשלוס פון טאָג צו טאָג, פון וואָך צו וואָך, און דערנאָך פון חודש צו חודש. איז דען אן אונטערשייד וו ע ן עס וועט געשען? — האָט ער געטראַכט. איז ער ארומגעגאַנגען מיט זיין ביטערן באַשלוס און לייענענדיק די דיקע היסטאָרישע ווערק, פלעגט ער מיט די געדאַנקען אנטלויפן פון היינטיקן טאָג צום עבר און פּרוּוון פאַרשטיין דעם אינהאַלט פון ווערטער „הונדערט יאָר“ אָדער „טויזנט יאָר“, און וואָס גרעסער עס האָט זיך אים אויסגעוויזן די געפאַר וואָס לויערט

אויף אים, אויף זיין לעבן, אַלץ קלאָרער האָט ער אָנגעהויבן צו פאַרשטיין דעם זין פון ה מ ש ך אין דער געשיכטע פון דער וועלט, די ווּנדערלעכע איינהייטלעכקייט פון דער צ י י ט — פון דעם דאָזיקן אַבסטראַקטן באַגריף, מיט וועלכן מען מעסט די טעג און נעכט פון אונדזער לעבן.

עס האָבן אים באַפאַלן מאָדנע געדאַנקען וועגן לעבן און וועגן טויט, אַן אינערלעכער פּראָטעסט האָט זיך אין אים דערוועקט, אַ פּראָטעסט קעגן דער פאַרמיידלעכקייט פון דער מענטשלעכער עקזיסטענץ — נישט געטראַכט האָט ער וועגן די דאָזיקע ערנסטע ענינים דעמאָלט, ווען פון אים און פון זיינע קאַפּריזן איז אָפּהענגיק געווען דאָס לעבן פון אַנדערע מענטשן, ערשט היינט — היינט האָט ער געטראַכט וועגן זין פון לעבן און וועגן אומזין פון שטאַרבן. דורות, וואָס זענען פאַרביי — האָט ער זיך געפרעגט — ווו זענען זיי? ווו זענען די אורעלטערן אונדזערע, די בראַווע געראַמאַנען מיט געלע קעפּ? וויפל זענען זיי געווען, זייט יענע ווייטע ציטן, ווען זיי האָבן זיך אָנגעהויבן באַנוצן מיט פייער, מיט פייל און בויגן, זייט דעמאָלט ווען זיי האָבן אָנגעהויבן זינגען לידער און אויסטראַכטן פאַר זיך געטער? ווו זענען זייערע ביינער, וואָס עס האָבן זיי אַמאָל באַוואַקסן געוועבן לעבעדיקע און פריידיקע, געוועבן הארטע און שטאַרקע, באַדעקטע מיט שיינער הויט, ווו זענען זיי, די מענטשן, וואָס האָבן געפילט און געוועקט אַרום זיך געפילן, ליידנשאַפטן, אַנטציקונג, ליבע, איפערזוכט, האַס? וואָס איז געשען מיט זייערע פאַרברעכנס — וועלכע שטראָף האָט זיי באַגעגנט? האָבן זיי געהאַט גענוג כוח צו שטאַרבן? גענוג מוט צו לעבן?

לאַנגע שעהן פלעגט ער אין יענער צייט פאַרברענגען אויפן שטאָטישן צווינטער, שפּאַצירט אויף די סטעזשקעס באַוואָקסענע מיט ווילדע קרייטעכצער — געזוכט דאָרט אַ געלעגנהייט און אַ שטימונג צו דערפילן דעם טעם פון רחמנות. פאַרשטייט זיך, אַז צו זיך אַליין האָט ער דאָס דאָזיקע רחמנות געפילט — אָט איז ער ש ו י ן אַלט פערציק יאָר, און די דאָזיקע יאָרן ליגן אויף אים, אויף זיין רוקן, ווי אַ שווערע לאַסט, און קיין שום סך-הכל פון פּאָזיטיווע איבערלעבונגען האָט ער נישט ביז היינט, און גאָרנישט האָט ער דערוואָרבן, גאָרנישט...

טיילמאָל האָט אים געלאָקט דער געדאַנק צו געפינען זיך אַ פרוי. פלעגט ער אַריינגיין אין איינעם פון די שאַנד-הייזער, פאַרברענגען דאָרט אַ שעה, צוויי, מיט וועלכער פון די לופטיקע מיידלעך, אָבער אַרויסגיין פון דאָרט פלעגט ער אַ דערשלאָגענער און פאַרשעמטער, אַפילו די דאָ

זיקע שעמעוודיקע זאַכן פּלעגן זיך ביי אים נישט באַקומען אַזוי ווי עס באַדאַרף צו זיין, קיינמאָל האָט ער נישט געקאָנט באַפרידיקן קיין פרוי, אַפילו אַזאַ דערפאַרענע פרוי, ווי די פרויען פון שאַנד־הויז.

דערנאָך איז היינריך קראַנק געוואָרן אויף טובערקולאָז — שוין נישט נאָר אין די געדאַנקען, נאָר אין אים גופא, און זיין קערפּער האָט זיך איינגעגעסטיקט די געפאַר. דאָקטוירים האָבן אים פאַרזיכערט, אַז אין די הייגטיקע צייטן איז די קראַנקהייט נישט קיין געפערלעכע. עס איז אויך א קראַנקהייט, וואָס ברענגט נישט מיט זיך קיין שום פיזישע ליידן. נישט איינגאַנצן איז עס געווען אמת, היינריך האָט טעגלעך געליטן קאָפּשמערצן, ביינאַכט פלעגט ער זיך אויפכאַפּן פון שלאָף אַ נאַסער פון שוויים, אַן איבערגעשראָקענער, עס האָבן אים געמאַטערט אויסטערלישע חלומות, אין וועלכע ער האָט געזען גאַנצע מחנות פרויען יונגע און אלטע, רייצנדיקע — זיי זענען פון אים אנטלאָפן, און בשום אופן האָט ער זיי נישט געקאָנט דעריאָגן, כאָטש ער האָט צו זיי געצויגן און געגאַרט.

אַן אַנדערש מאָל פלעגט ער זען אין חלום זיינע שונאים — די עדות פון י ע נ ע ר ג ע ש ע ע נ י ש, ער האָט געפּרוווט אַנטלויפן פאַר זיי, אָבער זיי, די גרויזאַמע און שווייגנדיקע שאָטנס האָבן אים געהאַלטן אין קלעם פון זייערע בליקן — די אָנקלאָגער זיינע, זיינע בקומה־נעמער. מיט אַ ווילד געשריי האָט ער זיך געוועקט, די מוטער פלעגט צו אים צולויפן און באַרואיקן. אָבער ביז אינדערפרי האָט ער שוין נישט געקאָנט איינשלאָפן.

אַ גאַל געזיכט האָט ער באַקומען. דער שלעכטער טרויעריקער שם פון דער האָזיקער קראַנקהייט, וואָס אַמאָל אין די פריערדיקע צייטן איז נישט מעגלעך געווען פון איר זיך צו באַפרייען, דער דאָזיקער שם האָט אויך איצט געווירקט. אין הויז, וווּ היינריך האָט געוווינט מיט זיינע עלטערן, האָבן די שכנים אָנגעהויבן אויסצומיידן דעם טובערקולאָז־קראַנקן. די באַקאַנטע האָבן אויפגעהערט צו באַזוכן זייער שטוב — דאָס אַלץ האָט געוועקט אין היינריכן אַן אינערלעך סאַרקאַסטיש געלעכטער. ער האָט נאָך מער פיינט באַקומען די מענטשן, געהאַסט האָט ער זיי אַלע, און דער דאָזיקער האַס איז געווען ווי אַ באַרג — אויף אים האָט היינריך זיך דערהויבן, עס האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז איצט קאָן ער ווי ד ע ר קוקן אויף דער וועלט פון אויבן. ער איז געווען ביין — שלעכט איז ער געווען, און שטאָלץ פון זיין שלעכטקייט.

אפילו מאַרגאָט, די קליינע זיסע מאַרגאָט, וואָס אַמאָל פלעגט ער זי טראָגן אויף די הענט, און זי איז אים געוואָרן פרעמד, עס האָט אים געאַרט איר בליענדיק געזונט, איר יוגנט. אויך זי האָט זיך דערווייטערט פון אים, זי האָט שוין געלעבט מיט איר אייגן לעבן, זי האָט אויפגעהערט צו זיין אָפּהענגיק פון היינריכן און בכלל פון דער האָזיקער טריבער שטוב. זי האָט געהאַט איר פריינד, מעגלעך, אַז זי האָט שוין געהאַט אַ חתן — און אפשר האָט זי נישט געוואָלט אָדער נישט געקאָנט פאַרטראָגן זיין אָטעם, וואָס איז געווען קראַנק און דורכגעזאַפּט מיטן ריח פון מעדיקאַמענטן און פאַפּיראָסן. היינריך האָט פאַרשטאַנען, אַז אויך די שוועסטער איז פון אים אָפּגעפרעמדט, דאָס האָט אים פאַרדראָסן, אויך צו איר איז געווען געוואָנדן זיין האַס.

איצט האָט ער נישט געטראַכט וועגן זעלבסטמאָרד — פאַרקערט, ער האָט זיך אויפסניי צוגעבונדן צום געדאַנק וועגן לעבן, כאָטש געהיילט האָט ער זיך נישט זייער אינטענסיוו. עס איז אים איצט ב אַ ק ווע ם געווען צו זיין קראַנק — אין זיין איינזאַמקייט, האָט היינריך געוואָלט פאַרדינען אויף רחמנות. רחמנות פאַר אַ קראַנקן מענטשן...

6.

אַגנעס האָט לאַנג נישט געקאָנט אַנטשלאָפן ווערן, זי איז געווען מיד, און פאַרזאָרגט. זי האָט נישט געקאָנט פאַרגעסן וועגן דער באַגעגעניש מיט יענעם מענטש, וועלכער האָט געקאָנט מיט זיין עדותזאָגן אומברענגען איר זון.

די נאַכט איז אַ זומערדיקע, אַ וואַרעמע נאַכט, ערגעץ־ווו בליען די ליפּע־ביימער, ערגעץ־ווו שמעקט מסתמא אויף די פעלדער דאָס טרוקענע היי, בלומען בליען, אַגנעס קוקט אין פענצטער, זי זעט די לבנה פאַרהילט אין נעפּל פון אַ וואָלקן — און אין דער האָזיקער שטימונג טראַכט זי וועגן אַנדערע לבנה־נעכט, ווען זי, אַגנעס, איז נאָך געווען אַ יונג מיידל. בין השמשות איז זי געגאַנגען דורך די שמעקעדיקע אַלייען פון שטאָטישן גאָרטן, אַלטע הויכע ברייטצווייגיקע ביימער האָבן פאַרפלאָכטן זייערע צווייגן, איבערלאָזנדיק איבער איר נישט מער ווי אַ שטיקל ביאָלעט הימל. און אַנטקעגן איר, דאָרט ווו עס האָט זיך געענדיקט דער גאָרטן און זיך אָנגעהויבן אַ ברייט ווייץ־פעלד, דאָרט איז איר אַנטקעגנגעקומען פאַול — אַ שיינער און שלאַנקער, נאָך כמעט אַן אומבאַקאַנטער, ווייל געקענט האָט זי אים ערשט אַ קורצע צייט...

און אין וואָס פֿאַראַ מאָדנע אומשטענדן זי האָט זיך מיט אים באַקענט... אין אַ געוויסן טאָג האָט זי זיך אָנגעטראָפֿן אויף זיין בליק — געוווינט האָט זי דעמאָלט אין אַ קליין שטעטל, ביי אַ ווייטער קרובֿה, וויל קיין עלטערן האָט זי נישט געהאַט — פּאָול איז געקומען אויף אַ באַזוך צו זיינע באַקאַנטע, זיי האָבן זיך באַגעגנט צופֿעליק, אַזוי ווי עס באַגעגענען זיך געוויינלעך פֿרעמדע דורכגייער, און ווען זי האָט אָנגעטראָפֿן אויף זיין בליק, האָט זי פֿאַרשטאַנען, אַז זי האָט אויף אים געמאַכט אַן איינדרוק, זיין בליק האָט זיך פֿאַרהאַלטן אויף איר מיט אַזויפֿיל בענקשאַפֿט און מיט אַזאַ אומגעדולדיקייט, ווי ער וואָלט איר געוואָלט זאָגן עפּעס וויכטיקס, און זי האָט געוואַרט און געהאָפֿט, אַז אין אַ געוויסן טאָג וועט ער עס טאָן, און דעמאָלט וועלן זיך אַנטשיידן זייערע גורלות.

זי האָט אים באַגעגנט, ווען זי פֿלעגט זונטיק אַרויסגיין שפּאַצירן ביים טייך, און זי פֿלעגט אים באַגעגענען אין יענער שעה, ווען אין המון פֿון פֿרומע בירגער איז זי געגאַנגען אין קירכע — פּאָול פֿלעגט פּלוצים אַרויסוואַקסן נעבן איר און זי באַטראַכטן אַזוי אינטענסיוו, מיט אַזויפֿיל אומרואיקער לייַדנשאַפֿט... עס האָט זיך געוואָלט, אַז איר אייגן געזיכט זאָל אָננעמען אַ צאַרטקייט און אַ ווייכקייט, און אַז פֿון איר פּנים זאָל דער דאָזיקער אומבאַקאַנטער שעפּן טרייסט און מוט.

טייל מאָל פֿלעגט זי אויך אין אַ וואָכעדיקן טאָג לויפֿן אין דער קירכע איר געשריי, זעט אויס, אַז ער שלאָגט זי שוין ווידער, דער מאַן אירער, האָט געגלייבט, אַז דער גוטער גאָט וועט איר קומען צו הילף, איר און אויך דעם דאָזיקן יונגן מענטש, וועלכער האָט זיך אַזוי פּלוצים אַרייַנבאַקומען אין אירע מיידלשע חלומות.

יעדן זונטיק פֿלעגט זי אים אויך באַגעגענען אין „מאָצאַרטעום“ — אַזוי האָט געהייסן דער קאָנצערט⸗זאַל, וווּ עס פֿלעגן אַרויסטרעטן די אַרטיקע ליבהאָבער פֿון מוזיק. אַן אַלטמאָדישער זאַל איז עס געווען, מיט ווייכע בענקלעך באַדעקטע מיט רויטן סאַמעט, מיט מאָלערישע פּייזאַזשן אויף די ווענט — פּייזאַזשן אויף וועלכע עס האָבן געבליט בלומען און האַלב⸗נאַקעטע געטער האָבן געטאַנצט זייער הימלישן קאַראַהאָד. יעדן זונטיק האָט מען האָרט געשפּילט די באַליבטע, פּאָפּולערע מוזיק פֿון די דייטשישע מוזיק⸗מייסטער — אַגנעס איז געווען זייער פֿילבאַר אויף מוזיק, מיט טרערן אין די אויגן האָט זי זיך אַנטציקט מיט די טענער פֿון בעטהאָווען און מענדעלסאָן — און צווישן די צוהערער

איז אויך געזעסן פּאָול, און זייערע ביידנס בליקן האָבן זיך באַגעגנט, און אַנגעם האָט צו אים גערעדט מיט אַלע געדאַנקען, זי האָט אים געוואָלט זאָגן: „זיי מוטיק, מיין ליבער, די דאָזיקע מוזיק איז דאָך פאַר אונדז, פאַר דיר און פאַר מיר, די וועלט איז פאַר אונדז, דאָס לעבן, די צייט, א ו נ ד ז ע ר צ ײ ט, אונדזער יוגנט, און אַלץ אַחוץ אונדז איז נישט מער ווי אַ מיראַזש“. און ער, פּאָול, האָט אפשר פאַרשטאַנען איר פאַרליבטן בליק, דעם בליק פון יוגנט און פון האָפענונג, זיין ערנסט געזיכט האָט זיך לייכט צעשמייכלט, און איר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז ליכטיקער איז געוואָרן אויף דער וועלט, אַ פרייד האָט זי דערפילט אין האַרץ — אַ פאָרגעפיל פון אָנקומענדיקן גליק.

נאָך איינעם פון די דאָזיקע קאָנצערטן איז ער צו איר צוגעקומען מיט אַ בינטל רויזן און מיט אַ פאַרשטיקטער שטימע, וואָס האָט זיך געבראָכן פון אומזיכערקייט, האָט ער צו איר געזאָגט אַ פּאָר ווערטער, וועלכע האָבן ביי איר אַרויסגערופן אַ פריידיקן שמייכל. „איך האָב געמוזט צו אייך צוגיין“ — האָט ער געזאָגט, קושנדיק איר האַנט. „איך האָב דאָך עס געמוזט טאָן אין אַ געוויסן טאָג“. מיט די דאָזיקע ווערטער האָט ער געוואָלט זיך אַנטשולדיקן. אָבער דאָס איז נישט געווען נויטיק, אַנגעם האָט דאָך מיט אומגעדולד געוואַרט אויף דער דאָזיקער מינוט, פּונקט ווי מען וואַרט אויף אַ זאַך, וואָס איז באַשערט, ווי מען וואַרט אויף אַ געשעעניש, וואָס איז אומפאַרמיידלעך. ביז צום שפּעטן פאַרנאַכט האָבן זיי אַרומשפּאַצירט, זי האָט געהערט און ער האָט גערעדט, ער האָט דערציילט וועגן זיין דערוואַרטונג און וועגן זיין האָפענונג, וועגן זיין ליבע צו אַנגעם, ער איז געווען איבערצייגט, אַז דאָס איז זיין גרויסע ליבע, אַזאַ ליבע, וואָס איז דעם מענטשן באַשערט נישט מער ווי איין מאָל אין לעבן. ער האָט איר באַשריבן ווי לאַנג און אומעטיק עס זענען געווען די טעג, ווען ער האָט זי נישט געזען. פּאָול האָט גערעדט פיל, ער האָט פּלוצים פאַרלוירן די גאַנצע אומזיכערקייט, ער האָט געלאַכט און זי האָט געלאַכט צוזאַמען מיט אים, זייער געלעכטער האָט זיך געטראָגן איבער דעם שטאָטישן גאָרטן און באַאומרואיקט די עלטערע, ערנסטע האַמען, וואָס האָבן דאָ שפּאַצירט, זייער געלעכטער האָט געוועקט די דרימלענדיקע פייגל און די וועווערקעס, וואָס האָבן זיך גענעסטיקט אין געדיכטעניש פון די ביימער.

„לעבן!“ — האָט אויסגערופן פּאָול מיט אַ פאַטעטישער שטימע —
„לעבן לאַנג, זיין צוזאַמען מיט דיר, און אויב שטאַרבן, איז נאָר מיטן

ציל נאָך איין מאָל געבוירן צו ווערן צוזאַמען מיט דיר אויף דער זעלבער וועלט, אונטער דעם זעלבן הימל, אין דער זעלבער שטאָט...", „וועלן מיר טאַקע לאַנג לעבן" — האָט געענטפערט אַגנעס, און ער האָט אָנגענומען איר געזיכט אין זיינע הענט און לאַנג געקושט אירע ליפּן. עס איז צוגעפאַלן דער אָוונט, די גרינקייט פון די ביימער איז טונקל געוואָרן, עס איז געווען שטיל, שטיל און זי האָט זיך געפילט גליקלעך.

זינט יענעם אָוונט האָבן זיי זיך באַגעגנט אָפט, טאָג־טעגלעך פאַרבראַכט צוזאַמען אַלע פרייע שעהן, אַנטציקט זיך איינער מיטן צווייטן. פונקט ווי עס זאָל זיי געווען דראָען אַ לאַנגע צעשיידונג, האָבן זיי געוואָלט פאַרגעדענקען די שטריכן פון זייערע געזיכטער, די שמייכלען, די בליקן און ווערטער.

„איז דאָס, הייסט עס, ליבע..." — האָט געטראַכט אַגנעס, און אין דער דאָזיקער פעסטשטעלונג איז נישט געווען קיין שום אַנטוישונג. דאָס געפיל, וואָס איז אויפגעגאַנגען אין זיי, איז געווען ריין און שיין.

ער האָט געבעטן זי זאָל רעדן, דערציילן — ער האָט זיך געפרייט מיטן קלאַנג פון אירע ווערטער, מיטן טעמבר פון איר שטימע. ער האָט געקושט אירע האָר און געחידושט זיך, וואָס אַגנעס באַנוצט נישט קיין פּודער, נישט קיין פּאַרפום. ער איז געווען גליקלעך און זי האָט עס דערקענט אין יעדן בליק זיינעם. ער האָט געזאָגט: „איך ליב דיך, און ווען איך ליב ד י ך, ליב איך אויך די גאַנצע וועלט, אַלץ וואָס לעבט, ביסט שיין און אַלץ אַרום דיר איז שיין, מיין גוטע, שטילע בלום, ביסט ריין ווי אַ בלום, אומשולדיק ווי אַ בלום און שוצלאָז ווי אַ בלום". זי האָט געלאַכט: „איך בין נישט שוצלאָז, איך האָב דאָך דיך". און צופרידן איז זי געווען, אַז ער האָט אַנטדעקט איר שוצלאָזיקייט, די שוצלאָזיקייט פון אַ יונג מיידל, וואָס האָט פרי פאַרלוירן אירע עלטערן און איז דערצויגן געוואָרן ביי ווייטע קרובים. „ביסט די מוטער פון מיינע קינדער" — האָט געזאָגט פּאַול — „פון מיינע קינדער, וואָס וועלן קומען...". אַגנעס האָט שעמעוודיק געשמייכלט: „איך וויל נישט האָבן קיין קינדער". „זאָג דאָס מיין זון, זאָג עס אים, ווען ער וועט וועלן קומען אויף דער וועלט...", „איך וועל אים זאָגן, אַז דו ביסט נישט מיין מאַן..." פּאַול איז אויף אַ ווײַלע ערנסט געוואָרן. „וויאַזוי קאָן מען לעבן, אַז מען ליבט עמעצן אַזוי, ווי איך ליב דיך?..." אַגנעס האָט זיך צוגעדריקט צו אים און געזאָגט: „אַ האַלבע נשמה גיב איך דיר אָפּ" און באַלד האָט זי זיך פאַרבעסערט: „די גאַנצע נשמה. די גאַנצע".

אין אַ חודש אַרום האָבן זיי חתונה געהאַט. ווען איז עס געווען? מיט וויפֿל יאָרן צוריק? איז עס ווירקלעך אַזוי געווען, ווי זי האָט עס פֿאַרגעדענקט? איז עס נישט געווען אַ חלום?

אַגנעס ליגט אויפֿן בעט, דער פּירעק פֿון לבֿנה־שיין רוקט זיך פּאַמעלעך דורך דער טונקעלער שטוב, אַגנעס הערט דעם ריטמישן קלאַנג פֿון וואַנט־זייגער, וועלכער קלינגט אויס די שעהן, אין צווייטן צימער באַוועגט זיך היינריך — ווי שפּעט איז עס שוין? — היינריך לייענט מסתּמא אַ בוך און רויכערט פּאַפּיראָסן, מינוטנווייז הערט זיך זיין קרענקלעכער טיפֿער הוסט, און דעמלט פֿילט אַגנעס ווי עס וואַקסט אין איר דער אומרו: איר זון איז קראַנק, איר זון, וואָס זי האָט אים אין זיך פֿאַרגעפֿילט אין יענעם זומערדיקן אָוונט, ווען זי איז אַלט געווען צוואַנציק יאָר.

7.

אַרום צען אַזייגער זענען זיי אַרויסגעגאַנגען פֿון קינאָ.

— איך האָב חשק אַ ביסל צו שפּאַצירן — האָט געזאָגט פּעטער און אָנגענומען זי אונטערן אָרעם — שפּעטער וועלן מיר צוגיין צו מיר אַהיים.

זי האָט זיך געריכט, אַז ער וועט פֿרעגן אויב זי האָט חשק, אָבער קיינמאָל האָט ער נאָך ביי איר נישט געפֿרעגט, קיינמאָל האָט ער זיך נישט גערעכנט מיט איר ווילן, אַ צו גרויסער עגאָיסט איז ער געווען, אַ צו גרויסער דעספּאָט. זי איז געווען אַנטוישט, אָבער זי האָט אים נישט געלאָזט דערקענען די דאָזיקע אַנטוישונג, זי האָט ווי תּמיד, פֿאַרציכטעט אויף די אייגענע ווונטשן, באַמיט זיך צוצופּאַסן צו זיינע, צו פּעטערס קאַפּריזן. זי איז געווען זיין מיידל, כאָטש קיינמאָל האָט זי נישט געהאַט קיין זיכערקייט, צי פּעטער האָט נישט קיין אַנדערע פֿרויען, זי אָבער איז געווען זיין כּלה, זי האָט זיך געהאַלטן פֿאַר זיין כּלה, זי האָט געהאָפֿט, אַז אין אַ געוויסן טאָג וועט ער מיט איר חתונה האָבן, אָבער אויך די דאָזיקע האָפֿענונג האָט זי געהאַלטן בסוד, נישט אַרויסגעבראַכט זי אין ווערטער. זי איז געווען זיין מיידל, זי האָט מורא געהאַט פֿאַר זיין כּעס, זי האָט מורא געהאַט ער זאָל זי נישט שלאָגן, אַזוי ווי ער האָט עס געטאָן באַלד אין ערשטן אָוונט, אין יענעם אָוונט, ווען זי האָט זיך אים אָפּגעגעבן. זי האָט זיך געשראָקן פֿאַר זיינע האַרטע

פויסטן. אָבער — זי האָט אים אויך ליב געהאַט, ער האָט האָד פאַר איר אויפגעדעקט אַ צווייט לעבן, וואָס איז שעמעוודיק, אָבער פול מיט וווּנדערבאַרע געפילן, פול מיט שיכורער פרייד, וועלכע האָט ביז איצט געדרימלט אין איר גוף, אין איר יונגן קערפּער און אין איר בלוט, די פרייד פון אירע חושים, אָ, פעטער האָט גוט געקאָנט דעם סוד פון אויפרייצן, דעם סוד פון צעבלאָזן אַ פייער אין די גלידער. דער טייוול וואָס האָט אין אים געדרימלט, האָט אויך אויף מאַרגאָט געווירקט, ווען זי האָט פאַרבראַכט די אָוונטן אין פעטערס געזעלשאַפט און אין דער געזעלשאַפט פון זיינע „האַלבשטאַרקע“, אויסגעלאַסענע פריינד, צוזאַמען מיט זיי האָט זי געטרונקען וויין און בראָנפן, צוזאַמען מיט זיי געטאַנצט און געזונגען.

זיי פלעגן זיך פאַרווילן אין די נאַכט-לאָקאַלן, וו זיי, די „האַלבשטאַרקע“ האָבן זיך נישט איין מאָל צונויפגעשטויסן מיט די אַמעריקאַנער אָדער מיט די נעגער פון די אמעריקאַנישע מיליטער-אָפּטיילונגען טיילמאָל פלעגט דערגיין צו אַ געשלעג, אַן אַנדערש מאָל האָבן זיי צוזאַמען אַ גאַנצע נאַכט געשיכורט. און אינדערפרי פלעגט מאַרגאָט קומען אַהיים אַ מידע און האַלב-שכורע.

היינט איז מיין מוטער געפאָרן אויף דאַטשע — האָט געזאָגט פעטער — היינט וועלן מיר זיך פאַרווילן.

זיי זענען געגאַנגען דורך העל-באַלויכטענע גאַסן, דער אַספאַלט האָט זיך געשפיגלט און געמיניעט מיט אַלע פאַרבן פון די שוי-פענצטער און גאַס-סיגנאַלן.

— ווידער וועלן דאַרט זיין דיינע חברים? — האָט זי געפרעגט — ווען וועט זיך דאָס ענדיקן? קיינמאָל זענען מיר נישט אַליין. קיינמאָל.

— באַרואיק זיך! — האָט זיך צעלאַכט פעטער.

זי האָט זיך פּלוצעם דערפילט אַנטוישט, פאַרלוירן די פאַראינטערעסירונג, דעם חשק צו פאַרברענגען דעם אָוונט מיט פעטערן. זי האָט געוווּסט מיט וואָס עס שמעקט די האָזיקע פאַרווייַלונג, וואָס וואַרט אויף זיי אין דער וווינונג פון זיין מוטער. זי האָט געוואָלט זיך געזעגענען און גיין אַהיים, אָבער עס האָט איר אויסגעפעלט מוט. זי האָט זיך געשראָקן פאַר דעם האָזיקן געדאַנק, מורא געהאַט פעטער זאָל זי נישט שלאָגן. און אפשר וועט ער פאַרציכטן, אָפּזאָגן זיך פון איר אינגאַנצן, פעטער געהערט נישט צו יענע יונגע מענער, וואָס באַציען זיך מיט גרויס צאַרטקייט צו פרויען, ער איז געוווינט צו באַפעלן, צו פיל אַנדערע מיידלעך

קוקן אויף אים מיט דערוואַרטונג — ניין, זי האָט נישט געוואָלט דערפירן, אַז פּעטער זאָל פון איר אַוועק. זי מוז זיך צופּאַסן צו אים, אַזוי איז עס דאָך אין לעבן, שטענדיק מוז זיך איין מענטש צופּאַסן צום צווייטן. און דאָ האָט זי זיך אָפּגעגעבן אַ חשבון, אַז דאָס האָט זי דאָך שוין אייגנטלעך געטאָן פון ערשטן טאָג אָן, זינט זיי האָבן זיך באַקענט און דערנעענטערט, שטענדיק האָט זי זיך צוגעפּאַסט צו אים, צו זיין ציניש ער טבע, געלערנט זיך זיין ציניש פּונקט ווי ער, געלערנט זיך זיין שלעכט דערצויגן פּונקט ווי ער, און ער איז געווען צופרידן פון דעם, ער האָט פאַרלאַנגט פון איר דווקא אויסגעלאַסנקייט, און זי האָט זיך באַמיט צו באַפרידיקן זיין פאַרלאַנג, געפירט זיך ווילדיעגעריש, פאַרטראָגן די געזעלשאַפט און די זיטן פון זיינע חברים און פריינד. פּעטער האָט געזען איר אינערלעכן ווידערשטאַנד און געלאַכט אויס איר. זיין געלעכטער איז פאַר מאַרגאָט געווען אכזריותדיק. פּעטער איז געווען אַ געבוירענער אונטערוועלט־מענטש, אָבער זי האָט עס נאָך נישט פאַרשטאַנען, איבעריקנס: זי האָט געגלויבט אין איר גוטער ווירקונג, געהאָפט, אַז אין אַ געווויסן טאָג וועט ער דאָך ווערן ערנסט.

טייל מאָל פלעגט זי דאָך ביי אים געפינען אַ שעה פון ליבע, און דעמלט האָט זי זיך געפילט צוגעבונדן צו אים און איז געווען גרייט צו גיין מיט אים אין גרעסטן פייער — פּונקט ווי עס פילן אַלע פרויען צום ערשטן מאַן, צום ערשטן ראָמאַן אין זייער לעבן.

און ווען די דאָזיקע שעה פון צאַרטקייט און גנאָד פלעגט פאַרבייגיין, האָט מאַרגאָט ווידער פאַרשטאַנען, אַז שטאַרקער פון אַלע אירע געפילן צו פּעטערן איז דער פּשוטער פחד.

8.

היינריך האָט געפילט אַן אומרו אין אַלע גלידער — אָפט פלעגט עס מיט אים אַזוי געשען, ער איז געווען אויפגערעגט, עס האָבן אים געמאַטערט שלעכטע פאָרגעפילן און דערוואַרטונגען, גאַנץ נישט באַגרינדעטע, קאַפּריזנע שטימונגען, וועלכע ער האָט נישט געקאָנט באַהערשן.

די מוטער איז געשלאָפן אין צווייטן צימער, דער פאָטער איז אַרויסגעגאַנגען אויף זיין געוויינלעכן אָוונט־שפּאַציר. זיין פאָטער — אַ פרעמדער מענטש, קיינמאָל האָט ער נישט געהאַט פאַר היינריכן קיין גוט וואָרט, נישט קיין וואַרעם געפיל. זיי האָבןביידע געוווינט אין דער זעל־

בער וווינונג, געטראָגן דעם זעלבן נאָמען, עס האָט זיי אָבער גאָרנישט געבונדן. אַ שווייגעניש איז געלעגן צווישן זיי, אַ שווייגעניש, וואָס איז ווי אַן אָפּגרונט, ווי אַ גרענעץ.

פּאָול האָט אַלץ נאָך אויסגעזען יונג און שיין, היינריך טראַכט מיט אַ געוויסער איינפערזוכט וועגן זיין אייגענעם פֿאָטער — ווי עלעגאַנט ער פּרעזענטירט זיך נאָך היינט, דער דאָזיקער עלטערער הער, דער דאָזיקער אָפּגעקומענער דאָן־זשואַן. אים, היינריכן, האָט קיינער קיינמאָל נישט געזאָגט, אַז ער איז שיין אָדער עלעגאַנט.

היינריך טראַכט, אַז דער דאָזיקער, אַזוי זאָרגעוודיק אויסגעפּוצטער הער וועט אין אַ געוויסן טאָג שטאַרבן, און ער, דער זון, שטעלט פּעסט מיט אַן איראָנישן שמייכל, אַז דער דאָזיקער געדאַנק וועקט נישט אין אים קיין מיטלייד, קיין שום געפיל פון טרויער.

היינריך ליגט באַוועגלאָז אויף זיין געלעגער. דורך דער וואַנט פון דער שכנותדיקער וווינונג הערט ער טריט, די שכנים רעדן הויך, זעט אויס זיי קריגן זיך שוין ווידער, די שכנטע שרייט, באַלד וועט זי אָנהייבן וויינען, היינטער יענער זייט וואַנט וווינט אַ קינסטלער, וועלכער שלאָגט אָפט זיין פרוי, זי איז אַ שיינע נקבה, היינריך זעט זי טיילמאָל דורכן פענצטער, טיילמאָל באַגעגנט ער זי אויף די טרעפּ — אַ שלאַנקע איז זי, מיט טונקעלע אויגן און מיט אַ שוואַרצן קאָפּ האָר, היינריך קוקט אויף איר מיט גיריקייט. ווען ער באַגעגנט זי, שמייכלט ער צו איר, אָבער ער ווייסט, אַז זיין שמייכל האָט נישט קיין באַדייט, זיין שמייכל האָט נישט קיין ווערט, מיט זיין פּרצוף האָט ער קיינמאָל נישט געהאַט קיין מזל צו פרויען. אָט די דאָזיקע פרוי וויינט אָפט ביינאַכט, און ביי טאָג האָט זי טונקעלע פלעקן אונטער די אויגן, אויך איצט הערט היינריך איר געשריי, זעט אויס אַז ער שלאָגט זי שוין ווידער, דער מאַן אירער, דער טאַלאַנטפולער ליבער קינסטלער, וואָס אין שטאָט האַלט מען אים פאַר אַ גרויסן אינטעלעקטואַליסט, און אין אמתן איז ער אַ שיכור און אַ שלעגער, אַ סאַדיסט. היינריך ליגט צו דאָס אויער צו דער וואַנט, ער הערט דאָס יאָמערן פון דער פרוי, און ער שמייכלט, דאָס וואָס קומט פאָר דאָרט אין דער צווייטער וווינונג, מאַכט נישט קיין איינדרוק אויף אים, ער איז נישט פילבאַר אויף אַזעלכע זאַכן, צו פיל געשרייען האָט ער געהערט און צו פיל טרערן געזען אין י ע נ ע יאָרן, איבעריקנס, ווייסט ער, אַז באַלד וועט זיך דאָס געשריי באַרואיקן, אויסלעשן, פּונקט אַזוי פּלוצים, ווי עס האָט זיך אָנגעהויבן, דערנאָך וועט זיך הערן דאָס

סקריפּען פֿון בעט — ס'אַראַ עקלהאַפֿטע בעטן זיי האָבן דאָרט! — און באַלד וועט דעם קינסטלערס פֿרוי אָנהייבן זינגען — אַ גליקלעכע און באַפֿרידיקטע — זי וועט זינגען אירע קופּלעטן פֿון מוזיק-האָל, אַמאָל איז זי געווען אַ זינגערין אין אַ נאַכט-לאָקאַל — דער שלום-בית פֿון ראָזיקן משוגענעם פּאָרפֿאָלק וועט ווידער זיין אָפּגעראַמעוועט אויף אַ טאָג, צוויי...

די נאַכט איז אַ שיינע, מעגלעך, אַז עמעצן ברענגט אַזאַ נאַכט פֿרייד. פֿאַר אים, פֿאַר היינריכן, איז עס אָן אונטערשיד — פֿאַר אים מעג עס דונערן און בליצן, פֿאַר אים מעג ציטערן די ערד. עמעץ האָט אפֿשר אין אַזאַ נאַכט געלעגנהייטן צו גוטע דערמאָנונגען — וועגן אַן איידעלער יוגנט, וועגן אַ פֿרייליכער יוגנט, פֿול מיט גוטע האָפֿענונגען, אָדער צו דערמאָנונגען וועגן דער ערשטער צאַרטער ליבע. היינריך האָט נישט קיין ענלעכע, לירישע דערמאָנונגען. ער איז נישט געבוירן געוואָרן אונטער קיין גליקלעכן שטערן, נישט געהאַט קיין גליק צו ליבע, נישט געהאַט קיין גליק צו פֿרויען. דעם טעם פֿון אינטימער ליבע האָט ער צום ערשטן מאָל דערפֿילט ביי דער דינסטמויד — צוערשט האָט ער איר געמוזט דהאָען, אַז ער וועט זי אַרויסוואַרפֿן פֿון שטוב, אויב זי וועט נישט דערפֿילן זיין פֿאַרלאַנג. ערשט דעמלט האָט זי אים צוגעלאָזט צו זיך, און ער האָט נישט געקאָנט באַהערשן זיין אויפֿרעגונג און זיינע באַוועגונגען, ער האָט זיך דעמלט פֿאַרלוירן אין דער טונקלקייט פֿון דער נאַכט, עס האָט אים אויסגעפֿעלט דערפֿאַרונג, פֿאַרשיכורט האָט אים דער גערוך פֿון איר געזונט יונג לייב, אַ פּעסטע האָרפּישע מויד איז עס געווען, און ווען ער איז אַרויס פֿון איר קליין דינסט-צימערל אַ צעטומלטער און האַלב-לעבעדיקער, האָט ער געהערט איר שפּאָטיש געלעכטער און אירע ווערטער: „נאַ, זאָ איינע דרעקיקע זאַכע האָב איך נאָך ניכט מיטגעמאַכט!“ ער האָט עס פֿאַרגעדענקט ביז היינט.

היינריך גריבלט אין זכרון, ער זוכט דערמאָנונגען גוטע. אָבער וואָס געפֿינט ער?

פֿון פֿאַרגעסנקייט דערוואַכט אַ שיינער זוניקער נאָכמיטאָג, היינריך מיט די עלטערן און מיט דער קלענינקער מאַרגאָט האָבן דעמלט געוווינט אין אַ פּויליש שטעטל, אין אַ שיין הייזל, נישט ווייט פֿון דער שטאָט. אַרום דעם הויז איז געווען אַ גאָרטן, וווּ עס האָבן געבליט רויזן, די גרויסע פֿילפֿאַרביקע בלומען האָבן געאָטעמט מיט אַ זיסן ריח — די מוטער האָט זייער ליב געהאַט רויזן — און דעמלט, אין יענעם הייס

נאָכמיטאָג איז היינריך אהיימגעקומען עסן מיטאָג און ביים פֿאַרקאַן פֿון גאָרטן האָט ער דערזען אַ פֿרעמדן מענטש, וועלכער איז געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אין די אייזערנע שטאַכעטן. היינריך האָט אים אויסגעמיטן, אַזוי ווי מען מיידט געוויינלעך אויס אַ פֿרעמדן אומבאַקאַנטן, און ווען ער איז אַריינגעקומען אין שטוב, זיך אָפּגעוואַשן און צוגעגאַנגען צום טיש, האָט אים די מוטער באַגריסט מיט אַ האַרציקן שמייכל, צופֿיל האַרציקייט איז אין דאָזיקן שמייכל געווען, היינריכן האָט עס זיך באַלד אויסגעוויזן פֿאַרדעכטיק, פֿון איר שעמעוודיקן שמייכל האָט ער אַרויסגעלייענט, אַז זי וועט עפּעס פֿון אים פֿאַרלאַנגען. „דער מאַן, וואָס שטייט האָרט ביים פֿאַרקאַן“ — האָט זי געזאָגט — „גיב אַ קוק דורכן פֿענצטער, זעסט אים? ער איז דאָ געווען. ער איז געווען הונגעריק און דורשטיק, איך האָב אים געגעבן צו עסן. האָב איך גוט געטאָן?“ זי האָט אויף אים געקוקט וואַרטנדיק, און ער האָט פֿאַרשטאַנען וואָס זי איז אויסן, ער האָט פֿאַרשטאַנען, אַז זי וואַרט אויף זיין הסכּמה, בכדי צו געפֿינען אַ צוטריט צו אים. שוין נישט איינמאָל האָט זי געפּרוווט אויף אַן ענלעכן אופֿן אַריינציִען אים אין אירע וווילטעטיקע פּלענער, צוציִען אים צו אירע גוטע מעשׂים, צו איר נעבעכדיקער פֿילאַנטראָפּיע, פּונקט ווי עס וואָלט מעגלעך געווען מיט אַ שטיקל ברויט און מיט אַ גלעזל מילך זיך ריינצוּוואַשן פֿון אַלע שווינערייען. צו לייכט וואָלט געווען דאָס לעבן, ווען עס וואָלט מעגלעך געווען פֿאַר אַזאַ ביליקן פּרייז איינצוקויפֿן זיך עולם הבא. היינריך האָט נישט געוואָלט הערן וועגן נאַיווע קאָמפּראָמיסן, מיט אַ שווייגנדיקער אומצופֿרידנקייט האָט ער זיך באַצויגן צו די רעליגיעזע קונצן פֿון זיין מוטער, צו אירע אָנאויפֿהעריקע סודות מיטן גלח, עס האָט אים פֿאַרדראָסן, וואָס יעדע וואָך איז זי געלאָפֿן זיך מתוודה זיין — קיין אייגענע זינד האָט זי דאָך נישט געהאַט, ער האָט פֿאַרשטאַנען, אַז צו די אייגענע חשבונות מיט גאָט ציט זי אַריין אויך זיינע, היינריכס, און דער דאָזיקער געדאַנק האָט אים דערפֿירט צו אַ ווילדן כעס. ער האָט זיך נישט געוווּנטשן קיין שום אינטערווענץ ביים גלח און קיין שום אינטערווענץ ביי גאָט. ער איז געגאַנגען האַרט מיט זיין אייגענעם וועג, דעם דאָזיקן וועג האָט ער אַליין אויסגעקליבן, יעדנפֿאַלס האָט ער ליב געהאַט זיך איבערחזרן, אַז ער האָט אים אויסגעקליבן אַליין, כאָטש היינט איז ער שוין נישט אַזוי שטאַרק איבערצייגט אין אייגענעם אויסוואַל. סוף כּל סוף, האָט מען דעמלט נישט געהאַט קיין גרויסע מעגלעכקייטן פֿאַר אַ פֿרייען, פֿרייוויליקן אויסוואַל, אָבער דעמלט, אין יענע

יאָרן, איז היינריכן נישט שלעכט געווען, פאַרקערט, ער איז געווען גליקלעך, ער האָט געשטעלט פעסט זיינע טריט, אַזוי, מען זאָל זיי הערן ווייט. אין ריטמישן טראָט האָט ער געהערט די באַשטעטיקונג פון אייגענעם כּוח און פון אייגענעם ווערט.

אָבער דעמלט, אין יענעם הייסן זומערדיקן נאָכמיטאָג, ווען עס האָבן אַזוי פרעכטיק געשמעקט די בליענדיקע רויזן, האָט היינריך געוואָלט אויסמיידן יעדן וויכּוח מיט דער מוטער. ער האָט זיך צעלאַכט, כאָטש נישט אָן איראָניע. ער איז געווען אין אַ גוטער שטימונג, די צייט איז פאַר אים געווען אַ גינסטיקע, עס איז געווען די צייט פון גרויסע דערפאָלגן אין זיין לעבן. ער האָט אָבער נישט געענטפערט אויף איר פראַגע. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט צום מיטאָג, די מוטער איז געזעסן אַנטקעגן אים, זי האָט געוואַרט ביז ער וועט אָפּעסן די זופּ און דאָס געבראָטנס, זי האָט געדולדיק אָפּגעוואַרט ביז ער וועט אויסטרינקען די שוואַרצע קאַווע און אַ גלעזל קאָניאַק, און ערשט ווען ער האָט פאַררויכערט דעם ציגאַר, איז זי צוגעטראָטן צו דער זאַך. „דער דאָזיקער מאַן, וועגן וועלכן איך האָב דיר אָנגעהויבן דערציילן... דאָס איז איינער פון ז יי... ער איז דאָ געווען און האָט געוויינט. ער האָט געבעטן, איך זאָל מיט דיר רעדן. דאָס איז שרעקלעך, ווען אַ מאַנצביל וויינט. איך האָב געוויינט צוזאַמען מיט אים און האָב אים צוגעזאָגט, אַז איך וועל מיט דיר רעדן, בעטן דיך... ער האָט ד אָ ר ט זיין פרוי און אַ קינד. ער האָט מיר געוויזן דאָס בילד פון קינד. עס וועט דאָך גאָרנישט געשען, אויב דריי מענטשן וועלן אָפּראַטעווען דאָס לעבן. נישט מער ווי דריי... דיר וועט עס דאָך קיין שאָדן נישט ברענגען. וועסט עס טאָן אַזוי, אַז קיינער זאָל נישט וויסן, קיינער וועט נישט הערן און נישט זען. דאָס איבעריקע וועל איך שוין אַליין דערליידיקן. איך וועל פאַר זיי עפּעס צוגרייטן אויפן וועג. אפשר וועלן זיך געפינען אַנדערע מענטשן, וואָס וועלן גרייט זיין צוצוהעלפן. שטעל זיך פאָר: אַ קינד... ביי מיר ביסט דו דאָך אויך אַ קינד...“ זי האָט צו אים גערעדט מיט ברען, איר פּנים איז געווען פול מיט דערוואַרטונג, און פון אויפרעגונג זענען איר אַרויסגעטראָטן רויטע פלעקן אויפן האַלדז. אין דער מוטערס אויגן האָט היינריך דערזען אַ פונק פון אומזיכערקייט און עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער זעט אויך אין זיי אַ שפּור פון פּחד, אַן ענלעכן צום פּחד, וואָס ער פלעגט באַגעגענען אין די אויגן פון י ע נ ע מענטשן. דער ציגאַר האָט אים אויפגעהערט צו שמעקן.

זי האָט געוואָלט, ער זאָל זיין גוט, ער זאָל כאָטש אַ י ין מאָל זיין גוט, און מיט דעם דאָזיקן ווונטש איִרן, האָט זי אים ווידער געגעבן צו פאַרשטיין, אַז זי איז נישט צופרידן פון אים, אַז זי האָט געוואָלט ער זאָל זיין אַנדערש ווי ער איז, כאָטש געוווּסט האָט זי דאָך, ווי זייער פיינט ער האָט אַלע אירע גוטע עצות.

היינריך איז דעמלט אַרויסגעלאָפן אויף דער גאַס, צוגעפאַלן צו יענעם אומבאַקאַנטן, וועלכער האָט געוואַרט ביים טויער, און...

היינריך דערמאָנט זיך איצט דאָס געזיכט פון דאָזיקן מענטש — אַ טונקל געזיכט, נישט ראַזירט זינט פיל טעג, אויף דער באַק האָט ער געהאַט אַ בלוטיקע פאַסמע פון אַ וווּנד, אַ פרישע וווּנד איז עס געווען. היינריך דערמאָנט זיך די אויגן פון דאָזיקן מענטש, אומעטיקע שוואַרצע אויגן, דער מענטש איז נאָך געווען גענוג יונג, כאָטש דער אומעט האָט אים צוגעגעבן יאָרן. אין דער ערשטער מינוט האָט היינריך זיך געוואַקלט, געשטאַנען אַ ווײַלע און נישט געקאָנט זיך פאַסן, אפשר דערפאַר ווייל דער טאָג איז געווען אַ הייסער, היינריך איז שוין געווען מיד, אין דער דאָזיקער שעה האָט ער ליב געהאַט צו כאַפּן אַ דרימל, און אפשר האָט זיך אין אים אין דער דאָזיקער ערשטער מינוט דערוועקט אַ פונק פון מיטלייד, אַ קליין פינקעלע, אָבער געדויערט האָט עס נישט מער ווי אַ ווײַלע, נישט מער ווי אַן אויגנבליק. און גאַנץ לייכט איז געווען דעם דאָזיקן פונק צו דערשטיקן, צו פאַרלעשן אים — עס איז גענוג געווען אויפצוהייבן די פויסט און אַראָפּלאָזן זי אויף יענעמס פּנים. און היינריך האָט עס געטאָן.

דער מענטש ביים פאַרקאַן איז געשטאַנען מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, מאַכטלאָז ווי ביי אַ מאַנעקין האָבן אַראָפּגעהאָנגען זיינע אָרעמס, ער האָט גאָר נישט רעאַגירט אויף די קלעפּ, אפילו נישט געפּרוּווט אַנטלויפן, און די דאָזיקע פּאַסיוויטעט זיינע, האָט זיך היינריכן אויסגעוויזן גרויזאַם, די דאָזיקע פּאַסיוויטעט האָט נאָך געשטאַרקט היינריכס כעס. ער האָט זיך באַרואיקט ערשט דעמלט, ווען ער איז מיד געוואָרן פון שלאָגן. דער מענטש איז אַנידערגעפאַלן אויף דער ערד און האָט שטיל געוויינט, ביידע האָבן זיי שווער געאָטעמט, דער שלעגער און זיין קרבן. היינריך האָט אָפּגעווישט די הענט אין אַ נאָז־טיכל און איז צוריק אַריין אין צימער. אויפן טיש האָט זיך געמיניעט דער קאָניאַק אין פלעשל, פיינער פראַנצויזישער קאָניאַק. די מוטער איז געשטאַנען ביים פענצטער אַ שווייגנדיקע. „אַלזאָ, מיין זאָהן...“ — האָט זי געזאָגט און זי האָט

נישט פֿאַרענדיקט דעם געדאַנק. אין טאָן פֿון דאָזיקן נישט פֿאַרענדיקטן זאַץ האָט זיך אַרויסגעפֿילט איר פֿײַנלעכע אַנטוישונג. מער האָט מען וועגן דאָזיקן אינצידענט נישט גערעדט.

9.

פּאַול שלאָפֿט אין אַ קליין צימערל, עס איז דאָ ענג און דורך דעם קליינעם פֿענצטער טראָגט זיך פֿון הויף אַ טונקלער גערוך. דאָ שטייט זײַן בעט, זײַן קליין שרײַב=טישל, אויף וועלכן עס ליגן פּאַפּירן און ביכער באַדעקטע מיט שטויב, האַנדלס=פּאַפּירן, בריוו און זשורנאַלן.

פּאַול פֿילט זיך אין זײַן צימער, ווי אין אַ פֿעסטונג: אָפּגעזונדערט פֿון דער וועלט, נישט אינגאַנצן פֿרײַ, און נישט פֿרײַ פֿון איינזאַמקייט. און אַזוי פֿילט ער זיך אויך אין זײַן בוך=געשעפֿט, וואָס געפֿינט זיך אין אַ קעלער=לאָקאַל, כמעט אין אַ קעלער. פּאַול האַנדלט מיט אַלטע ביכער, מיט אַנטיקן. צו דער דאָזיקער באַשעפֿטיקונג איז ער געקומען צופֿעליק, און קיין גרויסע פֿרייד האָט ער אין איר נישט געפֿונען. אין האַלב=טונקעלן געוועלב האָט ער פֿאַרבראַכט זײַנע טעג, צווישן פֿאַרשטויבטע ביכער, דער גערוך פֿון פֿאַרשימלטער פֿײַכטקייט איז דאָ געווען אויסגעמישט מיט דעם גערוך פֿון אַלט פּאַפּיר, פֿון שטויב און פֿון שפּינוועבעכץ. נאָך דער מלחמה, אין 1945 יאָר האָט ער אין דער דאָזיקער שטאָט געקויפֿט אָט דאָס קרעמל, געקויפֿט האָט ער עס ביליק, ווײַל דער פֿריערדיקער אייגנטימער איז דאָ געווען פּאָליטיש קאָמפּראָמיטירט און ער האָט געוואָלט וואָס גיכער פֿאַרלאָזן די שטאָט, און ער, פּאַול, וואָס איז אויך געווען קאָמפּראָמיטירט דורך דער פֿאַרגאַנגענהייט פֿון זײַן זון, האָט הווקא געוואָלט דאָ זיך באַזעצן, ער האָט דאָ נישט געהאַט קיין שום באַקאַנטע, און האָט געהאָפֿט, אַז הײַנריכס שלעכטער שם וועט דאָ אַהער נישט דערגרייכן. אָבער נישט געפֿרייט האָט אים דאָס דאָזיקע געשעפֿט. ער האָט זיך געפֿילט אָפּגעריסן און באַרויבט פֿון אַלע זײַנע בעסטע טרוימען און האָפֿענונגען. אַ פֿאַרשפּילטער איז ער געווען, און ביז הײַנט האָט ער נישט געקאָנט פֿאַרגעסן זײַנע פֿאַרלוסטן.

באַלד נאָך דער ערשטער גרויסער מלחמה איז פּאַול אָנגעקומען אין דער בערלינער הויך=שול, ער האָט דאָרט געלערנט די יסודות און סודות פֿון דער דיפּלאָמאַטישער קונסט — די משפּחה האָט אים דערצו געשטויסן, עס איז געווען אַ כּבֿוד פֿאַר אַלע קרובֿים, דער יונגער און פֿעי=

קער פּאַול זאָל אַרייַנשרייַבן זייער פאַמיליע־נאָמען אין דער רשימה פון יענע פּריווילעגירטע געמען, וועלכע רעפּרעזענטירן דאָס דייטשישע פאָלק אויף דער גאָרער וועלט. שפּעטער אָבער, איז אין אַ געוויסן טאָג אַרויסגעוואַקסן אַ הויכער מויער צווישן פּאַולן און צווישן דעם אָפיציעלן באַגריף פון מלוכה, שטאַט. ער האָט אָנגעהויבן באַציען זיך קריטיש צו דער געשיכטע פון דער דייטשישער דיפּלאָמאַטיע און פון דער פּרייסישער אימפּעריע בכלל, און אויך אויף דער קעגנוואַרט פון דער ווייַמאַר־רעפּובליק האָט ער געקוקט קריטיש, עס האָט אים אָנגעהויבן נישט צו געפעלן איר צווייידייטיקער ליבעראַליזם, איר קאָנפאָרמיסטישער ליבעראַליזם, וועלכער האָט געשטעקט מיט ביידע פיס אין דער יונקערישער פאַרגאַנגענהייט, אין די טראַדיציעס פון קייזער פרידריך און פון „אייזערנעם“ ביסמאַרק.

געווען איז עס אין די יאָרן פון דער יונגער ווייַמאַר־רעפּובליק, וואָס איז אַנטשטאַנען אויף די חורבות פון פרידעריקס און ביסמאַרקס אימפּעריע — געווען איז עס, ווי באַקאַנט, אַ קאָמפּאָזיציע פון ליבעראַליזם און טראַדיציע, אָנגעפירט דורך מענטשן, וואָס האָבן געהאַלטן פון אַלטן בירגערלעך־דייטשישן שטייגער: „אין קליינינקייטן זענען מיר גרויסמוטיק...“

פּאַול האָט שטודירט די געזעלשאַפטלעכע ענינים פון עבר און פון דער קעגנוואַרט. ער האָט זיך צוגעגרייט צו שרייבן אַ גרויס ווערק, וואָס זאָל זיך פאַרנעמען מיט דער געשיכטע און מיט די פאָרמען פון דער מ אַ כ ט, מיט אירע ענדערונגען און צילן אין משך פון יאָרהונדערטער. ער האָט געזאַמלט מאַטעריאַלן, פאַרגלייכט זיי מיט אַנדערע, שוין פּובליצירטע, געשריבן, קאָרעספּאָנדירט מיט אַ ריי געלערנטע אין אויסלאַנד.

דאָס פּאָליטישע לעבן אין בערלין איז אין יענע ערשטע יאָרן נאָך דער אייראָפּעישער מלחמה, געווען רוישיק און פאַרביק. פּאַול האָט אָבער נישט געטראַכט וועגן פאַרבינדן זיך מיט איינער פון די פּאָליטישע גרופּעס אָדער פּאַרטייען — פּאַול איז געווען אויסער יעטוועדער פּאַרטיי, ער האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ טעאָרעטיקער, פאַר אַ וויסנשאַפטלער, ער איז געווען איבערצייגט אין זיינע פּראָגרעסיווע, כמעט רעוואָלוציאָנערע אָנשויונגען, אָבער דער געדאַנק וועגן ט אַ ט איז פאַר אים געווען גאַנץ פרעמד.

מיט אַזעלכע פּראָבלעמען, מיט אַזעלכע ט ע אָ ר ע ט י ש ע פּראָבלעמען האָט געלעבט פּאַול אין יענער צייט, ווען ער האָט זיך באַגעגנט מיט אַגנעס.

זי איז געווען די ערשטע פרוי אין זיין לעבן, ביידע האָבן זיי אויפגענומען זייער ליבע מיט גרויס ערנסטקייט, זיי זענען צוגעפאַלן צו זיך מיט דער איבערצייגונג, אַז אָט ווערט מקוים אַ נס, וואָס איז באַשערט דעם מענטש נישט מער ווי איין מאָל אין לעבן.

פּאַול איז געווען פאַרליבט אין זיין יונגער פרוי. זי איז געווען יונג און שיין, זי איז געווען ריין, מיט דער גייסטיקער ריינקייט פון אַן אומשולדיק קינד. פּאַול האָט ליב געהאַט איר פּשטות, עס האָט אים נישט געשטערט און נישט געאַרט, וואָס זי איז סוף כל סוף אַ קליינבירגערלעכע פרוי, אַ דערצויגענע אין דעם קליינעם וועלטל צווישן דער קירכע, קיך און זונטיקדיקן קאָנצערט אין „מאָצאַרטעום“.

ערשט שפּעטער איז געקומען די צייט פון אַנטוישונג.

אַגנעס איז געקומען קיין בערלין פול מיט גוטן ווילן, אָבער נישט צוגעגרייט צום לעבן מיט פּאַולן.

אין די ערשטע וואָכן האָבן זיי נאָך נישט פאַרגעפילט די שוועריקייטן און די מפּלות, וואָס וועלן קומען. זיי האָבן געוווינט אין אַ קליינער באַשיידענער דירה — דאָס האָט פּאַול די דאָזיקע וווינונג צוגעגרייט, און אַגנעס איז געווען גליקלעך אין די אָרעמע ווענט פון איר נייער היים, אַלץ, וואָס זי האָט דאָ געטראָפן, האָט געפרייט, און געפרייט האָט אויך אַלץ, וואָס זי האָט דאָ געקאָנט ענדערן מיט אירע אַרבעטזאַמע הענט. זיי זענען געווען גליקלעך, ווייל זיי האָבן נאָך נישט באַוויזן צוצוקומען צו דער שוועל פון וואָכעדיקייט. דאָס ברוטאַלע איז געקומען ערשט שפּעטער.

אין אַ געוויסן טאָג (געווען איז עס נאָך אַ פּאָר וואָכן פון פרעכטיקער און גליקלעכער איינזאַמקייט, אין וועלכער זיי האָבן פאַרבראַכט די אַזוי גערופענע האָניק־צייט...) האָט פּאַול זיך אומגעקערט צו זיין אַרבעט. און געווען איז ער איבערצייגט, אַז די טרוקענע וויסנשאַפטלעכע ענינים, מיט וועלכע ער פאַרנעמט זיך, זענען אינטערעסאַנט אויך פאַר אַגנעס, אַנדערש האָט ער עס זיך נישט פאָרגעשטעלט. אַ פּאָר מאָל האָט ער דערזען אין אירע אויגן אַ פונק פון באַוואונדערונג — דאָס פלעגט זיין דעמלט, ווען ער איז שעהן־לאַנג, ביז אין שפּעטן אָוונט געזעסן ביים שרייב־טיש, און זי האָט זיך דערווייל פאַרנומען מיט דער באַלעבאַטיש=

קייט — און ווען ער פלעגט ענדיקן זיין קאַפּיטל, אַ מידער אָבער אַ צופרידענער פון זיך, און ווען ער האָט מיט אַ באַגייסטערטער שטימע געלייענט צו אַגנעס, דערציילט איר וועגן זיין טעאָריע פון אייביקן פּראָגרעס, אָ, דעמלט איז אַגנעס ווירקלעך געווען גליקלעך, און איר קליינבירגערלעכער קלייניגנקער פּאַטריאָטיזם איז געווען שטאָלץ, אז דאָס, וואָס איר מאַן שאַפט, איז אַ צוגאָב צו דער גרויסער דייטשישער וויסנשאַפט, אַ צוגאָב צו דער חכמה פון דער וועלט.

אַזוי זענען פאַרביי אַ פּאָר חדשים און אין דער גרויער וואָכעדיקייט האָט אַגנעס אָנגעהויבן צו זען צוויי וועלטן. אַרום האָט געראַשט דאָס גרויסשטאָטישע לעבן — בערלין איז געווען איינע פון די שטאָלצע און רייכע אייראָפּעישע צענטערס, אַ פּרעכטיקע מעטראָפּאָליע, וועגן וועלכער אַגנעס פלעגט אַמאָל אויף אַ נאַיוון אופן חלומען — קאַרנאַוואַלן, טויזנטער ליכטיקע טאַנץ־לאָקאַלן, מוזיק־האָלן, טעאַטערס, קאָנצערט־זאַלן און שוי־שפּילן, אין וועלכע מענטשן האָבן געזוכט פאַרווייִלונג — אַ פאַרכישופטע וועלט פון שאַרם און עלעגאַנץ.

און אינמיטן פון דער דאָזיקער וווּנדערלעכער שטאָט האָט געשטעקט זייער קליינע אָרעמע דירה, אין וועלכער אַגנעס האָט זיך געפילט אַלץ מער איינזאַם און נישט באַדערפטיק, ווייל זי איז דאָך געבליבן גאַנץ פרעמד און גאַנץ ווייט פון אַלע פאַראינטערעסירונגען פון איר מאַן.

און פּאַול איז געווען פאַרבלענדט פון זיין אַרבעט. דאָס, וואָס ער האָט געטאָן, האָט ער געטאָן מיט ברען און פּאַסיע. צו ווייניק צייט האָט ער פאַרבראַכט מיט זיין יונגער פרוי, צו ווייניק צייט האָט ער איר געווידמעט, צו ווייניק פאַראינטערעסירונג. די צייט, וואָס זיי האָבן איצט פאַרבראַכט אונטער דעם זעלבן דאַך, איז פאַר אַגנעס געווען אַ צייט פון איינזאַמער אומגעדולדיקער דערוואַרטונג. שפּעט אין אָוונט, ווען ער פלעגט פאַרענדיקן זיין אַרבעט, איז ער אָפט געווען מיד, נערוועז, אויסגעשעפּט פיזיש.

זיי האָבן נישט געוווּסט ווען און וויאַזוי עס האָט זיך צווישן זיי אַריינגעגנבעט אַ שווייַגעניש. דאָס געזיכט פון דער יונגער פרוי איז געוואָרן טריב, זי האָט געקוקט אויף פּאַולן מיט אַ שטומען פאָרוואורף, אָפט האָט זי געוויינט, פּאַול האָט עס דערקענט אין אירע רויטע פאַרשוואָלענע אויגן. מיט צאַרטע ווערטער האָט ער געפּרוווט ביי איר זיך דערוויסן די סיבות פון דאָזיקן געוויין, ער איז געווען אומרואיק וועגן איר געזונט,

און עס איז אים אפילו נישט אײנגעפאַלן, אַז ער אַלײן איז די סיבה פון די דאָזיקע טרערן.

ער איז גרײט געװען אָנצונעמען פאַר אַ קאַפּריז די דאָזיקע אומעטיקע שטימונגען אירע. ער האָט געהאַלטן פאַר אַ קאַפּריז איר װײטיק און איר אַנטױשונג. אינגיכן האָט ער זיך איבערצײגט, אַז זי פאַרשטײט בכלל נישט זײַנע אידײען און אַז זי איז װײט נישט דערװאַקסן צו דעם גײַסטיקן לעבן, מיט װעלכן ער האָט זי געװאָלט באַלעבטיקן.

אין אַ געװיסן אָװנט האָט זי אים געגעבן צו פאַרשטײן, אַז צו פיל האָט ער פון איר דערװאַרט און פאַרלאַנגט. זי האָט אים פאַרגעװאָרפן עגאָיזם, אין אירע ענגע באַגריפן איז זײַן גאַנצע װיסנשאַפטלעכע אַרבעט געװען נישט מער װי אַן עגאָיסטישער קאַפּריז. קלאָר: זײ האָבן זיך נישט פאַרשטאַנען, גערעדט מיט פאַרשידענע לשונות, און בײדע זענען זײ אין אַ געװיסער מאָס געװען גערעכט, פונקט װי אין אַ דראַמע, װו דער קאָנפליקט אַנטשטײט צװישן צװײ אמתן, װען בײדע העלדן זענען גערעכט...

און אַט אין יענער שלעכטער צײט איז געקומען אויף דער װעלט הײנריך. קײן הײסע ליבע איז שױן צװישן פאַול און אַגנעס דעמלט נישט געװען, אָבער עס האָט נאָך געטליעט אַ האָפענונג אויף צו געפינען אַ פאַרשטענדיקונג. געװען איז עס אָבער נישט מער װי אַ האָפענונג.

פאַול האָט אויפגעהערט צו אַנטציקן זיך מיט דעם שײנעם געזיכט פון זײַן פרוי, כאָטש געװען איז זי דאָך װי פריער — יונג און פריש. גאָר זעלטן פלעגט קומען צװישן זײ צו אַ דערנטערונג, צו הײסע צערטלעכקײטן אָדער צװאַנגען. פאַול האָט איבערגעטראָגן זײַן געלעגער פון שלאָפצימער אין קאַבינעט, װו ער האָט געאַרבעט. ער האָט מכלומרשט נישט געװאָלט װעקן זײַן פרוי, װען ער האָט געאַרבעט אָדער געלײענט ביז שפּעט אין דער נאַכט.

דורך דער צוגעמאַכטער טיר פון שלאָפצימער האָט ער געהערט אירע באַװעגונגען, װען זי איז נישט געשלאָפן. ער האָט געציטערט פאַר אויפרעגונג אויפן געדאַנק, אַז זי װײנט האַרט אפשר, ער האָט מורא געהאַט פאַר אירע טרערן, ער האָט מורא געהאַט פאַר דראַמאַטישע סצענעס, אין אויפרעגונג האָט ער נישט געהערשט איבער די אײגענע װערטער און איבער דעם טאָן פון די אײגענע װערטער. ער האָט געװוסט, אַז װען ער זאָל איצט אַרײַנגײן אין איר צימער, דערנעענטערן זיך צו איר, װאָלט ער מסתמא אַנטקעגן געקומען איר װוּנטש; ער האָט עס אָבער

נישט געטאָן, ער האָט געפילט ווי עפּעס שטאַרבט אָפּ אין זיינע געפילן, פון טאָג צו טאָג קומט עס פאָר, עפּעס באַדעקט זיך אין אים מיט אַ קאַלטן פאַנצער פון גלייכגילטיקייט.

ווען היינריך איז געבוירן געוואָרן, האָט דער פאָטער אויפגענומען זיין אָנוועזנהייט אָן פרייד. בלויז פאַר אַגנעס איז עס געווען אַ פרייריקע, לאַנג דערוואַרטע געשעעניש. דאָס ניי־געבוירענע האָט פאַרלייכטערט איר אייגענע איינזאַמע וועלט. אים האָט זי איצט באַשאָנקען מיט אַלע גוטע געפילן, וועלכע פאָול האָט אַזוי ברוטאַל פון זיך אָפּגעשטויסן.

היינריך איז געוואַקסן צווישן דעם פאָטער און דער מוטער, אַ נישט זייער געלונגענער, אַ קרענקלעכער, אָן שום סימנים פון שיינקייט, אָבער פאַר דער מוטער זענען אַלע זיינע חסרונות געווען נאָך איין סיבה פאַר ליבשאַפט. ווייל אַגנעס איז געווען אַ מוטער אַ גוטע, און דאָס איז די איינציקע גערעכטיקייט, וואָס פאָול איז גרייט געווען אָפּצוגעבן זיין פרוי.

10.

זיי זענען געזעסן אין סאַלאָן — מאַרגאָט, פעטער און נאָך דריי פאַרלעגער. צוויי פון פעטערס יונגע קאָלעגן זענען געווען סטודענטן, איי־נער איז געווען באַשעפטיקט אין דער פילם־פּראָדוקציע.

— איר זענט ציניש — האָט געפּלאַפּלט איינע פון די מיידלעך, אַ נידעריקע שוואַרצינקע, פון אַ יאָר עטלעך און צוואַנציק — איך פאַר־שטיי נישט ווו עס איז אהינגעקומען דער ראָמאַנטיזם פון אייערע עלטערן.

— איך האָב געלייענט ערגעץ אין אַ בוך — האָט זי אונטערגע־שטיצט די צווייטע — איך האָב געלייענט, אַז עס האָט אַמאָל פּאַסירט אַזאַ מערקווירדיקע געשיכטע. אַ ליבהאָבער האָט באַוויזן באַצייטנס צו פאַרלאָזן דעם שלאָף־צימער, אָבער די טיר האָט אים צוגעדריקט די פינגער. איז ער אַזוי געשטאַנען אַ גאַנצע נאַכט מיט צוגעפּרעסטע פינ־גער, ווייל ער האָט נישט געוואָלט קאָמפּראָמיטירן די געליבטע פרוי. אַזעל־כע זענען אַמאָל געווען די מענער. און היינט?

— ווער האָט דאָס באַשריבן? — האָט איראָניש איבערגעפּרעגט מאַרגאָט — מאָפּאַסאַן?

— איך געדענק שוין נישט. אפשר מאָפּאַסאַן און אפשר באַלזאַק.

— מיר זענען ציניש, דאָס איז אמת. — האָט געזאָגט איינער פֿון די סטודענטן — אָבער מיר האָבן דאָס פֿולע רעכט צו זיין ציניש.

— דאָס פֿולע רעכט? — האָט איבערגעפֿרעגט מאַרגאָט, כאָטש צוערשט האָט זי זיך צוגעזאָגט, אַז זי וועט בכלל נישט נעמען קיין אָנטייל נישט אין שמועס און נישט אין דער פֿאַרוויילונג — וואָס פֿאַר אַ רעכט קאָן מען דען האָבן צו ציניזם?

דער יונגער מענטש האָט זיך אַוועקגעזעצט נעבן מאַרגאָט און גענומען אויפֿקלערן.

— ציניזם איז אונדזער פּראָטעסט קעגן די אַלטע באַטריגער. אונדזערע פֿאָטערס און זיידעס, די בכבודיקע אַנטענאַטן אונדזערע, זענען געווען ראָמאַנטיקער אין די ענינים פֿון ליבע. ווען זיי זענען געווען אַזוי יונג ווי מיר זענען היינט, האָבן זיי זיך געשלאָגן אין דועלן, זיי האָבן פֿאַרפֿירט פֿרעמדע ווייבער, דערנאָך האָבן זיי געזוכט גוטע שידוכים מיט נדנים און כבודים, אָבער קיינער האָט נישט געזאָגט, אַז זיי זענען ציניש. ווייל ווער וואָלט דען געוואַגט דאָס צו זאָגן? די זעלבע שווייניערייען האָבן דאָך געטאָן אַלע ווילגעבוירענע. זיי זענען געווען בכבודיקע בירגער, און אין פֿרייע מינוטן האָבן זיי געזוכט פֿאַרוויילונג ביי די אייגענע דינסטמיידן, אָדער אין די שטאָטישע בורדעלן, פֿאַרשטייט זיך, אַלץ וואָס זיי האָבן געטאָן, און אַלץ וואָס זיי טוען נאָך היינט, צייכנט זיך אויס מיט דיסקרעציע און מיט די בעסטע מאַניערן.

— מען דאַרף נישט רעדן שלעכט וועגן אונדזערע עלטערן — האָט געזאָגט איינע פֿון די מיידלעך, אַ שטילע שעמעוודיקע סטודענטין פֿון מעדיצין — אויך זיי האָבן זייערע שוועריקייטן, זייערע טראַגישע קאָנפֿליקטן, זיי האָבן אַזויפֿיל איבערגעלעבט און דורכגעמאַכט.

דער צווייטער סטודענט, מיטן נאָמען קורט, אַ סימפּאַטישער ערנסטער בחור, האָט זיך אַריינגעמישט אין שמועס.

— דער עלטערער דור האָט געמאָרדעט מענטשן. פֿאַרשטייט זיך, נישט אַלע עלטערן זענען געווען פֿון דעם זעלבן ליים. מיין טאַטע איז אומגעקומען אין דאַכאַו.

— דאָס געהערט שוין צו דער פֿאַרגאַנגענהייט — האָט זיך אָנגערופֿן דער פֿילם־אָנגעשטעלטער. — בעסער נישט צו דערמאָנען יענע ענינים.

— עס שטויסן זיך צוזאַמען צוויי וועלטן — האָט געזאָגט קורט — דער אַלטער דור רעפּרעזענטירט דעם בירגערלעכן טראַדיציאָנעלן קאָנ-

פּאַרמיזם פון דער פעדעראַלער רעפּובליק. און מיר, יונגע, רעדן זיך איין, אַז מיר רעפּרעזענטירן בונטאַרישקייט. אָבער וואָס שטעלט מיט זיך פאָר יעטוועדער בונט אָן קאָנסטרוקטיווע יסודות? קאָמוניסטן האָבן זייער קאָנסטרוקטיוון פּראָגראַם. און איר? וואָס האָט איר?

— מיר האָבן אונדזערע מיידלעך — האָט געזאָגט פּעטער, וועלכער האָט שוין באַוויזן צו זיין אַ ביסל שיכור — מיר האָבן אונדזערע מיידלעך און מיר ווייסן וואָס מיט זיי צו טאָן.

זיי האָבן געטרונקען קאָניאַק און געוויינלעכן בראָנפן. פּעטער האָט געזוכט אין ראַדיאָ־אַפּאַראַט אַ פּאַסיקע טאַנץ־מוזיק, צוויי פּאָרלעך האָבן זיך געלאָזט טאַנצן.

מאַרגאָט איז געזעסן נעבן קורטן, דער דאָזיקער ערנסטער בחור האָט געמאַכט אויף איר אַ גוטן איינדרוק, זי האָט באַדויערט, וואָס פּעטער איז נישט ענלעך צו אים.

— קיין שום געזעלשאַפט קאָן נישט עקזיסטירן אָן אַ פּראָגראַם — האָט געצויגן קורט — די רעגירונג גיט זיך אָפּ אַ חשבון דערפון. אין דער רעגירונג זענען פאַראַן ספּעציאַליסטן, וועלכע מאַכן פּראָגראַמען. מען האָט געשאַפן דעם פּראָגראַם פון „ווידעראויפבוי“, און דאָס איז, פאַרשטייט זיך, געווען אַ גוטע זאַך. דערנאָך איז אַנטשטאַנען דער פּראָגראַם פון העכערן דעם לעבנס־ניוואָ און אויך דאָס איז געלונגען. „ווירטשאַפטס־וואונדער“! און וואָס ווייטער? וו איז אַ פּראָגראַם פון געזעלשאַפטלעכע רעפאָרמען? פון פּראָגרעס? ניין, דערווייל האַלט מען ערשט ביים פּראָגראַם פון באַוואָפענונג. קאַמף מיטן קאָמוניזם... ווער גלייבט היינט אין די דאָזיקע זאַכן? ווער וויל היינט מלחמה? אָבער די ספּעציאַליסטן פון מאַכן גוטע געשעפטן מוזן דאָך ווירקן זיי...

ער האָט גערעדט צו מאַרגאָט, אָבער ער איז נישט געווען איבערצייגט, צי זי פאַרשטייט אים. מאַרגאָט האָט פאַרשטאַנען, אויך איר פאָטער פלעגט טייל מאָל רעדן אויף אַן ענלעכן אופן וועגן די דאָזיקע זאַכן.

— מען רופט מיך צום מיליטער — האָט געזאָגט קורט — אָבער איך וועל נישט גיין. איך פייף אויף זייער אַרמיי. זאָלן זיי מיך איינזעצן אין תפיסה.

עס איז שוין געווען שפּעט, עס האָט זיך דערנענטערט די האַלבע נאַכט. פּעטער האָט זיך געפּאָרעט ביים ראַדיאָ. דער ספּיקער פון בערלינער רונדפונק האָט איבערגעגעבן די לעצטע ידיעות. היינט האָט מען

אויפגעהאָנגען אייכמאַנען. זיין קערפּער האָט מען פאַרברענט און דאָס אַש צעזייט איבערן ים. מאַרגאָט האָט זיך דערמאָנט אין איר ברודער, און עס האָט זי אַרומגענומען אַ טריבע קאַלטע אויפרעגונג.

— שלום מיט אייכמאַנען — האָט געזאָגט פּעטער און האָט פאַרלאָשן דעם ראַדיאָ־אָפּנעמער.

11.

היינריך האָט פאַרגעסן צו פאַרלעשן דעם ראַדיאָ־אַפּאַראַט. ווען ער האָט זיך אויפגעוועקט, האָט ער דערהערט די לעצטע נאַכריכטן פון בערלינער רונדפונק. עטלעכע מאָל האָט זיך איבערגעחזרט דער נאָמען פון אַדאָלף אייכמאַן אין צוזאַמענהאַנג מיטן אויספירן דעם אורטייל.

היינריך איז געלעגן מיט צוגעזשמורעטע וויעס, ער איז געווען אויפגערעגט, געהערט דאָס פולסירן פון בלוט אין די שלייפן.

אייכמאַנען האָט היינריך געקענט פערזענלעך, ער האָט זיך פערזענלעך מיט אים צוזאַמענגעטראָפן און דערמלט, ווען דאָס איז פאָרגעקומען, האָט היינריך געהאַלטן די דאָזיקע באַגעגעניש פאַר אַ גרויסן כבוד. אייכמאַן האָט אים דינסטלעך באַזוכט אין דער געזעלשאַפט פון אַ גרופּע אָפיצירן, היינריך האָט זיי אַרומגעפירט, באַקענט אייכמאַנען מיט די אָרטיקע ענינים, אייכמאַן איז געווען צופרידן פון היינריכס אַרבעט, צוגעזאָגט אים אַן אויסצייכענונג.

יענע באַגעגעניש איז שוין פאַרבליבן ווייט, און אייכמאַנס פּנים איז פאַרדעקט מיט יאָרן און מיט טויזנטער אַנדערע פּנימער, היינריך געדענקט בלויז דעם אַלגעמיינעם איינדרוק — אייכמאַן האָט דערוועקט ביי אים דרך ארץ און אָנערקענונג. און דאָס געזיכט — היינריך שטרעקט אויס די האַנט און נעמט פון טיש די נעכטיקע צייטונג, אין וועלכער עס געפינט זיך אייכמאַנס פאָטאָגראַפיע — אייכמאַן אין מונדיר, אייכמאַן אין ציוויל צוזאַמען מיט דער משפחה, און אייכמאַן אין דער גלעזערנער קאַמער פאַר דעם יידישן געריכט — ניין, די דאָזיקע בלאַסע בילדער וועקן שוין היינט נישט קיין שום קאָנקרעטע איינדרוקן, זיי זענען נישט אימשטאַנד איבערצוגעבן די שטימונג פון יענע טעג. אייכמאַן האָט דעמלט אָנגענומען היינריכס איינלאַדונג צו פאַרברענגען דעם אָוונט אין אָפיצירן־קלוב, און היינריך איז געקומען צוזאַמען מיט זיין כלה, מאַריע האָט זי געהייסן, זי איז געווען די שענסטע פרוי אין שטאָט, און אַלע קאָלעגן האָבן אים מקנא געווען צוליב איר.

אַדאָלף אייכמאַן צעשווימט זיך אין נעפּל פון נאַכט. ווי פון אַן אָפּגרונט, שווימט אַרויס פון עבר די געשטאַלט פון אַ בלאָנד־האָריקער, שיין געבויטער פרוי. אַ געזונטע נקבה איז זי געווען, די דאָזיקע מאַריע. ווען מען האָט געקוקט אויף איר הילוך, האָט זיך געדאַכט, אַז די ערד ציטערט אונטער אירע טריט.

מיט מאַריען האָט זיך הייניך באַקענט אין בודאַפּעשט, זי איז געווען אַן אונגאַרין. ער האָט מיט איר פאַרבראַכט אַ פּאָר שעה און באַלד איז זי מסכים געווען מיט אים אַרויסצופאָרן, כאָטש זיי האָבן זיך כמעט נישט געקענט. הייניך איז געווען באַצויבערט פון איר שיינקייט, אָבער זי — פאַרוואָס איז זי מיט אים מיטגעפאָרן? ער איז דאָך נישט געווען דער דאָזיקער מאַן, וואָס אַ פרוי זאָל זיך אין אים פאַרליבן פון ערשטן בליק... און דאָך איז זי מיט אים מיטגעפאָרן און שפּעטער מיט איר אויפירן זיך, מיט יעדן וואָרט און מיט יעדן בליק אונטערגעשטראָכן, אַז זי איז צו אים צוגעבונדן, אַז זי איז אים געטריי.

זי האָט מיט אים פאַרבראַכט צוויי יאָר און אין אַ געוויסן טאָג נעלם געוואָרן, נאָך איידער ער האָט באַוויזן זיך צו דערוויסן ווער זי איז. הייניך טראַכט וועגן איר מיט וואָקסנדיקער אויפרעגונג. זי איז געווען אַ מענטש מיט כאַראַקטער, כאָטש זי האָט זיך צו אים פאַרקויפט. אָבער — פאַרוואָס האָט זי דאָס געטאָן? צו וואָס איז ער איר געווען נייטיק? אפשר האָט זי אין זיין היים געפונען אַ שאַנס פון רעטונג, אפשר איז זי געווען געיאָגט, אפשר האָט זי געהערט צו זיי, צו די פאַרפאָלגטע? היינט זענען עס שוין פּרטים ריין טעאָרעטישע, אָן שום באַדייטונג.

אין יענע ווייטע גוטע צייטן האָט הייניך פאַרמאָגט דעם חוש פון אַ פּאָליציייאישן הונט — מען האָט אים באַוואונדערט פאַר דעם דאָזיקן טאַלאַנט זיינעם. דאָרט, ווו ער האָט געווענדעט זיין פאַרדאַכט, דאָרט האָט געוויינלעך געשטעקט אַ סיבה. און אין אַ געוויסער ווינטערדיקער נאַכט האָט הייניך געוואָרפן אַ פאַרדאַכט אויף מאַריען, אויף זיין שיינער געליבטער, פאַר וועלכער ער האָט ביז איצט נישט געהאַט קיין סודות.

די זאַך איז פאָרגעקומען אין אַ געוויסן ווינטער, *דאָרט*, אין פּוילן, אין אַ קליין גאַליציאַנער שטעטל ביים טייך סאַן, עטלעכע חדשים פאַר יענעם *פּינאַל*, וועגן וועלכן הייניך טראַכט היינט נישט גערן, און וועלכן ער האָט בכלל פּיינט אָנצורופן ביים נאָמען. אין אַ געוויסן

טאָג האָט הײנריך באַקומען אַ מעלדונג, אַז אױף דער טעריטאָריע, װאָס האָט געהערט צו זײַן ממשלה, האָט מען פֿעסטגעשטעלט די אָנװעזנהײט פֿון אַ קינד, פֿון אַ יי ן קינד. הײנריך האָט געקענט די מוטער פֿון דאָזיקן קינד — אַ יונגע פֿרױ, אַ געלע מיט פֿיל זון־שפּרינקלעך, זי האָט געהאַט אַ זיסן שמײכל. קלאָר, אַז דער דאָזיקער שמײכל איז געװען פֿאַלש אין באַצוג צו די דײַטשן, הײנריך האָט נישט געהאַט קײן צוטרױ צום דאָזיקן שמײכל, פֿאַרקערט, מיט אַ געװיסן אומחן האָט ער פֿאַרגעדענקט דאָס דאָזיקע פּנים, בפֿרט װען ער האָט זיך אײנמאָל איבערצײַגט, אַז די געלע ייִדישע פֿרױ רעדט אַ פֿײַנעם געבילדעטן דײַטש.

הײנריך און מאַריע האָבן געװױנט אין אַ מיטלאַלטערלעכן קלױסטער, פֿון װאַנען מען האָט פֿריער פֿאַרטריבן די פּױלישע נאָנעס. די גרױסע האַלב־טונקעלע זאַלן זענען דאָ געװען באַצירט מיט פֿײַנע דיװאַנען און אַלטע בילדער, מיט קונסט־שטיק און צאַצקעס פֿאַרשידענע, אַהערגעבראַכטע פֿון די װױנונגען, װעלכע האָבן פֿריער געהערט צו רײַכע ייִדישע סוחרים, אָדער צו פּױלישע פּריצים, װעלכע האָבן זיך אָפּגעזאָגט מיטצואַרבעטן מיט דעם דריטן רײַך. אַרום דעם קלױסטער האָט זיך געצױגן אַ פּרעכטיקער גאָרטן מיט בלומען און עטװאָס װײַטער, אָפּגעטײלט מיט אַ הױכן פּאַרקאַן אױס שטעכיקע דראָטן, פֿאַרדעקט מיט אַ װאַנט פֿון גרינעם קוסטאַרניק, זענען געשטאַנען רײען באַראַקן, דאָרט האָבן געװױנט י ע נ ע, מענטשן פֿון דער צװײטער זײַט עקזיסטענץ, און צװישן זײ האָט זיך אױך געפֿונען א יי ן קינד, דאָס קינד פֿון יענער געלער פֿרױ מיטן פֿאַלשן שמײכל, װעלכע האָט מיט אים אײנמאָל גערעדט און בכדי צו געװינען בײַ אים חן, האָט זי גענומען ציטירן די גאָלדענע געדאַנקען פֿון פֿרידעריק ניטשע. אָבער אױף הײנריכן האָבן די דאָזיקע קענטעניש ניט געמאַכט קײן שום אײַנדרוק, פֿאַרקערט, ער האָט נאָך מער האַס דערפֿילט צו איר און באַפֿױלן, מען זאָל זי באַשעפֿטיקן בײַם װאַשן די אונטערװעש פֿון די אָפֿיצירן.

הרײַ טעג און הרײַ נעכט האָט מען געזוכט דאָס קינד פֿון דער דאָזיקער פֿרױ. ענדלעך האָט מען ערגעץ געפֿונען אַ שפּור — אַ העמדל פֿון אַ קינד. הײנריך האָט באַפֿױלן צו ברענגען אַ פּאָליצײיִשן הונט, דער הונט האָט לאַנג געניוכעט, אַרומגעלאָפֿן צװישן די באַראַקן און אַרום דעם קלױסטער, און דאַן... האָט ער זיך געלאָזט אַרױף מיט די טרעפּ, צום אױבערשטן שטאָק פֿון קלױסטער, דאָרט װוּ צװישן הײליקע בילדער און קלױסטער־מכשירים האָט געװױנט אַן אַלטע נאָנע. דער הונט האָט

אַרומגעגיוכעט די פרומע זקנה, דערנאָך האָט ער זיך ווידער געלאָזט לויפן אַראָפּ מיט די טרעפּ און נאָך אים איז נאָכגעלאָפן היינריך מיט זיינע מיטהעלפער. און פּלוצים האָט דער הונט זיך פאַרהאַלטן אויפן ערשטן שטאָק, ביי דער טיר פון היינריכס וווינונג.

— דרעקיגער הונט! — האָט אויסגעשריגן היינריך און באַפוילן אָפּ־צושטעלן דעם געיעג. די זעלנער זענען אַוועקגעגאַנגען, און ער, היינריך, האָט גענומען געגנוי איבערזוכן די גאַנצע וווינונג. ער האָט אַריינגעקוקט אין יעדן ווינקעלע, אפילו אין די שאַפעס און אין די רעגצלעך, אָבער גאָר נישט האָט ער נישט געפונען. ער האָט אָבער געהאַט אַ פאַרגעפיל — כמעט אַ זיכערקייט און איז עס געווען, אַז פון מאַריעס שטראַלנדיקן איבער־געגעבענעם שמייכל קוקט אַרויס אַ פונק שפּאָט און איראָניע.

די דאָזיקע דערמאָנונג, די דערמאָנונג וועגן יענעם קינד, וואָס איז האַרט פאַרבליבן ביים לעבן, יענע דערמאָנונג שטעקט אין היינריכס האַרץ ווי אַ דאָרן. ער האָט דעמלט פאַרשפּילט — אַלע האָבן זיך דעמלט פאַר־שווירן קעגן אים: די געלע פרוי פון באַראַק, די אַלטע נאָנע, און אויך זיין אייגענע געליבטע, מעגלעך אַז טאַקע זי אַליין האָט דאָס קינד אַרויס־געטראָגן פון באַראַק, זי האָט שטענדיק געהאַט אַ שוואַכקייט צו קינדער...

היינריך פאַררויכערט אַ פּאַפּיראָס, דער רויך העלפט אים אָפּהוסטן. דאָס דאָזיקע קינד באַאומרואיקט אים נאָך היינט — עס איז ווי אַ טעות אין חשבון... זינט דעמלט איז ער געוואָרן פאָרזיכטיק — אויב ער האָט גערעדט מיט מאַריען וועגן דינסטלעכע ענינים, האָט ער שוין איצט נישט געזאָגט דעם אמת, פאַרקערט, ער האָט זיך באַמיט אונטערצורוקן פאַל־שע ידיעות, אָבער מאַריע איז געווען אַ קלוגער קעגנער, און היינריך האָט נישט געפונען קעגן איר קיין שום קאָנקרעטע באַווייזן.

12.

שפּעט אין דער נאַכט האָט פּאַול זיך אויפגעוועקט מיט אַ געפיל פון אומרו. ער האָט געעפנט די טיר פון צווייטן צימער, וווּ אַגנעס איז געשלאָפן — מאַרגאָט איז נאָך נישט צוריקגעקומען. אַ ווײַלע איז ער געשטאַנען ביים געלעגער פון זיין פרוי. אַגנעס האָט שווער געאָטעמט, ביים שיין פון נאַכט־לעמפּל האָט ער באַטראַכט איר געזיכט: אַגנעס איז שוין געווען אַן אַלטע פרוי, פון איר אַמאָליקער שיינקייט זענען פאַר־בליבן נישט מער ווי נעבעכדיקע שפּורן. ביידע זענען זיי שוין אַלט גע־

וואָרן, ביידע זענען זיי צו זיך ווייט און פרעמד, זיי זענען פון זיך אַוועק צו דער איינזאַמקייט, וועלכע האָט זינט יאָרן געשאַפן אַן אָפּגרונט, פול מיט אַנטוישונג און פאַרביטערונג.

ווען די פאַשיסטן האָבן אין דייטשלאַנד איבערגענומען די מאַכט, האָט פאַול אויפגעגעבן זיין ווויסנשאַפטלעכע אַרבעט. די כתבֿ־ידן האָט ער פאַרברענט, בלויז אַ טייל פון זיי האָט ער פאַרשטעקט אין קעלער, אָבער קיינמאָל האָט ער שוין צו זיי נישט צוריקגעקערט. קיינער האָט נישט געוווסט ווי לאַנג עס וועט דויערן דער פאַשיסטישער טעראָר. פאַול איז אַרומגעגאַנגען אַ צעבראָכענער. דער פאַשיזם האָט געזיגט, אויף די שייטערס האָט מען געברענט די ווערק פון גרויסע שרייבער און וויסנשאַפטלער, דער פאַשיזם האָט אַריינגעדרונגען אין די וווינונגען ווי אַ שלעכטער גייסט, ער האָט צעשטערט דאָס משפּחה־לעבן, צונישט געמאַכט דעם שלום בית, די קינדער האָט ער נישט זעלטן באַוואָפנט אַנטקעגן זייערע אייגענע עלטערן. דאָס קליינע מענטשעלע מיט די כאַראַקטעריסטישע וואָנצעלעך אונטער דער נאָז האָט מיט אַ הייזעריקער שטימע געשריגן דורך די ראַדיאָ־הילכערס, און אין די וווינונגען האָבן זיינע בילדער פאַרנומען דאָס בכבֿודיקסטע אָרט. זיינע פאָרטרעטן האָבן געשראָקן אויף דער וואָר און אַפילו אין חלום.

אַרום פאַולן איז געוואָרן לער — אַ סך באַקאַנטע זענען אַנטלאָפן קיין אויסלאַנד, אַנדערע האָט מען אַוועקגעפירט אין די לאַגערן, די איבעריקע האָבן זיך אונטערגעגעבן, זיי האָבן אויסגעוויילט לאָיאַליטעט און קאָנפאָרמיזם. פאַול איז פאַרבליבן אַליין, אַ שווייגנדיקער און פאַסיווער, אַ דערשלאָגענער, אין דער דאָזיקער היסטערישער שטאָט, וווּ יעדן טאָג איז איצט פאָרגעקומען עפּעס נייעס און וווּ מען האָט זיך יעדן טאָג געקאָנט און געדאַרפט ריכטן אויף אַלץ נייע און אַלץ מער אויסטערלישע גזרות.

אַגנעס האָט געזען זיין מאַטערניש און זי האָט אים געוואָלט העלפן. זי האָט געפילט, אַז ער איז איינזאַם און זי האָט געהאַט אַ האָפענונג, אַז אין דער דאָזיקער טרויעריקער לאַגע וועט איר געלינגען צו דערנענטערן זיך צו פאַולן, ווידער צו געווינען זיינע געפילן. אָבער אין אים האָבן נאָך צו שטאַרק געשטעקט די אַלטע השגות, די אַלטע פּרעטענזיעס און קאָמפּלעקסן. ער איז געווען פאַרמאַכט אין זיך און בייז, בייז אויף דער גאַנצער וועלט, אַנטוישט.

ער האָט אויפֿגענומען אַ שטעלע אין שול — געלערנט געשיכטע פֿון אַלטערטום און געוואַרט אויף דער אַנטוויקלונג פֿון די געשעענישן. און אַנגעם — די האָזיקע קליינע קליינבירגערין, וועלכע איז תמיד געווען אַזוי פֿרום און פֿאַרליבט אין גאָטס וועלט, אָ, אַנגעם האָט זיך גיך צוגעפּאַסט צו דער נייער לאַגע. אין אַ געוויסן טאָג האָט זי אַהיימגעבראַכט דעם פֿירערס פּאָרטרעט און אויפֿגעהאָנגען אים אין סאַלאָן. אין אַ געוויסן טאָג איז היינריך אַהיימגעקומען אין אַ ברוינעם מונדיר, און אַנגעם איז געווען גליקלעך: ענדלעך האָט זיך עמעץ דערקענט אויף איר בן יחיד, זיי וועלן שוין מאַכן אויס אים אַ לייט... היינריכן, דעם דאָזיקן שטומפּיקן, נישט פֿעיקן יונג, האָט אַנטשפּראָכן די דערציונג אין דער היטלער־יוגנט, פֿון טאָג צו טאָג האָט ער דאָרט פֿאַרלוירן זיין אומזיכערקייט. אַנגעם האָט געשטראַלט פֿון גליק.

אַ פֿאַראייניזאַמטער אין זיין משפּחה, אין זיין אייגענער שטוב און אַ פֿאַראייניזאַמטער אין דער גרויסער היים־שטאָט, האָט פּאַול געמוזט זיך צופּאַסן צו זיין נייער לאַגע — צו דער לאַגע פֿון אַ לערער אין אַ היטלעריסטישער שול. צען חדשים אין יאָר האָט ער זיך געצוואונגען צו דער טאָג־טעגלעכער אַרבעט, מיט דער האָפֿענונג, אַז עס וועלן קומען די אויסגעבענקטע צוויי מאָנאַטן פֿון זומער־פֿעריעס, וועלכע ער וועט קאָנען פֿאַרברענגען אויסער בערלין, אין די מאָלערישע געגנטן פֿון זאַקסן אָדער בראַנדענבורג. די דאָזיקע צוויי חדשים האָט ער פֿאַרבראַכט וואַנדערנדיק דורך קליינע שטעטלעך און דערפֿער, ער האָט באַזוכט אַלטע קירכעס און שלעסער, געגעכטיקט ביי פּויערים, געפֿירט מיט זיי לאַנגע זאָרגלאָזע שמועסן ביי אַ קריגל ביר, ער האָט באַטראַכט דעם כאַראַקטער פֿון די דאָזיקע מענטשן, זייער באַהערשטע פּויערישע טבע, זייער ליבשאַפֿט צו דער ערד — די כמעט געצנדינערישע, כמעט פֿאַנטאַסטישע פֿרייד פֿון דער וועלט און פֿון די גערעטענישן. פּאַול האָט געשעפּט אָפּטימיזם פֿון דער אויסוואַרטנדיקער שווייגנדיקער שטעלונג פֿון די פּויערים צו דעם נייעם, ברוינעם רעזשים. ער האָט באַדויערט, אַז ערשט איצט איז אים מעגלעך געווען צוזאַמענצוטרעפֿן זיך מיטן דייטשישן פּראָסטן מענטש, מיטן דייטשישן פֿאָלק — ערשט איצט, ווען צווישן זיין מענטש און צווייטן איז געשטאַנען אַ הויכע קאַלטע וואַנט פֿון פּחד און אומצוטרוי.

ער האָט נישט באַזוכט צוויי מאָל די זעלבע אָרטשאַפֿט. ער איז געווען זשעדנע וואָס מער צו דערקענען, וואָס מער מענטשן און לאַנדשאַפֿטן. אין משך פֿון די דאָזיקע צוויי זומערדיקע חדשים איז ער גע־

גאַנגען אַלץ פּאָרויס און, די וועלט, וועלכע ער האָט באַגעגנט, האָט אים קיין איינדרוקן נישט געקאַרגט. ער איז געגאַנגען מיט אָפענע אָרעמס, און כאָטש ער איז שוין נישט געווען קיין יונגערמאַן, זענען דאָך זיינע אָרעמס לאַנג נישט פאַרבליבן לער... ער האָט זיך אַליין נישט דערקענט, נישט פאַרשטאַנען, ווו עס האָט זיך ביי אים גענומען אַזויפיל לייכטזיניקייט. איז עס געווען דער הונגער צו אַ פרוי? און אפשר האָט ער אויף אַזאַ נאַיוון אופן געפּרוווט צו באַהאַלטן זיך פאַר דער ברוטאַלער ווירקלעכקייט פון דריטן רייך?

און עס האָט אים נישט געאַרט, וואָס ער אַליין זעט אוים נעבעכדיק, ער מיט זיין פּאַסיווער שטעלונג צו דער וועלט — איז עס דען נישט געווען אַ שטעלונג פון פשוטן קלייגבירגער און קאָנפאָרמיסט? אַלץ איז דאָ חרוב געוואָרן, און אין די חורבות און אונטער די חורבות זענען אוך געלעגן פאַולס טרוימען וועגן שאַפן אַ גרוים וויסנשאַפטלעך ווערק וועגן דער געשיכטע פון מענטשלעכן פּראָגרעס און הומאַניזם. וואָס איז פון דעם אַלעם פאַרבליבן?

ער האָט געטריבן פון זיך די געדאַנקען וועגן דער גרויסער פּאָליטיק, וועגן מלחמה און אַנדערע וויכטיקע ענינים, אין די אויערן האָט אים געקלונגען דאָס שפּריכוואָרט, וואָס ער האָט געהערט פון איינעם אַן אַלטן פויער: „דער אייגענער ברודער וועט דיך פאַראַטן, אָבער נישט דער הימל און נישט די ערד, נישט דער וואַלד און נישט דאָס גרינע פעלד...“ איז ער געגאַנגען דורך די דאָזיקע גרינע פעלדער, וואָס האָבן נישט געדראָט מיט פאַראַט, און טיילמאָל פלעגט ער זיך אויך נישט אָפּזאָגן פון מענטשלעכער געזעלשאַפט, און בפרט פון דער געזעלשאַפט פון אַ פרוי.

ערגעץ אין אַ קליין דערפל נישט ווייט פון דער שטאָט פּאָלטאַו האָט ער איינמאָל אין אַן אָוונט אָנגעקלאַפּט אין דער טיר פון אַ פּויערישער שטוב, געזוכט אַ נאַכטלעגער. דער בעל הבית איז זינט מאָנאַטן געלעגן אויפן קראַנקן-בעט, די באַלעבאָסטע האָט געפירט די ווירטשאַפט, אַ יונגע און געזונטע פרוי, פול מיט תאווה און נישט אויסגעלעבטער ליידנשאַפט. פּאַול האָט מיט איר פאַרבראַכט דעם אָוונט, זי האָט פאַר אים געעפנט דאָס האַרץ, ביידע זענען זיי צוגעפאַלן צו זיך מיט גיריקייט און הונגער. זיי זענען געזעסן אין דער געדיכטעניש פון גאָרטן, וואָס האָט זיך געצויגן אַרום דעם הויז, און איבער זיי האָט זיך געוויגט אַ שיכורער הימל. ליב מיך, האָט צו אים געשעפּטשעט די פויערטע, ליב מיך, דאָס

איז אַזוי גוט, אַזוי גוט איז צו זיין געליבט... פאָול האָט ביז היינט פאַרגעדענקט די דאָזיקע ווערטער. און נאָך האָט זי געזאָגט: אַזוי ווי די ערד גלוסט צו רעגן, אַזוי גלוסט איך צו ליבע... און שפּעט אין דער נאַכט, ווען זיי האָבן זיך געזעגנט, האָט זי אים געדאַנקט: איך דאַנק דיר, ביסט געווען גוט פאַר מיר, גוט און צאַרט, עס איז מיר געווען אַזוי גוט ווי אין הימל. און איצט מוז איך גיין שלאָפן, עס איז שוין שפּעט, און מאָרגן וואַרט אויף מיר אַ סך אַרבעט, עס איז די צייט פון שניט...

איינמאָל איז ער אָנגעקומען אין אַ קליין שטעטל, וו עס איז געוועזן פיל היסטאָרישע געביידעס און צווינטערס נאָך פון מאַרטין לוטערס צייטן. באַזוכנדיק די שיינע רענעסאַנס-קירכע, האָט ער באַמערקט אַ מאָדנע, כמעט טעאַטראַלע סצענע: ביים אַלטאַר איז געשטאַנען אַ גרויער גייסטלעכער און לעבן אים אַ פּאָרפאָלק — אַן עלטערער הער און אַ יונגע דאַמע, וועלכע האָט געקאָנט זיין אַ טאָכטער, אָבער ווי עס האָט זיך ארויסגעוויזן, איז זי געווען א פרוי פון דאָזיקן זקן. זיי האָבן גערעדט שטיל, דער גלח איז געשטאַנען מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן, אויף זיינע ליפּן האָט זיך געבלאָנקעט אַ גרימאַסע פון אומחן, אויף אַ ווײלע האָט ער פאַרשטעלט דאָס פּנים מיט די האַנטפלאַכן, ער האָט געהאַט לאַנגע און אומעטיקע פינגער. אין אַ געוויסן מאָמענט האָט ער זיך דערנענטערט צום אַלטאַר, גענומען פון דאָרט אַ קליינעם הילצערנעם קרייץ און צוגעטראָגן די דאָזיקע הייליקייט צום מויל פון דער יונגער פרוי. אויף אַזאַ אופן האָט ער ביי איר אָפּגענומען די שבועה. די שיינע פרוי מיטן אומעטיקן געזיכט האָט געשווירן, אַז זי איז געטריי איר אַלטן מאַן. „טאָכטער מיינע“, האָט געזאָגט דער גלח, „אַלע דיינע ליידן זיי מקריב דעם האַר אונדזערן, עס וועט קומען דער טאָג, ווען אַלץ וועט דיר פאַררעכנט ווערן“. און צו דעם אַלטן מאַן אירן, האָט ער צוגעגעבן: „פיניקט נישט אייער פרוי, טייערער הער באַראָן, דאָס איז אַן אומשולדיק קינד...“

פאָול האָט זיך פאַרהאַלטן אין שטעטל אַ פּאָר טעג, געזוכט אַ געלעגנהייט זיך צו דערנענטערן צו דער יונגער דאַמע, אַזוי לאַנג, ביז אין אַ געוויסן טאָג האָט ער זי ווידער באַגעגנט, דאָס מאָל שוין אָן דער באַגלייטונג פון איר אייפערזיכטיקן אַלטן מאַן. און אין דעם זעלבן אָוונט האָט זי זיך אים אָפּגעגעבן, אַ ציטערנדיקע און גליקלעכע.

„ענדלעך וועל איך האָבן פון וואָס זיך מתוודה צו זיין“ — האָט זי געזאָגט מיט אַ געלעכטער. „איך שעם זיך שוין פאַר דעם אַלטן גלח.

מיין מאַן פֿאַרלאַנגט איך זאָל זיך מתוודה זיין יעדע וואָך, און איך האָב גאָר נישט געהאַט קיין זינד... אָבער איצט...“

אַן אַנדערש מאָל האָט פּאַול געגעבטיקט אין דער גאַסטפֿרייַנדלעכער סביבה פֿון אַ דאָרפֿישער משפּחה. געווען זענען עס רייכע פּויערים, רייכע אָבער אומגליקלעכע: זייער טאָכטער איז געווען שווער קראַנק. זי האָט געגוססט. אַ הויכע און שלאַנקע, מיט אַן איידל לויטער געזיכט און מיט גרויסע אויגן, וועלכע האָבן שוין פֿאַרשטאַנען דעם סוד פֿון יענער גרענעץ, וווּ דאָס לעבן צאַנקט און גייט אויס ווי אַ ליכט. אירע קלוגע אויגן, וואָס זענען געווען ווי פֿענצטער פֿון דער נשמה, האָבן געזוכט אַרום זיך אַ הילף, אַן אָנלען, וואָס זאָל איר העלפֿן פֿאַרהאַלטן זיך בײַם לעבן, אָדער העלפֿן דורכגיין דעם לעצטן אָפּשניט פֿון איר וועג. פּאַול האָט זיך מיט איר באַפֿרייַנדעט. ער האָט זיך באַמיט, אַז זיינע זשעסטן און ווערטער, מיט וועלכע ער האָט צו איר גערעדט, זאָלן האָבן וואָס מערער צאַרטקייט. ער האָט געוווּנען איר צוטרוי, די קראַנקע האָט מיט אים פֿאַרבראַכט פֿיל שעהן, זי האָט זיך אין זיין אָנוועזנהייט געפֿילט בעסער, פּאַול האָט באַוויזן צו באַגייסטערן זי מיט גוטע האָפֿענונגען. ער האָט פֿאַרשטאַנען דאָס, וואָס עס טוט זיך אין איר האַרץ, אין איר נשמה, זיין רחמנות האָט געפּרוּווט צום לעצטן מאָל פֿאַרטרייבן איר איינזאַמקייט, די איינזאַמקייט פֿון אַ שטאַרבנדיק באַשעפֿעניש. ער איז געזעסן אין צימערל פֿון דער קראַנקער, אָנגעבויגן איבער איר בעט, האָט ער געקושט איר געזיכט און אירע הענט, זאָרגעוודיק גענומען זי אין די אָרעמס, געוווּסט, אַז אין קורצע געציילטע טעג וועט זי אויסהויכן די נשמה. עס איז פֿאַרביי אַ וואָך, זיין אָנוועזנהייט האָט גוט געווירקט אויף דער קראַנקער, אָבער דאָס אומפֿאַרמיידלעכע האָט זיך דערנעענטערט. מען האָט געבראַכט דעם גלח מיט דער לעצטער ברכה — אַ מענטש, וואָס איז צוליב זיין באַרוף צוגעוווינט צו געזעגענען אַ וועקגייענדיקע. ער האָט געאַ גוטמוטיק געזיכט און אַן אומעטיקע שטימע. ער האָט אָנגענומען די קראַנקע בײַ דער האַנט און געזאָגט: „טאָכטער, דו ביסט נישט אַליין, טאָכטער, מיר אַלע זענען מיט דיר...“ די שטאַרבנדיקע האָט געקוקט אויף פּאַולן און געפּרוּווט צו שמייכלען. „זאָג, אַז דו ליבסט מיך“ האָט זי געבעטן. „זאָג, דו האָסט דאָך מיך ליב...“ דער גלח איז געשטאַנען בײַם בעט, עטוואָס ווייטער האָבן געוויינט די בני בית. זי האָט צוגעדריקט צום האַרץ זיין האַנט און האָט אויסגעהויכט די

נשמה. נאָך דער לוויה האָט זיך פֿאַול געלאָזט אין זיין ווייטערדיקער רייזע.

אין 1939 יאָר האָט זיך פֿאַול געפֿונען צווישן די מאָביליזירטע, עס האָט אים נישט געהאָלפֿן דאָס אַנטלויפֿן פֿון דערווירקלעכקייט. די דאָזיקע ברוטאַלע ווירקלעכקייט האָט נאָך פֿיל פֿריער אַריינגעדרונגען אין זיין שטוב און אין זיין סביבה — היינגריך האָט זי אַריינגעבראַכט צוזאַמען מיט זיין ברוינעם מונדיר, צוזאַמען מיטן האַקנקרייץ. אויך אַגנעס האָט די דאָזיקע ברוטאַלקייט אַריינגעבראַכט צוזאַמען מיטן פֿאַרטרעט פֿון פֿירער. אָבער איצט, האָט שוין פֿאַול זיך נישט געקאָנט מאַכן נישט זעענדיק און נישט הערנדיק. פֿאַול איז אַנטלאָפֿן פֿון די רעאַלע געשעענישן דעמלט, ווען די פֿאַשיסטן האָבן געוווּנען די וואַלן, ווען עס האָט געברענט די געביידע פֿון רייכסטאַג, ווען מען האָט אַרעסטירט זיינע באַקאַנטע און אומבאַקאַנטע קאָלעגן און פֿריינד, קאָמוניסטן און דעמאָקראַטן, ווען מען האָט פֿון דער אַרבעט באַזייטיקט די ייִדן און אויסגעזידלט זיי פֿון זייערע היימען — צוערשט די פּוילישע ייִדן, וועלכע זענען זינט יאָרן געווען אין דייטשלאַנד נאַטוראַליזירט, און עטוואָס שפּעטער אויך די דייטשישע ייִדן — דאָס אַלץ האָט פֿאַול אויפֿגענומען מיט אַ שווייגנדיקער רעזיגנאַציע, אָבער אויך מיט אַ געוויסן פֿונק פֿון האָפֿענונג: ער האָט געגלייבט אין דער ציוויליזירטקייט און פֿאַרמיידלעכקייט פֿון געוויסע היסטאָרישע פּראָצעסן, ער האָט געגלייבט, אַז דער דאָזיקער רעזשים וועט נישט דויערן לאַנג, סוף כּל סוף האָט דאָך קיין שום דעמאָקראַט נישט געגלייבט, אַז דער פֿאַשיזם וועט דויערן לאַנג, און אויך פֿאַול האָט נישט געגלייבט אין דער צוקונפֿט פֿון דריטן רייך.

אָבער געקומען איז די שעה, ווען פֿאַול האָט געמוזט אָנטאָן דעם מיליטערישן מונדיר, בכדי צו גיין קעמפֿן קעגן די פֿעלקער פֿון אייראָפּע, און ערשט דעמלט האָט ער דערפֿילט אַן אמתע פֿאַרצווייפֿלונג. זיין זאָרגלאָזער נאַיווער אָפּטימיזם האָט ביז איצט נישט צוגעלאָזט צו זיך דעם געדאַנק, אַז נאָך זיינע יוגנטלעכע דערפֿאַרונגען אויפֿן פֿראָנט פֿון דער ערשטער וועלט־מלחמה, זאָל אים ווידער, נאָך איינמאָל אויסקומען צו גיין קעמפֿן פֿאַר דעם אַזוי גערופֿענעם רום פֿון פֿאָטערלאַנד. ער איז געווען אַ מענטש אַ שוואַכער, ער האָט זיך שטענדיק געפֿילט באַרופֿן צו אַ פֿרידלעך לעבן, צו אַ שטילער אַרבעט פֿון אַ וויסנשאַפֿטלער, ער האָט פֿיינט געהאַט יענעם רום, וואָס מען דערשאָבערט אויפֿן

פראנט, ער איז געווען א פאציפיסט, כאטש ער האט פארשטאנען, אז נישט יעדע ביקס שיסט אלצאיינס; נאר איין סיבה האט געקאנט באַרעכטיקן שפיכת דם — די פארטיידיקונג פון אייגענעם לעבן. אבער דאס, וואס דער קליינער הייזעריקער פירער מיט די כאראקטעריסטישע וואנצעלער האט צוגעגרייט איז נישט געווען קיין פארטיידיקונג פון אייגענעם לעבן — דאס איז געווען מארד, פאול איז נישט געווען קיין מערדער, פאול האט נישט געוואלט זיין קיין מערדער, גענוג האט ער זיך שוין געפילט שולדיק דורך זיין פאסיווער שטעלונג צו די געשעענישן. פאול האט ליב געהאט דאס לעבן און אין די לעצטע יארן האט ער זיך אפילו אויסגעלערנט ליבן פרויען. ער, האט אין די יארן פאר דעם גרויסן נאציאנאלן משוגעת געהערט צו יענע, וועלכע האבן אונטערגעשריבן אפעלן און פעטיציעס, בכדי אין נאמען פון דער הייליקייט פון מענטשלעכן לעבן ליקווידירן דעם טויט־אורטייל אין דער פראקטיק פון דער דייטשישער יוסטיץ.

אין א טריבער שטימונג, אין א שטימונג פון איבעראשונג און ערנסטע פארגעפילן, האט פאול זיך אפגעזעגנט מיט זיין משפחה. „זאל דיך גאט היטן“ — האט געזאגט אגנעס — „איך בין דיר אלץ מוחל און אויך דו זיי מיר אלץ מוחל“. און ווען זי האט ארויסגעזאגט די דאזיקע גאנץ אומשולדיקע ווערטער, האט אין אים זיך ווידער דערוועקט דער טייוול פון כעס, דער אלטער פארביסענער רוגז, עס האבן אין איין מינוט אויפגעלעבט די פרעטענזיעס צו דער דאזיקער פרוי, וועלכע ער האט אמאל געליבט און וועלכע איז אים געווארן ווייט און פרעמד. אויף א ווײַלע האט זיך אין אים דערוועקט א בייזוויליקע פרייד קעגן דער פרוי: אט איז אין דער דאזיקער מאקאברישער שפיל ענדלעך געקומען צו א לעזונג, ענדלעך וועט ער פארלאזן די דאזיקע שטוב, ער וועט איצט אוועק, בכדי קיינמאל שוין נישט צוריקצוקומען צו דער דאזיקער פרוי, און אויך אין דער דאזיקער אכזריותדיקער שטאט וועט ער שוין מער נישט צוריקקומען, אויב ער וועט בלייבן לעבן, וועט ער זיך פאראנקערן ערגעץ אין א פרעמדער שטאט, צווישן אנדערע מענטשן, דארט וועט ער פרווון אלץ אויפסניי. און אויב ער וועט אומקומען? מילא, דאס לעבן איז דאך סיי ווי נישט אייביק. מיט א קליין רענצל אין דער האנט האט ער דעמלט פארלאזט די שטוב און געגאנגען צום וואקזאל.

אין א וואך ארום איז ער שוין געווען ווייט אין פוילן. דער רע־

גימענט פון ווערמאַכט, צו וועלכן מען האָט אים צוגעטיילט, האָט געהאַט גליק: כמעט דריי הונדערט קילאָמעטער האָט פאַול דורכגעמאַכט אָן שום שיסעריי. זיין רעגימענט האָט זיך גערוקט פאָרויס אין דער צווייטער ליניע, געשאָסן האָבן יענע, וואָס זענען מיטן דאָזיקן שליאַך געגאַנגען נעכטן און אייערנעכטן. פון דעם לאַסט־אויטאָ האָט פאַול געזען דעם גרויליקן פייזאַזש, וועלכן די זיגרייכע דייטשישע אַרמיי האָט דאָ איבערגעלאָזט אין די לעצטע צוויי־דריי טעג, און אפילו אין די לעצטע פאָר שעהן: רויך פון שריפות, געשטאַנק פון געפאַלענע פערד, צעשלאָגענע וועגן, מתים. שוין צום צווייטן מאָל האָט פאַול געזען דאָס דאָזיקע לאַנד — ער איז דאָ געווען בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה, ביז פשעמישל איז ער דעמלט דערגאַנגען. אויך איצט איז די לאַנדשאַפט געווען ענלעך צו יענער, וועלכער ער האָט דאָ געטראָפן אין 1915 יאָר: נידעריקע דאָרפישע כאַטעס, אָרעמקייט, דעכער הילצערנע אָדער גאָר שטרויענע, קליינינקע פענצטערלעך, באָרוועסע מענטשן אין די דערפער, אָפּגעריסענע זקנים, הונגעריקע קינדער. אָבער דעמלט, בעת דער ערשטער גרויסער מלחמה האָט מען נאָך נישט געקענט די טאַקטיק פון „בליצקריג", עס זענען דעמלט נישט געווען קיין עסקאַדרעס פון באָמבאַרדירנדיקע עראָפּלאַנען, מערסטן טייל האָט מען געשוינט די פריווילעגיעס פון דער ציווילער באַפעלקערונג און אויך די פריווילעגיעס פון מענטשן פאַרוואונדעטע אָדער געפאַנגענע. דעמלט האָבן נאָך אין דער ערשטער וואָך פון קריג נישט געברענט די שפּיטאָלן, די שטעט האָבן זיך נישט פאַרוואַנדלט אין צווינטערס, יעדנפאַלס נישט אַזוי גיך, נישט אין איין שעה, און די זעלנער פון קעגנער, די זעלנער פון יענער זייט פראָנט האָבן אין צווייטן טאָג פון דער מלחמה נאָך נישט געהאַט אין זייערע אויגן די דאָזיקע טראַגישע סימנים פון משוגעת...

13.

דער הימל איז געווען טריב און טונקל, פון הינטער די וואָלקנס האָט זיך באַוויזן אַ גרויסער גרויער פויגל, זיינע פליגל זענען געווען ברייט, זיין האַלדז נאַקעט. אַגנעס האָט דעם דאָזיקן פויגל געזען גענוי און אויך זיין גרויסן שאָטן האָט זי געזען, זיין שאָטן, וואָס האָט זיך אויסגעשפּרייט איבער דעם הויז, אין וועלכן אַגנעס האָט געוווינט, אי־

בער דער שווייגנדיקער גאַס, איבער דער שטאָט. דער רויב־פֿויגל האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַלץ נידעריקער און נידעריקער און קיינער האָט זיך נישט אָפּגעגעבן קיין חשבון פֿון דער דראָענדיקער געפֿאַר, קיינער אַחוץ אַגנעס. זי האָט זיך געוואָלט אויפֿוועקן, אַנטלויפֿן פֿון דעם שרעקלעכן פּחד, מציל זיין די באַדראָטע, זי האָט געוואָלט רופֿן הילף, שרייען בכדי זיך אויפֿצוּוועקן פֿון דעם אייגענעם געשריי, אָבער אין מויל און אין האַלדז איז איר געווען זייער טרוקן. זי האָט נישט געקאָנט אַרויסברענגען קיין וואָרט. שווייגנדיק איז זי געלאָפֿן פֿאָרויס, אין דעם שטילן געסל האָבן געקלאַפּט אירע הילצערנע שיך, אַזעלכע הילצערנע שיך האָבן געטראָגן די מענטשן דאָרט ווייט, הינטער די שטעכעדיקע דראָטן. דער פֿויגל איז געווען שוין גאָר נידעריק, אַגנעס האָט געפּרוּווט באַהאַלטן זיך אין איינעם פֿון די שטילע הייזער, אָבער אַלע טירן זענען געווען פֿאַרשלאָסן, אַלע טירן זענען געווען אומעטיק און פֿאַרמאַכט. עפֿנט, האָט געשריגן אַגנעס, פֿאַרוואָס האָט איר פֿאַרמאַכט אַלע טירן, וויאַזוי קאָן מען לעבן, אַז אַלע טירן זענען פֿאַרשלאָסן?

זי האָט זיך אויפֿגעכאַפּט פֿון אומרואיקן שלאָף מיט אַ געפֿיל, אַז זי איז באַדראָט, אַז אַ געפֿאַר הענגט איבער איר און איבער איר שטוב. זי איז געבליבן זיצן אויפֿן בעט, געפּרוּווט באַרואיקן דאָס האַרץ און די דערשראָקענע געדאַנקען.

דאָס, וואָס איז געשען נעכטן אין אָוונט, האָט אַגנעס אָנגענומען פֿאַר אַ וואָרענונג. ווען זי האָט געוואָלט אויסשטייגן פֿון טראַמוויי, האָט זי פּלוצים דערזען אַ מענטש פֿון י ע נ ע יאָרן, איינעם פֿון די עטלעכע מענטשן, וועלכע זענען זינט דעמאָלט פֿאַרבליבן אין איר זכרון, כאָטש זי האָט אפֿילו נישט געקענט זייערע נעמען. אויך דעם דאָזיקן מענטש, וואָס זי האָט נעכטן באַגעגנט אין טראַמוויי, האָט זי נישט געקענט פֿון נאָמען, אָבער זיין פּנים, זיין געשטאַלט און זיין אויסזען זענען איר געווען גוט באַקאַנט. אַ ברייטפּלייציקער, מיט אַ טונקל געזיכט און טונקעלע גרויסע אויגן — די דאָזיקע אויגן זענען געווען אויף אַ טראַגישן אופֿן אומעטיק, אַזעלכע אויגן לאָזן זיך נישט פֿאַרגעסן, אַזויפֿיל איז אין זיי געווען טרויער. ער איז געשטאַנען אין דורכגאַנג פֿון טראַמוויי, און ווען זיין בליק האָט זיך באַגעגנט מיטן בליק פֿון אַגנעס, האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז דער דאָזיקער מענטש ציטערט. זי האָט דערקענט דעם כאַראַקטעריסטישן שפּור פֿון דער וווּנד אויף דער באַק — דעמאָלט, ווען זי האָט אים צום ערשטן מאָל דערזען, האָט די דאָזיקע וווּנד געבלוטיקט.

אַגנעס דערמאָנט זיך אַלץ גענוי, מיט די קלענסטע פּרטים: דער טאָג איז געווען אַ זוניקער, אַ הייסער, אין גאָרטן האָבן געחלשט די רויזן, אַגנעס איז געשטאַנען ביים פענצטער און געזען ווי איר זון, איר היינריך שלאָגט יענעם אומגליקלעכן מענטש, און אין יענער רגע איז איר קללה געהאָנגען איבער דעם שלעגער, כאָטש געווען איז עס דאָך איר זון, איר בלוט און לייב. און אין אַ שעה אַרום, ווען זי האָט זיך עטוואָס באַרואיקט, האָט זי זיך געלאָזט גיין אין דער ריכטונג פון יענע פאַרבאָטענע באַראַקן, וווּ איבער דעם לעבן און טויט איז געשטאַנען איר בן יחיד. אַגנעס איז געגאַנגען זוכן דעם דאָזיקן מענטש, וועלכער האָט געהאַט אַ פרוי מיט אַ קינד, אָבער דאָרט זענען געווען פיל פרויען און פיל קינדער, קיינער האָט נישט געוווסט וועמען אַגנעס זוכט, קיינער האָט זיך נישט געוואָלט אָפּגעבן קיין מי. איבעריקנס: ס׳אַראַ זין האָט געהאַט איר זוכעניש? וואָס האָט זי איינע אַליין געקאָנט העלפן יענע פרעמדע מענטשן, זי האָט דאָך אפילו נישט פארשטאנען זייער שפראך און זיי האָבן נישט פאַרשטאַנען איר שפּראַך... פיל מאָל האָט אַגנעס איינזאם שפּאַצירט ארום יענע, מיט שטעכיקע דראָטן ארומגערינגלטע באַראַקן, אָבער קיינמאָל האָט זי נישט באַגעגנט דעם דאָזיקן מענטש, וואָס האָט געוואָלט זוכן הילף ביי איר און ביי היינריכן — הילף פאַר זיין פרוי און קינד. אין אַ צייט אַרום איז אַגנעס געוווּיר געוואָרן, אַז אין די באַראַקן זענען שוין נישט פאַראַן קיין קינדער. דעמלט האָט אַגנעס אויפגעהערט צו שפּאַצירן אין יענער געגנט, זי האָט זיינט דעמלט אויסגעמיטן צו באַגעגענען וועמען פון דער דאָזיקער פאַרפּאָלגטער באַפעלקערונג — זי האָט זיך געשעמט צו באַגעגענען וועמען פון די דאָזיקע מענטשן, פּונקט ווי אַ טייל פון היינריכס שולד וואָלט געפאַלן אויף איר און באַשמוצט איר נשמה. אָבער מיט היינריכן האָט זי וועגן די דאָזיקע ענינים און געפילן נישט גערעדט. זי האָט שוין נישט געגלייבט אין דערפאָלג פון אַזאַ שמועס.

איינמאָל איז היינריך צוריקגעקומען פון אַ דינסטלעכער רייזע און האָט פאַרנומען אַ באַזונדערע וווינונג אין דער געביידע פון קאַטוילישן קלויסטער, פון וואַנען מען האָט מיט אַ צייט צוריק פאַרטריבן די פּוילישע נאָנעס. היינריך האָט די נייע וווינונג פאַרנומען נישט אַליין — פון בודאַפּעשט האָט ער זיך מיטגעבראַכט אַ פריינדין, פּונקט ווי עס וואָלט שוין געווען צו געפינען אַ שיינע און גוטע כלה פון אַ דייטשישער היים. מען האָט צוגעגרייט אַ יום־טובדיקע אויפנאַמע, בכדי היינריך זאָל קאָ=

נען געהעריק פֿאָרשטעלן זיין צוקונפֿטיקע פֿרוי. מאַריע איז געווען אַ שיינע און יונגע, אַגנעס האָט דאָס פֿעסטגעשטעלט מיט פֿאַרגעניגן, כאָטש קיין צוטרוי האָט זי צו דער אונגאַרישער שיינקייט נישט געהאַט, וועגן איר פֿאַרגאַנגענהייט האָט זי גאָרנישט געוווּסט, און אויך היינריך האָט איר דאָ גאָרנישט געקאָנט אויפֿקלערן. מאַריע האָט זיך אויפֿגעפֿירט באַשיידן, צו היינריכס מוטער האָט זי זיך באַצויגן מיט גרויס כּבֿוד, אָבער צו קיין נאָענטער פֿריינדשאַפֿט איז צווישן די צוויי פֿרויען דערוויל נישט דערגאַנגען. אַגנעס האָט געוואַרט: וויאַזוי וועט מאַריע ווירקן אויף היינריכן? צי וועט זי וו ע ל ן ווירקן אויף אים? צי האָט זי אַ גוטן כאַראַקטער? אפֿשר וועט היינריך גרייט זיין פֿון אירע שיינע הענטעלעך אָננעמען יענעם שאַנס, וועלכן ער האָט נישט געוואָלט נעמען פֿון דער מוטערס הענט? אַגנעס האָט געוואַרט און זי האָט זיך — אַנטוישט... היינריך האָט זיך גאָר נישט געענדערט, מאַריע האָט נישט באַוויזן צו מאַכן פֿון אים קיין מלאך, דער טייוול איז פֿאַרבליבן טייוול און די באַציונגען צווישן דער שוויגער און שנור זענען דעריבער געווען צוריקגעהאַלטן, קאַלט.

אַגנעס האָט פֿאַוואָליע פֿאַרגעסן וועגן אירע אייגענע דערציערישע דערפֿאַרונגען, זי האָט פֿאַרגעסן וועגן אירע אייגענע אַנטוישונגען — איצט איז איר באַקוועם געווען צו באַשולדיקן די דאָזיקע פֿרוי, וואָס לעבט מיט איר זון, אַז די דאָזיקע פֿרוי איז שולדיק, וואָס היינריך איז שלעכט. יעדנפֿאַלס איז זי שולדיק, וואָס היינריך האָט זיך נישט פֿאַרבעסערט ביי איר זייט... אַזוי טראַכטנדיק, האָט אַגנעס גערן פֿאַרגעסן וועגן יענעם מענטש, וואָס היינריך האָט אים געשלאָגן אין אַ זוניקן, הייסן טאָג, ווען אין גאָרטן האָבן געהלשט די רויזן, זי האָט פֿאַרגעסן וועגן די פֿרומע נאָנעס, פֿאַרטריבענע פֿון זייער קלויסטער, און אויך וועגן די שטעכעדיקע דראָטן, צווישן וועלכע עס האָט זיך געצויגן היינריכס קעניגרייך, דאָס געשפּענסטערלעכע קעניגרייך אָן קינדער: זי האָט פֿאַרגעסן וועגן יענעם גרויזאַמען וואָרט, וואָס היינריך האָט זיך מיט אים אַזוי אָפֿט באַנוצט: אַ ו ס ר אָ ט ט ע ן!...

אָבער אין אַ געוויסער ווינטערדיקער נאַכט האָט אַגנעס געענדערט איר מיינונג וועגן מאַריען.

עס איז שוין געווען שפּעט, אינדרויסן האָט געוואָיעט די זאַווערוכע, עס האָט געבלאָזן מיט פֿראָסט און מיט שניי. אַגנעס איז געזעסן אַליין אין וואַרעמען צימער, ליב זענען איר געווען די איינזאַמע שטילע

אָוונטן אין וואַרעמען קרייז פון נאַכט-לעמפּל. זי האָט געלייענט, לענאַוס פּאָעמעס האָבן אַריינגעבראַכט אַגנעס אין אַ גוטער שטימונג. אין אַ געוויסער מינוט האָט אַגנעס דערהערט דעם רויש פון אַן אויטאָמאָביל, זי האָט זיך אַ ביסל פאַרחידושט, ווייל זינט היינריך האָט פאַרנומען אַן אייגענע וווינונג, פלעגט ער קיינמאָל נישט באַזוכן די עלטערן אין אַזאַ שפּעטער שעה. אָבער דאָס איז נישט געווען היינריך, דאָס איז מאַריע געשטאַנען אין דער אָפענער טיר, אַגנעס האָט אין אירע אויגן און איר געזיכט באַמערקט עפּעס נייעס, אַ נייעם אויסדרוק, זי האָט נאָך נישט געקאָנט פאַרשטיין, וואָס עס טוט זיך מיט דער יונגער פרוי. מאַריע איז געווען איינגעהילט אין איר פעלץ-מאַנטל, אויף דער האַנט האָט זי געהאַלטן אַ קליין קלומיקל — אַגנעס האָט זיך דערשראָקן, אפשר איז מאַריע אַנטלאָפן פון היינריכן און דאָ, ביי זיין מוטער וויל זי זוכן אַנטרינונג? זי איז געווען איבעראַשט, דאָס מיטגעפיל פון איין פרוי צו דער צווייטער האָט זיך פאַרמאָסטן מיט דעם געפיל פון דער מוטער צום זון...

מאַריע איז צוגעגאַנגען צום טיש, פאָרזיכטיק אַנידערגעלייגט דאָס, וואָס זי האָט מיט זיך מיטגעבראַכט אויף די הענט, זי האָט עס זאָרגעוודיק אַרויסבאַקומען פון דער וואַרעמער וואָלענער שאַל — אַ קינד איז עס געווען, אַ קליין לעבעדיק קינד. „מיין גאָט!“ האָט אויסגעשריגן אַגנעס, „אַך, מיין הערגאָט!“. עס האָבן אויף איר געקוקט צוויי שוואַרציגקע קלוגע קינדערשע אויגן, דאָס פּנימל פון קינד איז געווען ערנסט, דאָס קינד איז געווען קרענקלעך מאָגער און בלאַס, דערוואַרטנדיק האָט עס געפירט מיט די אויגעלעך פון איין פרוי צו דער צווייטער, אָן ווערטער האָט עס געפרעגט: „ווער זענט איר? וואָס האָט איר באַשלאָסן מיט מיר צו טאָן?“

„דאָס איז דאָס לעצטע קינד פון ד אָ ר ט“, האָט געזאָגט מאַריע.

„אויב היינריך וועט געוווירווערן, וועט ער דאָס קינד הרגענען, און מעגלעך, אַז אויך מיך וועט ער הרגענען“. „היינריך וועט קיינמאָל נישט געוווירווערן“ — האָט געזאָגט אַגנעס און מיט דעם דאָזיקן באַשלוס האָט זי געענדערט די ביז-איצטיקע שטעלונג צו היינריכס פרוי. ביידע זענען זיי איצט געשטאַנען אַ נ ט ק ע ג ן היינריכן, ביידע האָבן זיי זיך געפילט באַדראָט. „אַלץ וועט זיין גוט“ — האָט געזאָגט אַגנעס, „זיי רואיק“. און ווען מאַריע האָט זיך געזעגנט, האָט זי אַגנעס גענומען אין די אָרעמס און האַרציק געקושט.

דאָס קינד איז דאָ פֿאַרבליבן גאַנצע דרײַ חדשים — עס האָט געלעבט אין קעלער, וווּ אַגנעס האָט פֿאַר דעם אויסגעבעט אַ זיכערע נעסט, עס איז אים דאָרט געווען זאַט און ריין, און אַפֿילו וואַרעמער ווי אין זײַן פֿריערדיקער באַהעלטעניש.

נאָך דרײַ מאָנאַטן איז מאַריע ווידער געקומען בײַנאַכט און דאָס קינד אַוועקגענומען. זי האָט עס איבערגעגעבן דער מוטער, באַוואָרנט זי מיט געלט און שפּײַז און אין אַ מיליטערישן אויטאָ צוגעפֿירט צום וואַלד, וווּ עס האָבן אויף זיי געוואַרט פּאַרטיזאַנער.

„איך בין שטאָלץ פֿון דיר, מאַריע...“ — האָט געזאָגט אַגנעס — „מײַן שיינע טאָכטער“... „אויך איך בין פֿון אײַך שטאָלץ“ — האָט געענטפֿערט מאַריע. „איר זענט אַן איידעלע פֿרוי, איך וואָלט געווען גליקלעך, האָבנדיק אַזאַ מוטער“... „איך בין דאָך דײַן מוטער“ — איז מסכּים געווען די עלטערע דאַמע און זיי האָבן זיך צעקושט. נישט געקוקט אויף די דאָזיקע האַרציקע ווערטער, איז מאַריע פּלוצים פֿאַרשוווּנדן אין אַ געוויסן טאָג, נאָענט פֿאַר דעם סוף פֿון קריג, אין דער זעלבער וואָך, ווען אויפֿן בית־עולם פֿון קליינעם שטעטל איז פֿאָרגעקומען יענע טראַגישע געשעעניש... מאַריע איז דעמאָלט אַוועק אָן אַ וואָרט, זי האָט זיך אַפֿילו נישט געזעגנט און ביז הײַנט טראַכט וועגן איר אַגנעס מיט אַ געפֿיל פֿון בענקשאַפֿט און באַדויער.

דאָס אַלץ איז פֿאָרגעקומען מיט צוואַנציק יאָר צוריק. אַדאַנק דער שיינער מאַריע האָט דעמאָלט אַגנעס באַרואיקט איר געוויסן, דרײַ חדשים האָט זי זיך פֿאַרנומען מיט דעם קליינעם קינד און אַזוי אַרום אויפֿגעהערט צו אַנאַליזירן היינריכס זינד און איר אייגענעם אָנטייל אין די דאָזיקע זינד...

יאָ, געשען איז דאָס אַלץ מיט צוואַנציק יאָר צוריק, אין אַ וועלט, וועגן וועלכער אַלע האָבן געוואָלט פֿאַרגעסן; אין אַ וועלט, וועגן וועלכער בלויז גליקלעכע מענטשן האָבן ב אַ וו י ז ן צו פֿאַרגעסן. אָבער פֿאַר איר, פֿאַר אַגנעס, איז נישט פֿאַראַן קיין פֿאַרגעסונג, פֿאַר איר איז די וועלט ווידער אַכזריותדיק, פֿאַר איר איז די וועלט דורכגעשניטן מיט פֿיל געפֿערלעכע וועגן, אויף איינעם פֿון די דאָזיקע וועגן שטייט אַן אַלטע מידע פֿרוי, וואָס קאָן זיך נישט קיין עצה געבן מיט אירע מוטערלעכע געפֿילן.

אין מיטן דער נאַכט צינדט זי אָן דאָס לעמפּל, וואָס שטייט בײַם בעט, זי נעמט פֿון טישל אַ קליין שפּיגעלע און פֿאָרשט אין דעם דאָס

אייגענע געזיכט. די געלע הויט פון איר פּנים איז פול מיט קנייטשן. די יוגנט, שיינקייט, ליבע — ווו איז דאָס אַלץ אַהינגעקומען? אַזויפיל מיספאַרשטענדענישן איז פאַראַן און געווען אין איר לעבן — אַזויפיל טעותים...

אַנגעם פאַרלעשט דעם לאָמפּ, זי האָט פאַרגעסן אַ בליק צו טאָן אויפן זייגער, אפשר איז נאָך נישט אַזוי שפּעט, מאָרגנס איז נאָך נישט צוריקגעקומען און אַנגעם טרייסט זיך, אַז די שעה איז נאָך אַ פריע. איר גוף פאַרלאַנגט שלאָף, זי וויל די נאַכט זאָל דויערן לאַנג און אַז לאַנג זאָל דויערן די שטילקייט,וואָס אַרום איר.

און זי טראַכט, אַז אינדרויסן, אין דער זעלבער שטאָט, לעבט אַן עדות פון יענע געשעענישן, וואָס זענען פאָרגעקומען מיט צוואַנציק יאָר צוריק, אַן אומעטיקער מענטש מיט דעם סימן פון אַ וווּנד אויף דער באַק — צי האָט ער זי דערקענט? צי ווייסט ער, אַז אין דער דאָזיקער שטאָט וווינט איר זון, איר הייגריך, וועלכער האָט מיט צוואַנציק יאָר צוריק אומגעבראַכט קינדער, קינדער און עלטערן, דאָרט, אין אַן אָרעם פּויליש שטעטל ביים טייך סאָן? אַנגעם אָטעמט שווער. זי איז איבערגעשראָקן, דער פּחד ענדיערט אירע געפילן — דער מענטש, וואָס זי האָט אים באַגעגנט אין טראַמוויי, איז שוין נישט דער זעלבער, וואָס מיט צוואַנציק יאָר צוריק. דעמלט האָט ער געוועקט רחמנות און מיטגעפיל, היינט לויערט ער אויף איר קינד, אַנגעם האַסט אים היינט, זי זעט אין אים אַ טריבן שאָטן, אַ בייזן שאָטן פון יענער צייט, אַ שאָטן, וואָס דערמאָנט און דראָט, אַ שאָטן, וואָס מאָנט. און אפשר איז עס נישט דער זעלבער מענטש, אפשר איז ער בלויז ענלעך צו יענעם?

זי גייט אַראָפּ פון בעט און קניט, זי איז מתפּלל פאַר זיך און פאַר איר זון, פאַר אַלע, וועלכע געפינען זיך אין געפאַר, פאַר אַלע פאַרבלאָנקעטע און בלאָנדזשענדיקע, זי בעט מחילה פאַר איר האָס צו יענעם אומגליקלעכן, וועלכער האָט זיך איצט באַוויזן ווי אַ ריכטער, זי האָט מורא פאַר אים און פאַר זיין נקמה. „זיי אונדז מוחל אונדזער זינד" — פליסטערט אַנגעם „זיי אונדז מוחל און שטראָף אונדז נישט, זיי מיר מוחל, איך בין שוין אַלט און מיך און איך מוז פאַרטיידיקן דעם, וועלכער איז שולדיק, איך מוז אים פאַרטיידיקן פאַר יענעם, וועלכער איז אומשולדיק, דערלויב מיר צו שטאַרבן נאָך איידער עס וועט געשען דאָס, וואָס מוז געשען, אויב אַזאַ איז דיין ווילן..."

14.

נאָך דער האַלבער נאַכט איז שוין די גאַנצע געזעלשאַפט געווען אין אַ לוסטיקער שטימונג, די משקאות האָבן געווירקט, די מוזיק האָט צוגעשפּילט פון ראַדיאָ־אַפּאַראַט, זיי האָבן געטאַנצט און געקושט זיך, בלויז קורט און מאַרגאָט האָבן נישט געטרונקען, בלויז זיי זענען פאַרבליבן ניכטער.

— די ווירקונג פון מענטש זאָגט עדות וועגן זיין כאַראַקטער — האָט געזאָגט קורט — די ווירקונג, דער אופן פון אַנטקעגנשטעלן זיך דעם, וואָס איז אין אונדזער לעבן שלעכט. טײַלמאָל פרעג איך זיך אַליין, וואָס איך וואָלט געטאָן און וויאַזוי עס וואָלט אויסגעזען מיין גורל אין די יאָרן פון פאַשיזם. פאַרשטייט זיך, ווען איך וואָלט דעמלט געווען עלטער מיט אַ יאָר צוואַנציק...

— זיי צופרידן, אַז האָסט נישט געהאַט די געלעגנהייט זיך איבערצייגן...

— טייַלמאָל בין איך צופרידן, אָבער אויך די דאָזיקע פאָרם פון צופרידנקייט זאָגט עדות קעגן מיר. קעגן אונדז אַלע...

— אונדזערע עלטערן האָבן זיך אויך נישט אַנטקעגנגעשטעלט, כאָטש זיי זענען גאַנץ אָפט גוטע מענטשן, מיט ווייכע הערצער. אפשר האָבן זיי נישט געקאָנט זיך אַנטקעגנשטעלן.

— מיין פאָטער איז אומגעקומען אין דאַכאַו — האָט געזאָגט קורט.

מאַרגאָט האָט געטראַכט וועגן איר אייגענעם פאָטער, זי האָט זיך דערמאָנט פאַרשידענע מיינונגען, וועלכע פאַול האָט אין איר אָנוועזנהייט אַרויסגעזאָגט, דאָס זענען געווען געדאַנקען פון אַ פּראָגרעסיוון אינטעלעקטואַליסט, וועלכער איז קיינמאָל נישט צופרידן פון דער ווירקלעכקייט. מאַרגאָטס פאָטער האָט גערן איראָניזירט, ער האָט שטענדיק געהאַט אַ סיבה צו פּראָטעסטירן, אָבער געווען איז עס נישט מער ווי אַ ווערבאַלער פּראָטעסט, געווען זענען עס נישט מער ווי ווערטער.

— פאַראַן מענטשן, וועלכע זענען ווי באַשאַפן צו זיין פּאַסיוו — האָט זי געטרייסט קורט — זיי פילן זיך גוט אין דער וועלט פון געדאַנקען און ווערטער. נישט יעדער איז פעיק צו מעשים. מען קאָן נישט האָבן קיין פּרעטענזיעס צום אייגענעם פאָטער, אַז ער איז נישט קיין העלד. מען קאָן אָבער האָבן צו אים אַ טענה, ווען ער איז אַן אויסוואורף.

נישט אַלץ איז געווען קאָנסעקווענט אין די האָזיקע ווערטער פון קורט, אָבער מאַרגאָט האָט פאַרשטאַנען, וואָס ער איז געווען אויסן, זי איז אים דאַנקבאַר געווען דערפאַר, ער האָט אַזוי דיסקרעט פאַרטיידיקט איר פאָטער, כאָטש ער האָט אים בכלל נישט געקענט.

— פּאָול איז נישט שלעכט — האָט זי געזאָגט.

— פּאָול? — האָט קורט איבערגעחזרט מיט אַן אומצופרידנקייט — ווער איז ער?

— פּאָול איז מיין פאָטער. ער איז קיינמאָל נישט געווען קאָנסעקווענט. לויט מיין מיינונג, איז ער אַ גוטער, אָבער אַ שוואַכער מענטש. דאָס לעבן האָט אים אָפּגעשוואַכט, דאָס לעבן און די וועלט. אין נײַנאונדרייסיקסטן יאָר האָט ער פאַרבראַכט צוויי וואָכן אויפן פוילישן פראָנט, ערגעץ אין דער צווייטער ליניע, יעדנפאַלס האָט ער קיין איין מאָל נישט באַנוצט קיין געווער. ער האָט געזוכט קאָנטאַקטן מיט פּאָליאַקן און מיט יידן, אַנטשולדיקט זיך ביי זיי, וואָס ער איז אַ דייטש, און געוואָרנט פאַר דעם, וואָס די דייטשן וועלן דאָרט טאָן, און וואָס זיי האָבן ווירקלעך שפּעטער געטאָן. שטענדיק דערציילט ער וועגן דעם און איז דערפון שטאָלץ.

— נו, זעסט... — האָט זיך צעלאַכט קורט — איך מיין, אַז דיין פאָטער איז אַ פּרעכטיקער מענטש.

— און נאָך צוויי וואָכן — האָט ווייטער געצויגן מאַרגאָט — נאָך צוויי וואָכן איז ער שווער קראַנק געוואָרן אויפן האַרץ און איז צוריקגעקומען אַהיים. ביז צום סוף פון דער מלחמה איז ער געזעסן אין זיין צימער, געלייענט ראָמאַנען פון וואַלטער סקאָט און געלעבט אין שום געפאַר אונטער די באַקוועמע פליגל פון איינעם, אַן אָפיציר פון ס.ס.

— און דער דאָזיקער אָפיציר? — האָט איבערגעפרעגט קורט.

— דער דאָזיקער אָפיציר... — מאַרגאָט האָט אַ ציטער געטאָן — טראַכטנדיק וועגן איר איינענעם ברודער — דער האָזיקער אָפיציר איז געווען אַ ראַפינירטער באַנדיט. אַן אכזריותדיקע בעסטיע.

— מען האָט אים געמשפּט?

— ניין.

עס איז צוגעקומען צו זיי איינער פון די יונגע לייט, דער בחור, וואָס איז געווען באַשעפטיקט אין דער פילם־אינדוסטריע.

— מיר האָבן אויסגעטראַכט אַ פּרעכטיקע פּאַרוויילונג — האָט ער געזאָגט — אַ גאַנץ נייע זאַך!

— קיין שום נייעס קאָן מען נישט אויסטראַכטן — האָט זיך צעלאַכט די שוואַרצע סטודענטין, וועלכע האָט שוין זינט צוויי שעה געטאַנצט אין די זאָקן, זי האָט געהאַט ענגע האַלב־שיך און האָט געליטן אויף הינעראויגן — אַלץ איז שוין געווען.

— קורט! קום אַהער, מיר וועלן אויפקלערן די זאַך.

קורט האָט אַ ווײַלע געצעגערט, אָבער ענדלעך האָט אים פּעטער אָנגענומען בײַם אָרעם און אַרײַנגעפירט אין צווייטן צימער.

די מיידלעך זענען געבליבן אַליין. די סטודענטין פון מעדיצין האָט מיט אַן אומשולדיקן, כמעט קינדערשן שמייכל דערציילט אַז אַנעקדאָט וועגן אַ מת פון פּראָסעקטאָריום, וועלכער האָט געהאַט אויסערגעוויינלעך גרויסע געשלעכטס־אָרגאַנען. די שוואַרצע מויד האָט געטרונקען בראָנפן פון אַ טיי־גלעזל. אין צימער איז געווען הייס.

— איך בין נאָך אַלץ ניכטער — האָט זיך אָנגערופן די דריטע מויד, וואָס ביז איצט האָט זי כמעט נישט גענומען קיין אָנטייל אין שמועס — פאַראַן אַזעלכע טעג, ווען איך קאָן זיך בשום אופן נישט אָנשיכורן. און ווען איך בין נישט שיכור, פיל איך אַן עקל צו די דאָזיקע יונגע לײַט.

— אויב פילסטו אַן עקל, טאָ פאַרוואָס גייסטו מיט זיי שלאָפן? — האָט זיך צעלאַכט די שוואַרציניקע, וואָס האָט געטאַנצט אין די זאָקן — כ'האָב געמיינט, אַז האָסט פון דעם אַ פאַרגעניגן.

— איך טו עס נישט צוליב פאַרגעניגן. איך טו עס צוליב געזונט. דער דאָקטער האָט עס מיר פאַרשריבן.

— שוין צייט זאָלסט חתונה האָבן — האָט איר אַן עצה געגעבן די סטודענטין פון מעדיצין — אַזאַ שיינקייט וועט נישט איינער גערן אויפכאַפּן...

15.

אַגנעס איז געשטאַנען אָנגעבויגן איבערן זונס געלעגער. מיט ווייטיק און ליבשאַפט האָט זי געקוקט אויף זיין געזיכט. ער איז געשלאָפן, געאָטעמט שווער, זיין לייב איז געווען דורכגעזאַפּט מיטן קרענקלעכן גערוך פון שווייס.

אַגנעס האָט לייכט אָנגערירט זיין האַנט. אין דער דאָזיקער נאַכטיקער שעה האָט זי אים ליב געהאַט פון גאַנצן האַרץ — ער איז איצט

געווען דער ערשטער, דער אומגליקלעכער זון אירער — און זי האָט שוין גאָר נישט געדענקט וועגן די אייגענע געפילן צו אים ערשט מיט אַ פּאָר שעה צוריק...

ערגעץ אין הינטערגרונט פון איר מוח איז אַדורכגעפלויגן אַ געדאַנק וועגן היינריכס טויט — וועגן טויט, וואָס איז טיילמאָל אַן אויסלייזער: „ג נ אַ ד ע ט אָ ד ט“, דאָס האָבן זיי, די פאַשיסטן באַנוצט דאָס דאָזיקע וואָרט אין יענע צייטן, ווען היינריך איז ביי זיי געווען אַ גרויסער מענטש. אַגנעס מאַכט אַן אומגעדולדיקע באַוועגונג מיט דער האַנט, זי איז איבערגעשראָקן מיטן געדאַנק וועגן טויט פון איר זון, זי פּאַטשט מיטן אָרעם פּונקט ווי דער דאָזיקער געדאַנק וואָלט געווען אַ מאַטעריעלע, לעבעדיקע זאַך, אַ באַשעפעניש, וואָס לאָזט זיך פאַרטרייבן מיט אַ זשעסט.

זי האָט זאָרגעוודיק צוגעגלעט היינריכס געלעגער און זיך אומגעקערט צו זיך אין שלאָפצימער. מיט אַ קליין שליסעלע האָט זי געעפנט דאָס שרענקל און אַרויסגענומען פון דאָרט אַ קאָפּערטע מיט געלט. דאָס איז געווען אַלץ, וואָס זי האָט אין די לעצטע פּאָר יאָר אָפּגעשפּאָרט, כמעט טויזנט מאַרק האָט זי פאַרמאָגט, וועגן וועלכע קיינער האָט נישט געוווּסט. ווען היינריך זאָל וועלן אַרויספאָרן, וואָלט אים דאָס דאָזיקע געלט געקלעקט אויף אַ צייט.

זי האָט געקוקט אויפן זייגער — ביז עס וועט אָנהייבן טאָגן, וואָלט זי נאָך באַוויזן צוצוגרייטן פאַר אים דאָס רענצל, זי וואָלט אים אַליין באַגלייט ביז צום וואָקזאַל, אינדערפרי פאָרן אָפּ פיל באַנען אין אַלע ריכטונגען פון לאַנד, מענטשן פאָרן צו דער אַרבעט, קיינעם וועט נישט זיין אויפפאַלנד, וואָס היינריך פאָרט אַוועק, ער וועט פאַרנעמען אַן אָרט אין ערשטן בעסטן צוג און פאָרן — וווּהין וועט ער פאָרן? נישט וויכטיק אין וועלכער ריכטונג, טראַכט אַגנעס, ער וועט קאָנען אויסשטייגן ערגעץ אין אַ קליין שטעטל אָדער אין אַ דאָרף צווישן וועלדער, ער וועט דאָרט קאָנען אָנהייבן אַ ניי לעבן, ער וועט ענדערן די אומגעבונג, דאָס וועט אויף אים האָבן אַ גוטע ווירקונג, נייע פּנימער און נייע באַקאַנטשאַפטן, און אפשר וועט ער מיט זיין פּערזאָן פאַראינטערעסירן וועלכע פרוי — אַזויפיל איינזאַמע פרויען זענען איצט פאַראַן — אפשר וועט עס זיין אַ ג ו ט ע פרוי, וואָס וועט אים העלפן דערהאַלטן זיך ביים לעבן און געפינען פאַר זיך אַן אָרט צווישן מענטשן רואיקע, וואָס לעבן אָן געפאַר און אָן פּחד. טויזנטער אַזעלכע ווי היינריך האָבן זיך צוריק-

געקערט צום לעבן און צו דער געזעלשאַפֿט, פֿיל פֿון זיי פֿאַרנעמען הויכע אַמטן. אַגנעס פֿילט אַ צופֿלוס פֿון כּוח, זי איז גרייט צו גיין צו זיי, זי איז גרייט צו פֿאָרן צו די אַלטע היינריכס באַקאַנטע און קאָלעגן, בעטן ביי זיי הילף פֿאַר איר זון, אויב מען וועט דאַרפֿן, וועט זי זיך באַנוצן מיט שאַנטאַזש, זי וועט זיי צווינגען צו באַשיצן היינריכן. אָבער אַגנעס קען נישט די דאָזיקע מענטשן, אַגנעס איז אַן אַלטע אומבאַהאָלפֿענע פֿרוי, און איינזאַם איז זי, איינזאַם אפֿילו צווישן די אייגענע.

זי האָט זיך ווידער אַנידערגעזעצט ביי היינריכס געלעגער און אָפּגעווישט דעם שווייס פֿון זיין שטערן. ער האָט זיך אויפֿגעוועקט און איז געווען פֿאַרחידושט — שוין לאַנג, אַז זי איז נישט געזעסן ביי זיין בעט, בפֿרט אין אַזאַ אומגעוויינלעכער שעה, אין מיטן דער נאַכט. שוין לאַנג, אַז ער האָט נישט געפֿילט אירע הענט אויף זיין פּנים, די צערטלעכקייטן צווישן מוטער און זון האָבן געהערט צום וויטן עבֿר. איז אים אָנגענעם געווען צו פֿילן די זיסקייט פֿון דער מוטערס האַנט און אויף אַ ווײַלע האָט ער זיך אפֿילו דערפֿילט גערירט.

— וואָס איז געשען? — האָט ער געפֿרעגט — פֿילסט זיך שלעכט?

אַ שטילע פֿרייד האָט זיך אין איר דערוועקט — זינט יאָרן האָט זיך היינריך קיינמאָל נישט אינטערעסירט וויאַזוי זי פֿילט זיך, שטענדיק איז ער געווען פֿאַרנומען מיט די אייגענע ליידן און אָט האָט זי איצט דערהערט אַן אומרו אין זיין שטימע, אפֿשר האָט ער ענדלעך פֿאַרשטאַנען, אַז אויב ער קאָן אויף עמעצן רעכענען, איז נאָר אויף איר, אויף זיין מוטער.

אָבער זי האָט אים געקענט — זי האָט געוווּסט, אַז דער דאָזיקער פֿונק פֿון געפֿיל וועט זיך אין אים באַלד אויסלעשן, באַלד וועט זיך זיין שלעכטע, בייזוויליקע טבֿע אָנרופֿן אין אים און אַגנעס וועט ווידער פֿאַרבלייבן מיט איר ביטערער אַנטוישונג און מיט אירע ווונדן.

— מיין זון — האָט זי געזאָגט — איך האָב דיך אויפֿגעוועקט... איך מוז מיט דיר רעדן.

ער האָט זיך אַנידערגעזעצט און פֿאַררויכערט אַ פּאַפּיראָס.

— עס איז אַ שיינער זומער היי־יאָר, מענטשן פֿאָרן אַרויס אויף דאַטשע. — האָט זי אָנגעהויבן לאַנגזאַם, בכדי נישט צו וואַרפֿן אויף אים קיין פּחד — איך האָב אַ ביסל געלט אָפּגעשפּאָרט פֿאַר דיינעטוועגן. דער טאַטע ווייסט נישט וועגן דעם, דאָס איז מ יי ן געלט. וואָלסט געקאָנט אַרויספֿאָרן און פֿאַרברענגען ערגעץ אין אַ דאָרף אַ פּאָר מאָנאַטן. דאָס

וועט דיר גוט מאַכן. וועסט וווינען אין אַ גאַסטהויז אָדער ערגעץ ביי אַ משפּחה, וועסט זיך טרעפֿן מיט נייע מענטשן, קיינער וועט דיך דאָרט נישט אויספֿרעגן. וועסט זיך פֿילן בעסער ווי אין דער היים.

ער האָט אויף איר געקוקט פֿאַרדעכטיק, געפֿאָרשט וואָס זי איז אויסן.

— קוק נישט אַזוי אויף מיר — האָט זי זיך געבעטן — פֿאַרוואָס ביסטו ווידער בייז?

— זאָג! — האָט ער געענטפֿערט באַפֿעלעריש — וואָס באַהאַלטסטו פֿאַר מיר?

— איך באַהאַלט פֿאַר דיר גאָרנישט. איך מיין אָבער, אַז נישט תמיד מוז דער מענטש אַלץ וויסן. איך וואָלט געגעבן אַ סך דערפֿאַר, איך זאָל נישט אַלץ וויסן...

— האָסט גליק — האָט ער געזאָגט מיט זיין איראָנישן שמייכעלע אויף די שמאָלע ליפּן — האָסט גליק, ווייל דו ווייסט טאַקע נישט אַלץ...

און שוין איז צווישן זיי אויסגעוואַקסן אַן אויפֿרעגונג.

— פֿאַרוואָס פּייניקסטו מיך? — האָט געפֿרעגט אַגנעס — איך וויל גאָרנישט וויסן. איך וויל בלויז דיך מציל זיין.

זי האָט אין זיינע אויגן דערזען אַ שרעק, ער האָט נאָך נישט באַ־וויזן צו באַהערשן זיך נאָך איר ווערטער, זיינע ליפּן האָבן לייכט געציטערט, ער האָט מורא געהאַט, ער האָט פֿאַרשטאַנען, אַז ער איז אין אַ געפֿאַר.

— זיי רואיק — האָט געזאָגט די מוטער — דו מוזסט ארויספֿאָרן אויף אַ צייט.

— וואָס איז פֿאָרגעקומען?

זי האָט אים דערציילט וועגן דער באַגעגעניש אין טראַמוויי.

— דאָס איז אַ מענטש פֿון ד אָ ר ט. איך ווייס נישט דורך וועלכן צופֿאַל ער האָט זיך דאָ געפֿונען. איך געדענק אים גענוי און עס איז נישט אויסגעשלאָסן, אַז אויך ער געדענקט מיך און דיך. דאָס איז דער דאָזיקער מענטש, וועלכער איז געקומען בעטן גנאָד פֿאַר זיין משפּחה. דו האָסט זיך דעמלט אויפֿגערעגט, ביסט אַרויסגעלאָפֿן פֿון שטוב און...

— שווייג! — האָט איר הייזעריק איבערגעריסן די רייד — זיי זיך נישט מטריח מיט דיינע דערמאָנונגען. איך געדענק. פֿאַרשטייט זיך, אַז איך בין נישט איבערצייגט אין דער גענויקייט פֿון ד יי ן זכרון. מעג־לעך, אַז דער מענטש, וואָס האָסט אים באַגעגנט איז גאַנץ איינפֿאַך ע נ ל ע ך צו יענעם. פֿאַראַן פֿיל מענטשן, וואָס זענען צו זיך ענלעך.

— איך בין איבערצייגט, אַז דאָס איז דער זעלבער. איך בין איבערצייגט.

זי האָט אים געפּרוווט איבערצייגן, אַז ער מוז אַרויספאָרן פון שטאָט, זי האָט צו אים גערעדט מיט טרערן אין די אויגן, אָבער אירע ווערטער האָבן אין דער דאָזיקער מינוט נישט דערגרייכט צו זיין באַוווסטזיין. זיינע געדאַנקען זענען איצט געווען פאַרנומען דווקא מיט יענע ענינים און דערמאָנונגען, פון וועלכע די מוטער האָט אים געוואָלט באַפרייען. היינריך איז געווען איבערצייגט, אַז דאָס איז באמת דער זעלבער מענטש, וואָס די מוטער האָט דעמלט געזוכט פאַר אים רחמנות, אין יענעם זומערדיקן הייסן טאָג, ווען אין גאָרטן האָבן געהלשט די רויזן — אָבער ער, היינריך, האָט דעמלט נישט אויסגענוצט די געלעגנהייט צו באַווייזן רחמים, פאַרקערט, די אינטערווענץ פון דער מוטער האָט יענעם מענטש נישט געבראַכט קיין גוטס. היינריך האָט זיך דעמלט געפילט מעכטיק, און פאַר זיין מאַכט האָט ער אויסגעזוכט אויסטערלישע פאָרמען. נאָכמיטאָג האָט ער געשלאָגן דעם דאָזיקן מענטש, אַגנעם איז געשטאַנען ביים פענצטער און באַטראַכט, וואָס עס קומט פאָר ביים טויער. נאָך דעם זעלבן טאָג, שפּעט אין אָוונט האָט ער באַפוילן איינצוזעצן אין תפיסה דעם דאָזיקן אומגליקלעכן צוזאַמען מיט זיין פרוי און קינד (עס זענען נאָך דעמלט פאַראַן געווען קינדער הינטער די שטעכעדיקע דראָטן). זיי זענען געזעסן זאַלבעדריט אין איין קאַמער. אין אַ געוויסער נאַכט האָט זיך היינריך אויסגעקליבן אויף אַ באַזוך צו זיי, דעם קינד האָט ער געשענקט שאָקאָלאַד, פאַר די עלטערן האָט ער מיטגעבראַכט פּאַפּיראָסן, ער האָט מיט זיי גערעדט לאַנג און געמיטלעך, געשמייכלט צו זיי און מיט אַ שמייכל אויסגעהערט זייער דאַנק. ער האָט זיך נישט געאיילט. ער האָט מיט זיי געפּלוידערט וועגן פאַרשידענע זאַכן, וועגן דייטשישער ליטעראַטור, דער מענטש פון דער תפיסה-קאַמער האָט אַמאָל שטודירט אין היידעלבערג. היינריך האָט באַלד געוווּנען זייער צוטרוי — האַ, זיי האָבן אים נאָך נישט געקענט. דאָס קינד איז געזעסן אויף זיין קני און די פרוי האָט פאַר היינריכן דעקלאַמירט אַ מאָנאָלאָג פון „פאַוסטן“. און ווען זי האָט געענדיקט, האָט איר מאַן ווידער גערעדט וועגן דער דייטשישער קולטור, ער איז געווען אַן אָנהענגער פון דער דייטשישער קולטור און דייטשישער וויסנשאַפט, און עס האָט זיך געקאָנט דאַכטן, אַז ער האָט פאַרגעסן ווו, אין וואָס פאַר אַ לאַגע ער געפינט זיך און אין וועלכע צייטן ער לעבט. און דערנאָך האָט היינריך דערקלערט, אַז אינדערפרי

מוז איינע פון אָט די דריי פערזאָנען אומקומען, און אַז זיי אַליין מוזן זיך באַשליסן ווער עס וועט זיך מקריב זיין, בכדי די איבעריקע צוויי זאָלן קאָנען בלייבן לעבן.

— און אינדערפרי איז עס געשען — זאָגט היינריך — עס איז געווען פונקט ווי אין אַ גריכישער אַלטערטימלעכער דראַמע... ווי אין אַ גריכישער טראַגעדיע... —

— וועגן וואָס רעדסטו? — פרעגט די מוטער — וואָס פאַר אַ טראַגעדיע?

ער האָט זיך אויפגעכאַפּט, די זכרונות האָבן אים אָפּגעלאָזט, ער האָט זיך אומגעקערט צו דערווירקלעכקייט.

— קיינמאָל האָסטו מיך נישט געוואָלט האָרכן — האָט זיך פאַר אים געקלאָגט די מוטער — טו דאָס איצט. הער מיך אויס. איך וועל פאָרן צו דיינע אַמאָליקע גוטע פריינד. זאָג מיר נאָר וו זיי זענען, וועל איך זיי שוין געפינען. זיי וועלן דיר העלפן. זיי מ ו ז ן דיר העלפן.

— איך בין שוין היינט אַן אומבאַדערפטיקער מענטש — האָט ער געזאָגט מיט אַ געבראָכענער שטים — די גוטע־פריינד וועלן אויך זיין צופרידן, ווען זיי וועלן מיך זען אויף דער תליה. איך בין געווען אַ מענטש פון דער שוואַרצער אַרבעט, אָבער געוווסט האָב איך אַ סך...

ער האָט זיך פלוצים אויפגעכאַפּט פון בעט און מיט אַ טעאַטראַלן געשטאַלט אויסגעשריגן:

— איך בין געווען אַ סאָלדאַט! איך האָב טריי געדינט דעם פירער און דעם פאָטערלאַנד!

— איך וויל גאָרנישט וויסן — האָט זיך צעוויינט אַגנעס — גאָר־נישט וויל איך נישט וויסן!

— נעכטן האָט מען אויפגעהאָנגען אייכמאַנען — האָט געזאָגט היינריך.

— אָבער דו ביסט דאָך נישט אייכמאַן... — האָט זי געוואָלט אויסשרייען און אָפּלייקענען די דאָזיקע פאַרגלייכונג, איר זון איז דאָך נישט געווען קיין שום אייכמאַן — אָבער די ווערטער זענען איר גע־בליבן שטעקן אין האַלדז, זי האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. זי האָט גוט געוווסט ווער איר זון איז געווען, און ווידער האָט זיך אין איר דער־וועקט אַ באַגער צו אַנטלויפן, אַנטלויפן פון דער היים, פון היינריכן, פון לעבן.

הייגריך האָט עפּעס געזאָגט, אָבער בלויז די לעצטע ווערטער האָט זי אויפגעכאַפּט.

— איך וועל פאָרן — האָט באַשלאָסן דער זון — גרייט מיר צו דאָס רענצל מיט מיין וועש. מיין טייערער פאָטער וועט זיין גליקלעך, אַז ער וועט מיך נישט זען...

16.

פּעטער האָט אויסגעלאָשן דאָס ליכט און די גאַנצע געזעלשאַפט איז אַריין אין שלאָפצימער. מאַרגאָט איז געגאַנגען די לעצטע, עס איז געווען זייער טונקל, אַלע האָבן זיך אויפגעפירט זייער שטיל, דאָס האָט געהערט צום פּרינציפּ פון דער דאָזיקער פאַרווײַלונג.

מאַרגאָט האָט געוואָלט צורופן קורטן, ווייל נאָר ער איז געווען ניכטער, זי האָט געוואָלט רופן פּעטערן, ווייל ער איז דאָך געווען איר חתן — אָבער זי האָט עס נישט געטאָן, זי האָט זיך געשעמט, זי איז געווען איבערציינט, אַז פּעטער וועט זי דאָך נישט פאַרשעמען און נישט דערלויבן, אַז אַן אַנדערער זאָל זיך דאָ צו איר דערנעענטערן. זי איז דאָך נאָך אַלץ געווען זיין מיידל. אָבער פּעטער איז געווען פאַרנומען מיט אַן אַנדערער מויד, מינוטנווייז האָט זי געהערט זיין געלעכטער, ער האָט זיך, זעט אויס, גוט געווײַלט.

— וווּ ביסטו מאַרגאָט? — דאָס האָט קורט, זעט אויס, דערפילט איר שטימונג און איר אומזיכערקייט.

זי האָט געמאַכט צוויי שריט אין דער ריכטונג, פון וואַנען עס איז צו איר דערגאַנגען קורטס פליסטער.

— האַלט די שנאַוצע!... — דאָס האָט פּעטער זיך אויפגערעגט, און אין דער דאָזיקער מינוט איז מאַרגאָט געווען איבערציינט, אַז פּעטער און קורט זענען צוויי שונאים, און אַז זי שטייט צווישן זיי ביידע, אַן אומבאַהאָלפענע און שוואַכע.

אין דער געדיכטער טונקלקייט פון צימער האָט זיך דערהערט די שיכורע שטימע פון דער מויד מיט די ענגע שיך:

— פאַרוואָס קומט נישט קיינער צו מיר? שטענדיק מוז איך זיין די לעצטע?

מאַרגאָט האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפן ברעג פון בעט, זי האָט איינגעהאַלטן דעם אָטעם, געוואָלט פאַרנעמען וואָס ווייניקער אָרט, בכדי

צו פֿאַרבלייבן אומבאַמערקט, זי האָט געוואָלט פֿאַרבלייבן אויסער דער דאָזיקער פֿאַרווײַלונג, זי האָט געהאָפֿט, אַז אפֿשר וועט זי קיינער נישט געפֿינען אין דער פֿינצטערניש, אָבער באַלד, נאָך עטלעכע מינוטן, וועלכע האָבן זיך אויסגעוויזן צו זיין זייער לאַנג, האָט זי דערפֿילט נעבן זיך דעם גערוך פֿון אַלקאָהאָל און פּאַפּיראָסן, זי האָט דערהערט דעם צוגעאיילטן אָטעם פֿון די יונגע לייט — ער האָט געשוויגן, דערִיבער האָט זי אים נישט דערקענט אפֿילו דעמלט, ווען ער האָט זיך געוואָרפֿן אַראָפּרייסן פֿון איר דאָס קליידל. זי האָט אים געפּרוווט אָוועקשטופּן פֿון זיך, אָבער ער איז געווען שטאַרקער. אַן אַנטוישטע האָט זי אַ טראַכט געטאָן, אַז דאָס איז נישט פּעטער, און עס איז איר געווען פֿיינלעך, אַז פּעטער איז מסכים געווען אויף דער דאָזיקער אײַנגעלאַסענער פֿאַרווײַלונג. זי האָט וואָס גיכער געוואָלט פֿאַרלאָזן דאָס צימער, זי האָט נישט געקאָנט פֿאַרשטיין, וויאַזוי דאָס איז געשען, אַז זי האָט זיך געלאָזט אַרייננאַרן אין דער דאָזיקער פֿינצטערניש, פֿאַרוואָס איז זי געווען אַזוי נאָכגיביק און לייכטזיניק... פֿאַרשטייט זיך: זי האָט געהאָפֿט, אַז נישט קיין שום אַנדערער, נאָר פּעטער וועט צו איר קומען, זי איז געווען איבערצייגט, אַז דווקא ער...

— פּעטער! — האָט זי גענומען שרייען — פּעטער! איך וויל נישט!

דער בחור, וואָס האָט זיך נאָך אַלץ געמאַטערט מיט איר קלייד, האָט פֿאַרקלעמט אירע ליפּן מיט דער האַנט, ער האָט געהאַט אַ גרויסע און האַרטע האַנטפֿלאַך, וועלכע איז געווען נאַס פֿון שווייס. מאַרגאָט האָט געביסן די דאָזיקע האַנט, דער יונגערמאַן האָט אַ געשריי געטאָן פֿון ווייטיק און מאַרגאָט האָט דערפֿילט זיין פֿויסט אויפֿן פּנים.

— שווייַגע! — האָט זי געשריגן — פֿערפֿלוכטע שווייַגע!

מיט אויסגעצויגענע הענט האָט זי געזוכט אַרום זיך, און ענדלעך האָט זי דערפֿילט די האַרטע קילקייט פֿון אַ שווערן לייכטער, וואָס איז געשטאַנען אויפֿן טיש. זי האָט זיך פֿאַרמאָסטן און...

דער שווערער אָטעם פֿון שיכּורן בחור האָט זיך דערווייטערט. מאַרגאָט איז געשטאַנען אומבאַוועגלעך. אירע אויגן האָבן זיך שוין צוגעוווינט צו דער פֿינצטערניש — אויפֿן בעט און אויף דעם דיוואַן האָט זי איצט דערזען צוויי פֿאַרנומענע מיט זיך. דער יונג, וואָס האָט זיך אויף איר געוואָרפֿן, איז איצט געלעגן אויף דעם דיל. אין פּאָטעל איז געזעסן די שוואַרצע מיט די ענגע שיך.

פּלוצעם איז געוואָרן ליכטיק, קורט איז געשטאַנען בײַ דער טיר, דאָס האָט ער אָנגעצונדן דאָס ליכט.

— קום! — האָט ער זיך געוואָנדן צו מאַרגאָט — איך וועל דיך באַגלייטן אַהיים.

די סטודענטין פֿון מעדיצין האָט זיך אָנגעטאָן די ערשטע און איז צוגעלאָפֿן צום פֿילם־ספּעציאַליסט, וועלכער איז געלעגן אויף דער ערד.

— ער לעבט נישט — האָט זי פֿעסטגעשטעלט מיט אַ גלײַכגילטיקן שמייכל.

— גאַרישקייטן — האָט זיך צעלאַכט פּעטער — עס וועט אים גאָרנישט זײַן. גיט אים אַ גלעזל בראָנפֿן, וועט ער באַלד לעבעדיק ווערן.

מאַרגאָט האָט זיך אָנגעבויגן איבער דעם טויטן קערפּער. צווישן אויג און אויער האָט געבלוטיקט אַן אָפֿענע וווּנד.

— אום גאָטעס ווילן! — האָט אויסגעשריגן די מויד אין זאָקן — מען דאַרף אים ראַטעווען! קאָן מען אים שוין גאָרנישט העלפֿן?

— מען קאָן אים מאַכן אַ העכער... — האָט געענטפֿערט די סטודענטין פֿון מעדיצין — אָבער דער המשך וועט במילא שוין פֿאָרקומען ערשט אויף יענער וועלט.

קורט איז צוגעגאַנגען צום טעלעפֿאָן און גענומען אויסדרייען דעם נומער פֿון דער גיכער הילף. נאָך צען מינוטן איז אָנגעקומען אַ דאָקטער, און באַלד נאָך אים האָבן זיך באַוויזן פּאָליציאַנטן. די יונגע מענטשן זענען געשטאַנען ניכטער און ערנסט. מאַרגאָט איז געווען צעטומלט, עס האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז זי באַוועגט זיך אין אַ טיפֿן פֿאַרכמאַרקן חלום. זי האָט קוים באַוויזן אויסצושטאַמלען איר אַדרעס.

ווען מען האָט זי שוין אַרײַנגעפֿירט אין פּאָליצײַ־אויטאָ, האָט איינער פֿון די פּאָליציאַנטן געזאָגט צו זײַן קאָלעגע:

— איצט וועלן מיר גיין צו די עלטערן פֿון דער דאָזיקער קליינער...

און ער האָט פֿאַרקלאַפּט דאָס טירל פֿון אויטאָ.

17.

היינריך איז שוין געווען גרייט צו פֿאַרלאָזן די שטוב. ער איז געשטאַנען אין מאַנטל און אין קאַפּעליוש, אַ בלאַסער און אויפֿגערעגטער, זײַנע שמאָלע ליפּן האָבן אומרואיק געציטערט. אויפֿן בענקל איז געלעגן דאָס רענצל, וואָס די מוטער האָט אים צוגעגרייט צו דער רייזע.

בײַ דער מיר איז געשטאַנען אַ פּאָליציאַנט און אַ מענטש אין ציוויל, וואַרשײַנלעך פֿון דער געהיים־פּאָליצײַ.

— עס איז מיר זייער פֿײַנלעך, גנעדיקע פֿרוי... — האָט געזאָגט דער פּאָליציאַנט אין ציווילע מלבושים — אַזאַ איז שוין אונדזער באַרוף. ניט שטענדיק ברענגען מיר גוטע ידיעות.

אַגנעס האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ, ווי זי וואָלט געפּרוווט פֿאַרטײַדיקן זיך, פּאַול וועלכער איז געווען נאָך נישט אינגאַנצן ניכטער פֿון שלאָף, האָט געקוקט אויף זײַן אַלטער פֿרוי און געטראַכט, אַז עס וואָלט נישט געשאַדט זי זאָל פֿון צייט צו צייט באַנוצן אַ ביסל פּודרע אָדער שמינקע, ער האָט באַמערקט, אַז אירע פֿאַרפֿלאָכטענע האַנטפֿלאַכן ציטערן, און דאָס דאָזיקע פֿײַנלעכע בילד האָט אין אים דערוועקט רחמנות.

— מיר מוזן פֿעסטשטעלן אייניקע פּרטים... — האָט געזאָגט דער פּאָליציאַנט.

— ניין! — האָט אויסגעשריגן אַגנעס און זי האָט מיט זיך פֿאַרשטעלט היינריכן, פּונקט ווי זי וואָלט אים געקאָנט באַשיצן אין געפֿאַר — ניין!

די צוויי מענער בײַ דער טיר זענען אַ ווײַלע געשטאַנען שווײַגנדיק. דער געהיים־פּאָליציאַנט האָט פֿאַררויכערט אַ פּאַפּיראָס, דער צווייטער האָט אים דערלאַנגט פֿײַער.

— איך פֿאַרשטיי — האָט געזאָגט דער מענטש אין מונדיר — איך פֿאַרשטיי, אַז דאָס איז פּײַנלעך, איך האָב אויך קינדער. מיר לעבן אין אַזעלכע צײַטן. קינדער גייען מיט אייגענע וועגן, און די עלטערן לײַדן. טיילמאָל גייען די קינדער אַוועק, אָבער דאָס וואָס טוט וויי, פֿאַרבלײַבט. איר וועט דערלויבן, איך וועל זיך זעצן, איך מוז אײַך שטעלן עטלעכע פֿראַגעס.

— נאָך אַ מינוט — האָט געבעטן אַגנעס — שענקט מיר נאָך איין מינוט. עס טוט מיר אַזוי וויי דאָס האַרץ.

זי איז צוגעגאַנגען צום קרעדענץ, מיט ציטערנדיקע הענט האָט זי געזוכט אירע טראָפּנס, דאָס פֿלעשעלע און דאָס גלאָז האָבן געקלונגען אין אירע אומזיכערע פֿינגער.

היינריך האָט צוגעמאַכט דאָס רענצל און אַוועקגעשטעלט עס אין ווינקל. אינדרויסן האָט זיך די שטאָט געוועקט צום טעגלעכן לעבן, געוואָרקעט האָבן די מאָטאָרן פֿון די פֿאַרבײַפֿאָרנדיקע אויטאָס, עס האָט גערעגנט, דער הימל איז געווען גראָ, פֿאַרנעפּלט.

היינריך האָט זיך אָנגעשפּאַרט ביים פֿענצטער און צוגעמאַכט די אויגן. ער האָט מורא געהאַט, און עס איז אים זייער קאַלט געווען, כמעט אַזוי קאַלט ווי אין יענעם זוניקן פֿרילינגדיקן טאָג, ווען איינגעהויקערט אין אַ קעלער אונטער הורבות, אין ציווילע מלבושים, וועלכע ער האָט אַראָפּגעשלעפּט פֿון אַ מת, האָט ער געהערט דאָס דונערן פֿון די רוסישע שווערע טאַנקען און אַ געשריי, אַ געלעכטער און אַ געוויין פֿון דער באַפֿעלקערונג אין יענעם קליינעם פּוילישן שטעטל, ווו ער האָט דורכגעלעבט זיין גבורה און זיין מפּלה.

ער האָט איצט געהאַט אַ פֿולן האַלדז מיט שרעק, ער איז נישט אימשטאַנד געווען צו באַהערשן זיינע חושים, זיינע געדאַנקען, ער איז שוין איצט געווען גאַנץ איבערצייגט, אַז די פּאָליציאַנטן זענען געקומען נאָך אים, ער האָט געציטערט, און דאָס דאָזיקע ציטערן האָט ער געפֿילט נישט נאָר אין די הענט און פֿיס, עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז אַפֿילו די אינגעווייד ציטערן אין אים. ער האָט נישט געהערט וועגן וואָס די פּאָליציאַנטן רעדן מיט זיין מוטער. עפּעס האָבן זיי ביי איר געפֿרעגט, אַ פּאָר מאָל איז געפֿאַלן מאַרגאָטס נאָמען, און אַרום אים, אַרום היינריכן איז געווען אַ נעפּל, און אין דעם דאָזיקן נעפּל האָבן זיך מיט שנעלקייט אַדורכגערוקט בילדער פֿאַרשיידענע, איין בילד האָט פֿאַרהעקט דאָס צווייטע: דער מענטש מיט דער ווונד אויף דער באַק, זיין פֿרוי און קינד — אָנטיילנעמער אין יענער אומפֿאַרגעסלעכער טראַגעדיע, וואָס היינריך האָט אויסגעטראַכט אין אַלטערטימלעכן גריכישן סטיל; בלאַסע פּוילישע נאָנעס, די שיינע מאַריע, וואָס האָט געהאַט אַזעלכע פּרעכטיקע פֿיס, לוסטיקע מיידלעך פֿון די שאַנד־הייזער; און ווידער — מענטשן הינטער שטעכעדיקע דראָטן, אַ סך מענטשן, הונדערטער מענטשן, טויזנטער מענטשן, אַ צוזאַמענגעדריקטע שרייענדיקע מאַסע, די געסטן פֿון מאַשין־געווערן אַרום דעם אַלטן בית עולם, מעכטיקע דעמבעס זענען דאָרט געוואַקסן אויף דעם דאָזיקן בית עולם, און די מצבות זענען פֿון אַלטקייט באַוואַקסן געוואָרן מיט מאָך; דאָרט צווישן די ביימער און דענקמעלער זענען געשטאַנען די איינוווינער פֿון שטעטל, מעגלעך אַז פֿון דער ווייט האָבן זיי אויסגעזען ווי אַ סטאַדע שאָף, וואָס שטייען ענג איינע לעבן דער צווייטער און ציטערן, ווען זיי פֿילן, אַז עס קומט אָן אַ געוויטער. אָבער אין יענעם טאָג איז נישט געווען קיין געוויטער, די זון האָט געשיינט מיט איר פֿולער פּראַכט און שיין, אין שאָטן פֿון די הויכע און ברייטע הונדערטיעריקע דעמבעס איז געווען אָנגענעם, קיל;

אַרום דעם בית עולם האָט געשמעקט דער קוסטאַרניק. דער געשריי פון די אַרומגערינגלטע מענטשן האָט נישט געפּאַסט, נישט האַרמאָניזירט מיט דער שטימונג פון פּייזאַזש — דער הימל איז געווען אַזוי בלאָ, די וועלט אַזוי גרין... זיי האָבן נאָך באַוויזן אויסצוגראָבן אַ גרויסן טיפן גרוב, בעת דער אַרבעט זענען זיי געווען שטיל, שווייגנדיק, געהאָרכזאַם, זיי זענען געווען פלייסיק, זיי האָבן זיך געאיילט, ווען מען האָט זיי באַפוילן צו איילן זיך, ערשט שפּעטער האָבן זיי אָנגעהויבן צו שרייען, הייזעריק הערט איצט זייער געשריי — אפשר האָבן זיי געשריגן וועגן נקמה, אפשר האָבן זיי געשריגן וועגן הײַנטיקן טאָג, וואָס איז הײַנט אָנגעקומען פאַר הײַנריכן, אפשר האָבן זיי פאַרויסגעזאָגט די דאָזיקע שעה, וואָס האָט איצט אויסגעשלאָגן, איצט, נאָך צוואַנציק יאָר. דערמלט האָט הײַנריך דעם דאָזיקן געשריי נישט פאַרשטאַנען, ער פאַרשטייט אים ערשט איצט און זײַן פּחד פאַרוואַנדלט זיך אין האַס, הײַנריך ציטערט פון האַס, ער פאַר־בײַסט די ציינער, ער פילט אויף זיך די וואַרטנדיקע בליקן פון זײַנע זעל־נער, בראַווע בורשן, וועלכע באַדינען די מאַשין־געווערן, ער עפנט ברייט דאָס פענצטער און הייבט אויף די האַנט:

— אַכטונג! — שרייט ער — פויער!

און מיט איין באַוועגונג שפּרינגט ער אַרויס פון פענצטער.

די גאַס קומט אים אַנטקעגן, פינף רייען פענצטער דערהייבן זיך לעבן אים, עטאַזשן לויפן צום הימל.

ווי אַ גרויסע, שוואַרצע שפּין בלײַבט ער ליגן אויף דער ערד.

דער זקן פון די הויכע בערג

ויעל משה על הר נבו וימת שם
ולא ידע איש את קבֻרתו עד היום.

פערציק יאָר איז ער געווען דער הערשער פון דעם קליינעם דערפעלע, וואָס איז געלעגן הויך אין די וויסטע בערג, ווייט פון גרויסע שטעט און ווייט פון גרויסע מדינות. אין דער דאָזיקער צייט האָט זיך געענדערט דאָס גאַנצע דור — אַוועק זענען צו זייער אייביקער רו די זקנים, די יונגע זענען רייף געוואָרן און אויך זייערע רוקנס האָט די צייט איינגעבויגן, אויך זייערע שלייפן זענען געוואָרן גראָ. די ביימער אין די גערטנער זענען באַדעקט געוואָרן מיט מאָך, פיל פרוכטן זענען פון זייער זאַפט אויסגעוואָקסן, און אויך זיי האָבן זיך געבויגן צו דער ערד, פונקט ווי עס בויגן זיך די מענטשן, און די כאַטעס — דאָס דאָרף, ווו עס זענען פאָרגעקומען די מאָדנע געשעענישן, וועלכע איך וויל אין דער דאָזיקער מעשה דערציילן.

אין משך פון די דאָזיקע פערציק יאָר האָט דער אַלטער שופט, דער ראש־הכפר נישט איין זאַך געזען. ער האָט דערקענט די גאַנצע טיפעניש פון דער מענטשלעכער נשמה, ער האָט געוווסט ווען מען קאָן שטאָלץ זיין פון איר, און ער האָט אויך פאַרשטאַנען ווען די דאָזיקע שטאָלצקייט פאַרוואַנדלט זיך אין אַ ביטערע בושה. ער האָט דערקענט די גרענעצן פון סבלנות, האָט זיך באַמיט נישט עובר צו זיין די דאָזיקע גרענעצן, ער איז נישט געווען צו שטרענג, נישט פאַרלאַנגט צו פיל פון דער מענטשלעכער טבע, און דאָך האָט ער באַוויזן ארויסצוברענגען פון זיינע אונטערטעניקע דאָס אַלץ, וואָס ער האָט פון זיי פאַרלאַנגט: אַ ביסעלע גוטסקייט, אַ ביסעלע איידלקייט, וואָס איז נייטיק געווען צום לעבן אָט דער דאָזיקער קליינער און כמעט ווילדער געזעלשאַפטלעכקייט פון מענטשן, וואָס האָבן געוווינט אין די הויכע בערג. ווען זיי זענען געווען

דורשטיק, האָט ער זיי אַוועקגעגעבן דעם לעצטן טרונק וויין. ווען זיי זענען געווען הונגעריק, האָט ער געהונגערט צוזאַמען מיט זיי.

אין ניינאונצוואַנציקסטן יאָר פֿון זיין ממשלה האָבן זיך הייִשעריקן באַוויזן אין זיינע קאַנטן, אויפֿגעפֿרעסן אַלע פֿרוכטן און אַלע תּבֿואות און איבערגעלאָזט נאָך זיך נאַקעטע ערד, הונגער און שטערבלעכקייט. די מענטשן פֿון די הויכע בערג זענען געצוווּנגען געווען צו קויפֿן ברויט פֿאַר אַלטע גאָלדענע מטבעות און קמעות, און ווער עס האָט נישט געהאַט קיין גאָלד, דער האָט פֿאַר אַ ביסן ברויט אַוועקגעגעבן זיין שטוב און זיינע מכשירים. אַלץ האָט פֿאַרלוירן די ווערט — נאָר ברויט, ברויט איז געווען טייער און וויכטיק, ברויט האָט געבראַכט לעבן, דעריבער האָט מען פֿאַר אַ ברייטל אַוועקגעפֿירט די קינדער, פֿאַרקויפֿט זיי פֿאַר שקלאַפֿן — עס איז נישט געווען קיין פֿאַרברעכן, וואָס מענטשן זאָלן נישט באַגיין, בכדי צו שטילן דעם הונגער. אויף די וואַלדיקע סטעזשקעס און וועגן פֿלעגן זיך מערן רויבער. מען האָט געהרגעט, מען האָט געהאַנדלט מיט דעם, וואָס איז געווייגלעך דאָס טייערסטע און ליבסטע. אַזוי איז געווען אין פֿיל דערפֿער, אָבער אין דעם איינעם דאָרף, וווּ דער אַלטער שופֿט האָט געהערשט, האָט דאָס פֿאָלק געגעסן פֿון איין טאָפּ, איין מענטש האָט דעם אַנדערן צוגעטראָגן דעם ביסן צום מויל, און אַפֿילו די ווייבער האָבן דאָ געלעבט אין פֿרידן, פּונקט ווי טעכטער פֿון איין מאַמען.

און קיינער האָט נישט געוווּסט, וויאַזוי ער, דער פּראָסטער מענטש פֿון פֿאָלק, אַ נישט געבילדעטער, אַן עם־הארץ, האָט באַוויזן אַזוי קלוג צו הערשן.

ער און זיינע מיטצייטלער האָבן דורכגעלעבט צוויי מלחמות. די ערשטע מלחמה איז געווען אַ באַפֿרייערישע. דאָס קליינע שטאָלצע פֿאָלק פֿון די הויכע בערג האָט לאַנג און ביטער געקעמפֿט און ענדלעך דערוואָרבן זיך די פֿרייהייט — פֿאַרטריבן העט ווייט דעם שונא און צוריק געווונען די אויסגעבענקטע פֿרייהייט נאָך דריי הונדערט יאָר פֿאַרשקלאַפֿונג.

די צווייטע מלחמה איז אייגנטלעך געווען אַ פֿאַרטיידיקונג, אַ פֿאַרביסענער קאַמף מיט די פֿיינטלעכע חילות, וועלכע האָבן דאָ געוואָלט ווידער הערשן, ווידער האָבן זיי דאָ געזוכט פֿאַר זיך שקלאַפֿן. דער אַלטער שופֿט האָט ווידער באַוויזן זיין חכמה: ער האָט דעם שונא אַריינגעלאָזט ווייט אין די סאַמע בערג, און פֿון די הויכע פֿעלזן האָט ער זיי באַוואָרפֿן מיט שטיינער, ער און זיינע פּויערים. און געשען איז עס אין דער צייט

פון די זומערדיקע שטורעמווינטן — אין יענער געגנט זענען די געוויטערס גאָר גרויזאַם, מיט דונערס און בליצן. די אַבערגלויביקע פּיינטלעכע זעלנער האָבן געמיינט, אז דאָס נעמען נקמה די אָרטיקע געטער און א פּחד האָט זיי אַרומגענומען, אַזוי אַז אין משך פון איין נאַכט זענען זיי אַלע אומגעקומען, און זיי האָבן אפילו נישט געזוכט קיין רעטונג, אפילו נישט געפּרוווט צו אַנטלויפן. נאָך דעם קאַמף האָבן די זיגער גענומען ציילן די מתים. זיבעצן טויזנט צוויי הונדערט אַכט און פערציק טויטע זענען געלעגן אויפן קאַמפּס־פעלד, איין גענעראל און פיל פערד און אייזלען און רייטוועגענער.

נאָך דעם דאָזיקן נצחון איז דער אַלטער שופט באַרימט געוואָרן ווייט אויף דער גאָרער וועלט. קלעזמאָרים האָבן געזונגען לידער וועגן אים, וואַנדערנדיקע בעטלער האָבן די דאָזיקע לידער געטראָגן פון איין דאָרף צום צווייטן, פון איין טאָל צום צווייטן, און אין די ווייטע שטעט האָבן דיכטער און סופרים פאַרשריבן די דאָזיקע רומפולע מעשים, און וואָס ווייטער די דאָזיקע געזאַנגען האָבן דערגרייכט, אַלץ ווייניקער אמת איז אין זיי געווען און אַלץ מערער דיכטונג. אין ליד איז די צאָל פון געפאַלענע שונאים אַלץ געוואַקסן און געוואַקסן — פון צען איז געוואָרן הונדערט, פון הונדערט — טויזנט און צען טויזנט.

אַזוי איז געגאַנגען איבער דער וועלט דער שם וועגן דעם גערעכטן שופט, זיין נאָמען האָט זיך געטראָגן איבער די הויכע, מיט שניי באַדעקטע בערג, איבער די וועלדער געדיכטע, איבער די ווילדע רוישנדיקע טייכן.

טיילמאָל פלעגן זיך אין דאָרף באַווייזן שליחים פון אַנדערע דערפער — פאַסטעכער ברייטבערדיקע, האָלצהעקער, פאָרשטייער פון ווייטע מקומות, פלעגן זיי קומען בעטן דעם אַלטן שופט, ער זאָל אויך איבער זיי הערשן. זיי האָבן ביי אים געזוכט גערעכטיקייט, פאַרלאַנגט ער זאָל זיי באַשיצן קעגן די פרעמדע גיריקע איינוווינער פון די פּיינטלעכע מדינות, וועלכע פלעגן באַפאַלן און רויבן און אַוועקנעמען זייערע זין אין געפאַנגענשאַפט. די שליחים האָבן צוגעזאָגט דעם קלוגן זקן מעשר. זיי האָבן אים צוגעזאָגט פעטע שאָף און זיסן האָניק פון די ווילדע וואַלד־בינען, זיי זענען גרייט געווען צו שענקען אים זייערע שענסטע טעכטער — אויף אַזאַ אופן האָבן זיי געוואָלט באַקומען דעם אַלטנס הסכמה.

ער אָבער איז נישט געווען גיריק. ער האָט נישט געוואָלט קיין רייכקייט און נישט קיין שיינע קעפּס־ווייבער. מיט גרויס שטאָלצקייט האָט ער טאָג איין טאָג אויס אַרויסגעטריבן זיינע שאָף אויף דער לאָנ=

קע, אָדער געפּאָרעט זיך בײַ די בינשטאָקן. זומער פֿלעגט ער גײן באָרוועס, דעמאָלט האָט מען געקאָנט זען זײַנע גראָב־הויטיקע פֿיס, וואָס זענען ענלעך געווען צו די וואָרצלען פֿון אַן אַלטן בוים. ווינטער האָט ער געאַרבעט בײַ זײַן באַלעבאַטישקייט, אָנגעטאָן אין אַ פֿעל פֿון אַן אייזל, און אויף די פֿיס האָט ער געטראָגן שטרויענע לאַפּטיעס. די שטוב, אין וועלכער ער האָט געוווינט, איז געווען אַ ברייטע און באַקוועמע, וואַרעם איז אין איר געווען בײַם שייטער אַפֿילו אין די האַרבע פֿרעסט, און זומער איז קיל געווען אין איר שאָטן. נײַן, דער אַלטער גליקלעכער שופֿט האָט נישט געוואָלט הערשן איבער פֿרעמדע דערפֿער און די שליחים האָט ער אַוועקגעשיקט מיט אַזאַ תּשובֿה: אומעטום זענען דאָ מענטשן קלוגע און דערפֿאַרענע, וואָס זענען ראוי צו וואַכן, אַז אין זייערע דערפֿער זאָל הערשן גערעכטיקייט.

און אַזוי איז געשוווּמען די צײַט, אַזוי האָט זיך גערוקט פֿאָרויס די געשיכטע פֿון דער וועלט, כאָטש זי דאָ, די אײַנוווינער פֿון די הויכע בערג, זענען פֿאַרנומען געווען מיט די פּשוטע טאָגטעגלעכע ענינים, געפּאַשעט די שאָף, געזייט, האָניק פֿון די ווילדע בינען געזאַמלט, געשפּונען פֿאַרשידענע מלבושים אויס שענסטער וואָל, האָלץ געהאַקט און אין פֿרײַע שעהן באַוווּנדערט די שיינקייט פֿון דער וועלט.

דער אַלטער הערשער איז געווען שטאַרק ווי אַ דעמב: ער האָט געלעבט לענגער ווי אַנדערע, געירשנט האָט ער נאָך זײַנע אבֿות אַ געזונטן קערפּער און אַ לויטערן מוח. שווײַגנדיק (ווײַל געווען איז ער אַ מענטש אַ שווײַגנדיקער), האָט ער געזאָרגט וועגן דער צוקונפֿט פֿון זײַן קלייניקער מלוכה, מיט געציילטע ווערטער האָט ער רעגירט, געמישפּט, אויסגעטראַכט נײַע געזעצן, וואָס פֿלעגן טײלמאָל אָנטרעפֿן אויף אָנערקענונג און טײלמאָל אויף — ווידערשטאַנד. ווײַל נישט שטענדיק זענען די מענטשן פֿון די הויכע בערג מסכּים געווען מיט זייער שופֿט. מיט גרויס אומצופֿרידנקייט האָט די באַפֿעלקערונג אויפֿגענומען דאָס נײַע געזעץ וועגן רבוי־נשים. לויט דעם דאָזיקן געזעץ איז פֿאַרבאָטן געוואָרן צו האָבן מער ווי איין פֿרוי — סײַ פֿאַר אָרעמע, סײַ פֿאַר רײַכע, סײַ פֿאַר יונגע, סײַ פֿאַר עלטערע מענער. אַ פּחד איז באַפֿאַלן די הערצער פֿון דעם מענטשלעכן מין — די פֿאַסטעכער האָבן פֿאַרלאָזט זייערע שאָף און געקומען צו לויפֿן פֿון די ווײַטע הויכע בערג, די סמאָליאַרעס זענען אַרויס פֿון די וועלדער, די האָלצהעקער האָבן זיך פֿאַרזאַמלט אין דער קרעטשמע, מען האָט געטרונקען שטאַרקן אָקאָוויט און געזוכט אַן

עצה קעגן דעם אומברחמנותדיקן געזעץ. עס זענען געווען אַזעלכע ווילדע יונגען, וואָס האָבן געוואָלט דערמאָרדן דעם אַלטן שופט. אַנדערע האָבן נישט געוואָלט פאַרגיסן קיין בלוט, אָבער איינשטימיק זענען געווען אַלע: דאָס דאַרף איז אין אַ גרויס געפאַר, ווייל ווער וועט אַרבעטן ביי דער באַלעבאַטישקייט, אויב עס וועלן אויספעלן פרויען? די הײם וועט אויפ־הערן צו זיין אַ היים, מענער וועלן זיך לאָזן זוכן פרעמדע ווייבער, ווייל עס איז דאָך קלאָר, אַז איין נקבה איז נישט אימשטאַנד צו באַפרידיקן אַלע גיריקייטן און לײדנשאַפטן פון אַ מאַנצביל. און איז דען מעגלעך, אַז איין פרוי זאָל באַוויזן צו טאָן אַלץ, וואָס עס פאַרלאַנגט זיך ביי די קינדער און ביי דער באַלעבאַטישקייט? מיט גרויס רחמנות האָט מען גע־קוקט אויף די יונגע כלה־מיידלעך: וואָס וועלן זיי מיט זיך טאָן, וועלכער גורל דערוואַרט זיי, אויב אויף איין מאַן וועט צופאַלן נישט מער ווי איין ווייב? געוויינט האָבן זיי ביטער, די פרויען און די מיידן, באַשיט די קעפּ מיט אַש און אָנגעפילט דאָס דאָרף מיט טרויער.

דער אַלטיטשקער געזעצגעבער איז אָבער געווען איינגעשפּאַרט און דאָס געזעץ זיינס איז פאַרבליבן הייליק. און ערשט נאָך אַ צייט האָט זיך באַשטעטיקט זיין חכמה: מענער האָבן מער ווי פריער געשוינט זייערע ווייבער, די ווייבער האָבן זיך מער ווי פריער באַמיט געטריי צו זיין, אַ ליבער שלום האָט איצט געהערשט אין יעדן הויז, און אַלע האָבן זיך מיט דעם נייעם לעבן זייער געפרייט. אַלע זענען געווען גליקלעך און צופרידן.

עס איז אויך כדאי דאָ צו דערמאָנען, אַז דער אַלטער שופט האָט פאַרטריבן פון דאָרף פיל געטער און גייסטער, אין וועלכע די אָרטיקע באַפעלקערונג האָט זינט דורות געגלייבט און צו וועלכע יעדער האָט דאָ גערן מתפּלל געווען. מיט פיל מי האָט ער געגעבן צו פאַרשטיין און געווי אויפגעקלערט, אַז די הילצערנע געטער און דעמאָנען זענען נישט מער ווי סימבאָלן פון מענטשלעכער טונקלקייט, סימבאָלן פון פאַנאַטיש־קייט, מיט וועלכע די היינטצייטיקע מענטשן דאַרפן זיך שעמען.

אין ניין און דרייסיקסטן יאָר פון זיין ממשלה האָט ער געמאַכט אַן איבערקערעניש אין דעםווירטשאַפטלעכן לעבן פון דאָרף: אין זיין געניאַלן מוח האָט זיך געשאַפן אַ געדאַנק וועגן אַרויסברענגען אַ פונק פון פייער נישט דורך רייבן צוויי שטיקער טרוקן האָלץ, נאָר דורך רייבן צוויי שטיינער. נישט צו מיר געהערט דער עול פון זוכן דעם קוואַל פון דער דאָזיקער דערפינדונג. מיין פליכט איז פעסטצושטעלן, אַז דווקא ער

און נישט קיין אַנדערער, האָט די דאָזיקע דערפינדונג דערפירט צום טאָג טעגלעכן געברויך. עס איז נישט אויסגעשלאָסן, אַז דער אַלטער שופט האָט געפונען אַ שפּור פון דער דאָזיקער דערפינדונג אין די פאָלקסטימלעכע באַלאַדן און דערציילונגען, וואָס די וואַנדערנדיקע בלינדע בעטלערס פלעגן זיי דערציילן אין ווינטערדיקע לאַנגע נעכט ביים שיין פון שייטער. בלי ספק: אין חדש תחת השמש. די דאָזיקע דערפינדונג איז שוין באַקאַנט געווען מיט הונדערטער יאָרן צוריק, נאָך איידער די מלחמית האָבן פאַרניכטעט אַ סך דערגרייכונגען פון מענטשישן גייסט. נישט געקוקט דערויף האַלט איך, אַז די פאַרדינסטן פון קלוגן שופט זענען אויך אויף דעם דאָזיקן געביט גרויסע און וויכטיקע.

טאָג טעגלעך פלעגן צו אים איילן די מענטשן פון די הויכע בערג, זוכן אַן עצה אין דער שעה פון זאָרגן, זוכן אַ זיסע טרייסט אין שעה פון טרויער און אומעט. און ער האָט נישט געזשאַלעוועט קיין צייט, קיינעם נישט אָפּגעזאָגט, אויסגעהאָרכט יעדן איינציקן מיט געדולד און אין שווייגעניש, און ווען ער האָט שוין געזאָגט אַ וואָרט, איז עס געווען אַ ק ל ו ג וואָרט, ווייל געלעבט האָט ער לאַנג, געזען פיל, און דאָס לעבן איבערהזירט זיך, די זאָרגן און ליידן זענען שטענדיק די זעלבע, ענלעכע צו זיך, ווי טראָפּנס וואַסער אין טייך, ווי טראָפּנס טוי אויף די גרינע לאָנקעס פון די הויכע בערג.

און ער?

אין פערציקסטן יאָר פון זיין גליקלעכער הערשאַפט האָט ער די גאַנצע באַלעבאַטישקייט, די גאַנצע ווירטשאַפט, די שאָף און די בינשטאָקן איבערגעגעבן אין די הענט פון זיינע זין און טעכטער און אַליין האָט ער דערפילט דעם זיסן טעם פון זאַטן עלטער און פון פאַרדינטן אָפּרו. יעדן אינדערפרי פלעגט ער פאַרלאָזן די שטוב, מיט אַ לאַנגזאַמען שפּאַציר איז ער געגאַנגען אַרויף, צו דעם הויכן באַרג, פון וועלכן מען האָט געזען די וועלט העט־העט ווייט ביז צו די ווייסע נעפלען, וואָס האָבן געשוועבט אַרום דעם גרויסן אומבאַקאַנטן ים, וו עס האָבן געשווומען שיפן מיט ווייסע און ראָזעווע זעגלען. שיין איז געווען די וועלט, ווען מען האָט אויף איר געקוקט פון שפּיץ באַרג. טייכן ברייטע און טיפע האָבן זיך געשלענגלט און עס האָט זיך אויסגעוויזן פון דער ווייט, אַז שמאָל זענען זיי ווי אַ וואָלענער פאָדים, ווי גרויסע שוואַרצע בערן האָבן אויסגעזען די אַלטע סאָסנאָווע וועלדער, נידעריקער אין די סאַמע טאָלן האָבן זיך געווייסלט די בערעזעס, אויף די געשמאַקע זיסע לאָנקעס האָבן די פּאַס־

טעכער געפּאַשעט זייערע שאָף און ציגן, פון די דאָרפישע הייזער האָט זיך דערהויבן און געשלענגלט אַ רויך און דער ווינט האָט געטראָגן דעם גערוך פון געשמאַקע מאכלים, און צווישן די ביימער און אויף יעדער טריט און שריט האָט זיך געראָיעט און געמערט דאָס לעבעדיקע לעבן, מענטשן און פייגל, חיות און בהמות — די וועלט איז געווען פול מיט פרייד און פול מיט געטלעכער חכמה, פריילעך האָט געקלאַפּט דער דופק פון דער וועלט.

און איינמאָל, ווען דער אַלטער מאַן איז אַזוי געשטאַנען אַ פאַרטראַכטער, האָט ער פּלוצים דערהערט קלאַנגען פון מוזיק — עס זענען צו אים דערגאַנגען טענער פון פידלען און פון פויקן, עמעץ האָט געפּאַטשט אין די הענט, פרויען האָבן געזונגען און דער אַלטער שופט האָט דערפילט אַן אומרו, ער האָט דערהערט און דערקענט דעם ניגון פון יענע געצנדינערישע תפילות, וואָס אמאָל, מיט יאָרן צוריק, פלעגט מען זיי דאָ אין דאָרף זינגען לכבוד די געטער און גייסטער, אין יענע יאָרן, ווען דער שופט איז נאָך געווען אַ יונגער מענטש. זינט דעמלט האָט זיך אָבער עפּעס וואָס געענדערט אויף דער וועלט, ער אַליין, דער שופט, האָט די געטער און גייסטער פאַרטריבן פון דאָרף און אָט הייַנט, נאָך אַזויפיל יאָרן, הערט ער ווידער דעם געזאַנג און די מוזיק פון די אַלטע געצנדינער.

ער האָט זיך געלאָזט גיין אַהיים, געלאָפן איז ער, פלינק האָבן זיך באַוועגט זיינע באָרוועסע פיס און פאַרהאַלטן האָט ער זיך ערשט נאָענט ביי דער שטוב, דאָרט, ווו דורך דער געדיכטעניש פון געוויקסן האָט מען געזען וואָס עס קומט פאָר אין דאָרף.

אויף דעם פּלאַץ, ווו עס פלעגן געוויינלעך פאָרקומען די פאָלקספאַרזאַמלונגען און פאַרווײלונגען, איז געשטאַנען אַן עולם פון זקנים און פרויען, אויך קליינע קינדער האָט מען דאָ געבראַכט צו פירן, און אויף אַ בכבודיק אָרט איז געשטאַנען זיין דענקמאָל, אַ דענקמאָל פון אַלטן שופט, אַ דענקמאָל אויסגעשניצט אויף אַ שטיק טרוקן באַרן־בוים. און אַ פייער האָט געפלאַקערט פאַר דעם דענקמאָל, און אַן אַלטער כישוף־מאַכער האָט זיך אָנגעבויגן איבער אַ יונג שעפעלע, אַ קרבן האָט ער געבראַכט, און געשטונקען האָט אין דער לופט דער געשטאַנק פון ברענענדיקן האָניק און פון ווייַרויך. מען האָט אַרויסגעפירט אויפן פּלאַץ עמלעכע קראַנקע און קאַליקעס. דער המון האָט זיך געוואָרפן אויף די קניען, געגומען מתפלל זיין און אַרויסרופן דעם נאָמען פון אַלטן שופט.

און ער, דער פֿאַרגעטערטער שופט איז געשטאַנען אין דער געדיכטעניש פון גאָרטן, אַ פֿאַרשעמטער, קיינער האָט אים נישט באַמערקט, און ביטער איז אים געווען און טרויעריק, ווייל אַ פֿאַרשפּילטער האָט ער זיך דערפילט, אַ שוואַכער. האָט ער זיך דערפילט, אַלט איז ער שוין געווען און קיין כוח נישט געהאט נאָך איין מאָל אוועקשטעלן זיך צום קאַמף מיט די אַלטע גלויבנס.

דער עולם האָט הויך און זינגעוודיק מתפּלל געווען און דער שופט האָט שטיל געוויינט, ווייל פֿאַרשטאַנען האָט ער, אַז אויסגעשלאָגן האָט שוין זיין שעה, אַז ער טאָר שוין איצט נישט צוריקקערן זיך אין זיין שטוב און צו זיינע קינדער, ווייל אַ גאָט האָט מען פון אים געמאַכט. און ער האָט דאָך נישט געוואָלט זיין מער ווי אַ פֿאָטער און אַ שופט, אַ פּשוטער בשר ודם איז ער דאָך געווען און נישט קיין גייסט פון די פינצטערע ווייבערישע גלויבנס.

מיט דער זעלבער סטעזשקע האָט ער זיך ווידער געלאָזט באַרג אַרויף. ער האָט באַרואיקט אין זיך דעם אומעט און דעם טרויער. אַלץ גיכער און גיכער האָט ער זיך דערווייטערט פון דער שטוב, און פון דאָרף. ער האָט נאָך נישט געפילט קיין מידקייט, פֿאַרקערט, עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז וואָס מער ער דערווייטערט זיך פון יענעם געזאַנג, אַלץ יינגער און שטאַרקער ווערט ער. ער איז פֿאַרביי די לאָנקע, ווו עס האָבן זיך געפּאַשעט די שעפעלעך, באַגריסט זיך פריינטלעך מיט דעם פּאַסטעך, וועלכער האָט געשפּילט אויף אַ בערעזעווע פייפעלע, און געגאַנגען אַלץ העכער און העכער, צו דעם טונקעלן סאָסנאָוון וואַלד, וואָס זיין רוקן איז ענלעך געווען צום רוקן פון אַ גרויסן בער.

פֿאַרנאַכט איז ער שוין געווען מיד. מיד, אָבער אַרומגענומען האָט אים אַן אינערלעכע געבענטשטע רו. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אונטער אַ בוים אויף דעם סאַמעטענעם ווייכן מאָך, דאָס געזיכט האָט ער צוגעדריקט צו דער ערד. אַ זיסע מאַכטלאָזיקייט האָט ער דערפילט אין די גלידער.

ער האָט צוגעמאַכט די אויגן און נאָך איידער ער איז אַנטשלאָפן געוואָרן, האָט ער מיט גרויס בענקשאַפט אַ טראַכט געטאָן וועגן דעם אויפגאַנג פון דער זון און וועגן דעם שיינעם מאָרגנדיקן טאָג, וואָס וועט קומען פאַר אַלע לעבעדיקע...

קאָבילאַרסקי און דער רופא

קאָבילאַרסקין האָט קיינער נישט געזען, אָבער יעדער איינוווינער פון שטעטל, אפילו יעדעם קינד האָט געהאַלטן, אַז ער ווייסט וויאַזוי דער דאָזיקער געהיימנישפולער מענטש זעט אויס.

לויט אייניקע איז קאָבילאַרסקי געווען אַ נידעריקער, אַ ברייט־פלייציקער, אַ הינקענדיקער אויף איין פוס און דאָס לינקע אויג האָט ער געהאַט שטענדיק פאַרבונדן מיט אַ שוואַרץ טיכל.

לויט אַנדערע — אַ הויך־געוואָקסענער שיינער פאַרשוין, מיט אַ גלעזערנעם מאָנאָקל אין אויג, מיט אַ גאָלדענעם האַנט־זייגער, וואָס איז געווען אַזוי שווער, אַז מען האָט מיט אים געקאָנט הרגענען אַן אָקס. מען האָט אויך געזאָגט, אַז ער איז אַ מענטש מיט בילדונג, טראָגט שטענדיק ווייסע הענטשקעס, אַ ווינער דענטע־קאַפעליוש און רויכערט גראָבע קובאַ־ציגאַרן. מיט יאָרן צוריק זאָל ער האָבן געווען אַ ריכטער, צי אַן אַדוואָקאַט, שפעטער האָט ער זיך אַנטוישט אין דער גערעכטיקייט פון דער וועלט, איז אַנטלאָפן פון דער גרויסער שטאָט און פון רייכן לעבן און האָט זיך באַזעצט אין דער טיפעניש פון די וועלדער. אין דער קעשענע האָט ער שטענדיק מיט זיך אַ פיסטויל, און ווי צו דעם מענטשן, וואָס דער דאָזיקער פיסטויל איז צו אים אויסגעמאָסטן.

אָבער עס זענען געווען אויך אַזעלכע, וואָס האָבן געזאָגט, אַז די דאָזיקע אַלע ידיעות זענען נישט מער ווי איין גרויסער ליגן, אַז עס איז אַ סוד פאַר גאַנץ בראָד, אַז קאָבילאַרסקי איז קיינמאָל נישט געווען קיין ריכטער און אויך נישט קיין אַדוואָקאַט, נאָר אַ זון פון אַן אונגאַרישער פרינצעסין, וועלכע האָט זיך פאַרליבט אין אַ קאַטוילישן גלח.

אין בית המדרש ווידער און אין באָד האָט מען דערציילט, אַז קאָבילאַרסקי שטאַמט פון רוסישע צאַרישע גענעראַלן. ער איז אַ גרויסער

פאַרברעכער, דעם אייגענעם פאָטער האָט ער געהרגעט, אַ פאָטער־מערדער איז ער און בלויז צוליב אַ צופאַל איז ער באַגנעדיקט געוואָרן שוין אין דער לעצטער מינוט, ווען ער איז שוין געשטאַנען אונטער דער תליה.

נאָר אַלץ, וואָס מען האָט וועגן דאָזיקן קאָבילאַרסקין דערציילט, איז נישט געשטויגן און נישט געפלויגן. אמת איז, אַז אין דער געגנט האָט זיך אַרומגעבלאָנקעט עפּעס אַ פאַרשלעפּטע קרענק, אַן אויסוווּרף, וואָס פלעגט ביי די פויערים גנבענען, ווי אַ האָן אָדער אַ הינדל, ערגעץ אַנדערש אַ לאַבן ברויט. אמת איז אויך, אַז פון צייט צו צייט פלעגט מען אין די וועלדער עמעצן באַרויבן, עמעצן הרגענען און קיינער האָט נישט געוווּסט, ווער עס איז דער מערדער.

נאָר די פאַנטאַזיע פון פשוטע מענטשן איז אָפּט ענלעך צו דער פאַנטאַזיע פון קינדער:

— קאָבילאַרסקי? קאָבילאַרסקי רויבט נישט ביי קיין אָרעמע לייט, קאָבילאַרסקי הרגעט נישט קיין אָרעמע מענטשן...

פּונקט ווי עס וואָלט געווען וואָס צו רויבן ביי אַן אָרעמאַן. פּונקט ווי עס וואָלט געווען פאַרוואָס צו הרגענען אַן אָרעמאַן...

— קאָבילאַרסקי נעמט ביי רייכע און באַשענקט די אָרעמע. קאָבילאַרסקי האָט אַ האַרץ פאַר יתומים און פאַר אלמנות און בכלל פאַר מענטשן שווער געפּרוּווטע און אומגליקלעכע.

איז קלאָר און פאַרשטענדלעך, אַז די פּאָליציי האָט קיינמאָל נישט געקאָנט קומען אויף קאָבילאַרסקיס שפּורן. דאָס האָבן שוין די אָרעמע פויערים, די באָרוועסע האָרעפּאַשניקעס באַמיט זיך, אַז קאָבילאַרסקי זאָל נישט אַריינפאַלן אין פיינטלעכע הענט.

יש אומרים, אַז דער דאָזיקער געפערלעכער באַנדיט פאַרמאָגט אַ פּרעכטיקן אַראַבישן פערד, אַ פערדל אַן אַנטיק, און פון יעדער געפאַר איז ער בכוח אויף דעם דאָזיקן פערד צו אַנטלויפן.

אין דער ווירקלעכקייט אָבער האָט קיינער קאָבילאַרסקין נישט געזען, נישט אַ רייטנדיקן אויפן פערד און נישט צופוס. בכלל איז עס נישט געווען קיין זיכערע זאַך, צי דער דאָזיקער קאָבילאַרסקי לעבט. אפילו דער פּאָליציי־קאָמענדאַנט איז נישט געווען איבערצייגט אין קאָבילאַרסקיס עקזיסטענץ.

און דאָך איז קאָבילאַרסקי ג ע ו ע ז, ער האָט עקזיסטירט, און נאָר איין און איינציקן תושב פון שטעטל איז אויסגעקומען צו זען קאָבילאַרסקין און צו רעדן מיט אים פנים אל פנים.

דער איינציקער מענטש, וואָס האָט געהאַט דעם כבוד צו רעדן מיטן דאָזיקן סודותפולן פּאַרשוין, איז געווען משה דער רופא, אַ ייִד אין די עלטערע יאָרן, מיט פלאַמענדיקע רויטע האָר און מיט אַ לאַנגער באָרד, וועלכע איז געווען ברייט און פּינקטלעך ווי אַ רייז-בעזים. משה דער רופא, אָדער ווי מען פלעגט אים רופן, דער רויטער משה, איז געווען אַ הויכער און ברייטפּלייציקער, זיין פעסטע געשטאַלט האָט געוועקט צוטרוי ביי יעדן קראַנקן, מען האָט געוווסט, אַז ווען דער רויטער משה לאָזט וועמען אָפּ דאָס שלעכטע בלוט, ווערט דער קראַנקער באַלד געהאָלפן, אפילו ווען מען האָט צו טאָן מיט אַ לונגען-אָנצינדונג אין ביידע זייטן און מיט אַ שטעכעניש דערצו.

דער רויטער משה האָט געהאַט אַ שם אין דער גאַנצער געגנט. פון אַלע אַרומיקע שטעט און שטעטלעך פלעגט מען קומען צו ר׳ משהן אַרויסרייסן קראַנקע ציין. יעדער חולה האָט געהאַט הרד ארץ פאַר זיין ריזיקע געשטאַלט און קיינער האָט נישט געוואַגט צו קרעכצן אָדער צו שרייען, ווען דער רופא איז געווען פאַרנומען מיט זיין אַרבעט. און אויב עס האָט זיך ווען געטראָפן אַ נישט דערפאַרענער, וואָס האָט גע-האַט צו ווייניק געדולד אָדער צו ווייניק גוטע זיטן, האָט שוין דער באַרימטער רופא געוווסט, וויאַזוי אים צו באַרואיקן:

שרייסט? פאַרוואָס שרייסטו? עס איז דאָך ערשט איין צאָן, וואָס כ׳האָב דיר אַרויסגעריסן, און דיר האָט זיך שוין פאַרגלוסט צו שרייען. אַהאַ, איך פאַרשטיי. דו שרייסט, ווייל דאָס איז נישט געווען דער קראַנקער צאָן. מילא, שריי נישט, איך נעם זיך שוין צום צווייטן. נאָר שריי נישט, ווייל איך ווער נערוועז פון דיין געשריי, און אויב איך וועל חס ושלום ווערן נערוועז, קאָן איך דיר אַלע ציין אַרויסרייסן, און וועסט מיר מוזן באַצאָלן פאַר יעדן איינציקן צאָן באַזונדער.

אַזאַ איז ער געווען דער באַרימטער רופא, דער רויטער משה מיט דער לאַנגער באָרד ווי אַ רייז-בעזים.

און איינמאָל, אין אַ טונקעלער נאַכט, ווען אינדרויסן האָט געוואָיעט אַ זאַווערוכע, האָט עמעץ אָנגעקלאַפּט אין דער טיר פון רויטן משה — צוערשט שטיל, שעמעוודיק, און שפּעטער פעסטער, אומגעדולדיק.

אין פענצטער איז געשטאַנען אַ חשכות, דער ווינט האָט געקרעכצט אין קוימען, עס האָט געגאָסן אַ געדיכטער רעגן, אַ מבול איז געווען אינדרויסן.

ר' משה האָט אַרויסגעצויגן אויף זיך די מכנסים, אָנגעצונדן אַ שטיקל ליכט און איז געגאַנגען עפענען. און עס איז אים אפילו נישט איינגעפאַלן צו פרעגן, ווער עס קלאַפּט אין דער טיר, ער האָט זיך געקאָנט משער זיין, אַז אין דער דאָזיקער שעה און ביי אַזאַ וועטער גייט מען נישט צום רופא צוליב פאַרגעניגן. אין אַזאַ צייט קומט מען צום רופא, ווען די יסורים דריקן שוין גוט צו, אָדער ווען מען זעט שוין דעם מלאך־המות פאַר די אויגן.

ער האָט געעפנט. אַ קעלט און אַ ווינט האָבן זיך אַריינגעריסן אין דער שטוב, און צוזאַמען מיט דער קעלט איז אויך אַריינגעקומען אַ בידערייק מענטשל, נאַס פון רעגן און ציטערנדיק פון קעלט.

דער בעל־הבית האָט העכער אויפגעהויבן דאָס ליכטל און האָט נייגעריק באַטראַכט דעם שפּעטן גאַסט.

דער פרעמדער — ווייל געווען איז עס אַ פרעמדער, דער רופא האָט אים קיינמאָל פריער נישט געזען — איז געווען אָנגעטאָן אין אַ לאַנגער און ברייטער קאַפּאָטע, אין צעריסענע שיך, וואָס זענען געווען צוזאַמענגעצויגן מיט שטיקלעך דראָט; אונטער דעם צעפליקטן און צעקנייטשטן קאַפּעליוש האָט געשטעקט אַ נידעריקער שטערן, צוויי קליינע אומרואיקע אויגעלעך און אַ דאַר באַוואָקסן געזיכט פון אַן עלטערן מענטש, פון אַן עלטערן פויער — אַ געל, שמוציק געזיכט, וואָס איז געווען אַרומגעבונדן מיט אַ געבלימלט טיכל. אויפן האַלדז האָט זיך געזען אַ שוואַרץ שטריקעלע, אויף וועלכן עס איז געהאַנגען אַ קליין צלמל.

— דזשען דאָברי! — האָט זיך אָנגערופן דער רופא — אַ רוח אין מיין גאַסט אַריין. וואָס איז דיין באַגער, מיין זון? וואָס טוט דיר וויי? אפשר ווילסטו איך זאָל דיר מאַכן אַ העגער? און אפשר איז דיין זינדיק לייב קרעציק געוואָרן?

— די ציינער — האָט געזאָגט דאָס קליינע מענטשעלע — די ציינער טוען מיר וויי...

— זאָלסט קיינמאָל נישט וויסן וועגן קיין שום ערגערע יסורים, מיין זון... — האָט אים געטרייסט דער רופא — צוליב איין פאַרפוילטן צאָן, האָסטו מיך אויפגעוועקט פון שלאָף?

— צוויי — האָט אויסגעשטאַמלט דער פּאַציענט און אויפגעהויבן צוויי פינגער — צוויי ציינער.

— האָסט מיך נישט באַדאַרפט וועקן, כאָטש עס מאַטערן דיך צוויי ציינער. — האָט רואיק באַלערנט דער רויטער משה — גאָט האָט באַשאַפן די נאַכט, בכדי מענטשן זאָלן קאָנען זיך אויסשלאָפן, און איך בין אויך אַ מענטש. אַן אַנדערע זאַך וואָלט געווען ווען דו ביסט חס־ושלום אין יענע אומשטענדן, און ווען עס וואָלט אין שטעטל נישט געווען קיין חיבאם. מילא, אין אַזאַ פאַל וואָלסטו צו מיר געמעגט קומען אפילו ביינאַכט.

— עס טוט וויי — האָט זיך געבעטן דאָס קליינע מענטשעלע.

— דאָ, אין מיין שטוב איז נאָך נישט פאַראַן קיין עלעקטריש ליכט. און ביי אַזאַ ליכטל ווי דאָס, וואָלט איך אפילו קיין הונט נישט אַרויס־געריסן קיין צאָן. אויב ווילסט הוילא, איך זאָל דיך היילן ביינאַכט און נישט ביי טאָג, טאָ קום אין צוואַנציק יאָר אַרום. דעמלט וועט שוין אין אונדזער שטעטל, אין יעדער שטוב זיין עלעקטריש ליכט. און דערווייל... דערווייל גיי שלאָפן און זאָל גאָט דיר צושיקן גוטע און זיסע חלומות. מיין ליכטל גייט שוין אויס און קיין שטיקל לבנה זעט מען נישט, ווייל עס איז סוף חודש. אַדיע, מיין יונגער מענטש מיט אַן אַלט געזיכט!

דער בעל־הבית האָט געוואָלט עפענען די טיר און אַרויסלאָזן דעם גאַסט, אָבער פּלוצים...

דער קליינער פאַרשוין האָט אַראָפּגעריסן דאָס טיכל פון פּנים און אין זיין האַנט האָט זיך באַוויזן אַ פיסטויל.

— רענצע דאָ גורי! — האָט אויסגעשריגן דער פּאַציענט.

ר' משה דער רופא איז געווען מער פאַרחידושט, ווי דערשראָקן: אַזאַ שלים מזל און פאַרמעסט זיך אויף אַ מענטש מיט אַ פיסטויל...

אַ ווײַלע זענען זיי ביידע געשטאַנען אַנטקעגן זיך, ווי צוויי האָ־נער. אַ קליין מענטשעלע, אַ בעל הבר מיט אַ פיסטאָלעט, און דער הויכער ברייטפּלייציקער ייד.

— שרעקלעך טוען זיי מיר וויי — האָט זיך געקלאָגט דער אייגנ־טימער פון די קראַנקע ציינער — זיי טוען מיר אַזוי וויי, אַז איך ווער משוגע. איך בין אימשטאַנד צו הרגענען אַ מענטשן, אַזאַ ווייטיק איז עס. אפשר וואָלט איר מיר כאָטש איין צאָן אַרויסגעריסן, האַ?

— קיינמאָל רייס איך נישט איינציקווייז. אויב איך רייס שוין, איז צוויי מיטאַמאָל.

— איז דאָך גוט — האָט זיך דערפרייט דער לײדנדיקער — נו, מאַ נעמט זיך צו דער אַרבעט. ווייל אויב ניט, וועל איך שיסן.

— קודם לייג אַוועק די ביקס! — האָט געזאָגט דער רופא—אזעל־בע מכשירים ווי אַ ביקס, האָב איך זייער פיינט. ווען איך זע אַזאַ מאַ־שין, פאַל איך אַריין אין אַ פּחד און דערמלט קאָן איך באַגיין אַ טעות און אַנשטאָט די ציינער, קאָן פּאַסירן, אַז איך וועל דיר אַרויסרייסן די צונג און וועסט אפילו ניט האָבן מיט וואָס זיך צו באַקלאָגן.

ער האָט ווידער אַ קרעכץ געטאָן און געהאָרכזאַם באַהאַלטן דעם פּיסטאָלעט.

— און איצט זאָג מיר ווער דו ביסט און וויאַזוי דו הייסט — האָט געפרעגט דער רופא.

דער מענטש מיט די קראַנקע ציינער האָט זיך מאַכטלאָז אַוועקגע־זעצט אויפן בענקל. דער רופא האָט אָנגעצונדן אַ קליין ספּירט־לעמפּל, אַרויסגעשלעפּט אַ טאָפּ מיט וואַסער און אַריינגעלייגט דערין צוויי גרוי־סע דענטיסטישע צוואַנגען.

— נו? — האָט ער איבערגעחזרט די פראַגע: וועל איך געוווי וערן, וויאַזוי דו הייסט, צי ניט?

— קאָבילאַרסקי — האָט געענטפערט דער חולה און אונטערגע־שטראָכן מיט גאווה: דאָס בין איך קאָבילאַרסקי...

— קאָבילאַרסקי, קאָבילאַרסקי... — האָט איבערגעחזרט דער באַ־רימטער רופא און דענטיסט — איך קען דיך ניט.

— וואָס? — האָט אויסגעשריגן דאָס מענטשעלע — איר קענט מיך ניט? ניט געהערט ווער איך בין?

— אפילו אין חלום האָב איך וועגן דיר ניט געהערט.

— אפילו אין חלום — האָט איבערגעחזרט קאָבילאַרסקי און זיין נעבעכדיק איבערגעשראָקן געזיכט האָט אַ ציטער געטאָן. מיט ווייטיק און אַנטוישונג האָט ער שטיל געפּליסטערט: ניט געהערט. ווייסט אפילו ניט ווער דאָס איז קאָבילאַרסקי...

— ניין, איך ווייס ניט. איך ווייס בלויז, אַז ביסט ניט קיין גוטער מענטש. עס שיינט דיר ניט קיין גוטס אויס די אויגן. און דערצו שרעקסט דו מיך מיט אַ ביקס.

— אַ גוטער מענטש? — האָט אויסגעשריגן קאָבילאַרסקי — איך בין ניט קיין גוטער מענטש. איך בין אַ באַנדיט. אויב איך וועל וועלן, שיס איך דיך באַלד, ווי מען שיסט אַ הונט.

— אויב וועסט וועלן. אָבער דו וועסט נישט וועלן.

— פון וואַנען ווייסט איר, אַז איך וועל נישט וועלן?

— איך בין זיך משער. — האָט רואיק געזאָגט ר' משה און גענומען זיך צו דער אַרבעט. ער האָט פון צווייטן צימערל אַריינגעבראַכט אַ נאַפט־לאָמפּ, אויסגעפּוצט דאָס גלעזל, און אָנגעצונדן. אין שטוב איז געוואָרן ליכטיקער. אַ ווייס סערוועטל האָט ער אַרומגעבונדן אַרום קאָבילאַרסקיס האַלדז.

— עס וועט ווי טאָן? — האָט נערוועז געפרעגט דער פּאַציענט און האָט אַ ציטער געטאָן, זעענדיק פאַר זיך די דענטיסטישע צוואַנג.

— מאַך אויף — האָט באַפוילן דער רופא — מאַך אויף דאָס שטינקנדיקע מויל, וואָס האָט קיינמאָל נישט דערפילט דעם טעם פון אַ ציין־בערשטל.

ער האָט דערנענטערט די צוואַנג צום צאָן, אָנגעכאַפּט דעם דאָזיקן צאָן און צוגעדריקט. קאָבילאַרסקי האָט געקרעכצט. דער דענטיסט האָט נישט געזשאַלעוועט קיין כוח, עס האָט געקאָנט דאַכטן, אַז ער וויל גאָר נישט אַרויסרייסן דעם קראַנקן צאָן, נייערט ער וויל אים אַריינדריקן טיף אין די יאַסלעס, אַז עס זאָל פון אים קיין שפּור נישט פאַרבלייבן.

קאָבילאַרסקי האָט שוין נישט געקרעכצט. געשריגן האָט ער איצט, געברומט ווי אַ לייב און געטאָפּטשעט מיט די פיס. דער רופא האָט אויף אַ ווײַלע איבערגעריסן זיין אַרבעט.

— פאַרוואָס ברומסטו? — האָט ער רואיק געפרעגט — האָסט געזאָגט, אַז ביסט אַ באַנדיט, און דערווייל פירסטו זיך אויף ווי אַן אַלטע יידענע. זע נאָר, ווי ער שרייט, דער שיינער יונגערמאַן מיינער, א רוח אין זיין מערדערישער נשמה, נו? עס טוט וויי?

קאָבילאַרסקי האָט נישט געקאָנט ענטפערן, די שטאָלענע צוואַנג האָט אים געשטעקט אין מויל, ער האָט געהאַט אַ פול מויל מיט סליונע און בלוט. ווידער האָט ער אַרויסגעצויגן דעם רעוואָלווער און פאַרמאָסטן זיך אויפן רופא.

דער רויטער משה האָט אויסגעצויגן די לינקע האַנט און רואיק באַפוילן:

— גיב!

קאָבילאַרסקי האָט אַרויסגעלאָזט דעם פּיסטויל פון דער האַנט.

— אָט אַזוי — האָט זיך צעלאַכט דער ייד — און אָט האָסטו דיין צאָן...

קאַבילאַרסקי האָט אָפּגעאָטעמט און געוואָלט אָפּנעמען דעם פּיס-טאָלעט.

— נישט רירן! — האָט שטרענג געזאָגט דער בעל הבית און קאַבילאַרסקי האָט זיך שנעל צוריקגעצויגן.

— א צאָן ארויסרייסן איז א גרויסע זאַך — האָט זיך פאַרטראַכט דער רויטער משה — עס טוט ווײ, האַ? און שיסן צו אַ מענטש טוט נישט ווײ? צו דעם ביסטו גרייט. און אפשר ביסטו אײנער, אַזאַ צאַר-טער פּריץ, נאָר דיר טוט ווײ, און יענעם נישט? נו, פאַרוואָס ענטפערסטו נישט? וועגן לא תרצח האָסטו מסתמא קיינמאָל נישט געהערט...

קאָבילאַרסקי איז געזעסן אַ דערשראָקענער, נישט געוווסט וואָס צו ענטפערן.

— דער צווייטער צאָן טוט ווײ...

— טאַקע? — האָט גלייכגילטיק איבערגעפרעגט דער רופא.

— אפשר וועל איך באַצאָלן — האָט פאָרגעלייגט דער פּאַציענט — איך וועל באַצאָלן.

און האָט גענומען זוכן אין די טאַשן פון דער קאַפּאָטע.

— פון דיר וויל איך נישט קיין געלט. איך וועל ביי דיר צונעמען דעם רעוואָלווער!

— וואָס? דעם רעוואָלווער? — האָט קאָבילאַרסקי אויסגעשריגן — וואָס וועל איך טאָן אָן דעם רעוואָלווער? עס איז דאָך מיין ברויט.

— אַהאַ! וועסט נישט האָבן מיט וואָס צו הרגענען...

— איך וועל אפילו נישט האָבן מיט וואָס איבערצושרעקן וועמען.

— שרעקן קאָן מען אפילו מיט אַ ציבוק פון דער ליולקע. אָבער איין מענטש דאַרף נישט שרעקן דעם צווייטן. נו? וועסט געבן דעם רעוואָלווער? אויב נישט, רייס איך נישט דעם צווייטן צאָן.

דאָס קליינע מענטשעלע האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, ער האָט זיך אונטערגעגעבן, דערשראָקן זיך פאַר דעם דאָזיקן גרויסן געלן ייִד, וואָס זיין שטימע האָט געהילכט ווי אַ דונער און וואָס זיין באָרד איז געווען לאַנג און ברייט ווי אַ רייז-בעזים.

דער רופא האָט זיך גענומען צום צווייטן צאָן. און שוין האָט ער אים געהאַט, שוין האָט ער אויפגעהויבן די צוואַנג, אין וועלכער עס האָט געשטעקט אַ לאַנגער געלער צאָן מיט צוויי פאַרקרימטע וואָרצלען.

דער באַנדיט איז געווען גליקלעך.

— זאָל דיר גאָט באַצאָלן, פאַניע...

— אַ סוף, און איצט גיי מיין זון, גיי און זאָלן מיינע אויגן קיינ־מאָל מער נישט מוזן דיך אָנקוקן, נישט אין דער וואָר און נישט אין חלום.

ר׳ משה האָט גענומען דעם פּיסטאָלעט און אַרייַנגעוואָרפן אים אין עמער מיט אומרייניקייטן.

קאָבילאַרסקי האָט זיך אָפּגעזעגנט און איז פאַרשוווּנדן אין דער נאַכט.

דער רופא האָט אויפגערוימט די מכשירים. ער האָט זיך אַוועקגע־זעצט בייַם טיש און זיך פאַרטראַכט. באַלד האָט ער אָנגעהויבן גענעצן, אַ שלעפעריקייט האָט אים אַרומגענומען, ער האָט שוין געוואָלט פאַר־לעשן דעם לאָמפּ און צוריק לייגן זיך אין בעט אַריין. ער האָט אָבער נישט באַוויזן. ווידער האָט ווער געקלאַפּט אין דער טיר.

— דאָס בין איך — האָט זיך דערהערט קאָבילאַרסקיס שטימע — עפּעס האָט זיך מיר דערמאָנט...

דער רויטער משה האָט ווידער גענומען אין דער האַנט אַרייַן די שווערע דענטיסטישע צוואַנג און האָט געעפנט די טיר.

קאָבילאַרסקי האָט גוטמוטיק געשמייכלט.

— נאָך איין צאָן? — האָט געפרעגט דער ייִד.

— ניין — האָט זיך צעלאַכט דער גאַסט — איך האָב זיך דער־מאָנט, אַז איך האָב אין דעם בוזים־טאַש עטלעכע קוילן צום פּיסטאָלעט.

— גיב אַהער —האָט שטרענג באַפוילן דער רופא און באַלד האָט ער געהאַט אין דער האַנט אַן אַלט פאַרזשאַווערט מאַגאַזין־בילד מיט קוילן. ער האָט עס פאַרזיכטיק צוגעטראָגן צום עמער מיט די אומרייניקייטן און אַרייַנגעוואָרפן דאָרט, וווּ עס איז שוין געלעגן דער פּיסטאָלעט.

— גוט האָסטו געטאָן. און איצט גיי. מיר וועלן זיך אַמאָל טרעפן, איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר, פאַר דעם בית דין של מעלה. נו, אויף וואָס וואַרטסטו?

— פאַניע — האָט געזאָגט דער קליינער קאָבילאַרסקי — עס איז נישט אַזוי, ווי מענטשן דערציילן. קאָבילאַרסקי האָט נאָך קיינעם נישט געהרגעט. איך קאָן אפילו נישט געהעריק דערשרעקן וועמען, ווייל שטענ־דיק ציטער איך אַליין, אַזאַ פּחדן בין איך.

— און דער רעוואָלווער?

— דער רעוואָלווער שיסט נישט. איך האָב אים בשעת דער מלחמה באַקומען פון איינעם אַ דעזערטיר. עס איז געווען אין יאָר 1915. דער רעוואָלווער איז שוין דעמאָלט געווען פאַרזשאַווערט און אַ פּרוזשינקע איז אין אים געווען קאַליע. אָבער וועגן דעם דאַרף קיינער נישט וויסן. מענטשן וואָלטן מיך אויסגעלאַכט, זיי וואָלטן פאַרלוירן דעם גאַנצן רעספּעקט פאַר קאַבילאַרסקין.

דער רוימער משה האָט אויסגעבראָכן מיט אַ גרויס געלעכטער, ער האָט אַזוי הילכיק געלאַכט, אַז די ווענט פון דער שטוב האָבן געציטערט. און אויך קאַבילאַרסקי האָט זיך אָנגעשטעקט מיטן דאָזיקן געלעכטער — ביידע זענען זיי אַצינד געשטאַנען אין מיטן דער נאַכט, אין דעם קליינעם שטעטל, וואָס איז געלעגן אין דער מיט פון דער וועלט — זיי האָבן געלאַכט און געהאַט האָבן זיי פון דאָזיקן געלעכטער אויגן פולע מיט טרערן, און דורך עטלעכע מינוטן האָבן זיי נישט געהערט דאָס וואָיען פון ווינט אינדרויסן, און נישט דאָס פּליוסקען פון רעגן אויף די שויבן פון פענצטער, און זיי האָבן אפילו נישט געהערט ווי די מייז טאַנצן אַרום אין די פינצטערע ווינקלען פון דער קאַלטער שטוב.

גנבים אין שטעטל

ווער עס שטאַמט פון אַ דאָרף, דער פאַרשטייט, סאַראַ איבערלעבעניש עס איז צו פאַרקויפן אַ בהמה, וואָס מען האָט זי אַליין געכאָוועט און וואָס מען איז צו איר צוגעווינט, ווי להבדיל, צו אַן אייגן קינד.

די קו, וועגן וועלכער איך וויל דאָ דערציילן, איז געווען אַ גוטע קו, זי האָט זיך גוט געמאָלקן, געגעבן א סך מילך, געהאַט א געזונטן אַפּעטיט, זי האָט נישט געשלאָגן מיט די הערנער און נישט געקאָפּעט, זי איז נאָך נישט געווען אַלט, זי האָט נישט געקרענקט. פאַרוואָס זשע האָט מען געדאַרפט פאַרקויפן אַזאַ טייער באַשעפעניש, אַזאַ דימענט? די זעלבע שאלה האָבן מיר געשטעלט דעם טאַטן, אָבער זיין באַשלוס איז געווען: הווקא פאַרקויפן.

— ווער האָט געזען, אַ באַלעבאָס זאָל פאַרקויפן אַזאַ גוטע בהמה — האָט געזאָגט די מאַמע — ס'האַרץ בלוטיקט מיר, ווען איך קלער וועגן דעם.

— גאַרישקייטן — האָט דער טאַטע געענטפערט — קיין חתונה האָב איך מיט איר נישט גענומען. מיר וועלן קויפן אַ שענערע קו, אַ בעסערע.

פאַרשטייט זיך, מיר האָבן געוווסט, פאַרוואָס דער טאַטע וויל פאַרקויפן אונדזער היימישע קו און קויפן אַן אַנדערע. דער טאַטע האָט ליב געהאַט שיינע בהמות און אונדזער קו איז נישט געווען קיין יפת־תואר. זי האָט געהאַט מיאוסע הערנער, און די גאַנצע וועלט ווייסט דאָך, אַז ביי אַ בהמה זענען די הערנער פונקט אַזוי וויכטיק, ווי ביי אַ מלכה די קרוין. איין האָרן, דעם רעכטן, האָט אונדזער קו געהאַט אַ לענגערן, דער צווייטער איז געווען אַ קורצינקער, מען האָט אים קוים געזען. איינער איז געווען פאַרדרייט מיטן שפּיץ אַרויף און דער צווייטער מיטן שפּיץ אַראָפּ. די שכנים אונדזערע פלעגן אונטערשמייכלען, זיי פלעגן אויסלאַכן די יידישע קו, און דער טאַטע האָט געהאַט דערפון גרויס עגמת נפש.

די גאַנצע מעשה צוזאַמען מיטביידע הערנער און מיטן פאַרקויף וואָלט נישט געלוינט צו דערציילן, ווען נישט דאָס גרויסע שלים=מזל, וואָס האָט מיט אונדז פּאַסירט באַלד נאָך דעם.

יאַרידים פלעגן פאָרקומען אין שטעטל יעדן מיטוואָך. און אָט, אין אַ געוויסן טאָג, און אויב איר ווילט וויסן גענוי, איז עס געווען דינסטיק פאַרנאַכט, האָט דער טאַטע אונדז צו וויסן געטאָן, אַז מאָרגן, ווי נאָר דער מאָרגנשטערן וועט זיך באַווייזן אויפן הימל, וועלן מיר גיין מיט דער אומגליקלעכער קו אין שטעטל אַריין.

די זומערדיקע נאַכט איז געשווינד פאַרביי און אין פענצטער האָט זיך באַוויזן דער פרישער קילער קאַיאָר. גיך האָבן מיר אָפּגעגעסן פרישטיק, די מאַמע האָט אַרויסגעשלעפּט פון שראַנק מיין יום=טובדיק מלבוש, אויך זיך אַליין האָט זי אָנגעטאָן אַזוי, ווי עס האָט געפּאַסט פאַר אַזאַ וויכטיק געשעעניש. די שיך האָט אונדז דער טאַטע אויסגעפּוצט און אויסגעשוואַרצט, דערנאָך האָט ער אין שטאַל באַטראַכט די בהמה פון אַלע זייטן און געפּוצט זי מיט אַן אייזערנעם בערשטל, זי זאָל האָבן אַ גלאַטיקע ריינינקע פעל —ער האָט זיך היינט געצאַצקעט מיט איר ווי מיט אַ כלה=מיידל פאַר דער חופּה. ער האָט איר געגעבן אַ סך צו פרעסן מען זאָל נישט דערקענען, אַז זי האָט אַן איינגעפאַלענעם בויך, און זאַלץ האָט ער איר צוגעשיט צום אָנבייסן, זי זאָל זיין דורשטיק און טרינקען וואָס מערער וואַסער.

ווען מיר זענען אָנגעקומען אין שטעטל אַריין, איז שוין דער יאַריד געווען אין פולן ברען. אויפן מאַרק=פּלאַץ איז געווען אַ גערודער און געשריי, און די בהמות האָבן געבעקעט און געברומט, עס האָט זיך געמאַכט, אַז מען האָט דאָ צוזאַמענגעטריבן אַלע קי פון דער גאַנצער וועלט, און אַלע פערד, און אַלע שטירן און אָקסן, און אַלע חזירים און קאָזעס און שאָף פון דער גאַנצער וועלט, און אויב נישט פון דער גאַנצער וועלט, איז פון גאַנצן פּאָוויאַט.

ווער איז דאָ אַלץ נישט געווען? פויערים פון די ווייטע דערפער אין דער טיפעניש פון די קאַרפּאַטן=בערג, באָרוועסע כלאָפּעס אין ווייסע מכנסים און מיט די העמדער אַרויסגעלאָזטע איבער די הויזן, פויערטעס אין פאַרביקע קליידער, ציגיינער, וועגן וועלכע יעדעס קינד האָט געוווסט, אַז זיי פאַרקויפן געגנבעטע פערד. קצבים מיט שוואַרצע אָדער געלע בערד און מיט מערדערישע בליצן אין די אויגן; גוישע ווירשטן=מאַכערס, קאָלבאַסניקעס אויסגעפרעסענע, מיט בייכער ווי פעסלעך פון ביר און

מיט דענטע־קאַפּעליושן אויף די גרויסע פעטע קעפּ. עס פֿלעגן דאָ אויך קומען אַגענטן פֿון די שלעזישע פֿאַבריקן, וווּ מען האָט געמאַכט קאַנ־סערוון, אפֿילו פֿון בערלין פֿלעגן דאָ אַהער קומען סוחרים דייטשישע, און די אָרעמע מעקלערס פֿלעגן אַרומטאַנצן לעבן זיי ווי הינטלעך און איינקויפֿן פֿאַר זיי די פֿעטע תּזרים, אָדער די בעסטע געפֿיטערטע שטירן, וואָס זענען געווען גרויס ווי די עלעפֿאַנטן. אפֿילו גלחים פֿלעגט מען דאָ טרעפֿן, דאָרפֿישע גלחים, וואָס פֿלעגן דאָ קומען קויפֿן אַ קו, אָדער פֿאַר־קויפֿן פֿון דער אייגענער ווירטשאַפֿט.

מענטשן האָבן זיך דאָ אויפֿגעפֿירט ווי משוגעים. זיי האָבן געלאַכט, געשריגן, געשאָלטן, געשווירן, געקלאַפּט זיך מיט די פֿויסטן אין ברוסט־קאַסטן, אַרויסגעריסן זיך די האָר פֿון קאָפּ, דערציילט זיך מעשהלעך, געטאַפּט די ווײַדלען פֿון די בהמות, אַרײַנגעקוקט זיי אין די פּיסקעס, געציילט די ציינער, געטריבן די קו און די פֿערד פֿון איין אָרט צום צווייטן, בכדי צו זען, צי זיי האָבן נישט קיין מום.

— זאָל איך פּגרן, זאָל איך דאָ אויפֿן אָרט קראַפּירן — האָט גע־שריגן מיט טרערן אין די אויגן אַ הויכער ייִד מיט אַ גראָער באָרד; ער האָט אויפֿגעהויבן די הענט צום הימל, גערופֿן גאָט פֿאַר אַן עדות — זאָלן אויספּגרן אַלע קי, זאָל זיי אַ ווייסטע מגפֿה דערשטיקן, אויב איך זאָג א יי ן וואָרט אמת. און אויב איך זאָג ליגנט, זאָלן מיר טאַקע ביידע פֿון גהינום נישט אַרויס.

אַזוי שרייענדיק, האָט ער אָנגעכאַפּט די האַנט פֿון אַ דערשראָקענעם פּויער און ער האָט די האָזיקע האַנט געהאַלטן אין זײַנע בייניקע דלאָ־ניעס, ווי אין אַן אײַזערנער צוואַנג, און פֿון צייט צו צייט האָט ער נאָך צוגעקלאַפּט מיט דער אייגענער האַנט אין דעם פּויערס האַנט, און כאָטש ער איז שוין געווען אַ ייִד אַ זקן, האָט ער דאָך געהאַט אַ ווילדע קראַפֿט אין די אַלטע ידים, און דאָס פּויערל האָט נאָך יעדן קלאַפּ זיך אײַנגעבויגן פֿון ווייטיק.

מען האָט געקויפֿט און פֿאַרקויפֿט. און אויב ביידע צדדים האָבן געהערט צו דעם זעלבן געזעלשאַפֿטלעכן שיכט, אויב ביידע זענען געווען גלייכע מיוחסים, איז מען געגאַנגען אין רעסטאָראַן פֿון ציפּרע, הערשעלע רב עליעס אייניקל, און דאָרט האָט מען געטרונקען לחיים, אָדער „נאַ זדראָוויע“. די קינדער האָט מען פֿאַרשטעקט די גיריקע פּיסקלעך מיט אַ ווייסע בולקע, דער פֿרוי האָט מען געקויפֿט אַ פּאָר בייגל־זאָקן אויף יום־טובֿ, און אַלע זענען געווען גליקלעך.

און דערווייל האָט מיין טאַטע געהאָרעוועט, געהאַט פולע הענט מיט אַרבעט און אַ פול מויל מיט רייד. ביי אונדזער קו האָבן זיך פאַרהאַלטן פיל מענטשן, דער טאַטע האַט אויסגערעכנט אַלע אירע מעלות און האָט געשטעלט אַ פּרייז. און אויב עמעץ האָט אים אָנגעהויבן אויסצוהאָרכן, האָט אים דער טאַטע באַלד אָנגעכאַפּט ביים אַרבל פון דער קאַפּאָטע און האָט אים געהאַלטן להבדל ווי אַ הונט האַלט אַ ביין.

איצט האָט ער זיך פאַרנומען מיט אַן עלטערן פויער און אַ שטרויענעם קאַפּעליוש. די מאַמע האָט גערעדט מיט זיין ווייב, מיט דער פויערטע, און די קו האָט געקוקט אויף זיי מיט די שיינע אויגן אירע, וואָס זענען געווען קלוג און גרויס, ווי צוויי רייפע אונגאַרישע פלוימען.

עטלעכע מאָל האָט זיך גערדאַכט, אַז דאָס גאַנצע געשעפט וועט זיך אויסלאָזן מיט אַן אויסגעבלאָזן איי. עטלעכע מאָל האָט זיך דער טאַטע מיינער באַליידיקט, ווייל דער פויער האָט ביי אים געוואָלט קויפן די קו בחצי חינם.

— גיכער וועל איך דער האָזיקער בהמה צובינדן אַ שטיין צום האַלדז און דערטרינקען זי אין טייך, אַנשטאָט אַוועקגעבן זי אומזיסט. אַזאַ טייער באַשעפעניש, אַזאַ פּערל, אַ דימענט.

דאָ האָבן זיך אַלע צעלאַכט, ווייל אין טייך, וואָס איז געשוומען צווישן אונדזער דאָרף און דעם שטעטל, איז געווען אַזויפיל וואַסער, אַז אפילו קיין קאַץ האָט מען דאָרט נישט געקאָנט דערטרינקען.

עטלעכע מאָל האָט דער פויער גענומען ביי דער האַנט די פויערטע און געזעגנט זיך מיט אונדז. ער האָט אונדז געוואָלט איבערשרעקן, דער חכם מיטן העמד איבער די הויזן. אָבער מיין טאַטע איז נישט געווען קיין פּחדן, ער האָט געוווסט, אַז דער פויער וועט ווידער קומען. און ער איז געקומען. און אין אַ מזלדיקער שעה האָט ער די קו מיט די קרומע הערנער געקויפט, ווייל הווקא אים האָבן זיי געפאָלן, די דאָזיקע הערנער, דער פויער האָט שוין לאַנג געזוכט צו קויפן אַ קו מיט איין האָרן אַרויף און מיט דעם צווייטן אַראָפּ. אַלץ איז שוין געווען גוט, האָט זיך ווידער אָנגעהויבן אַ קריגעריי וועגן דעם שטריקל, וואָס די בהמה האָט אויף זיך געהאַט. דער פויער האָט געשריגן, אַז ער האָט געקויפט מיט דעם שטריק, און דער טאַטע האָט געהאַלטן, אַז אָ ן דעם שטריק, דעם שטריק פאַרקויפט מען באַזונדער. ענדלעך האָבן זיי זיך געאייניקט. דער טאַטע האָט זיך געזעגנט מיטן פויער, די מאַמע און די פויערטע האָבן זיך געווונטשן אַלדאָס גוטס, דער טאַטע איז געווען גליקלעך, אַז ער האָט געפּטרט די

קו, דער פויער איז געווען גליקלעך, אַז ער האָט אַזאַ פיינע קו געקויפט. דער טאַטע האָט זיך איינגערעדט, אַז ער האָט אָפּגענאַרט דעם נאַרישן פויער און דעם פויער האָט זיך געדאַכט, אַז ער האָט אָפּגענאַרט דעם נאַרישן ייד.

אָבער — ווען דעם מענטש דאַכט זיך, אַז עס פעלט אים שוין גאָרנישט צום גליק, ווען עס דאַכט זיך דעם אָרעמאַן, אַז ער האָט שוין געכאַפּט דעם באַשעפער ביי דער פּאָלע, גראָד דעמלט באַווייזט זיך אַ שד, אַן אָנשיקעניש, און פאַרפירט דעם אָרעמאַן און שלעפּט אים אַראָפּ פון ברייטן גלייכן וועג און שטופּט אים אַריין אין אַ בלאָטע, אין אַן אָפּגרונט, פון וועלכן עס איז שוין נישטאָ קיין שום אויסוועג.

דאָס מאָל האָט דער שד געהאַט דעם אויסזען פון אַ יונגן פאַרשוין מיט אַ קרעציק פּרצוף און מיט גנבישע אויגן. ער איז געשטאַנען אַרומגערינגלט מיט אַ המון פון נייגעריקע פויערים און געשריגן מיט אַ הייזעריקער שטימע:

— פאַר פינף, געווינט מען אַ צענער, פאַר צען, געווינט מען צוואַנציק. די דאַמע געווינט! די דאַמע! די דאַמע!

אַזוי שרייענדיק, ווי ער וואָלט געוואָלט איבערשרייען די גאַנצע וועלט, האָט ער גלייכצייטיק געשפּילט זיך מיט דריי קאָרטן — אויף איין קאָרט איז געווען אויסגעדרוקט אַ דאַמע, אַ פּרינצעסין מיט לאַנגע האָר, אויף די איבעריקע צוויי קאָרטן זענען געווען צוויי באַבערדלטע מאַנצבילן. דער יונגערמאַן מיטן קרעציקן געזיכט האָט געאַרבעט מיט די הענט און מיטן גאָרגל, געשריגן האָט ער ווי אַ האָן פאַרן טויט, און די דריי קאָרטן האָבן געלעבט אין זיינע הענט, אָט האָט ער זיי אָוועקגעלייגט מיט די רוקנס אַרויף אויף אַ קליין בענקעלע. די קאָרט מיט דער דאַמע איז געווען אינמיטן, יעדער איינציקער פון אונדז האָט עס געזען. און אָט האָט ער ווידער גענומען באַוועגן מיט די הענט און די דאַמע איז איצט געווען אין דער רעכטער זייט.

עס איז צוגעקומען אַ פּריצל מיט אַ שטרויענעם קאַפּעליוש און מיט אַ שוואַרצן שירעם, ער האָט אַנידערגעלייגט אויפן בענקל אַ צענער און באַלד געוווּנען צוואַנציק. נאָך אים איז געקומען אַ פרוי. אויך זי האָט געוווּנען, און צו געווינען איז געווען גאָר לייכט, גענוג צו ווייזן וווּ עס ליגט די קאָרט מיט דער פּרינצעסין. די פויערים זענען געשטאַנען אַרום און געקוקט פאַרחידושט — אויך זיי האָבן געוואָלט געווינען, אָבער קיין צוטרוי צום דאָזיקן שפּיל האָבן זיי נאָך נישט געהאַט.

איך האָב געוואָרפן אַ בליק אויף מיין טאַטן. ער איז געווען אויפֿ־געראַכט, דאָס געשריי פון דעם קאָרטן־שפּילער האָט אויפֿגערייצט מיין מאַטנס המיון.

— נו? — האָט ער זיך געוואָנדן צו דער מאַמען — ווי זאָגסטו, האַ?

— אויב דו ווילסט אַזוי זייער... — האָט זיך אויף דער מאַמעס געזיכט באַוויזן אַ גוטינקער שמייכל — אָבער געדענק, נישט מער ווי איין מאָל...

דער טאַטע האָט אַרויסגעשלעפּט פון דער בוזים־טאַש אַ צענער, און האָט געוואָלט צוואַנציק. געשטעלט צוואַנציק און געווונען פערציק. די מאַמע האָט אים געשלעפּט ביי דער קאַפּאָטע.

— גענוג. אַ מענטש טאָר נישט זיין אַזוי גיריק. קום. זאָל איצט אַן אַנדערער געווינען.

— וואָס? — האָט זיך אָפּגעבייזערט דער טאַטע — נאַרישע יידענע! איצט זאָל איך אַוועקגיין? זעסט דאָך, אַז איך געווין.

ער האָט ווידער געשטעלט און — פאַרשפּילט. מילא, איין מאָל פאַרשפּילן איז נאָך נישט קיין אומגליק. ווידער האָט ער געשטעלט, אַלע האָבן מיר אָנגעשטרענגט די אויגן, געגלאָצט אויף דעם פלינקן קאָרטן־שפּילער. די דאַמע, די שיינע פּרינצעסין איז איצט געלעגן אויף דעם סאַמע בכבודיקסטן אָרט, אינמיטן צווישן די צוויי באַבערדלטע פאַרשוי־נען. דער טאַטע האָט צוגעלייגט דעם פינגער צו דער מיטלסטער קאָרט, דער קרעציקער פאַרשוין האָט אויפֿגעדעקט אַלע דריי קאָרטן, און די מאַמע האָט אַ קרעכץ געטאָן, פּונקט ווי עס וואָלט איר ווער אַוועקגע־שטעלט זיך אויף דעם הינטערלייגל.

די פאַרשאָלטענע דאַמע האָט פאַרפירט. דער טאַטע האָט ווידער געשפּילט, אָבער פאַרזיכטיק. איצט האָט ער געווונען, אָבער דאָס מאָל האָט ער צו ווייניק געשטעלט. דערנאָך האָט ער נאָך פיל מאָל געשפּילט און געשפּילט, אָבער דאָס מזל האָט זיך אָפּגעקערט, מער האָט ער שוין נישט געווונען.

— עס איז דיר נאָך געבליבן וועלכער גראָשן? — האָט געפרעגט די מאַמע — אויב האָסט נאָך עפּעס, טאָ שפּיל שוין נישט, ווייל מיר וועלן בלייבן אָן אַ פּרוטה, און עס גייט דאָך צו די יום־טובים.

— איך האָב נאָך אַ גאַנצן הונדערטער — האָט געענטפערט דער טאַטע — נאַ, נעם און באַהאַלט!

און צו פאַרשטעמפּטער האָט ער איר אָוועקגעגעבן דאָס אַלץ, וואָס איז פאַרבליבן פון אונדזער פאַרקויפטער בהמה.

דער קאָרטן־שפּילער האָט באַהאַלטן די דריי קאָרטן און האָט זיך גענומען אַרויסשאַרן פון קרייז. ארום זענען געשטאַנען פויערים, עדות פון אונדזער אומגליק. און פּלוצים האָט זיך אין די דאָזיקע פרעמדע מענטשן דערוועקט אַ כעס, עפּעס האָט אויפגעברויזט אין זיי, אפשר האָבן זיי זיך געפילט באַליידיקט, אַז אַזאַ שלים־מזל מיט אַ קרעציק פּנים האָט אין מיטן העלן טאָג באַרויבט איינעם פון זיי, אַז אָרעמע דאָרפישן האָרעפּאַשניק, וואָס האָט פאַרקויפט אַ קו און פאַרשפּילט דאָס געלט אין אַ גנבישע שפּיל מיט דריי קאָרטן. און כאָטש דער טאַטע מיינער איז געווען אַ ייד און זיי זענען געווען גוים און אויך דער שפּילער איז געווען אַ גוי, האָט דאָך געזיגט אין זיי דאָס געפיל פון גערעכטיקייט, און אויך די צוגעהעריקייט צום דאָרף. דער קאָרטן־שפּילער איז געווען אַ פרעמדער, נישט קיין פויער איז ער געווען — האָבן זיי זיך געוואָרפן אויף אים, אָנגעכאַפּט אים און געהאַלטן פעסט, און ער האָט געשריגן און געקאָפּעט מיט די פיס, און ערשט איצט האָבן מיר באַמערקט, אַז ער איז געווען דאַר ווי אַ הונט און דאָס העמד איז אויף אים געווען שמוציק.

— טרימאַי יעהאָ, סטראַסטיאַ יעהאָ מאַט מאָרדאָוואַלאַ!

— האַלט דעם גנב!

— פּאָליציאַ! גדזשע פּאָליציאַ?

און דער טאַטע איז געשטאַנען מיט אַראָפּגעלאָזטע הענט און זיין געזיכט איז געווען אומעטיק און פאַרטראַכט. אפשר זענען זיינע געדאַנקען געווען מיט אונדזער קו, וועד ווייסט וו זי איז שוין איצט געווען, אַזאַ שיינע און פרעכטיקע קו, כאָטש איין האָרן האָט זי געהאַט לענגער, אַזאַ גוטע בהמה — געדאַרפט זי צו פאַרקויפן?

און דערווייל האָבן די פויערים געקעמפט מיט דעם קרעציקן באַנדיט, שוין האָבן זיי געזאָלט גרייכן צו זיינע גנבישע קעשענעס און אָפּגעבן מיין טאַטן דאָס געלט, אָבער פּלוצעם האָט זיך באַוויזן אַ פּאָליציאַנט — אַ הויכער און פעסטער, מיט אַ ביקס אויפן אַקסל. ער איז געווען אַ שטרענגער, עס האָט אים שלעכט געשיינט פון די אויגן. איך געדענק נאָך ביז היינט, ווי שיין עס האָבן געגלאַנצט זיינע שוואַרצע שטיוול — שפּיגלען צוויי, נישט כאָליעוועס, האָבן זיי געהאַט, די דאָזיקע שטיוול.

די מאַמע האָט זיך צעוויינט און האָט דערציילט דעם פּאָליציאַנט וועגן אונדזער אומגליק. מענטשן האָבן עדות געזאָגט, אַלץ וואָס זי האָט דערציילט איז געווען אמת. און דער באַנדיט מיט די קאָרטן האָט איצט ווידער ווילינגעריש געשמייכלט, כאַטש ערשט מיט אַ פּאָר מינוטן צוריק, איידער דער פּאָליציאַנט איז געקומען, האָט ער שיעור נישט געוויינט.

— שטיל זאָל זיין! — האָט באַפוילן דער פאָרשטייער פון דער מאַכט, און מיין מאַמע האָט געקוקט אויף אים מיט צוטרוי און מיט האָפענונג — וווּ זענען די קאָרטן און וויאַזוי האָט איר געשפּילט? איך וויל עס זען!

דער קרעציקער האָט אַרויסגענומען די דאַמע און די צוויי באַבערדלטע מאַנצבילן, אַ ווײַלע האָט ער זיך מיט זיי געשפּילט, געלייגט די דאַמע אויף דער רעכטער זייט, דערנאָך אויף דער לינקער, און צום סוף ווידער אויף דער רעכטער זייט. דער פּאָליציאַנט האָט אַרויסגענומען פון דער קעשענע אַ צוואַנציקער, באַדעקט די פינגערצעסין און געוווּנען פערציק.

— אַז ערלעכע שפּיל — האָט געזאָגט דער פּאָליציאַנט, באַהאַלטנדיק דאָס געלט — קיין שום פאַרברעכן איז דאָ נישט פאַראַן. אַז די קאָנסט נישט שפּילן, שפּיל נישט. און איצט: ראָזעישטש שען דאָ יאַסנעי כאָלערי!...

און ער האָט צעטריבן דעם גאַנצן עולם.

— זעסט מיין זון? — האָט געזאָגט דער טאַטע — זאָל דער שלאַג טרעפן אַזאַ מאַכט, וואָס האַלט נאָר מיט די רייכע.

— דער דאָזיקער קאָרטן־שפּילער זעט גאָר נישט אויס צו זיין אַ רייכער — האָט זיך אָנגערופן די מאַמע. — אַ געוויינלעכע שטאָטישע פאַרשלעפּטע קרענק. אַן אָנשיקעניש איז ער.

— ביסט גערעכט — האָט זיך צערעדט דער טאַטע — אַלע שטאָטישע לייט זענען אַ פאַרשלעפּטע קרענק, גנבים זענען זיי און באַטריגער, יעדער קוקט נאָר צו באַרויבן דעם אָרעמען דאָרפסמענטש, צו באַרויבן און צו הרגענען אים. שטאָטישע שטינקערס, אַ כאָליערע זאָל אויף זיי קומען פאַר מיין געלט, פאַר מיין פראַצע, פאַר מיין בהמה, נעבעך.

אַזוי האָט ער גערעדט, פונקט ווי די מענטשן פון שטעטל וואָלטן שולדיק געווען, אַז עס האָט זיך אים פאַרגלוסט צו שפּילן אין קאָרטן.

אָבער זענענדיק, אַז די מאַמע האַלט שוין ווידער דאָס טיכל ביי דער נאָז, ביי דער נאָז און ביי די אויגן, האָט ער זי גענומען טרייסטן.

— נו, וויין שוין נישט! זאָל זיך דיר דאַכטן, אַז די קו איז

געפּגרט. ווייניק בהמות פּגרן יעדן טאָג אויף דער וועלט? סוף כּל סוף האָבן מיר נאָך אַ גאַנצן הונדערטער. ווייסטו וואָס? גיי, קויף עפּעס צו עסן, און מיר וועלן דאָ וואַרטן.

האָט זיך די מאַמע געלאָזט גיין צו די קראָמען און מיר, דער טאַטע און איך, האָבן זיך אַנידערגעזעצט אין שאָטן פון אַ ווערבע, ווייל מיר זענען מיר געווען הונגעריק ווי די וועלף.

וואָס איז איצט פאָרגעקומען, איז מיר שווער צו באַשרייבן. מיר האָבן דערגרייכט צו די טיפסטע שיכטן פון מענטשישער פּיין, מיר האָבן דערגרייכט צו אַ תּהום פון יסורים. וואָס נאָך האָט אונדז דעם דאָזיקן טאָג געקאָנט טרעפן? עס האָט נאָך געקאָנט קומען אַן ערד־ציטערניש, די זון האָט זיך געקאָנט באַהאַלטן — מיר וואָלטן עס במילא נישט באַמערקט, ווייל אונדז איז געווען פינצטער ווי סוף חודש ביינאַכט. עס האָט נאָך געקאָנט רעגענען מיט שטיינער, מיט פעך און שוועבל, אַ פייער האָט זיך געקאָנט וואַרפן אויפן דאָזיקן שטעטל און פאַרברענען עס ווי די זינדיקע שטאָט סדום — אונדז איז שוין געווען אַלץ איינס. אָבער פון די אַלע גוטע זאַכן, וואָס איך האָב דאָ אויסגערעכנט, איז גאָרנישט נישט געשען. געשען איז עפּעס ערגערס.

ווען די מאַמע איז געגאַנגען לאַנג נישט צוריק געקומען, האָבן מיר זיך געלאָזט גיין איר אנטקעגן. שוין פון דער ווייט האָבן מיר דערהערט און דערקענט איר פאַרצווייפלט געשריי, זי האָט גערופן הילף, געוויינט און געבעטן, מען זאָל זי ראַטעווען, עמעצנס שטימע האָט געשריגן, אַז מען דאַרף אַ דאָקטער, און עמעץ האָט געשריגן, אַז מען דאַרף וואַסער, און נאָך אַן אַנדער קול האָט געזאָגט, מען זאָל זי אַרויסטראָגן אויפן הויף, ווייל זי האַלט אין איין חלשן, און ווען אַ מענטש חלשט, מוז ער האָבן אַ סך פרישע לופט, און אין דעם דאָזיקן קליינעם קרעמל איז שוין בכלל קיין לופט נישט פאַראַן, נישט קיין פרישע און נישט קיין נישט־פרישע.

מיר האָבן אַרויסגעטראָגן די מאַמען און אַוועקגעזעצט זי אויף אַ בענקל ביי דער טיר פון קראָם. דער קרעמער האָט אונדז דערלאַנגט אַ פלעשל סעלצער־וואַסער, מיר זאָלן האָבן מיט וואָס זי צו מינטערן. ווידער האָט זיך געמאַכט אַן עולם אַרום אונדז, מען האָט שוין אונדז דערקענט, ווייל עס זענען דאָ געווען מענטשן, וועלכע האָבן אונדז געזען אויף דעם בהמה־פּלאַץ. עמעץ האָט זיך אָנגערופן, אַז דאָס איז דער

זעלבער נאַרישער דאָרפס־ייִד געבעך, וואָס האָט פאַרלוירן אַ האַלבע קו אין דעם שפּיל מיט דריי קאָרטן.

און דערווייל זענען מיר געוואָרן געוואויר וואָס עס איז געשען. די מאַמע האָט געקויפט אין קרעמל אַ ברייטל און אַ שטיקל פּוטער און ווען עס איז געקומען צום צאָלן, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז קיין געלט האָט זי שוין נישט. אפשר האָט זי פאַרלוירן, אָבער וויאַזוי איז עס מעג־לעך, זי זאָל פאַרלירן, קיינמאָל האָט זי קיין שום זאַך נישט פאַרלוירן. זעט אויס, אַז מען האָט זי באַגנבעט, מעגלעך, אַז טאַקע גראָד דעמלט, ווען מיר זענען געווען פאַרנומען מיט דעם שטרענגן פּאָליציאַנט אין די שיינע שטיוול, וועלכער האָט געשטעלט צוואַנציק און געווען פערציק.
אַזוי אַרום זענען מיר שוין געווען ריינע אָרעמע לייט. די מאַמע האָט לאַנג נישט אויפגעהערט צו חלשן און דער טאַטע האָט זיך געריסן די האָר פון קאָפּ.

עפּעס אַ באַרמהאַרציקע נשמה האָט אונדז אַן עצה געגעבן, מיר זאָלן גיין אין רעסטאָראַן פון ציפּרע הערשעלע רב עליעס אייניקל, דאָרט זיצט געוויינלעך דער לאַנגער יוסל, ער איז דער יושב־ראש פון אַלע גנבים און קעשענע־שניידערס, און אויב מען וועט אים פאַלן צו די פיס און בעטן, איז מעגלעך, אַז די גנבה וועט זיך געפינען.

זענען מיר געגאַנגען אין רעסטאָראַן. אויך דאָרט איז געווען אַ גע־דיכטער המון פון מענטשן, ניכטערע און שיכורים, פול רויך פון ציגאַ־רעטן און פון ליולקעס איז דאָרט געווען.

ציפּרע הערשעלע רב עליעס אייניקל האָט אויסגעהאָרכט מיין מאַ־מעס געוויין, זי האָט אונדז געהייסן אַנידערזעצן זיך ביי אַ טישל און באַלד האָט זי אונדז צוגעטראָגן אַ גרויסן פעטן הערינג, אַ האַלב ברייטל און דריי גלעזלעך ביר.

— עסט, מענטשן — האָט זי געזאָגט — עסט און טרינקט, איר מוזט דאָך כּוח האָבן אויסצוהאַלטן די אַלע צרות.

האָבן מיר זיך גענומען צום עסן און זי ציפּרע, איז געגאַנגען זוכן דעם לאַנגן יוסל. באַלד האָט זי אים געבראַכט צו פירן ביי דער האַנט. אויסגעזען האָט ער ווי מיינע צרות. אַ דאַרער און באַוואַקסענער מיט אַ שיטער בערדל, מיט אַ ציגאַרעטל צוגעקלעפּט צו דער אונטערשטער ליפּ, מיט אַן אָרעם קאַשקעטל אויפן קאָפּ. ער האָט דעם טאַטן דערלאַנגט צוויי פינגער, ווי אַ רבי, און זיך צוגעזעצט צו אונדזער טישל.

די מאַמע האָט זיך ווידער צעוויינט און גענומען דערציילן וועגן אונדזער אומגליק, וועגן די קרומע הערנער פון אונדזער גוטער בהמה, אַזאַ גוטע קו געווען, געמאָלקן זיך גוט, ס׳האַרץ טוט וויי, ווען מען דערמאָנט זיך ס׳אַרא גוט בהמהלע דאָס איז געווען.

דער לאַנגער יאָסל האָט געהאָרכט און געלאַכט, און האָט געפרעגט וויפל מען האָט ביי דער מאַמען צוגעגנבעט.

— איר זענט גרויסע נאַראָנים — האָט ער געזאָגט — בעלעמער נאַראָנים זענט איר. און איצט גיב איך אייך אָפּ אייער הונדערטער און אַנטלויפט פון דאַנעט, ווייל מען וועט אייך אײַנזאַמען אָוועקגנבענען מיט הענט און פיס.

און האָט דעם טאַטן אַרײַנגעשטעקט אַ הונדערטער, דעם זעלבן הונדערטער וואָס מען האָט ביי אונדז געגנבעט.

דער טאַטע האָט אַ ווײַלע געטראַכט און האָט אויסגעשאָסן מיט אַ גלאָצ-קשיא:

— און דאָס געלט פאַר די קאָרטן?

דער לאַנגער יוסל האָט זיך צעלאַכט.

— קאָרטן געהערן נישט צו מיר. ביי אונדז פאַרנעמט מען זיך מיט ערלעכע גנבות, נישט מיט קאָרטן. פאַר יענעם באַנדיט, בין איך נישט פאַראַנטוואָרטלעך. נו, זייט מיר געזונט און האָט מיר אַ גוטן...

ער האָט זיך פיין געזעגנט מיט אונדז, דערלאַנגט אונדז די האַנט און דער טאַטע און די מאַמע האָבן אים געווונטשן גוטע געשעפטן.

— זאָל אייך ווויל גיין — האָט אים געבענטשט מיין מאַמע מיט טרערן אין די אויגן — פאַר אייער גוט יידיש האַרץ.

און זי האָט זיך דערמאָנט, אַז באַלד וועט זיין ראש השנה און זי האָט צוגעגעבן:

— און איר זאָלט האָבן אַ גוט יאָר, אַ געזונט יאָר.

מיר האָבן גיך אָפּגעגעסן, עס איז נאָך געבליבן אַ שטיק הערינג, האָט אים די מאַמע איינגעוויקלט אין אַ פּאַפּיר און מיטגענומען, ווייל עס איז אַ שאָד געווען איבערצולאָזן אַזאַ פעטן הערינג.

נאָך עטלעכע ווערטער מיט ציפּרען הערשעלע רב עליעס אייניקל, און מיר האָבן זיך געלאָזט אין וועג אַריין. די זון איז שוין געזעסן ני־דעריק, ווען מיר האָבן פאַרלאָזט די לעצטע הייזער פון שטעטל.

— אַ שאָד, וואָס דער גנב האָט ביי אונדז נישט צוגענומען דאָס גאַנצע געלט — האָט באַדויערט די מאַמע — דער לאַנגער יוסל, אַ גע־

זונט אויף זיין קאָפּ... ער וואָלט אונדז אָפּגעגעבן ביז צום לעצטן גראָשן. אַזאַ אָנשטענדיקער מענטש.

— און איך קאָן נישט פאַרשטיין, וויאַזוי דאָס איז געשען, אַז איך האָב פאַרשפּילט — האָט שעמעוודיק געזאָגט דער טאַטע.

— אוי, דו, דו... — האָט אים שטיל געמוסרט די מאַמע — אַן אַלטער גרויער ייִד און האָט נאָך נישט קיין שכל.

אַן אַלטער גרויער ייִד? מיט אומרו האָב איך געקוקט אויף דעם טאַטנס פּנים און צום ערשטן מאָל האָב איך איצט דערזען, אַז זיין גוט־מוטיק און אָפן געזיכט איז באַדעקט געווען מיט אַ נעץ פון טיפע קנייטשן. און איך האָב אויך דערזען, אַז זיין פּלייצע איז לייכט געבויגן, כאָטש ער טראָגט נישט קיין שום זאַך אויפן אַקסל.

און איך האָב פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז געווען אַ שווערער טאָג פאַר אים, און איך האָב געוואָלט געפינען פאַר מיין טאַטן אַ טרייסט, עס זאָל אים נישט זיין אַזוי אומעטיק אויפן האַרץ.

איך האָב אָנגענומען זיין שווערע שאָרסטיקע האַנט און צוגעטראָגן זי צום מויל.

צווישן פּויערים

די כאַטע איז געשטאַנען אויף אַ בערגל, עטוואָס אָפּגעזונדערט פֿון דאָרף. אַרום דעם הויז האָבן זיך געצויגן בייטן — טונקעלע, טונקל־גרינע קאַרטאָפֿל, העלע קעפּלעך קרויט, האָבער, אין וועלכן עס האָבן זיך שטענדיק געמערט שטעכעדיקע ווילדע קרייטעכצער, און אויך אַ לאַנגע בייט מיט קאָרן איז דאָרט געווען. נאָך העכער איז געוואָקסן אַ שמעקעוודיקער קוסטאַרניק, אַ געדיכטעניש, אין וועלכער עס האָבן געזונגען די פֿייגל און די האָזן האָבן זיך גענערט מיט די געשמאַקע ריטלעך פֿון קאַליגע.

אין יענער זייט פֿון בערגל האָט זיך אָנגעהויבן דאָס שכנותדיקע דאָרף — ציגיינער האָבן דאָרט געוווינט. אינמיטן, צווישן די צוויי דערפֿער האָט געשטעקט אַ שטיינערנער באַרג, אין וועלכן מען האָט זייט כּמה יאָרן געגריבלט — מצבה־שלעגערס פֿון דער גאַנצער געגנט פֿלעגן דאָ אַהער קומען, די היגע שטיינער האָבן געהאַט אַ שם, זיי זענען געווען האַרט און האָבן געהאַט אַ שיינעם העל־גרויען קאָליר. מיט דער צייט זענען אין באַרג אַנטשטאַנען טיפֿע שאָטנדיקע היילן, יעדן זומערדיקן זונטיק פֿלעגן די דאָרפֿישע קינדער זיך דאָרט שפּילן. אין איינער פֿון די דאָזיקע היילן האָט זיך אַמאָל אויפֿגעהאָנגען דער משוגענער פּאַסטעך הריציאָ — אויף אַ לאַנגער צייט האָט די דאָזיקע געשעעניש באַאומרויִקט די איינוווינער פֿון דאָרף. אַן אַנדערש מאָל — געווען איז עס אַ הייסער זומער־טאָג — האָט זיך צעפּלאָשעט דעם שופֿטס קו, זי האָט זיך געלאָזט לויפֿן דורך די פֿעלדער און אַ שיכורע פֿון דער פֿרייהייט (און אפֿשר איז זי געווען שיכור פֿון דעם רויזן־גערוך, וואָס האָט זיך געטראָגן פֿון קוסטאַרניק), איז זי אַראָפּגעשפּרונגען אין אָפּגרונט. שפּעטער האָבן די פּויערים אויפֿגעשטעלט אויף דעם שטיינערנעם באַרג אַ גרויסן צלם, דער גלח האָט אים געהייליקט און זינט דעמלט האָט שוין דאָ נישט פּאַסירט קיין שום אומגליק.

איינמאָל, אין מיטן האַרבסט, איז אין דאָרף אויסגעבראָכן אַ שׂרפה. פאַרנאַכט האָט אָנגעהויבן ברענען אַ שטרויענער דאַך, דער ווינט האָט איבערגעוואָרפן די פלאַמען אויף דער צווייטער און דריטער כאַטע, גע־ברענט האָבן די טרוקענע ווענט פון די אַלטע הייזער, עס האָט זיך איבערן דאָרף אויפגעהויבן אַ יאָמער און געוויין, אויף דער צערקווע האָט זיך צעוויגט דער גלאָק, קינדער האָבן געשריגן, די פערד אין די שטאַלן האָבן אויסטערליש געהירזשעט.

דער קלײנער וואַיטעק איז געשטאַנען אויף דער שוועל פון שטוב, ער האָט געזען די רויטע שיין איבערן דאָרף, אַפילו דער שטראָם פון טייך איז געוואָרן רויט, די גאַנצע וועלט איז געשטאַנען אין פייער.

די מוטער און דער פעטער אַנדריי זענען געלאָפן האָרט, וווּ עס האָט זיך געטומלט דער עולם. וואַיטעק איז געבליבן אַליין, ער האָט גע־ציטערט פון קעלט און פון פּחד — ער איז געווען קליין און שוואַך אַנט־קעגן דער נאַכט און אַנטקעגן דער אויסטערלישער רויטקייט, אין וועלכער עס האָט זיך געבאָדן דאָס דאָרף. ער האָט געוויינט. ווען די מוטער איז צוריקגעקומען, די מוטער און דער פעטער אַנדריי, איז וואַיטעק שוין גע־שלאָפן אויף דער שוועל. די מוטער האָט אים אויפגעהויבן און אַריינ־געטראָגן אין שטוב.

אינדערפרי האָט די מוטער מיטן פעטער אַנדריי גערעדט וועגן דער שׂרפה. די היימלאָזע האָבן זיך שוין געפונען אַן אָרט ביי די שכנים.

— און דאָ? — האָט געפרעגט אַנדריי — צו אונדז וועט קיינער נישט קומען?

— קיינער — האָט געענטפערט די מוטער, אויסמיידנדיק דעם ברודערס בליק.

— גוט — האָט געזאָגט דער פעטער אַנדריי, און דעם קליינעם וואַיטעק האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס געזיכט פון זיין מוטערס ברודער איז אין דער דאָזיקער מינוט געוואָרן בייז און פאַרביסן — זיי ווילן נישט, דאַרף מען נישט. קיינעם וועלן מיר נישט בעטן.

וואַיטעק האָט געקוקט אויף דער מוטער: זי האָט זיך אַרומגעפּאַ־רעט ווי שטענדיק, דערנאָך האָט זי זיך אַוועקגעזעצט אויפן בעט, פאַר־טראַכט זיך און אומעטיק געוואָרן.

— וואָס וועט זיין? — האָט זי געפרעגט, און וואַיטעק האָט נישט געוווּסט צו וועמען זי ווענדט זיך מיט דער דאָזיקער פראַגע.

דער פעטער אַנדריי האָט געגעסן אָנבייסן פון טיפן טעלער, וואָס איז געשטאַנען פאַר אים, האָט ער פון צייט צו צייט צוגעטראָגן דעם הילצערנעם לעפל אויך צו וואָיטעקס מויל. שטענדיק האָט ער געהאַט פאַר דעם קליינעם אַ סך געדולד, מער ווי די מוטער.

די מוטער האָט געהאַט אַן אומעטיקע שטימע, שטענדיק איז זי געווען פאַרהאָרעוועט און פאַרזאָרגט. בכלל האָט זי זיך זייער אונטערשיידט פון איר ברודער. געווען איז זי אַ נידעריקע און ברייטפּלייציקע, מיט אַ ברוין געזיכט און שוואַרצע האָר, מיט הענט קורצע און שאָרסטקע פון דער אַרבעט.

דער פעטער אַנדריי איז געווען אַ הויכער און דאַרער, אַ גוטמוטיקער און צופרידענער, ער האָט אָפט געלאַכט, און אין די אָוונטן פלעגט ער געפינען צייט אַוועקצוזעצן זיך מיט וואָיטעקן און צו דערציילן אים מעשיות וועגן ווילדע באַשעפענישן, וואָס לעבן אין ווייטע מדינות, וועגן פיש, וואָס זענען אויסטערליש גרויס און לעבן אין די טיפע ימען, וועגן שיפן, וואָס וואַנדערן און בלאָנדזשען, זוכנדיק פאַרלוירענע ברעגן פון איינגעזונקענע לענדער. טיילמאָל פלעגט ער רעדן מיט אַן אומעט אין דער שטימע, פונקט ווי עס וואָלט אים געווען טרויעריק, וואָס אַלע יבשות אַנטלויפן פאַר יענע שיפן און פאַר יענע מאַטראָסן. און אפשר האָט ער געזשאַלעוועט, וואָס ער אַליין, אַנדריי, קאָן נישט מיטמאַכן די דאָזיקע וווּנדערלעכע רייזעס.

טיילמאָל פלעגט זיך אין שטוב באַווייזן אַ שכן פון צווייטן דאָרף, דער באַבערדלטער ציגיינער מאַטוויי. ער פלעגט זיך אַוועקזעצן ביים טיש און סודען זיך מיטן פעטער. פון צייט צו צייט פלעגט ער וואַרפן אַ וואַרעמען בליק צו וואָיטעקס מוטער, און זי האָט שטיל געשמייכלט, נישט גערעדט קיין וואָרט, אָבער וואָיטעק האָט געפילט, אַז די מוטער האָט נישט פיינט דעם ציגיינער מאַטוויי. און ווען דער גאַסט פלעגט זיך שוין קלייבן אַוועקצוגיין, פלעגט זי אים לייגן די האַנט אויפן אַקסל און מיט אַ שטילער בקשה זאָגן:

— מאַטוויי, האָסט שוין ווידער עפּעס געגנבעט...

מאַטוויי האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן און מיט אַ שעמעוודיקן שמייכל אַרויסגענומען פון בוזעם אַ צינערנעם לעפל, אָדער אַ אַ מעסער און אַוועקגעלייגט די גנבה אויפן טיש. דערנאָך פלעגט די מוטער פאַרוואַרפן אויף זיך אַ טיכל, אָדער אַ שאַל און באַגלייטן דעם גאַסט אַרויס, אויפן

הויף. שטייענדיק אויף דער שוועל פון שטוב האָט וואָיטעק לאַנג נאָך געהערט זייער פליסטערן און זייער לאַכן.

נאָך יעדן באַזוך פון דעם ציגיינער פלעגט דער פעטער אַנדריי פארשווינדן אויף א טאָג, צוויי. צוריקקומען פלעגט ער שפּעט ביינאַכט, ווען דאָס גאַנצע דאָרף איז שוין געשלאָפן, אָדער פאַרטאָג. ער פלעגט אָפּגעבן דער שוועסטער זיינער — וואָיטעקס מוטער דעם פאַרדינסט, די מוטער האָט באַהאַלטן די קלינגענדיקע מטבעות, קיינמאָל האָט זי אָבער נישט געציילט דאָס דאָזיקע געלט, און דער פעטער אַנדריי האָט אויף דעם געקוקט מיט אַ געוויסער אַנטוישונג, אפשר האָט ער דערוואַרט, זי זאָל אים זאָגן אַ גוט וואָרט פאַר זיין שווערער און דווקא נישט אָנגענעמער פראַצע. קיינמאָל האָט ער זיך פון איר נישט דערוואַרט קיין דאַנק, מיט אַ מאָדנער גלייכגילטיקייט האָט זי זיך באַצויגן צו זיינע פאַרדינסטן, כאָטש געווען זענען זיי דאָך מענטשן אָרעמע.

זי פלעגט אַוועקשטעלן אויפן בענקל אַ שיסל הייס וואַסער, דער פעטער האָט זיך אויסגעטאָן ביז דער העלפט, ער האָט זיך לאַנג געהאַשן און געפּליוסקעט, וואָיטעק האָט געקוקט אויף זיין ברוין לייב — אַ גליקלעכער, ווען ער האָט מיט אַ ריינעם לייַנענעם האַנטעך געקאָנט אָפּווישן די פלייצעס פון פעטער אַנדריי.

— עד, ווען דער פעטער וואָלט געווען מיין טאַטע...

* *

*

דאָס בערגל, אויף וועלכן עס איז געשטאַנען זייער כאַטע, איז געווען אַביסל דערווייטערט פון דאָרף, אָבער פון גאָרטן האָט זיך געזען דער ווייסער טורעם פון דער צערקווע. און ווען מען האָט אין דער צערקווע געקלונגען, האָט וואָיטעק געזען דעם ציטערנדיקן בעכער פון גלאָק, און אויב דאָס איז געווען זומער=צייט, פלעגט ער זיך אַוועקזעצן אונטער דער וואנט, צומאַכן די אויגן, און דעמלט האָט זיך אים גדאַכט, אַז דאָס קלינגט מען אַזוי אויף די בלאָנדזשענדיקע שיפן, וועגן וועלכעס האָט אים דערציילט דער פעטער אנדריי. און מיט צוגעמאַכטע אויגן האָט ער געזען די ווייטע וואַסערן פון ים — זיי זענען געווען בלוי, ווי דער הימל איבערן דאָרף. די שיפן זענען געווען פילפּאַרביק — ווייסע ווי די וואָלקנדלעך אין אַ זוניקן טאָג, אָדער טונקעלע ווי די שווערע כמאַרעס,

וואָס טראָגן זיך פאַר אַ געוויטער. די בלעטער אויף די ביימער האָבן לייכט געשאָרכט, אַזוי רוישן מסתמא די כוואַליעס פון ים.

דערנאָך האָט מען אין דער צערקווע געזונגען פרומע געזאַנגען, וועלכע האָבן אין אים פאַרפעסטיקט אָט די טרוימערישע שטימונג. איינמאָל אין אַ זונטיקדיקן אָוונט, ווען אַנדריי האָט פאַרענדיקט זיין געוויינלעכע דערציילונג וועגן די ווייטע רייזעס, האָט וואָיטעק געפרעגט:

— און דאָס געזאַנג, פעטער? ווער האָט דאָרט געזונגען?

— גיי שלאָפן, עפּעס האָט זיך דיר שוין געחלומט — האָט געענטפערט דער פעטער און פאַרטראַכט האָט ער זיך, אפשר איז אים געקומען אויפן געדאַנק, אַז אויך זיינע מעשיות זענען נישט מער, ווי ברעקלעך פון אַ ווייטן חלום.

אין דער צערקווע איז דער פעטער אַנדריי נישט געגאַנגען. זונטיק פלעגט ער ליגן ווי אין אַ וואָכעדיקן טאָג ליגן אויפן געלעגער, זומערצייט פלעגט ער דרימלען אונטער אַ בוים, אָדער גיין אין צווייטן דאָרף און דעם גאַנצן זונטיק שפּילן אין קאָרטן. צווישן די ציגיינער האָט ער זיך געפילט גוט, ווי אַן אייגענער, ער האָט פאַרשטאַנען זייער לשון און זיי האָבן זיך באַצויגן צו אים מיט פריינדשאַפט און כבוד. ווען עס פלעגט קומען די צייט פון שניט, ווען דער האָבער איז שוין געלעגן אַן אָפּגעקאָשעטער אויף די בייטן און אויפן הימל האָבן געצויגן רעגנדיקע וואָלקנס, פלעגן זיך אויף אַנדרייס פעלד באַווייזן עטלעכע אָפּגעריסענע ציגיינער, זיי האָבן געאיילט צו הילף, געפאָרעט זיך, געאַרבעט ווי די שדים, געבונדן סנאָפּעס און אויף די רוקנס געטראָגן דעם האָבער אין דער סטאָדאָלע. און ווען די אַרבעט איז שוין געווען פאַרענדיקט, האָבן זיי צוזאַמען מיטן פעטער אַנדריי געגעסן געלע מאַמאַליגע און געטרונקען בראָנפן פון איין פלעשל.

צווישן די ציגיינער איז דער באַבערדלטער מאַטוויי געווען אַ יאַזשנע פערזענלעכקייט. פאַר וואָיטעקן איז געווען וויכטיק נאָר איינס: מאַטוויי האָט געשפּילט אויף אַ פידעלע. געטאָן האָט ער עס זעלטן, כאָטש אין שטעטל פלעגט ער שפּילן אָפט אויף יידישע חתונות. ווען מאַטוויי האָט צום ערשטן מאָל מיטגעבראַכט מיט זיך דאָס פידעלע און אויפגעשפּילט, האָט וואָיטעק זיך צעוויינט, כאָטש מאַטוויי האָט די גאַנצע צייט געשמשירעט די ציינער. דער פידל-שפּילער האָט געלאַכט, אָבער געוויינט האָט זיין סמיטשיק, וואָיטעקן איז געווען אומעטיק, צוגעטוליעט צו דער מוטער, האָט ער זיך לאַנג נישט געקאָנט באַרואיקן.

און ווען מאָטווי האָט אויפֿגעהערט צו שפּילן, האָט די מוטער געזאָגט:

— מאָטווי, דו שפּילסט שיין, אָבער עס איז שוין צייט, זאָלסט זיך אָרומוואַשן.

מאָטווי האָט זיך נישט באַליידיקט, ער האָט זיך בלויז הילכיק צעלאַכט, לאַנג האָט געקלונגען אין שטוב זיין געלעכטער.

איינמאָל אין אַ זונטיק, ווען די ציגײַנערישע געסט זענען שוין אַוועק, און פֿון דער צערקווע האָט זיך געהערט דאָס פֿרומע זינגען, האָט וואַניטשקע געפֿרעגט:

— מאַמע, ווען וועלן מיר גיין אין צערקווע?

די מוטער האָט געשוויגן.

— אַלע גייען אין דער צערקווע זינגען. פֿאַרוואָס גייען מ י ר נישט?

אין אַ וואָך אַרום האָט די מוטער אָנגעטאָן דעם זון יום־טובדיק. אַליין האָט זי פֿאַרוואָרפֿן אויף זיך אַ געבלימלט טיכעלע און אַ שוואַרצע זיידענע שאַל, וואָס זי האָט אים געדישנט נאָך דער באָבע, און זי האָט זיך מיט וואַניטשקען געלאָזט צו דער צערקווע. ווען זיי האָבן זיך געפֿונען אין דעם האַלב־טונקעלן אינעווייניק פֿון גאָטס הויז, האָט דעם יינגל גע־קלאַפּט דאָס האַרץ פֿון דער דאָזיקער גרויסער איבערלעבעניש.

די מוטער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די קני נישט ווייט פֿון דער טיר, וואַניטשקע האָט נישט געזען איר פּנים, אָבער געדאַכט האָט זיך אים, אַז זי וויינט און ער האָט נישט געקאָנט פֿאַרשטיין די סיבה פֿון דאָזיקן געוויין, אַזוי שיין איז דאָך דאָ, אַזוי שיין זינגט דער עולם, אָבער באַלד האָט ער זיך דערוויטערט מיט די געדאַנקען. קיינמאָל האָט ער נישט געזען אַזויפֿיל מענטשן אויף איין אָרט. און ווען ער האָט זיך טיף איינ־געהאָרכט אין פֿרומען געזאַנג פֿון די מענער און פֿרויען, האָט זיך אים געדאַכט, אַז דאָס זינגען די הייליקע פֿון די איקאָנעס און אַז זיי שמייכ־לען צו אים אין דער וואַרעמער שיין פֿון די וואַקסענע ליכט.

דערנאָך האָט זיך אומגעקוקט איינע פֿון די פֿויערטעס, וואָס זענען געזעסן אויף די בענק, און וואַניטשקע האָט אויף זיך דערפֿילט איר נייגעריקן בליק, די פֿויערטע האָט זיך אָנגעבויגן צו דער פֿרוי, וואָס איז געזעסן דערנעבן, און באַלד האָבן פֿיל פֿנימער גענומען זיך אומקוקן און באַ־טראַכטן אים, וואַניטשקען, און אויך זיין קנייענדיקע מוטער. און וואָס מער מענטשן עס האָבן אויף זיי געקוקט, אַלץ גרעסער איז געוואָרן דער אומ־

רו און דער פחד, וואָס האָט אים אַרומגענומען. ער האָט זיך צוגעדריקט צו דער מוטער און זי האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ — רויטע אויגן האָט זי איצט געהאַט, פאַרוויינטע.

דאָס געזאַנג איז געוואָרן שוואַכער, עס האָט זיך פאַרלאָשן, עס איז שוין נישט געווען קיין כאָר, בלויז אין דער ערשטער באַנק האָבן נאָך עטלעכע עקשנותדיקע הייזעריקע שטימען געפּרוווט ווייטער ציען די תפילה, אָבער אויך זיי האָבן זיך דערפילט פאַראיינזאַמט און פאַרחידושט, אויך זיי זענען פאַרשוויגן געוואָרן. דער גלח האָט אַראָפּגענומען פון דער נאָז די ברילן און געזוכט די סיבה פון אומרו. עס איז געווען שטיל און אין דער דאָזיקער שטילקייט, אין דער דאָזיקער מינוט פון דערוואַרטונג און שווייגעניש האָט וואָיטעק דערפילט, אַז עפּעס שטיקט אים אין האַלדז.

די מוטער האָט זיך אויפגעהויבן פון די קני, איבערגעצלמט זיך. ביידע, די מוטער און דער זון, זענען איצט געשטאַנען אַנטקעגן די איינווינער פון גאַנצן דאָרף, און וואָיטעק האָט זיך אין אָט דער דאָזיקער מינוט אָפּגעגעבן אַ חשבון, אַז ער איז אַ קליין ייִנגל און אַז אויך זיין מוטער איז קליין און שוואַך און שוצלאָז, און אַז עס איז דאָ נישטאָ דער פעטער און נישט דער ציגיינער מאַטוויי, וואָס וואָלטן זיי געקאָנט באַשיצן און באַווערן אין געפאַר.

וואָיטעק האָט געציטערט, ער האָט מורא געהאַט און בשום אופן האָט ער נישט געקאָנט פאַרשטיין דעם סוד, וואָס האָט אים דאָ פּלוצים אַרומגערינגלט: פאַרוואָס קוקן די מענטשן מיט אַזעלכע בייזע בליקן אויף זיין מוטער? וואָס האָט זי דען ווערמען שלעכטס געטאָן? און שוין האָט ער זיך געוואָלט צעוויינען, שוין האָט ער געוואָלט אַנטלויפן, אָבער די מוטער האָט אים אָנגענומען ביי דער האַנט און מיט שטאַרקע טריט האָבן זיי פאַרלאָזט די צערקווע.

זיי זענען געגאַנגען שנעל, עס האָט זיך געקאָנט דאַכטן, אַז זיי אַנטלויפן, און ווען זיי זענען שוין געווען נאָענט ביי דער כאַטע, האָט זיך די מוטער פּלוצים צעוויינט. אירע פאַרפרעסטע ליפּן האָבן גענומען ציטערן און זי האָט פון זיך אַרויסגעלאָזט אַ געשריי, זי האָט געיאָמערט און געשריגן אָן ווערטער, און אַזוי איז זי געלאָפן אויף דער סטעזשקע צו דער שטוב, די שוואַרצע יום־טובדיקע שאַל האָט זיך אַראָפּגערוקט פון איר אַקסל, וואָיטעק האָט זי אויפגעהויבן פון דער ערד און פאַרנורעט אין איר דאָס געזיכט — דער זייד האָט געשמעקט מיט נאַפטאַלין.

די מוטער האָט זיך פאַרמאַכט אין אַלקער און לאַנג האָט זי דאָרט געבליבעט. דעם זונטיקדיקן מיטאָג זענען זיי געווען שווייגנדיק און ערנסט.

— פאַרוואָס ביסטו אַהין געגאַנגען? — האָט געפרעגט דער פעטער אַנדריי — שטענדיק זאָג איך דיר, אַז מען דאַרף אויסמיידן מענטשן. אַזאַ איז אונדזער גורל.

ער איז געווען אַ פראָסטער פויער, אָבער צו דער שוועסטער האָט ער גערעדט מיט צאַרטקייט, ער האָט אויף איר געהאַט רחמנות, ער האָט געזען ווי איינזאַם זי איז, איינזאַם אַנטקעגן דער גאַנצער וועלט.

זיי האָבן נישט באַמערקט, ווען אין דער אָפענער טיר האָט זיך באַוויזן דער ציגיינער מאַטוויי. ער איז געווען אין אַ גוטער שטימונג: אין איינעם פון די שכנותדיקע דערפער איז אויסגעבראָכן אַ מגפה אויף בהמות, געפגרט זענען דאָרט אַ סך קי און פערד. נאָך דעם זעלבן טאָג האָט דער פעטער אַנדריי געלאָזט זיך אין וועג אַריין, צוזאַמען מיט מאַטווייען און מיט עטלעכע אַנדערע ציגיינער. עס האָט דאָרט אויף זיי געוואַרט די זעלבע אַרבעט, ווי שטענדיק: אָפשינדן די פעלן פון די געפאַלענע בהמות, פאַרקאָפּען די נבלות, אויסדינגען זיך מיט די פויערים און פאַרהאַלטן אַ טייל פון די פעלן פאַר זיך.

צומאָרגנס אינדערפרי, ווען דער פעטער אַנדריי האָט נאָך נישט באַוויזן צוריקצוקומען, איז אין דער כאַטע אויפן בערגל אַרייננעקומען ער שופט, דער וואָיט פון דאָרף. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט ביים טיש, אַרויבערט דעם ציבוק און לאַנג געקראַצט זיך אין צעשויבערטן קאָפּ.

— שווער ווען דעם צו רעדן — האָט ער זיך ענדלעך אָנגערופן — איך האָב געקענט דיין פאָטער און דיין זיידן. דאָס גאַנצע דאָרף האָט זיי געקענט. אָבער זיי לעבן שוין נישט און מיט דיר האָט פּאַסירט אַן אומגליק. דיין קינד האָט נישט קיין פאָטער און אַלע באַלעבאַטים אין דאָרף רעדן וועגן דיר. די ציגיינער שלעפּן זיך דאָ אַרום, זיי קומען צו דיר. דאָס דאַרף וויל דיך נישט.

— איך ווייס, אַז דאָס דאָרף וויל מיך נישט — האָט געענטפערט די מוטער — אָבער איך לעב אויף מיין אייגענעם. דאָס איז מיין שטוב. מיין ירושה און מיין אַרבעט. מיין פּראַצע.

— קיינער וויל דיר נישט אַוועקנעמען דיין פראַצע — האָט געזאָגט דער אַלטער פויער — אָבער דאָס דאָרף האָט דיך פיינט. מען רעדט וועגן דיר.

— מען רעדט. וואָס זאָל איך טאָן, אַז מען רעדט?

— וואָלסט התונה געהאַט, וואָלט מען אויפגעהערט צו רעדן.

— קיינער וועט מיך נישט נעמען מיט אַ קינד.

דער אַלטער באַלעבאָס איז געווען פאַרזאָרגט.

— אַלץ האָב איך דיר געזאָגט, טאָכטער. זאָלסט זיך אַמאָל נישט דערוואַרטן קיין אומגליק.

אַרומגערינגלט מיט דער פיינטשאַפט פון דאָרף, האָט זי זיך דאָ, אין דער אייגענער שטוב, איינגערעדט, אַז זי פילט אַ פעסטן און זיכערן באָדן אונטער די פיס. געזאָרגט האָט זי זיך בלויז פאַרן גורל פון קינד — ווען נישט וואָיטעק, ווען נישט דער אומגעזעצלעכער זון, וואָס איז געווען אַזוי ענלעך צום ציגיינער מאַטוויי, וואָלט זי דאָ געלעבט אַזוי, ווי אַלע אַנדערע פרויען.

וואָיטעקן האָט זי געהאַלטן ווייט פון דאָרף און ווייט פון אַנדערע קינדער. ער האָט זיך דערצויגן כמעט איינזאַם, און זי, די מוטער, האָט נישט געקאָנט באַפרייען אים פון דער דאָזיקער איינזאַמקייט. עס האָט זיך אַמאָל געטראָפן, אַז דער קליינער האָט פאַרוואַנדערט ביז אין דאָרף אַריין און דאָרט זיך געשפּילט מיט די קינדער. צוריקגעקומען איז ער אַ צעשלאָגענער און פאַרוויינטער.

— מאַמע — האָט ער געפרעגט אַ פאַרצווייפלטער — איז עס אמת, אַז איך בין אַ ציגיינער?

זי האָט אים געטוליעט צו זיך, געפרווט באַרואיקן.

— זאָלסט מער נישט גיין צו זיי — האָט זי געזאָגט — מענטשן זענען שלעכט און די קינדער זענען שלעכט. קיינער האָט נישט קיין רחמנות.

געקומען איז דער האַרבסט. מען האָט אַראָפּגענומען פון די פעלדער די גערעטענישן — וויפל עס האָט ווער געהאַט. געווען איז האַרבסט, אָבער געקומען איז אַ נייער שטראָם פון וואַרעמקייט, הייסע טעג האָבן זיך אומגעקערט, טרוקענע טעג, פונקט ווי גאָט וואָלט פאַרלוירן דעם חשבון און נאָכאַמאָל געוואָלט איבערחזרן דעם זומער. אין אַ טייל סעדער האָבן אויפסנייַ זיך צעבליט די עפּל-ביימער, כאָטש אויף די פעלדער האָט זיך געטראָגן דער רויך פון די שייטערס און דער גערוך פון פרישע קאַרטאָפל, וואָס די פּאַסטעכער האָבן געבראָטן אין פייער. באַציאַנעס זענען אַוועקגעפלויגן פון די זומפּיקע לאָנקעס און אין אַ וואָך אַרום זענען זיי איינציקווייז צוריקגעקומען, אָבער דאָ זענען שוין זייערע זומפּן אויסגעטריקנט געוואָרן, די ערד איז געווען טרוקן און צעפּאַלן, אפילו אין די

ברונעמס האָט אויסגעפּעלט וואַסער, און דורך דער רעטשקע האָט מען געקאָנט דורכגיין מיט טרוקענע פיס.

צווישט האָבן זיך די מענטשן נישט איבערגענומען. אין האַרבסט איז די טריקעניש נישט געווען געפערלעך. מען האָט געטאָן דאָס אַלץ, וואָס אַ פּויער טוט אין דער דאָזיקער צייט: געמיסטיקט די פעלדער, געאַקערט און געבראָנעוועט, געדראָשן, געפירט די פרישע תבואה אין מיל אַריין.

אָבער געווען איז אויסטערליש די דאָזיקע טריקעניש, און אַלטע באַלעבאַטים האָבן זיך דערמאָנט, אַז מיט פיל יאָרן צוריק איז שוין אַמאָל געווען אַזאַ טרוקענער און הייסער האַרבסט, ווען דער הימל האָט געשמאַליעט מיט היץ און קיין טראָפּן רעגן האָט מען זיך נישט געקאָנט דערוואַרטן. ביינאַכט האָט זיך באַוויזן אַ ברענענדיקער שטערן מיט אַ פּלאַמיקן וואָסט, און דאָס גאַנצע יאָר איז געווען אומגליקלעך, ווינטער האָבן גרויזאַמע פרעסט צעדריקט די ערד, פאַרפרוירן זענען געוואָרן אַלע ביימער אין די סעדער, און ווען עס איז געקומען דער פרילינג, האָט דער טייך פאַרגאָסן דאָס גאַנצע דאָרף און פיל הייזער זענען אַוועק מיטן וואַסער.

אַזעלכע מעשיות האָבן דערציילט די אַלטע פּויערים, און דערווייל האָט ביי די טירן געלויערט אַן אומגעריכטע קללה.

אין אַ געוויסן טאָג איז קראַנק געוואָרן אַ קליין קינד און באַלד איז עס געשטאָרבן. פון שטעטל איז געקומען אַ דאָקטער, ער האָט באַקוקט דאָס טויטע קערפּערל, אַרומגעדרייט זיך אַ ווײַלע, אַרײַנגעקוקט אין עטלעכע שכנותדיקע כאַטעס און — אַוועקגעפאָרן. אָבער דעמלט זענען שוין אין דאָרף געווען עטלעכע קראַנקע קינדער און אין אַ וואָך אַרום האָט דער דאָרפישער קברן געהאַט פיל אַרבעט אויפן צווינטער.

ווידער איז געקומען דער זעלבער דאָקטער, דאָס מאָל מיט אַ פּאָליציאַנט.

דער גלאָק אויף דער צערקווע האָט טרויעריק געיאָמערט, און די געסט פון שטעטל זענען געגאַנגען פון איין שטוב צו דער צווייטער, געצוואונגען די מענטשן צו עפענען די פענצטער, אַרײַנגעקוקט אין די ברונעמס, אַרײַנגעקוקט אין די שטאַלן און אַבאָרטן, פונקט ווי פון די דאָזיקע זאַכן וואָלט געווען אָפּהענגיק דאָס לעבן פון קליינע קינדער.

דער וואָיט האָט זיך נאָכגעשלעפּט אַ פאַרזאָרגטער און דערשלאָגענער, און דער פּאָליציאַנט האָט אין זיין נאָטיץ-בוך פאַרשריבן די נעמען

פֿון די באַלעבאַטים און אויסגעמאָסטן פֿאַר יעדן אַ געלט־שטראָף. דערנאָך האָט מען פֿון שטאָט געבראַכט עטלעכע זעקלעך קאַלך, מיט דעם דאָזיקן קאַלך האָט מען געזאַלט באַשיטן די אַבאָרטן און שטאַלן. קיינער האָט זיך אָבער צו דער דאָזיקער זאַך נישט געאיילט, קיינער האָט נישט געגלויבט, אַז דאָס קאָן אָפּשטעלן די מגפה.

אין יענע פֿינצטערע טעג, ווען אין דאָרף האָט געבושעוועט דער טויט, האָט אין איינעם אַ זונטיק דער גלח געהאַלטן אַ דרשה פֿאַר די גלויביקע. ער האָט גערעדט וועגן פֿרומקייט און וועגן זינד, וועגן תשובה און וועגן גאָטס שטראָף און גאָטס גנאָד. און ווען ער האָט גערעדט וועגן זינד, האָבן זיינע צוהערער דערמאָנט זיך דאָס איינזאַמע הויז אויפֿן בערגל, און עס האָט זיך זיי אויסגעוויזן, אַז זיי האָבן פּלוצים פֿאַרשטאַנען די וואָרצל און דעם זין פֿון גאָטס שטראָף. אַ האַס האָבן זיי דערפֿילט, אַ ווילדער כעס האָט זיי אַרומגענומען. איצט האָבן זיי שוין געוווּסט ווער עס איז שולדיק, שולדיק איז יענע שיינע מכשפה מיט איר שוואַרצן ממזר, וועלכער איז אַזוי ענלעך צו אַלע אַנדערע ציגיינערישע ממזרים. זי איז שולדיק, די חצופה, וואָס די ציגיינער הרייען זיך לעבן איר אַרום, דאָס האָט גאָט פֿאַר אירע זינד געשיקט אַ שטראָף אויף די אומשולדיקע קינדער פֿון גאַנצן דאָרף. שרייענדיק ווילד און שילטנדיק, האָבן זיי זיך געלאָזט זוכן נקמה.

דער פּעטער אַנדריי איז געשטאַנען אויפֿן הויף און נאָך איידער ער האָט זיי דערזען, האָט ער דערהערט זייער געשריי. ער האָט פֿאַרשטאַנען, אַז עפּעס איז אין דאָרף געשען, עפּעס שלעכטס. און באַלד האָבן זיי זיך באַוויזן פֿון הינטער דעם בערגל, זיי זענען געלאָפֿן דורך די פּאַראַקערטע בייטן, מענער און פֿרויען, זיי האָבן איבערגעקערט דעם הילצערנעם פּלויט, דראָענדיק געהויבן די פֿויסטן, פּנימער האָבן זיי געהאַט רויטע, רויטע פֿון אָנשטרענג און פֿון כעס.

נאָך איידער אַנדריי האָט געקאָנט פֿאַרשטיין די סיבה פֿון טומל, האָט אים דערגרייכט אַ האָגל פֿון שטיינער. ער האָט נאָך באַוויזן צוצולויפֿן צום פֿענצטער און צו וואָרענען די שוועסטער:

— אַנטלויף! אַנטלויף מיטן קינד!

און שוין האָבן זיי אים אַרומגערינגלט, צוגעפּאַלן צו אים ווי רויב־פֿייגל, אומגעוואָרפֿן אים אויף דער ערד.

— די שוועסטער דיינע! ווו איז זי? ווו איז דער ממזר?

ער איז געלעגן אָן שום באַוועגונג, געקוקט אין דער בלויער טיפֿע־ניש פֿון הימל, די צווייגן פֿון ליפּע־בוים האָבן זיך געוויגט איבער אים, מיט באַדויער האָט ער אַ טראַכט געטאָן, אַז אויף זייער הויף איז פֿאַראַן נישט מער ווי צוויי ליפּע־ביימער, און עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער אַליין און זיין שוועסטער זענען ווי שאָטנס פֿון די דאָזיקע איינזאַמע ביימער. דער געדאַנק וועגן דער שוועסטער און וועגן וואַיטעקן האָט פֿון אים פֿאַרטריבן אַלע אַנדערע געדאַנקען. און דאָס איז געווען דער לעצטער געדאַנק אין זיין לעבן.

אַ פּאַרספּעטער איז געקומען צו לויפֿן דער ציגיינער מאַטוויי, אויף זיין איבערגעשראָקענעם געזיכט האָבן זיך געקייקלט טראָפּן שווייס. ווען ער האָט זיך געפֿונען לעבן דער שטוב, האָט דער עולם זיך נאָך איזדיעקע־וועט איבער דעם ליגנדיקן קערפּער.

— נאַראָנים! — האָט אויסגעשריגן מאַטוויי — נאַראָנים!

ערשט דעמלט זענען זיי געבליבן שטיין ווי פֿאַרגליווערט, געקוקט איינער אויף דעם צווייטן.

מאַטוויי האָט זיך אָנגעבויגן איבער זיין טויטן פֿרייַנד. אַנדרייס אויגן זענען געווען אָפֿן, פֿון מויל האָט געטריפֿט דאָס בלוט, טראָפּנווייז איז עס געפֿאַלן אויף דער טרוקענער ערד.

— גייט! — האָט אויסגעשריגן דער ציגיינער — גייט אַוועק!

די פּויערים האָבן אויפֿגעדעקט די קעפּ, געצלמט זיך.

מאַטוויי איז צוגעגאַנגען צום פֿענצטער — די שטוב איז געווען ליער, די שויבן אויסגעשלאָגן. ער האָט זיך געלאָזט גיין צום קוסטאַרניק. און דאָרט האָט ער באַגעגנט וואַיטעקן.

די מוטער איז געגאַנגען לעבן אים פּאָוואָליע, איר טראָט איז געווען שטאַר, פּונקט ווי זי וואָלט געגאַנגען אויף גלאָז.

זי איז צוגעקומען צום טויטן קערפּער פֿון ברודער, אַוועקגעזעצט זיך לעבן אים אויף דער ערד, אָנגענומען זיינע נאָך וואַרעמע הענט און גענומען זיי דריקן און קושן, ווי זי וואָלט געפּרווט זיי צוריקברענגען צום לעבן.

דער פּליט

אָט דאָ האָט ער געוווינט, דאָ, ווו עס געפינט זיך היינט דער דאָזיקער נייער און שיינער וווינונגס=קוואַרטל, און ווו עס איז אין יענע יאָרן געווען אַ געדיכטעניש פון געסעלעך שמאָלינקע און אַלטערטימלעכע... אין איינעם פון די דאָזיקע הילצערנע הייזלעך, וואָס זענען געווען האַלב איינגעזונקען פון אַלטקייט און ווו עס האָט אפילו אין מיטן טאָג געהערשט אַ גרויער בין השמשות. דאָרט איז ער געקומען אויף דער וועלט, דאָרט איז געשטאָרבן זיין פאָטער, דאָרט האָט ער געלעבט צוזאַמען מיט זיין אַלטער בלינדער מוטער.

דאָרט האָט גדליה ג ע וו ו י נ ט, כאָטש אין קיין שום אַמטלעכע ביכער איז זיין עקזיסטענץ נישט געווען באַשטעטיקט, אין קיין שום אַמטלעכע פאַפּירן איז זיין נאָמען נישט געווען פאַרשריבן. מען האָט זיין נאָמען אפילו נישט דערמאָנט אין יענע רשימות פון מענטשן געבוירענע, פון מענטשן לעבעדיקע, וואָס אָטעמען מיט דער לופט פון דאָזיקן לאַנד, פון דער דאָזיקער שטאָט, פון דער דאָזיקער וועלט, ווו יעדער בן אדם איז פאַרצייכנט אויף פיל וויכטיקע ערטער, מיט אַ ציפערל פאַר דעם ערשטן אות פון נאָמען.

עס האָט זיך געקאָנט האַלטן, אַז די וועלט האָט וועגן גדליהן נישט געדענקט און נישט געוווסט וועגן אים, כאָטש געזען האָט מען דאָך אים יעדן טאָג; אין דער שוואַרצער בעקעשע, אין ווייסע זאָקן און האַלב=שיך, אין אַ ברייטן רבנישן קאַפּעליוש. ביי דער האַנט האָט ער געפירט די בלינדע מוטער — מיט אַ בלעכערנעם טעפּעלע אין דער האַנט איז זי געגאַנגען לעבן איר בן יחיד ביז צום מאַרק=פּלאַץ. דאָרט פלעגט ער זי אַוועקזעצן אויף אַ קליין בענקעלע, אין דער שכנות פון פאַרביקע קראָמען, און דאָרט פלעגט זי דרימלען אַ גאַנצן טאָג, מיטן בלעכערנעם טע=

פּעלע אויף דער שויס. באַרמהאַרציקע סוחרים און מעקלערס, און טייל־מאָל אפילו פּויערים פון די אַרומיקע דערפער, וואָס פלעגן דאָ קומען איין מאָל אין דער וואָך אויפן יאַריד, פלעגן אַריינוואַרפן אַ גראָשן אין טעפּעלע פון דער שווייגנדיקער בלינדער זקנה.

און גדליה פלעגט דערווייל זיצן אין בית המדרש און פאַרנעמען זיך מיט גאָטס זאַכן, מיט גאָטס הייליקע ענינים, מיט די מדרשים און חכמות, מיט די סודות, וואָס זענען פאַרבאָרגן צווישן איין שורה און דער צווייטער און צווישן איין אות און דעם צווייטן.

פאַרנאַכט פלעגט ער פאַרלאָזן גאָטס הויז. אויפן מאַרק־פּלאַץ פלעגט שוין אויסגיין דער טעגלעכער ווירוואַר און דער ווילדער געיעג נאָך פּרנסה. ביידע, די מוטער און דער זון, פלעגן איצט גיין אַהיים. דאָס יידישע געסל האָט געאָטעמט מיט אָפּרו אין דער דאָזיקער פאַרנאַכטיקער מנוחה־דיקער שעה. אויף די שוועלן זענען געזעסן מידע שניידערס, טאַנדייטני־קעס, וואָס פלעגן אין משך פון טאָג אויפנייען הונדערט פּאָר פּויערישע הויזן, און איצט, אין דער דאָזיקער זיסער פאַרנאַכטיקער שעה, האָבן זיי געזויגט מענטע־צוקערלעך, אָדער גערויכערט דאַרע ציגאַרעטלעך און געוואַרט אויף אַן אָטעם פון ווינט, וועלכער פלעגט טיילמאָל ברענגען אַ דופטיקן גרוס פון די פעלדער און וועלדער, וואָס האָבן זיך געצויגן הינטער דער שטאָט.

קינדער האָבן זיך געשפּילט אין זשאַנדאַרן און גנבים, אָדער פאַר־ווילט זיך מיט מאַטערן אַן אַלטע קראַנקע קאַץ מיט קאַפּרעווע אויגן און מיט אַן אויסגעקראָכענעם פעלעכל.

יונגע מיידלעך האָבן זיך געפּוצט און געגרייט ארויסצוגיין שפּאַצירן אויף דער „הערן־גאַס“, וועלכע האָט זיך געצויגן פון דער קאַטוילישער קירכע ביז צו דעם צוקערריי־געשעפט פון משה ענגלאַרד. אָבער אין יענע ווייטע און הויאיקע צייטן האָט זיך גדליה נישט אומגעקוקט אפילו אויף די שענסטע נקבות — פאַרקערט, וויפל מאָל ער האָט באַגעגנט אַ מיידל אָדער אַ פרוי, פלעגט ער שעמעוודיק קוקן אין אַ זייט, שעמעוודיק און אפילו מיט אַ געוויסן אומחן. פרויען האָבן אים געשטערט אין דער דערהויבענער פרומער שטימונג, וועלכע האָט אים דערנעענטערט צו גאָט. פרויען האָבן געהערט צו אַ צווייטער וועלט. נישט צו דער וועלט פון ריינעם גייסט און פרומקייט.

* * *

אין איינעם אַן אָוונט איז גדליה אַהיימגעקומען אָן דער מוטער. געווען איז עס אַ מאַרק־טאָג. דורך דעם פּלאַץ, ווו עס פּלעגן פאָרקומען די יאַרידן, איז פאַרבייגעפאָרן אַן אויטאָמאָביל; אַ פּויערישע פאָר פערד איינגעשפּאַנטע אין אַ שווערן וואָגן האָבן זיך דערשראָקן, צעפלאָשעט און געלאָזט זיך אין אַ ווילדן גאַלאָפּ. ווער עס האָט געהאַט אויגן און פיס, דער האָט באַוויזן צו אַנטלויפן, אָבער גדליהס מוטער האָט נישט געהאַט קיין אויגן, גדליהס מוטער האָט ניט דערזען די דראָענדיקע געפאַר און זי איז אומגעקומען אונטער די פערדישע פיס, אינמיטן מאַרק־פּלאַץ, אינמיטן העלן טאָג.

גדליה איז געבליבן אַליין. אַ קיילעכדיקער יתום איז ער איצט געווען, די גאַנצע שטאָט האָט וועגן אים גערעדט מיט גרויס רחמנות. דאָס בלע־כערנע טעפּעלע פון דער מוטער האָט אויפגעהערט צו קלינגען מיט די קליינע מטבעות, אָבער אין שטאָט זענען געווען אַ סך גוטע מענטשן, מען האָט אים נישט געלאָזט אומקומען. עטלעכע רייכע באַלעבאַטים האָבן גענומען אויף זיך אויסצוהאַלטן דעם יונגן פרומען בחור. ער האָט געגעסן טעג. אין יעדער שטוב האָט מען אים אויפגענומען בכבודיק — ער איז דאָך געווען אַ יתום און ער איז דאָך געווען אַ תלמיד חכם. טיילמאָל פלעגט צוליב אים קומען צו אַ קריגעריי צווישן די באַלעבאַטים: פרייטיק־צו־נאַכטס, אָדער שבת, צו אַ יום־טוב, אָדער אויף אַ שמחה פלעגט מען גדליהן פאַרבעטן צו עטלעכע באַלעבאַטים גלייכצייטיק. איז ער געשטאַ־נען צווישן זיי אַ פאַרשעמטער און אַן אומבאַהאָלפענער, און זיי, די באַלעבאַטים, פלעגן אים שלעפּן ביים אָרעם, דער צו זיך און יענער צו זיך, ביז עס פלעגט קומען דער גבאי פון בית המדרש, אָדער אַן אַנדערער שיינער ייד און פאַרגלייכן די צדדים — פאַר איין גדליהן פלעגט מען געבן צוויי אָדער דריי אַנדערע פשוטע אורחים.

און אַזוי האָט זיך דערנעענטערט דער פרילינג, דער לעצטער פרי־לינג פאַר דער גרויסער מלחמה. בחורים האָבן זיך געגרייט צום פרי־זיוו. געבעכדיקע קאַנדידאַטן זענען עס געווען, צו דער מיליטערישער דינסט. פון די פריע קינדעריאָרן צוגעקאָוועט צו דער חדר־באַנק, צוגע־וווינט צו זיצן שעהן לאַנג אָנגעבויגן איבער אַ ספר, בלאַסע און מאָ־גערע, אָפט שוין מיט אַ חולאת, מיט אַ לונגען־חולאת אין ברוסט־קאַסטן — ווען זיי פלעגן זיך באַווייזן נאַקעט און שעמעוודיק פאַר דער פריזיוו־קאָמיסיע, פלעגט זיי באַגריסן אַ הילכיק שפּאָטיש געלעכטער פון

די מיליטערישע דאָקטוירים און אָפיצירן: גענוג געווען אַ קוק צו טאָן אויף די דאָזיקע אויסגעדאַרטע פּריזיוניקעס, אויף זייערע בייניקע נעבעכדיקע קערפּערס, בכדי צו קאָנען פעסטשטעלן, אז זיי טויגן נישט צו מיליטערישער דינסט.

אָבער די אומזיכערקייט און די יסורים פאַרבונדענע מיטן פּריזיוו האָבן זיך אָנגעהויבן אַ סך פריער. די יונגע תלמידי־חכמים האָבן נאָך אַלץ נישט געגלייבט, אַז זיי זענען שוין גענוג מאָגער און גענוג שוואַך, וואָכן לאַנג האָבן זיי געפּלאָגט זייערע קערפּערס און דערפירט זיך צו אַ חורבן. זיי האָבן זיך געקאַרגט דעם שלאָף, ביינאַכט פלעגן זיי אַרומקלעטערן ווייט הינטער דער שטאָט, זיי האָבן געפּראַוועט תעניתים.

גדליה איז געווען אַן אויסנאַם. ער האָט זיך נישט געזאָרגט וועגן פּריזיוו, ער האָט נישט געפּלאָגט דעם קערפּער, אים האָט דער פּריזיוו נישט געדראָט, אים האָט נישט געדראָט דאָס חזיר־פלייש פון דער מיליטערישער קיך: גדליה איז דאָך נישט געווען פאַרשריבן אין קיין שום אַמטלעכע ביכער, זיין לעבן און דאָזיין איז נישט געווען פאַרבונדן מיט קיין שום מעטריקעס, מיט זיין וועלט האָט נישט רעגירט קיין שום בשר ודם, נישט דער פּאָליציאַנט און נישט הער סטאַראָסטע, אפילו דער פּרעזידענט פון דער מלוכה האָט נישט געהאַט קיין מאַכט איבער גדליהן, ווייל גדליה איז אינערגעץ נישט געווען פאַרשריבן. גאָט האָט רעגירט מיט גדליהס וועלט און נאָר גאָט, וועלכער האָט אַ גוטן זכרון, ווייסט ווען, אין וועלכן יאָר און אין וועלכן טאָג גדליה איז געבוירן געוואָרן.

דער פּריזיוו איז געווען פאַר פּסח. דערנאָך איז געקומען דער שיינער זומער. דורך די אָפענע פענצטער פון בית המדרש האָט אַריינגעדרונגען דער זומערדיקער ברעז, און אַריינגעדרונגען האָט אויך אַן אומרו פון דער ווייטער גרויסער וועלט: ידיעות, צו וועלכע מען האָט זיך דאָ באַצויגן נישט גענוג ערנסט, ווייל זיי זענען געקומען פון דער ווייט, פון יענער זייט גרענעץ. מען האָט גערעדט וועגן דייטשלאַנד און וועגן היטלערן ימח שמו, וועגן פאַשיזם און וועגן מלחמה — אָבער יידן לעבן דאָך מיט בטחון, די מויערן פון בית המדרש זענען גענוג דיק און דער יידישער גלויבן איז דאָך ווי אַ פעסטונג, וואָס קיינער קאָן אים נישט בייקומען. פרומע יידן האָבן געשאָקלט מיט די קעפּ: אמת, די וועלט גייט טאַקע מיט אירע משוגענע זלידנע וועגן, אָבער דאָ, אין דער שטאָט, דאָ, אין בית המדרש, דאָ, צווישן יידן, איז פאַראַן נאָר איין וועג, אַ גליי־

כער וועג, אַ ליכטיקער וועג, וואָס פירט גלייך אין הימל אַריין, דאָס איז דער וועג צו עולם-הבא, און אַזאַ וועג קאָן דאָך נישט פאַרפירן.

דעם ערשטן טאָג פון חודש סעפּטעמבער האָט די שטאָט אַ ציטער געטאָן, די וועלט האָט זיך אַ וואַקל געטאָן ווי אַ שיכור. אין די געסלעך האָבן זיך געראָיעט אייננווינער און זעלנער, היגע באַלעבאַטים און פליטים פון אַנדערע שטעט. אַלע זענען געלאָפן אויף מזרח.

גדליה איז געשטאַנען אויפן מאַרק-פּלאַץ, ער האָט געזען די פאַרמאַכטע קראָמען, געהערשט האָט דאָ אַ מרה-שחורה, די גלאָקן אויפן טורעם פון דער קאַטוילישער קירכע האָבן אומעטיק געהילכט און געוויינט.

אין בית המדרש איז שוין נישט געווען קיין לעבעדיקע נשמה. בלויז דער אַלטער שמש איז געזעסן אויף דער שוועל און געוואַרעמט אויף דער זון די רויטע געשוואָלענע פיס.

אַלע באַלעבאַטים, ביי וועלכע גדליה האָט געגעסן טעג, זענען שוין אַוועק פון דער שטאָט. צוויי טעג האָט גדליה געגעסן פון איין טאָפּ מיטן שמש. דעם דריטן טאָג האָבן די דייטשן פאַרנומען די שטאָט. אין דער לענג פון די גאַסן און געסלעך זענען געשטאַנען מאַשין-געווערן, צוגעדעקטע מיט גרינע צווייגן און בינטלעך גראָז.

גדליה האָט אָנגעטאָן די יום-טובדיקע זיידענע בעקעשע, אַראָפּגענומען פון דער וואַנט דאָס אַלטמאָדישע זייגערל — די איינציקע ירושה וואָס איז פאַרבליבן נאָך זיינע עלטערן — און מיט אַ פאַרטראַכטן בליק האָט ער זיך אָפּגעזעגנט מיט די פיר ווענט פון דער שטוב. עס האָט אים ווי געטאָן דאָס האַרץ, געגאָגט האָט אים אַ שטילער אומעט, ער האָט פאָרגעפילט, אַז מער וועט ער זיך שוין דאָ נישט אומקערן.

אַרויס פון דער שטוב, האָט ער זיך געלאָזט אין דער ריכטונג פון מאַרק, אין דער ריכטונג פון בית המדרש. לעבן מאַגיסטראַט האָט ער דערזען עטלעכע דייטשישע זעלנער און אַ סך יידן, אויסגעשטעלטע אין איין ריי. פון בית המדרש האָט זיך געטראָגן אַ רויך, עס האָט געברענט, אָבער קיינער איז נישט געלאָפן לעשן די שריפה.

גדליה איז געגאַנגען מיט דער הערדן-גאַס. אַ לייכט ווינטל האָט געהויבן די פאָלעס פון זיין זיידענער בעקעשע און אָנגענעם געהויכט אויף זיין בלאַס געזיכט. ער איז געגאַנגען לאַנגזאַם, נישט געאיילט זיך, נישט געהאַט וווהין, און נישט צו ווען זיך צו איילן, עטלעכע מאָל איז ער געבליבן שטיין, בכדי פעסטצושטעלן די ענדערונגען, וואָס זענען דאָ פאָרגעקומען אין משך פון איין נאַכט. ער האָט געזען פאַרמאַכטע קראָמען,

פענצטער פאַרמאַכטע, הינטער די פּירהענגלעך פלעגט זיך ווו נישט ווו באַווייזן און פאַרשווינדן אַ פאַרזאָרגט אָדער דערשראָקן פּנים.

ער האָט באַגעגנט דייטשן. זיי האָבן אָנגעשטעלט אויף אים זייערע פּאַטאַ־אַפּאַראַטן, פאָטאָגראַפירט אים — דעם יידישן בחור מיט שוואַרצע פלאַמיקע אויגן, מיט לאַנגע פּאות, אין דער עקזאָטישער בעקעשע, מיט ווייסע זאָקן און שוואַרצע האַלבשיך. אַ זעלנער וואָס האָט געשטעקט ביים מאַשין־געווער, האָט גערופן: „העפּ, יודע, העפּ!" גדליה האָט זיך טאַמעוואַטע צעשמייכלט און איז געגאַנגען ווייטער.

ענדלעך האָט ער איבערגעלאָזט הינטער זיך די לעצטע הייזער פון דער פאַרשטאָט. איצט האָבן זיך געצויגן פאַר אים פעלדער ברייטע און ווייטע, האַרבסטיקע סטערניעס און האָרבאַטע בערגלעך, באַדעקטע מיט וואַלד ווי מיט אַ טונקעלן פעלץ. פון די ביימער ביים וועג האָבן זיך שוין געשיט בלעטער געלע און רויטע, ווייסע שפּינוועבעכץ, לייכט ווי אַ נעפּל, ווי אַ חלום לייכט, האָט געשוועבט איבער די פעלדער. און דער וועג האָט געציטערט, דער וועג האָט זיך געבויגן אונטער טויזנט שווערע אַרמאַטן, געקרילצט האָט דאָס אייזן — די אייזערנע גלידער פון די טאַנקן. אויף די לאַסט־אויטאָס זענען געזעסן זעלנער מיט מאָרדעס צופרידענע און ראַזעווע, אויסגעפרעסענע. אויסמיידנדיק גדליהן, האָבן זיי אויף אים געוויזן מיט די פינגער, געלאַכט.

עטלעכע מאָל האָט אים ביים אויער אַ פייף געטאָן אַ פאַרבייפליענדיקע קויל — זיי האָבן צו אים געשאָסן. האָט ער פאַרלאָזט דעם וועג און איז אַריין אין וואַלד. מיט אַן איינזאַמער סטעזשקע איז ער געגאַנגען אין דער געדיכטעניש פון שמעקעוודיקע ביימער. שטיל איז דאָ געווען, גוט איז אים דאָ געווען. ער האָט איצט באַדויערט, אַז קיינמאָל פריער איז אים נישט איינגעפאַלן אַהער צו קומען, אין דעם האָזיקן שטילן וואַלד, ווו די וועלט איז אַזוי שיין און דער הימל איבער די ביימער אַזוי נאָענט.

ער האָט נישט געוווסט ווי שפּעט עס איז, נישט ווי לאַנג ער געפינט זיך שוין אין וועג. עס איז געווען היים, און ער האָט געפילט אַ מידקייט אין די פיס, אַ מידקייט אין גאַנצן קערפּער. ער איז געווען הונגעריק.

פלוצים איז ער אַרויסגעקומען אויף אַ גלייך שטיק פעלד — אַ לאַנגע אינמיטן וואַלד, אַרומגערינגלט מיט הויכע סאָסנעס ווי מיט אַ טונקעלן מויער. דאָס גראָז איז דאָ געווען הויך און געל פון רייפקייט, וואַרעם פון דער זון. אונטער אַ בוים איז געלעגן אַ יונגע באָרוועסע פרוי, זי איז

געשלאָפֿן. דעם העלן צאָפּ האָר האָט זי געהאַט פֿאַרוואָרפֿן אויפֿן אַקסל. איר ברוסט האָט זיך געהויבן אין רואיקן שלאָף.

גדליה, וועלכער האָט קיינמאָל נישט געקוקט אויף קיין שום יונגער פֿרוי, גדליה, וועלכער האָט שטענדיק אָפּגעקערט דעם בליק אין אַ זייט, ווען עס איז אים אויסגעקומען צו באַגעגענען אַ מיידל אָדער אַ יונגע פֿרוי — דער זעלבער גדליה האָט זיך איצט נייגעריק צוגעקוקט צום גע־שטאַלט פֿון דער שלאָפֿנדיקער נקבה. ער האָט געזען אירע ברוינע באַקן, רויטע און פֿולע ליפּן ווי ווײַנשל, די בערגלעך פֿון אירע ברוסטן, אירע באָרוועסע פֿיס, אָפּגעבריגעטע פֿון דער זון און טונקעלע פֿון דעם פּראָך, וועלכער האָט באַדעקט די וואָלדיקע סטעזשקעס.

ער האָט געקוקט און נישט גערירט זיך פֿון אָרט, נישט געוואָלט אויפֿוועקן דאָס דאָזיקע שיינע שלאָפֿנדיקע באַשעפֿעניש. ווייל עס האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז זי איז שיין, זייער שיין, און דער דאָזיקער געדאַנק האָט אים איבערראַשט, דערשראָקן: איז עס נישט געווען אַ זינ־דיקער געדאַנק? איז עס נישט געווען אַן אָנשיקעניש? אַ פּרוּווּעניש?

ער האָט זיך פֿאַרטראַכט. זענען יענע אַלע פֿרויען, וועלכע ער פֿלעגט אויסמיידן, אויך געווען אַזוי שיין, ווי די דאָזיקע? דאָ האָט זיך גדליה דערמאָנט די ווּקסיקע שיין געבוימטע טעכטער פֿון משה ענגלאַרד, וועל־כער האָט געהאַט אַ צוקער־געשעפֿט און וועגן וועלכן מען האָט געזאָגט, אַז ער האָט די שענסטע און גרעסטע נדנים פֿאַר זיינע טעכטער, און ער האָט זיך דערמאָנט די איינציקע טאָכטער פֿון שניט־סוחר יעקב האָזענ־לויף, די שיינע בת יהודה וואָס האָט שטענדיק געלייענט דייטשישע ראָ־מאַנען און געשפּילט אומעטיקע קאָנצערטן אויף אַ גרויסן שוואַרצן פֿאָר־טעפּיאַן. ער האָט זיך דערמאָנט אַנדערע שיינע יידישע מיידלעך פֿון דער שטאָט, יידישע טעכטער פֿון באַלעבאַטישע הייזער — שטענדיק פֿלעגט ער אַנטלויפֿן פֿון זיי, אַנטלויפֿן אפֿילו מיט די געדאַנקען, און איצט, אין דער דאָזיקער אויסטערלישער מינוט שטייט ער דאָ, אינמיטן וואַלד, ביי דער אָט שלאָפֿנדיקער פֿרוי און ער פֿרוּווט אפֿילו נישט אָוועקצוגיין — פֿאַרקערט, ער וויל זיך צו איר דערנעענטערן, נאָר עס פֿעלט אים נאָך אַ ביסעלע מוט, עס פֿעלט אים נאָך אַ קליין ביסעלע יצר־הרע.

ער האָט זיך דערמאָנט, אַז היינט — צום ערשטן מאָל האָט דאָס פּאַסירט — האָט ער נישט געדאַוונט. ער האָט זיך אָבער נישט דערפֿילט זינדיק. עס האָט אים אַרומגענומען און באַהערשט אַ מאָדנע גלייכגילטי־קייט, און עפּעס האָט אין אים אָנגעהויבן פֿליסטערן, אַז דער היינטיקער

טאָג איז גאַנץ אַנדערש אַנדערש פון אַלע אַנדערע ביזאיצטיקע טעג, אַז דער היינטיקער טאָג איז דער ערשטער פון פיל טעג, וועלכע וועלן שוין נישט זיין ענלעך צום עבר, און אַז די וועלט איז צעטערט און וואַקלט זיך, די וועלט איז שוין ווי אַ כלי, וועלכע איז געשעדיקט געוואָרן — דאָס איז שוין נישט די ז ע ל ב ע כלי, דאָס איז שוין נישט די זעלבע וועלט, וואָס נעכטן און אייערנעכטן, און אויך ער, גדליה, איז שוין נישט דער זעלבער און וועט שוין קיינמאָל נישט זיין דער זעלבער, ווייל...

הויך, איבערן וואַלד האָט זיך באַוויזן אַ כמאַרע אַעראָפּלאַנען. די לופט האָט געציטערט פון זייער ברומען, די לופט איז געווען פול מיט אומרו. די שלאָפנדיקע פרוי האָט זיך אויפגעוועקט, איר בליק האָט זיך אַ ווײַלע פאַרהאַלטן אויף דעם בלויען הימל, הינטער וועלכן עס האָבן זיך באַוויזן די דייטשישע שטאָלענע רויב-פייגל. דערנאָך האָט זי דערזען גדליהן און זי האָט זיך פּלוצים צעלאַכט, איר געלעכטער איז געווען אומדערוואַרט און פול מיט לעבן. און מיטאַמאָל זענען פאַרשוואונדן די פיינטלעכע פלי-מאַשינען און גדליהן האָט זיך געדאַכט, אַז קיינמאָל זענען זיי דאָ נישט דורכגעפלויגן, קיינמאָל האָט ער זיי נישט געהערט און נישט געזען.

— קום! — האָט זי געזאָגט, די לאַכנדיקע נקבה, דער בלאָנדער יצר-הרע — קום, זעץ זיך לעבן מיר.

און ווען זי האָט באַמערקט זיין שעמעוודיקע אומבאַהאָלפנקייט, האָט זי צוגעגעבן:

— פאַר מיר האָב נישט קיין מורא. איך וועל דיך נישט אויפעסן. אין צווייען וועט אונדז נישט זיין אַזוי סטראַשנע פאַר יענע שדים...

ווידער זענען געפלויגן אַעראָפּלאַנען, שוואַרצע, פינצטערע רויב-פייגל הויך אונטער דעם בלויען ליכטיקן הימל, און זי, די יונגע פויערטע האָט אַרויסגענומען פון קוישל אַ פלאַש מילך און אַ האַלב ראַזעווע ברייטל, ביידע האָבן זיי געגעסן דאָס דאָזיקע דאָרפישע שוואַרצע ברויט, ביידע האָבן זיי געטרונקען מילך פון איין פלאַש. די יונגע פרוי האָט געגלעט זיינע לאַנגע געקרייזלטע שוואַרצע פאות און זי האָט געלאַכט — א י ם האָט גאָר דער דאָזיקער געלעכטער נישט געשטערט, נישט געאַרט האָט עס אים, נישט באַליידיקט.

ער האָט געשוויגן.

— זינדיק בין איך — האָט ער געטראַכט גלייכגילטיק און שוין האָט ער געהאַט אַן ענטפער אויף דעם דאָזיקן געדאַנק, שוין האָט ער

געפונען אַ פאַרטיידיקונג — זינדיק? געבענטשט איז אַלץ, וואָס לעבט און וואָס אָטעמט, אַלץ וואָס לאַכט און אַלץ וואָס איז שיין, געבענטשט איז אַלץ, וואָס איז גוט און וואָס איז זיס, געבענטשט איז דער הימל און די ערד, די בערג און די וועלדער, דאָס ברויט און דאָס מילך, די פרוי און איר געלעכטער, געבענטשט איז זי, די דאָזיקע נקבה מיט ברוסטן ווי רייפע פּאָמעראַנצן, מיט ציינער ווייסע ווי די וואָל פון יונגע שעפעלעך. געבענטשט איז דער מענטשלעכער קערפּער און געבענטשט זענען די אָדערן, אין וועלכע עס שווימט אונדזער לעבן, געבענטשט איז דער מענטש, דער בשר ודם...

ווידער האָט געציטערט די ערד, ערגעץ נישט ווייט האָבן שווערע באָמבעס אויפגעריסן די פלאַך פון דער לאַנדשאַפט. גדליה האָט אַ ציטער געטאָן און איז צוגעפאַלן צום הייסן לייב פון דער פרוי. די ערד האָט זיך געוואַקלט, די וועלט איז אונטערגעגאַנגען, און זיי, צוויי פרעמדע אומבאַקאַנטע — אדם און חוה — פאַרלוירענע אין דער גרויסער מלחמה, האָבן געזוכט אַ פאַרלייקענונג פון טויט, זיי האָבן געזוכט אַ פאַרלייקענונג פון פאַרניכטונג, אַ באַשטעטיקונג פון לעבן האָבן זיי געזוכט, זיי האָבן אין זיך געזוכט לעבן.

זי, די פרוי, האָט געפליסטערט, און אויך ער, אויך גדליה האָט צו איר עפּעס גערעדט, אָבער נישט געהערט האָט ער אירע ווערטער און נישט געהערט האָט ער אפילו זיינע אייגענע ווערטער. עס האָט זיך דערהויבן אַ שיסעריי, די קוילן האָבן געפייפט איבער די שפּיצן פון סאָסנעס, אָבער זיי, דאָ, אונטער דעם בוים, זענען געווען פאַרנומען מיט זיך.

דערנאָך האָבן זיי זיך באַרואיקט. די פרוי האָט אַראָפּגענומען פון גדליהס קאָפּ דעם שוואַרצן פּליושענעם רבנישן קאַפּעליוש און די קליינע יאַרמלקע. די לאַנגע פּאות זיינע האָט זי פאַרלייגט הינטער די אויערן.

— אָ! — האָט זי זיך ווידער צעלאַכט — איצט ביסטו שיין...

גדליה האָט געשוויגן. ער האָט זי געקושט צאַרט, ווי ער וואָלט מורא געהאַט אַז אָט, אָט, וועט זי זיך צעשווימען אין דער לופט ווי אַ חלום.

— איך וועל שוין גיין — האָט זי געזאָגט, אַרויפציענדיק אויף זיך דאָס געבלימלטע קליידל — איך מוז גיין. מען וואַרט אויף מיר אין פעלד. דער טאַטע אַקערט דאָרט. נאַ, נעם אַ שטיקל ברויט אויפן וועג. נעם. וועסט זיין הונגעריק.

און נאָך איינמאָל האָט זי זיך אומגעקערט, צעלאַכט זיך און פֿאַר־שוווּנדן אין וואַלד.

ווידער איז ער געווען אַליין. עס האָט זיך אים געוואָלט וויינען, גע־וואָלט לויפֿן, דעריאָגן זי, נישט דערלויבן, זי זאָל פֿאַרשווינדן אין דער געדיכטעניש פֿון די ביימער.

ער האָט אָבער נישט געוואַגט צו גיין נאָך איר, צו ווייניק מוט האָט ער געהאַט, צופֿיל געזונטן פֿאַרשטאַנד.

מיט ביטערקייט און אַנטוישונג האָט ער זיך צעלאַכט און געלאָזט זיך אין דער זעלבער ריכטונג, ווו ער איז שוין געגאַנגען פֿון איינדערפֿרי אָן.

די זון איז שוין געווען נידעריק, ווען ער איז צוגעקומען צום טייך, וועלכער איז געווען אַ גרענעץ־טייך. נישט אַראָפּנעמענדיק פֿון די פֿיס די האַלבשיך, איז ער אַריין אין וואַסער. ער האָט געהערט אַ שיסעריי, אָבער ער האָט זיך אפֿילו נישט אומגעקוקט.

דאָס וואַסער איז געווען אַלץ טיפֿער, וואַרעם איז עס געווען און עס האָט סודות־פֿול געפּליסטערט, געשעפּטשעט אָן ווערטער.

גדליהם האַרץ איז געווען ווי אַ קאַפּעליע — פֿול מיט געזאַנגען און ניגונים איז עס געווען. ער האָט געטראַכט וועגן דער דאָרפֿישער פֿרוי, וואָס האָט אים געהאָלפֿן אַנטדעקן אַ סוד, פֿון יענע צאַרטייכע וווּנדער־באַרע און פֿאַרבאָטענע סודות, אין וועלכע עס שטעקט דער זין פֿון לעבן און פֿון ליבן — דער זין פֿון דאַזיין.

די זון האָט זיך געלייגט אויפֿן טייך מיט אַ ברענענדיקער גאָלדענער פּאַסמע, די זון האָט געלויכטן גלייך אין גדליהם פּנים. ער האָט אויסגע־שטרעקט די האַנט, ווי עס וואָלט זיך אים פֿאַרגלוסט צו דערגרייכן און צוצודריקן די ברענענדיקע זון צו זיינע ציטערנדיקע ליפּן און צו זיין אָרעם מענטשיש האַרץ.

צוויי נעמען

דער ערשטער, צו וועמען ער האָט זיך געווענדן, האָט פאַרפירט.

— אַזויפיל מענטשן זענען פאַראַן אין דער האָזיקער שטאָט — האָט ער געזאָגט מיט אַ בייזער גרימאַסע — און הווקא מיך האָט דאָס גליק געטראָפן, הווקא מיך האָסטו געמוזט באַגליקן מיט דיין באַזוך.

.האָט ער זיך דערמאָנט וועגן אַן אַנדערן באַקאַנטן, אָבער דאָס מאָל האָט אים אויסגעפעלט מוט. ער איז לאַנג געשטאַנען אין טונקעלן קאָרי־דאָר, נישט געקאָנט זיך דעצידירן אָנצוקלינגען. ער האָט זיך געפילט פאַר־שעמט, אפשר האָט אים באַהערשט דער פחד.

ווידער האָט ער זיך געפונען אויף דער גאַס, די פיס האָבן אים קוים געטראָגן, ער איז געווען מיד און הונגעריק.

ער האָט זיך געלאָזט אין דער ריכטונג פון אַרבעטער־קוואַרטל, אויך דאָרט האָט ער געהאַט אַ באַקאַנטן פון די אַמאָליקע צייטן.

— מאַיעווסקי — האָט ער געזאָגט, ווען דער באַלעבאָס האָט פאַר אים געעפנט די טיר און מיט אַ שווייגנדיקן זשעסט אַריינגעלאָזט אין צימער — איך בין געשטאַנען ביי דיין טיר און דאָס האַרץ האָט אין מיר געחלשט פון אומזיכערקייט. דערקענסט מיך?

— ביסט הונגעריק? — האָט געפרעגט מאַיעווסקי — זעץ זיך און עס.

— איך ווייס נישט, צי איך בין צו דיר געקומען עסן.

— איך פרעג נישט, נאָך וואָס ביסט געקומען.

— אפשר בין איך געקומען, בכדי צו זען און בכדי צו איבערצייגן זיך וו ע ר דו ביסט. אמאָל פלעגן מיר פירן לאַנגע וויכוחים. געדענקסט, טעאָדאָר?

— אַלטע צייטן — האָט געזאָגט מאַיעווסקי — מיר פלעגן פירן וויכוחים, אָבער איך האָב דיר שטענדיק באַוווּנדערט. נתן שוואַרץ, דער,

וואָס איז געזעסן אין תפיסה. דער, וואָס האָט געקעמפט אין שפּאַניע. מען האָט געזאָגט, אַז דו ביסט געפאַלן אין באַרצעלאָנע.

אויף דעם דאָרן געזיכט פון נתן שוואַרץ האָט זיך באַוויזן אַ שאָטן פון אַ שמייכל. ער האָט זיך אומגעקוקט, באַטראַכט דאָס צימער: אַן אָרעמ־קייט האָט דאָ געהערשט, אויפן טיש און אויף דעם דיל זענען געלעגן ביכער און צעוואָרפענע מלבושים, עטלעכע בלעכערנע טעלער און טעפּ־לעך — רעקוויזיטן פון איינזאַמקייט און ציטערדיקייט.

— ביסט אַנטלאָפן פון דאָרט? — האָט געפרעגט מאַיעווסקי.

שוואַרץ האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

— קיינער האָט דיך נישט געזען?

— איך ווייס נישט — האָט געענטפערט דער פליט — כ'האָב זיך נישט אומגעקוקט. לויטס ווייב האָט זיך אומגעקוקט, איז זי פאַרוואַנ־דלט געוואָרן אין אַ זעקל זאַלץ.

נתן האָט געגעסן. ער האָט געהאַט אַ פול מויל מיט ברויט, ער האָט געגעסן גיריק און צווישן איין ביסן און דעם צווייטן, האָט ער זיך אַנט־שולדיקט:

— קוק נישט אויף מיר. אַ הונגעריקער מענטש פאַרגעסט טיילמאָל וועגן די גוטע זיטן. קוק נישט, באַלד וועל איך זיך אָנזעטיקן.

מאַיעווסקי איז געווען צעשטריט, פאַרטאָן מיט די אייגענע געדאַנ־קען.

— הער זיך צו, שוואַרץ — האָט ער געזאָגט, ווען דער גאַסט האָט אָוועקגערוקט דאָס ברויט און פאַררויכערט אַ פּאַפּיראָס פון פודעלע, וואָס איז געלעגן אויפן טיש — הערט מיך אויס. איך וויל, דו זאָלסט מיך גוט פאַרשטיין.

— איך וועל דיך גוט פאַרשטיין — האָט פאַרזיכערט נתן שוואַרץ — אָבער אויב דו ווילסט, קאָן איך דיר פאַרשפּאָרן אַ סך ווערטער. האָסט מיך אַריינגעלאָזט, האָסט מיר געגעבן עסן. איך דאַנק דיר. זאָל איך שוין גיין?

— איך וויל נישט, זאָלסט מיר איינברענגען ווערטער. הערט, וואָס איך וויל דיר זאָגן.

שוואַרץ האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ. ער האָט געהאָרכט.

— אויב איך וועל דיר זאָגן, אַז דו קאָנסט ביי מיר נישט בלייבן, אַז ביסט דאָ אין אַ געפאַר צוזאַמען מיט מיר, אויב איך וועל דיר דאָס זאָגן, וועסטו מסתמא מיינען, אַז איך טרייב דיך אַרויס פון שטוב.

שווארץ האָט זיך צעלאַכט.

— אַזוי וועל איך מסתמא מיינען.

— איך פאַרשטיי — האָט געענטפערט מאַיעווסקי — דו האָסט דיינע דערפאַרונגען. אָבער ביי מיר קאָנסטו באמת נישט בלייבן. פאַרוואָס שאָקלסטו מיטן קאָפּ? פאַרוואָס שמייכלסטו? דו מוזט מיר גלייבן.

— נו, וועל איך שוין גיין — האָט געזאָגט שווארץ, אויפהייבנדיק זיך פון בענקל און מאַיעווסקי האָט אין זיינע אויגן דערזען יענעם פונק פון אַנטוישונג, צו וועלכן ער האָט נישט געוואָלט דערלאָזן — מעג איך שוין גיין?

— ניין, קאָנסט נאָך נישט אַוועקגיין, איך האָב נאָך נישט אַלץ געזאָגט.

— גוט — איז מסכים געווען שווארץ — זאָג, וואָס דו ווילסט זאָגן.

— קודם כל, באַרואיק זיך, נתן. באַליידיקסט זיך צו שנעל. רעדסט צו מיר ווי אַ גרויסער פּריץ. וואָס איז די שטאָלצקייט?

— אַהאַ... מיינסט, אַז איך בין שטאָלץ. שטאָלצקייט אין מיין מצב... — נתן שווארץ האָט זיך צעלאַכט — אמת. נאָך היינט אינדערפרי בין איך געווען אַ גאַנץ אַנדערער מענטש. איך בין געווען ביי איינעם, אַז אַלטן באַקאַנטן. געקושט אים אין די הענט, געבעטן רחמים. אָבער ער האָט מורא געהאַט מיט מיר צו רעדן, ער האָט מיך אַרויסגעטריבן פון שטוב. שעהן לאַנג האָב איך זיך אַרומגעבלאָנקעט אין די גאַסן און עפּעס האָט זיך אין מיר געענדערט, איבערגעבראָכן. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז איך וועל שוין ביי קיינעם נישט בעטן, פאַר קיינעם נישט קניען, נישט בעטלען. מאַיעווסקי, איך בין שוין אַ פאַרלוירענער מענטש. אָבער אויב אויף דער גאַנצער וועלט איז נישט פאַראַן קיינער, וואָס זאָל גרייט זיין מיר צו דערלאַנגען די האַנט, הייסט עס, אַז פאַרלוירן איז אויך די גאַנצע וועלט.

— נאַרישקייטן — האָט געזאָגט מאַיעווסקי — די וועלט ענדיקט זיך נישט אויף אונדז און אויף אונדזערע דערפאַרונגען.

— איך גיב דער וועלט אַ שאַנס — האָט געזאָגט נתן שווארץ — איך גיב איר אַ מעגלעכקייט. איך אַליין קאָן שטאַרבן נאָך היינט. איך בין שוין רייף דערצו. איך בין מיד. איך וועל צוריקגיין דאָרט, פון וואַנעט איך האָב געפרוווט צו אַנטלויפן. דאָרט זענען אויך דאָ מענטשן, און איך בין דאָך נישט בעסער פון זיי. אָבער די וועלט! די וועלט! פאַרשטייסט

נאָך נישט, פאַרוואָס איך וויל מער נישט בעטלען? איך גיב דער וועלט אַ שאַנס, זאָל זי זיך ראַטעווען!

— איך קאָן דיר געבן אַביסל געלט. — האָט פאָרגעלייגט מאַיעווסקי.

— איך האָב נישט קיין פּאַפּירן — האָט געזאָגט שוואַרץ — און וואָס איז היינט ווערט עמעץ אַזעלכער ווי איך אָן פאַלשע פּאַפּירן?

מאַיעווסקי האָט זיך פאַרטראַכט.

— קיין פאַלשע פּאַפּירן האָב איך נישט און איך ווייס נישט, ווען איך וואָלט זיי געקאָנט באַקומען פאַר דיינעטוועגן. אפשר וואָלט איך שוין נישט באַוויזן. אויך מיר ברענט די ערד אונטער די פיס. נאָר איינס קאָן איך פאַר דיר טאָן: איך קאָן דיר געבן מיינע אייגענע פּאַפּירן. אויב וועסט באַוויזן גיך צו פאַרלאָזן די שטאָט, איז מעגלעך, אַז אַלץ וועט זיך ענדיקן גוט. מוזסט אָבער גיך אַרויספאָרן...

— און דו? — האָט געפרעגט שוואַרץ — וויאַזוי וועסטו זיך אַן עצה געבן אָן פּאַפּירן?

מאַיעווסקי האָט אים באַלערנט:

— פאַרגעדענק די ראַטעס פון מיין „אויסווייז“, און אויך די אַנ־דערע פּרטים. איבערצילמען זיך קאָנסטו? כ׳וועל דיר געבן אַן אַדרעס קיין לאָדזש. דאָרט וועט מען זיך מיט דיר פאַרנעמען. וועסט אָנבינדן אַ קאָנטאַקט מיט די פּאַרטיזאַנער.

שוואַרץ האָט שווייגנדיק געטרויכערט דעם פּאַפּאַראָס.

— עפּעס מוז איך דיר זאָגן, טעאָדאָר... אייגנטלעך וואָלט איך שוין איצט געקאָנט צוריקגיין דאָרט, פון וואַנעט איך בין געקומען. ווייל אויב עס איז אמת, אַז איך האָב געגעבן דער וועלט אַ שאַנס, האָט די וועלט שוין די דאָזיקע געלעגנהייט, דעם דאָזיקן שאַנס אויסגענוצט, אָט דאָ, אין דאָזיקן צימער, אין דער דאָזיקער מינוט, איצט בין איך שוין רואיק. האָסט מיר דערלויבט צו דערפילן, אַז איך בין אַ מענטש און אַז די וועלט גייט נאָך נישט אונטער. איך וויל שוין נישט קיין פּאַפּירן און איך וויל שוין נישט קיין געלט. איך וויל צוריק דאָרט, פון וואַנען איך בין געקומען.

— ביסט שטענדיק געווען אַ מאָדנער פּאַרשוין — האָט געזאָגט מאַיעווסקי — אָבער איצט איז נישט די צייט צו פילאָזאָפירן. נעם און אַנטלויף.

ער האָט אים געגעבן דעם אַדרעס קיין לאָדזש. נתן האָט עטלעכע מאָל איבערגעחזרט דעם נאָמען און די גאַס. זיי האָבן זיך געזעגנט קורץ, אין איילעניש.

מאַיעווסקי האָט אים אַרויסגעפירט דורכן הויף, געוויזן דעם וועג צווישן חורבות און הינטערגעסלעך.

אינדרויסן איז שוין צוגעפאַלן די נאַכט. שוואַרץ האָט זיך געלאָזט גיין אין דער ריכטונג פון דער באַן־סטאַציע. קוקנדיק אויף זיין געבוי־גענעם רוקן, האָט זיך געקאָנט דאַכטן, אַז אָט גייט אַן אַלטער צעבראָ־כענער מענטש, אַ זקן.

מאַיעווסקי האָט זיך אומגעקערט אין צימער, פאַררויכערט דעם אויסגעלאָשענעם פאַפּיראָס און האָט דערפילט, אַז עס נעמט אים אַרום אַן אומרו און אַז דער דאָזיקער אומרו וואַקסט אין אים און פאַרוואַנדלט זיך אין אַ פחד, אין אַ פאַרגעפיל פון געפאַר. עס האָט זיך אים גע־דאַכט, אַז עפּעס לויערט איצט אויף אים און אַנטלויפן, אויסמיידן דאָס דאָזיקע געפאַר, איז שוין איצט אוממעגלעך.

ער האָט זיך אומגעקוקט און אַ ציטער געטאָן.

אַ מענטש אין אַ לעדערנעם מאַנטל און אין אַ טיראָלער קאַפעליוש איז געשטאַנען אויף דער שוועל, מאַיעווסקי האָט נישט דערהערט ווען די טיר האָט זיך געעפנט — דער אָנגעקומענער האָט געקוקט אויף אים מיט אַ שטילן איראָנישן שמייכל. ער האָט זיך אָנגערופן: ער איז געווען אַ דייטש, אָבער גערעדט האָט ער פויליש.

— מיין אויסוויז... — האָט מאַיעווסקי איבערגעחזרט און האָט פּלוצים פאַרשטאַנען די גאַנצע אויסטערלישקייט פון דער לאַגע, אין וועל־כער ער האָט זיך געפונען און די גאַנצע אויסטערלישקייט פון באַשלוס, וועלכער איז אין אים רייף געוואָרן — ניין. איך האָב נישט קיין אויס־וויז...

— ווו איז דער מענטש, וואָס האָט זיך דאָ באַהאַלטן? — האָט געפרעגט דער דייטש — ווו איז ער, דער דאָזיקער ייד?

מאַיעווסקי האָט געשוויגן. ער האָט געטראַכט מיט קורצע באַגריפן: אַנטלויפן? אַרויסשפּרינגען דורכן פענצטער? ער וועט עס נישט באַוויזן. ער האָט זיך דערמאָנט נתנען און אַ שאָטן פון אַ שמייכל האָט זיך באַוויזן אויף זיין געזיכט. נתן שוואַרץ איז אַוועק צום וואָקזאַל, נתן שוואַרץ מיט זיין פאַרצווייפלטער טעאָריע וועגן ראַטעווען די וועלט. מאַ־יעווסקי האָט געקוקט אויף די גלאַנציקע פאַלעס פון לעדערנעם מאַנטל,

דער היטלעריסט איז געשטאַנען אין דער אָפענער טיר, אינדרויסן איז געווען בין השמשות, נאַכט, מלחמה, אין דער געדיכטעניש פון דער וועלט זענען אַרומגעלאָפן יעגער, געזוכט מענטשן, ווי מען זוכט ווילדע באַשעפענישן אין וואַלד.

— איך מוז האָבן דעם דאָזיקן ייד — האָט געזאָגט דער מענטש אין לעדערנעם מאַנטל — ווו איז ער? מען האָט אים דאָ געזען. מען האָט מיר געזאָגט, אַז ער איז אַריינגעגאַנגען אין דער דאָזיקער וווינונג. איר האָט אים באַהאַלטן?

— מיר קאָנען גיין — האָט געענטפערט מאַיעווסקי — דאָס בין איך. איך בין דער ייד.

— און ווו איז דער באַלעבאָס? — האָט איבערגעפרעגט דער היטלעריסט — ווו איז טעאָדאָר מאַיעווסקי?

— איך ווייס נישט. איך האָב אים נישט געזען.

דער מענטש אויף דער שוועל האָט זיך אָנגערוקט, מאַיעווסקי איז אַרויסגעגאַנגען דער ערשטער.

זיי זענען געפאָרן מיט אַן אויטאָ. עס האָט גערעגנט, די סירענעס האָבן געוואָיעט, די דורכגייער זענען מיט שרעק געלאָפן, געוואָלט באַצייטנס באַהאַלטן זיך אין די הייזער אָדער אין די טונקעלע טויערן און קאָרידאָרן פון די הייזער.

מאַיעווסקי האָט אַרויסגענומען דעם לעצטן פּאַפּיראָס, געוואָלט אים אויסרייכערן נאָך איידער עס וועט זיך ענדיקן די רייזע. דער היטלעריסט האָט אים צוגעטראָגן אַ ברענענדיק שוועבעלע — ער איז נאָך אַליין געווען געלאַסן און העפלעך.

— נאַראָנים — האָט ער געזאָגט און געוויזן מיט דער האַנט די אַנטלויפנדיקע דורכגייער — זיי ווילן אַנטלויפן, אָבער ביי אונדז איז עס נישט מעגלעך. אייער פריינט, טעאָדאָר מאַיעווסקי וועט אויך נישט אַנטלויפן.

— מען קאָן נישט אַנטלויפן — האָט איבערגעחזרט דער אַרעסטירטער — אָבער טיילמאָל קאָן מען אויסקלייבן, אויסוויילן.

— וועגן וואָס רעדט איר?

— וועגן מענטשלעכן גורל.

— יאָ... — האָט זיך צעלאַכט דער היטלעריסט — נישט שטענדיק איז עס מעגלעך.

און אָט זענען זיי דערפאָרן צום ציל. אויפן הויף פון דער פאָליציי-געבײַדע איז געווען כמעט ענג. פון עטלעכע לאַסט-אויטאָס האָט מען אַרויסגעשטופט די מענטשן, באַטויבט זיי מיט געשריי, באַרוישט מיט געשלעג און מיטן בילן פון די הינט, פאַרבלענדט זיי מיטן ליכט פון די רעפלעקטאָרן.

מאַיעווסקין האָט מען אַרײַנגעפירט אין אַ קאַמער, וווּ עטלעכע ייִדן האָבן געוואַרט אויף זייער אורטייל. אויף דעם אַרײַנגעקומענעם האָבן זיי געקוקט מיט פאַרדאַכט, זיי האָבן אים געפּרוווט צום פאָרשן בײַם געלן ליכט פון עלעקטרע-לעמפּל.

— ווער זענט איר?

מאַיעווייסקי האָט געשוויגן.

— שטעל נישט קיין נאַרישע פראַגעס — האָט געזאָגט אַן אַלטער ייִד מיט אַ פאַרבלוטיקט פּנים, אויף וועלכן עס איז פאַרבליבן אַ האַלבע גראָע באָרד — יעדער ווייסט, ווער ר'איז געווען, קיינער ווייסט נישט ווער ר'איז הײַנט.

— דאָ וועט שוין זײַן אונדזער סוף — האָט זיך אָנגערופן אַן אַנדערער — אונדזער לעצטער טאָג.

— עעע... אַ ייִד טאָר נישט רעדן אַזעלכע זאַכן. דער מענטש קאָן קיינמאָל נישט ווינסן. שטענדיק קאָן דאָך נאָך עפּעס געשען, נישט אמת?

— געשען? וואָס קאָן געשען?

אין קאָרידאָר האָבן געהילכט די טריט פון וועכטער, פון צייט צו צייט האָט זיך געהערט אַ דערשטיקט געשריי פון אַ מענטש און דערמלט פלעגן זיי דאָ, אין קאַמער, אָפּהאַקן דעם שמועס אין מיטן וואָרט און פאַרגליווערט ווערן אויף לאַנגע מינוטן.

באַלד פאַר דער האַלבער נאַכט האָט אַ גרילץ געטאָן דער שליסל, אין דער טיר האָט זיך באַוויזן הער מענטש אין לעדערנעם מאַנטל און אַרויסגערופן מאַיעווסקין.

אין דער לענג פון קאָרידאָר, דורך וועלכן מען האָט אים געפירט, זענען געשטאַנען מענטשן, צענדליקער מענטשן מיט די פּנימער צו דער וואַנט, מיט די אָרעמס געהויבענע אין דער הויך. מאַיעווסקי האָט נישט באַמערקט און ער האָט אפילו נישט אַ טראַכט געטאָן, אַז איינער פון די דאָזיקע אַרעסטאַנטן איז שוואַרץ, נתן שוואַרץ, וועלכער האָט נישט באַוויזן אַרויסצופאָרן פאַר דער „אַקציע". מען האָט אים פאַרהאַלטן כמעט צופעליק.

דער היטלעריסט, פֿאַר וועלכן שוואַרץ איז אָנגעקומען, האָט אַרייַנגעקוקט אין „אויסווייז“ און געזאָגט מיט אַ טאָן פֿון נצחון:

— טעאָדאָר מאַיעווסקי, אומבאַדערפֿטיק האָט איר געוואָלט אַרויספֿאָרן. מיר אַליין וועלן זיך פֿאַרנעמען מיט אייער רייזע. מיר ווייסן עפּעס וואָס וועגן אייך.

שוואַרץ האָט זיך פֿאַרהאַלטן רואיק.

— עס וואַרט אייך אַ ווייטע רייזע, מאַיעווסקי — האָט געזאָגט דער היטלעריסט — אַ רייזע, וועלכע וועט אפֿשר נישט האָבן קיין צוריקקער.

— איך בין גרייט — האָט געענטפֿערט נתן שוואַרץ, דער כלומרשטער מאַיעווסקי — איך בין גרייט צו אַזאַ רייזע.

און מיט גרויס צאַרטקייט האָט ער אין דער דאָזיקער מינוט געטראַכט וועגן טעאָדאָר מאַיעווסקי, וועלכן ער וועט שוין קיינמאָל מסתמא נישט זען און וועלכער האָט אָקאָרשט, מיט עטלעכע שעהן צוריק מציל געווען דעם גוטן שם פֿון דער וועלט.

און עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז נתן שוואַרץ און טעאָדאָר מאַיעווסקי, דאָס איז איין מענטש, איין מענטש, וועלכער האָט שוין צום צווייטן מאָל אין דעם האָזיקן טאָג געוואַגט צו ראַטעווען די צוקונפֿט פֿון דער וועלט.

און עס האָט אים אַרומגענומען אַ געפֿיל פֿון בטחון — אַ האָפֿענונג אויף דעם מאָרגנדיקן טאָג פֿון פֿרייע מענטשן.

דער אומבאַקאַנטער לעווימעס

שוין דעם דריטן טאָג זענען זיי דאָ געזעסן, אין דער דאָזיקער תפיסה־קאַמער, אונטער דער גרויער געביידע פון געסטאַפּאָ.

דעם אורטייל האָבן זיי שוין געוווסט: מען זוכט אַ ייד, וואָס הייסט לעווימעס, אויב דער דאָזיקער לעווימעס וועט זיך ביז איבערמאָרגן ניט מעלדן אין געסטאַפּאָ, וועט מען זיי פון דער דאָזיקער קאַמער אַרויספירן צו דער תליה.

צי וועט לעווימעס זיך מעלדן? צי וועט ער קומען? לעווימעס — אַזוי הייסט זייער לעצטע האָפענונג. און טאַקע וועגן דעם האָבן זיי גע־רעדט.

צוממיינסטן האָט גערעדט אַ יונגערמאַן מיט אַ נערוועזן געמיט, זיינע ווערטער האָבן געוועקט אַן אומרו, אַ מרה־שחורה.

— לעווימעס וועט נישט קומען. לעווימעס איז אַן אוממענטש, אַ חזיר איז ער, אַ ווילדע חיה. און איך מיין, אַז אַזויפיל גערעכטיקייט דאַרף דאָך זיין אפילו אין די היינטיקע צייטן, אַז יעדער מענטש זאָל שטאַרבן פאַר זיך און נישט הינטער פרעמדע פּלייצעס באַהאַלטן זיך פאַר דעם מלאך־המות.

— יעדער מענטש שטאַרבט פאַר זיך — האָט אים באַלערנט אַן אַלטער איינגעהויקערטער ייד מיט אַ גרויער באָרד — עס דאַכט זיך דיר בלויז, אַז דו שטאַרבסט פאַר עמעצן.

— אוודאי — האָט צוגעבאָמקעט אַן אַנדער שאָטן אין ווינקל אויף דער הילצערנער פּרימישע —מען קאָן נישט געבוירן ווערן פאַר עמעצן, מען קאָן נישט שטאַרבן פאַר עמעצן.

— און געפּייניקט זיין? און ליידן? — האָט געפרעגט דער נערוועז־זער יונגערמאַן — ליידן פאַר עמעצן קאָן מען, צי מען קאָן נישט?

ווען קיינער האָט אים נישט געענטפערט, האָט ער איבערגעחזרט די פראַגע און זיין שטימע איז געווען נאָך שטרענגער און בייזער ווי פריער.

— איך פרעג. לײַדן פֿאַר עמעצן קאָן מען?

— שרײַ נישט, משוגענער!

— איך װיל װיסן, פֿאַרװאָס איך מוז שטאַרבן פֿאַר דעם דאָזיקן לעװיטעס? עמעץ האָט דאָ געזאָגט, אַז דאָס איז אַ זקן, װאָס האָט שטענדיק מתפּלל געװען און גערעדט מיט גאָט, װי מיט זײַנס גלײַכן. און איצט האָט ער זיך מיישב געװען און זיצט ערגעץ אין אַ בונקער און אײַלט זיך נישט אין הימל אַרײַן.

— װער האָט עס געזאָגט, אַז לעװיטעס איז אַ זקן?

קײנער האָט נישט געענטפֿערט. עס איז געװען שטיל. עמעץ האָט געגענעצט, אַן אַנדערער האָט אױסנװײניק געזאָגט אַ קאַפּיטל תהילים.

— זעקס און צװאַנציק יאָר װױן איך דאָ, אין דעם דאָזיקן שטעטל, און קײנמאָל האָב איך נישט געהערט װעגן קײן שום לעװיטעס. אפֿשר איז עס אײנער פֿון די פּאַרטיזאַנער.

דער נערװעזער יונגערמאַן האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ און גערעדט גיך, זײַן קול האָט געסקריפּעט װי פֿון אַ פֿאַרזשאַװערטן אינסטרומענט.

— און איך זאָג אײַך, אַז דאָס מוז זײַן אײנער פֿון די פּרומאַקעס, פֿון די זײדענע ייִדן װאָס רעדן מיט גאָט. װען מען װעט אונדז אױפֿהענגען, װעט לעװיטעס גומל בענטשן און דאַנקען דעם באַשעפֿער, װאָס ער האָט זיך איבער אים דערבאַרעמט און אים מציל געװען.

— מען שעצט אים צען מאָל טײַערער װי יעדן אײנציקן פֿון אונדז. מיר זענען דאָ צען באַלעבאַטים און אַלע מוזן מיר שטאַרבן, בכדי לעװיטעס זאָל קאָנען נאָך אַ ביסל מוטשען זיך אױף דער װעלט.

— װאָלט איך כאָטש געװוּסט, װער דאָס איז, דער דאָזיקער לעװיטעס. קײנער האָט אים נישט געקענט.

— אפֿשר װײסט ער נישט, אַז די דײַטשן זוכן אים?

— דאָס איז מעגלעך.

— און אפֿשר לעבט ער שױן נישט? — האָט זיך פֿאַרטראַכט אַן אַנדערער ייִד.

— מאָרגן װעלן מיר שױן אױך נישט לעבן. — האָט דערמאָנט דער נערװעזער.

— קײנער װיל נישט שטאַרבן, קײנער קאָן נישט לעבן.

— אונדזער טױט װעט פֿאַלן אױף דעם קאָפּ פֿון דאָזיקן לעװיטעס. — האָט געיאָמערט דער נערװעזער — אַזאַ אַלטער תּרח. ער מוז לעבן?

— לעווימעס. לעווימעס, ווער איז עס? א מאָדנע זאַך. קיינער זאָל נישט וויסן ווער דאָס איז...

— לעווימעס וועט נישט זיין און מיר וועלן נישט זיין און די וועלט וועט ווייטער עקזיסטירן...

— די וועלט וועט נישט פאַרגעסן. די וועלט וועט בלוטיקן.

— מיינסט, אַז לאַנג וועט זי בלוטיקן? — האָט זיך אָנגערופן איינער פון די באַלעבאַטים, אַ זייגערמאַכער. ווי אַלע זייגערמאַכערס איז ער געווען אַ קלייניקער און דאַרער — די וועלט וועט זיך פאַרהיילן. אָבער מיר וועלן שוין נישט זיין דערביי.

— איך וויל נישט, מען זאָל מיך הענגען פאַר לעווימעסן — האָט זיך דערמאָנט דער נערוועזער. — וואָס איז ער? מיין קרוב? מיין ברודער? מיין טאַטע? ווער איז ער? מסתם אַ נגיד. נגידים האָבן שטענדיק גליק.

דער שמועס איז אויף אַ ווײַלע אויסגעלאָשן.

זיי זענען געווען פאַרנומען, יעדער מיט זיינע אייגענע פינצטערע מחשבות.

— איך האָב אים אויך נישט געקענט — האָט געזאָגט דער בעקער־געזעלן, הערש־לייב דאַבקיעס, אַ מענטש פון אַ יאָר דרייסיק, מיט געלע איינגעפאַלענע באַקן און ברענענדיקע אויגן. ער איז געווען קראַנק, פון צייט צו צייט האָט ער געציטערט — געהאַט פיבער.

— איך האָב אים נישט געקענט — האָט איבערגעחזרט הערש־לייב —אָבער, איז עס דען וויכטיק? וואָס ווילט איר וויסן וועגן אים? וויאַזוי ער זעט אויס? וואָס פאַר אַ באָרד ער האָט? וואָס פאַר אַ אויגן? און אפשר איז עס בכלל נישט קיין נאָמען. אפשר איז דאָ בכלל קיינמאָל קיין שום לעווימעס נישט געווען?

— דאָס איז אויך מעגלעך.

הערש־לייב דאַבקיעס איז צוגעגאַנגען צום פענצטערל און צוגעטוליעט דאָס פנים צו דער קאַלטער אייזערנער קראַטע.

— קיינער האָט נישט געזען לעווימעסן. קיינער האָט אים נישט געקאָנט זען. לעווימעס איז נישט מער ווי אַ סימן. און זיי, זיי ווילן, אַז דער דאָזיקער סימן זאָל שטאַרבן. און לעווימעס וועט שטאַרבן! איר הערט? ער וועט שטאַרבן. איך וויל נישט, איר זאָלט רעדן שלעכטס וועגן לעווימעסן. איך וויל נישט איר זאָלט אים שילטן אין שעה פון טויט.

לעוויטעס וויל נישט אייערע קרבנות. לעוויטעס וועט אַליין זיין אַ קרבן, איר הערט? אַליין!

זיי האָבן געקוקט אויף אים, פאַרחידושט, דערשראָקן, נישט געקאָנט פאַרשטיין דעם אויפברויז, נישט געקאָנט פאַרשטיין, וואָס דאָ קומט פאָר. שטענדיק איז ער געווען אַזאַ באַהערשטער, אַזאַ שטילער.

— שריי נישט, הערש־לייב! זיי וועלן דערהערן און וועלן ווידער קומען. זיי וועלן אונדז שלאָגן.

— זאָלן זיי קומען — האָט געזאָגט הערש־לייב — זאָלן זיי קומען און זאָלן זיי זיך נעמען לעוויטעסן.

— וואָס רעדסטו? קיין שום לעוויטעס איז דאָ נישטאָ.

— איך בין לעוויטעס — האָט געזאָגט הערש־לייב — זאָגט זיי, אַז לעוויטעס איז שוין דאָ. לעוויטעס וועט נישט אַנטלויפן פאַר דעם מלאך־המות.

— משוגענער! — האָט געשריגן דער נערוועזער יונגערמאַן — וואָס פאַר אַ לעוויטעס ביסטו? ביסט הערש־לייב דאָבקיעס, דער טויבער רבקהס זון. שריי נישט, אַז דו ביסט לעוויטעס. אַליין האָסטו ערשט געזאָגט, אַז לעוויטעס איז נישט מער ווי אַ סימן. קיין שום לעוויטעס איז נישטאָ.

— לעוויטעס וועט שטאַרבן בכבודיק — האָט געזאָגט הערש־לייב — לעוויטעס וועט קומען פרייוויליק, ער וועט קומען און שטעלן זיך פאַר זיי מיט אַ דערהויבענעם קאָפּ, ער וועט קוקן אין זייערע אויגן און וועט אַ שפּיי טאָן אין זייער געזיכט! איר הערט? ער וועט שפּייען אין זייערע פּרצופים, אַז פאַרברענט זאָלן זיי ווערן! איר קענט נישט לעוויטעסן, קיינער קען נישט לעוויטעסן, לעוויטעס האָט קיינמאָל קיין פליג נישט דערהרגעט, אָבער איצט וועט ער עס טאָן, ער איז נישט קיין פּחדן... לעוויטעס איז שוין נישט איינמאָל געשטאָרבן, לעוויטעס איז אימשטאַנד טויזנט מאָל צו שטאַרבן, אין יעדער געסל פון געטאָ. לעוויטעס מיט דער לאַטע, וואָס איז געל ווי די זון...

— דאָבקיעס, באַרויק זיך!

— רופט זיי! — האָט אויסגעשריגן הערש־לייב — זאָלן זיי שוין קומען!

— פאַרשטעק אים דאָס מויל — האָט געזאָגט איינער פון די זקנים — נעמט מיין טיכל און פאַרשטעקט אים דאָס מויל.

— זאָלן זיי קומען. זאָלן זיי זיך נעמען דעם קרבן. זאָלן זיי קומען, בכדי איך זאָל קאָנען אָנשפּייען אין זייערע געזיכטער! לעווינעס! דו האָסט דאָך גישט מורא צו שטאַרבן, האַ?

און מיט פאַרקלאַמערטע פויסטן האָט ער זיך געוואָרפן צו דער אייזערנער טיר פון דער קאַמער.

אויפן פולן ים

די דאָזיקע געשעעניש איז פּאָרגעקומען אויפן פולן ים, אויף איינער פון די פוילישע שיפן, נישט ווייט פון קאָפּענהאַגען, אויף די וואַסערן צווישן ענגלאַנד און דענעמאַרק.

דער טאָג איז געווען אַ כמאַרעדיקער, עס האָט גערעגנט, געווען איז עס פּאַר אַ שטורעם, דער ים האָט געבושעוועט און די רייזנדע זענען שוין געווען מיד, ווייל די שיף איז שוין גאַנצע ניין טעג געווען אין וועג און ווער האָט עס אין די היינטיקע צייטן אַזויפיל געדולד גאַנצע ניין טעג צו זיין אויף אַ רייזע?

אין דער שיף־מעסע איז געזעסן אַ געזעלשאַפט, אַ געמישטע געזעלשאַפט, יידן און נישט יידן, זיי האָבן זיך געהאַלטן צוזאַמען, צוזאַמען געשפּילט אין קאָרטן, גערעדט וועגן פּאָליטיק, דערציילט אַנעקדאָטן. היינט אָבער, האָם הייסט אין יענעם טאָג, וועגן וועלכן איך וויל דאָ דערציילן, האָבן זיי אין קאָרטן נישט געשפּילט, זיי זענען שוין געווען נישט ווייט פון דער יבשה, נישט ווייט פון די היימלענדישע ברעגן, און דער לופט און אין די שטימונגען האָט זיך שוין געפילט דער אָנזאָג פון די קומענדיקע באַגעגענישן, יעדער האָט געטראַכט וועגן די פליכטן און עולן וואָס דערוואַרטן אים — די נסיעה האָט זיך דערנעענטערט צום סוף.

און דער טאָג איז געווען — ווי איך האָב שוין באַמערקט — אַן אומעטיקער, אין אַזאַ טאָג איז גוט צו זאָגן תהילים, אָדער צו טראַכטן וועגן דעם זין און וועגן דעם אומזין פון לעבן און פון שטאַרבן. אַ מרה־שחורהדיקער טאָג איז עס געווען, אַן אומרואיקער, עפּעס האָט זיך געשפּירט אין דער לופט: אַ דערוואַרטונג פון שטורעם? און אפשר איז עס געווען אַ פּאַרגעפּיל אַזאַ, אַ פּאָרגעפּיל פון אַ סקאַנדאַל, צו וועלכן עס האָט זיך דאָ דערנעענטערט?

אין ענגלישן האַפן סאַוטהעמפּטן איז אָנגעקומען אויף דער שיף אַ יונג מיידל, אַ יונגע פרוי, אַ שוואַרצינקע, דאָס הייסט — האָר האָט

זי געהאַט שוואַרצע און איר געזיכט איז געווען לויטער און בלאַס. אויגן האָט זי געהאַט ענלעכע צו די אויגן פון יענע אומעטיקע מעלאַנכאָלישע פרויען, וואָס דער ייִדיש־איטאַליענישער מאָלער מאָדיליאַני פלעגט אַמאָל צייכענען און מאָלן אין יענע ווייטע יאָרן, ווען מאַרק שאַגאַל איז נאָך געווען אַ יונגער וויטעבסקער בחור. ז

איז אין סאַוטהעמפּטאָן אַרויפגעקומען אויף דער שיף די דאָזיקע יונגע פרוי, זי איז געגאַנגען לאַנגזאַם און פאַרזיכטיק, אַזאַ הילוך האָט זי געהאַט, זי האָט געזשמורעט די ברוינע אויגן, ווי עס טוען נעווייגלעך מענטשן קורצזיכטיקע אָדער שעמעוודיקע. צוויי טעג איז זי געזעסן ביים טיש אַ שווייגנדיקע, אַ שעמעוודיקע, מיט קיינעם האָט זי נישט גערעדט, נישט מער ווי „גוט מאָרגן“, „גוט יאָר“. און קיינער האָט נישט געפּרוווט צו פאַרבינדן מיט איר אַ שמועס, קיין גרויסע יפת־תואר איז זי נישט געווען, אַ דאַרינקע אַזאַ, קיין לויט פלייש איז אויף איר נישט געווען. און קיינער ביים טיש האָט נישט געוווסט, ווער זי איז — אַ פאַרהייראַטע איז זי, אָדער אַ בתולה, פון ענגלאַנד שטאַמט זי, אָדער פון פוילן. געוווסט האָט מען בלויז, אַז זי פאָרט ק יי ן פוילן.

און זינט זי האָט זיך באַוויזן אויף דער שיף, האָט זיך עפּעס וואָס ביי דעם טיש געענדערט. מען האָט נאָך נישט געוווסט וו אָ ס עס האָט זיך געענדערט, אָבער געפילט האָט מען, אַז פאַרבונדן איז עס מיט איר, מיט איר שטילער אָנוועזנהייט. עפּעס איז דאָ פאָרגעקומען, עפּעס האָט דאָ פּאַסירט, אָן ווערטער, אָן עדות, עפּעס, וואָס איז געהיים און פאַרבאָטן, מיט וואָס דער מענטש וויל זיך נישט אַנטפּלעקן פאַר דער וועלט און פאַר דער אומגעבונג. אָבער וואָס איז עס געווען, דאָס סודותפולע? וועמענס סוד איז עס געווען?

אָט דאָ פּאַסט פאָרצושטעלן די שכנים, וועלכע זענען געזעסן ביי איין טישל אין דער מעסע, דאָס הייסט אין דעם שיף־רעסטאָראַן.

ביי דער רעכטער זייט פלעגט זיצן אַ מאַן פון אַ יאָר פערציק, אַן אַמעריקאַנער פון פוילישער אָפּשטאַמונג, אַ ברייטפּלייציקער און אָפּגעסמאַליעטער פון דער זון; אָנגעטאָן איז ער געווען אין ביליקע מלבושים — נייַן, קיין מיליאָנער איז ער נישט געווען, כאָטש פאַרבראַכט האָט ער אין גאָלדענעם לאַנד גאַנצע פינאונצוואַנציק יאָר, אָפּגעשפּאָרט אַביסל דאָלאַרן און איצט איז ער געפאָרן באַזוכן זיינע ברידער, וואָס ער האָט זיי מיט יאָרן צוריק איבערגעלאָזט אין אַ קליין אָרעם דערפל אין די קאַרפּאַטן, ערגעץ אונטער די הרי חושך. ער האָט נישט געוויכערט און נישט

ליבמן? בלי ספק: ער איז געווען פֿאַרכּישופֿט, און דאָס האָט זי אים פֿאַרכּישופֿט, די דאָזיקע דאַרע מויד מיט אויגן ווי מאַנדלען און מיט דער דאַרער פֿיגור, מיט דעם ברוסטקאַסטן, וואָס איז געווען פֿלאַך ווי, להבדיל, אַ לאָקשן-ברעט.

און די יונגע פֿרוי גאָלדמאַן איז געווען די לעצטע, וואָס האָט באַמערקט, אַז איר מאַן וויל מיט די אויגן אויפֿעסן די אומבאַקאַנטע מויד, די יונגע גוטע און גוטמוטיקע פֿרוי גאָלדמאַן האָט געהאָרכט דעם יוריסטס באַמערקונגען וועגן דעם אַמעריקאַנער שטייגער:

— אַ ווונדערבאַר לאַנד, אַ ווונדערבאַר פֿאָלק — האָט געזאָגט דער אַדוואָקאַט —אַן אַרבעטזאַם פֿאָלק. אַן סענטימענטן. שטאַרקע גייען פֿאָרויס, שוואַכע מאַכן פּאַר זיי פּלאַץ. אַזעלכע זענען די אײַזערנע פּרינציפּן פֿון דער נאַטור. אַזאַ איז דאָס געזעץ פֿון לעבן. פֿון לעבן און פֿון טויט.

— אָ, יעס — האָט געזאָגט די אַלטיטשקע, וואָס איז געפֿאָרן שטאַרבן אין דער אַלטער היים — דאָס איז אמת.

און דער יוריסט האָט גענומען דערציילן וועגן אַ געשעעניש, וועגן אַן עפּיזאָד, וואָס האָט פּאַסירט אין מיטן העלן טאָג אויף איינער פֿון די גאַסן אין ניו-יאָרק, ער, דער יוריסט, איז געווען אַן עדות, ער האָט דאָס געזען מיט די אייגענע אויגן. געווען איז אַ הייסער אויגוסט-טאָג, די היץ איז געווען נישט צום פֿאַרטראָגן און אויף אַ געוויסן אָרט אויף דער סעקנד-עוועניו איז פֿון אַן אויטאָ אויסגעשטיגן אַ מענטש און אומגעפֿאַלן אויפֿן טראָטואַר, אפֿשר האָט זיין בלוט נישט געקאָנט פֿאַרטראָגן די היץ, אפֿשר האָט בײַ אים דאָס האַרץ געפּלאַצט, יעדנפֿאַלס אַזוי איז עס געווען: ער איז אויסגעשטיגן פֿון אויטאָ און וואַקלענדיק זיך ווי אַן אונטערגעהאַקטער בוים איז ער אומגעפֿאַלן אויף דעם הייסן טראָטואַר און איז דאָרט געלעגן אפֿשר אַ פֿערטל שעה און אפֿשר נאָך לענגער, זיין פּנים איז געווען גרוי און די אויגן זיינע זענען שוין פֿאַרגליווערט געוואָרן — און אַרום אים האָט זיך איילנדיק באַוועגן אַ המון פֿון דורכגייער, און אַרום אים איז געשוואומען אַ שטראָם פֿון גלאַנציקע אויטאָמאָבילן, אין וועלכע עס זענען געזעסן יונגע שיינע פֿרויען און יונגע שיינע מענער און אויך אַלטע פֿרויען און אַלטע מענער, און דאָס לעבן האָט זיך איילנדיק גערוקט לעבן טויט, ווייל דער מענטש וואָס איז געלעגן אויפֿן טראָטואַר האָט דאָך שוין נישט געלעבט, ער איז שוין געווען נישט מער ווי טויט, נישט מער ווי אַ בר-מנן איז ער געווען, דעריבער האָט זיך

געטרונקען, ער האָט זיך בלויז דערלויבט אויף קיי־גומי, מיט וועלכער ער פלעגט שטענדיק האָבן אָנגעשטופּט די דאַרע איינגעפאַלענע באַקן.

לעבן אים איז געזעסן אַן אַלטע פרומע פרוי, אַ קאַטוילישע צדקת, אַן אַלטע מויד וואָס האָט אָפּגעהאָרעוועט אירע יאָרן אין דעטראָיט, און איצט איז זי געפאָרן אַהיים, בכדי — ווי זי האָט עס מיט אַ לירישן זיפץ דערקלערט — צו שטאַרבן אויף דער פאָטערלענדישער ערד און באַגראָבן ווערן אין שאָטן פון די הימלענדישע ביימער. אַנטקעגן דער אַלטער פרוי איז געזעסן אַ יונג פּאָרפאָלק, אַ יידישער יונגערמאַן מיט זיין פרוי, זיי זענען געפאָרן פון מאָנטרעאַל, וווּ זיי האָבן פאַרבראַכט אַ צייט אויף אַ באַזוך ביי זייערע קרובים. געהייסן האָבן זיי — נישט וויכטיק דער נאָמען, לאָמיר אָננעמען, אַז זיי האָבן געהייסן גאָלדאַמן, גאָלדמאַנס איז פאַראַן אַ סך אויף דער וועלט און דערצו איז עס אַ שיינער קלינגעוודיקער נאָמען.

זי, די פרוי גאָלדמאַן, איז געווען אַ קליינע און דיקע, אַ קורצפּיסיקע, מיט אַ גוטמוטיקן שמייכל אויפן געזיכט, מיט אַ שמייכל וואָס האָט געקאָנט באַטייטן אַ פולע צופרידנקייט פון דער וועלט און פון זיך. און ער, דער מאַן אירער, איז געווען אַ טיפּ אַ גאָר אַנדערער, אַן ערנסטער און פאַרמאַכטער, מיט אומעטיקע שמאָלע ליפּן, מיט אויגן באַהאַלטענע אונטער דיקע אויגנגלעזלעך.

אַחוץ די אויבן דערמאָנטע, איז נאָך דאָרט געווען איינער אַן אַדוואָקאַט, אַ יידישער יוריסט, אַ פאָרשטייער פון דעם האַנדלס־מיניסטעריום, דינסטלעך איז ער געווען אין אַמעריקע, ער האָט דאָרט אונטערהאַנדלט מיט גרויסע סוחרים וועגן וויכטיקע און אַמטלעכע עקספּאָרט־ענינים.

אין יענעם טאָג, וועגן וועלכן איך וויל דאָ דערציילן, האָט גאָלדמאַן נישט גענומען קיין אָנטייל אין שמועס, ער האָט געשוויגן, געווען פאַרנומען מיט די אייגענע געדאַנקען, אפשר האָט ער געטראַכט וועגן דאָזיקן סקאַנדאַל, צו וועלכן ער האָט זיך דערנענטערט, אפשר האָט ער זיך שוין צום דאָזיקן סקאַנדאַל צוגעגרייט... זיינע דיקע אויגנגלעזער, זיין בליק האָט זיך אפילו אויף אַ ווײַלע נישט אָפּגעקערט און נישט אָפּגעווענדט פון דער יונגער פרוי פון סאַוטהעמפּטן. עס איז אָבער שווער געווען פעסטצושטעלן וועלכע געפילן עס שטעקן אין דאָזיקן בליק; אַ ליידנשאַפט פון אַ מאַנצביל, וועלכער וויל פאַרפירן דעם קרבן פון זיין יצר הרע? און אפשר איז עס געווען אַ ריינער סענטימענטאַלער ליריזם פון אַ פאַר־

קיינער לעבן אים נישט פֿאַרהאַלטן, קיין שום דורכגייער האָט זיך איבער אים נישט אָנגעבויגן און קיין שום לעבעדיק האַרץ האָט נישט דערפֿילט קיין מיטלייד, נישט דערפֿילט קיין רחמנות פֿאַר יענעם אומבאַקאַנטן, וועלכער איז געשטאָרבן אין מיטן העלן טאָג אויף דעם גליענדיקן טראָטואַר פֿון יענער וווּנדערבאַרער גרויסער שטאָט. קיינער האָט זיך נישט פֿאַרהאַלטן, ווייל פֿאַרהאַלטן זיך הייסט פֿאַרלירן צייט, און צייט איז לעבן, צייט איז ביזנעס, צייט איז געלט. ערשט דער אָנגעקומענער פּאָליצמען האָט זיך פֿאַרנומען מיט דעם קערפּער.

אַזוי האָט דערציילט דער יוריסט, און די דאַרע מויד פֿון סאַוטהעמפּטן האָט דערווייל געדויכערט איין פּאַפּיראָס נאָך דעם צווייטן און שווייגנדיק האָט זי געקוקט ערגעץ ווייט, איבער אונדזערע קעפּ, און עס האָט זיך געדאַכט, אַז זי זעט אונדז נישט און אַז זי הערט אונדז נישט, און אַז עס דערגייען נישט צו איר קיין קלאַנגען און קיין שום ווערטער, אַז פֿאַרטאָן איז זי בלויז מיט זיך אַליין. און דער יונגערמאַן, וואָס האָט געהייסן גאָלדמאַן, האָט נישט אויפֿגעהערט צו קוקן אויף איר מיט אַנטציקונג און ס'איז געווען קענטיק, אַז זי ווייסט דערפֿון און אַז זי איז שטאָלץ דערפֿון, און מיגוטנווייז האָט זיך געדאַכט, אַז אונטער גאָלדמאַנס פֿאַרליבטן בליק ווערט זי גאָר איידעלער און שענער, די דאָזיקע דאַרע מויד, וואָס מען האָט אַפֿילו נישט געוווּסט ווער זי איז — אַ יידישע צי אַ קריסטן, אַ פּוילישע צי אַן ענגלענדערין.

אין אַ געוויסן מאָמענט האָט צו מיר אַ ווונק געטאָן דער ברייטפּלייציקער פּויער, וואָס איז געפֿאָרן קיין פּוילן באַזוכן זיינע ברידער. ער האָט מיר פֿאָרגעלייגט אַ שפּאַציר אויפֿן דעק פֿון דער שיף.

זענען מיר אַרויסגעגאַנגען פֿון דער מעסע, אינדרויסן איז געווען גענעפּלדיק און טריב, מיר האָבן זיך אָוועקגעשטעלט ביים באָרט און געקוקט אין די גרין־בלויע וואַסערן וואָס האָבן געקאָכט און געבראָזט אַרום אונדז.

— פֿינפֿאונצוואַנציק יאָר בין איך דאָרט נישט געווען — האָט געזאָגט מיין באַגלייטער און מיט אַ נאַיוון זשעסט געוויזן צוערשט צוויי און דערנאָך פֿינף פֿינגער.

איך האָב אים צוגעבאָמקעט מיט פֿאַרשטענדעניש: פֿינפֿאונצוואַנציק יאָר בענקעניש, דאָס איז עפּעס, דאָס קאָן אימפּאָנירן.

— איך האָב דאָרט געהאַט אַ כלה — האָט ער ווייטער געצויגן, נאָגנדיק דערביי די זיסע קיי־גומי, און איך האָב געטראַכט און געפּרווט

פֿאַרשטיין, וואָס עס איז אים גראָד היינט באַפֿאַלן, גראָד היינט, שוין נישט ווײַט פֿון די הימלענדישע ברעגן האָט ער זיך אַזוי צערעדט. ער האָט דערבײַ געקוקט אויף זײַנע גרויסע האַנטפֿלאַכן, אַזעלכע ידים האָבן בלויז האָרעפּאַשניקעס, פּויערים, וואַלד־אַרבעטער אָדער בלעכערס.

— מײַנע ברידער זענען זייער אָרעם — האָט ער געזאָגט — זיי הונגערן. באָרוועס גייען זיי אַרום אין דאָרף. איך געדענק, אַז אַזוי איז דאָרט געווען אַמאָל. און היינט שרײַבן זיי, אַז עס האָט זיך דאָרט גאָרנישט געענדערט.

איך האָב אים געפּרוּווט פֿאַרזיכערן, אַז מיט דעם הונגערן היינט איז מסתּמא אַ היפּשע גוזמה און אַז אויך מיט דעם אַרומגיין באָרוועס אין היינטיקן פּױלישן דאָרף איז אויך נישט אינגאַנצן אמת, ער האָט גיריק געהאָרכט מײַנע ווערטער, אָבער איבערצײַגט אין זייער אמת איז ער נישט געווען.

עס האָט גענומען בלאָזן אַ קאַלטער פּראָסטיקער ווינט און מיר האָבן זיך צוריקגעקערט אין קאַפֿע־זאַל. מיר האָבן זיך געלאָזט, ווי געוויינלעך, צו אונדזער טישל, און שוין פֿון דער ווײַט האָב איך באַמערקט, אַז עפּעס איז דאָ פֿאָרגעקומען.

די יונגע פֿרוי גאָלדמאַן איז געזעסן אײַנגעהויקערט, צוגעדריקט און אײַנגעבראָכן, ווי אַ מענטש וואָס עס האָט אים געטראָפֿן אַן אומגליק. זי האָט געוויינט שטיל, אָן ווערטער. לעבן איר איז געזעסן זאָרגעוודיק אָנגעבויגן די אַלטע קאַטױלישע פֿרוי, וואָס איז געפֿאָרן שטאַרבן אין דער אַלטער היים. דער יוריסט האָט געהאַלטן אין דער האַנט אַ גלעזל משקה, מסתּמא איז עס געווען קאָניאַק, פֿון קיין אַנדערן טרונק האָט ער נישט געהאַלטן, אַזאַ פֿײַנשמעקער איז ער געווען.

און גאָלדמאַן?

גאָלדמאַן איז געשטאַנען לעבן דער מאַנדל־אויגיקער מויד, זײַן רעכטע האַנט האָט גערוט אויף איר קאָפּ און זײַן לינקער אָרעם האָט זיך געהויבן אין דער הויך מיט אַ זשעסט פֿון אַ באַגײַסטערטן נביא. די מויד האָט געקוקט אויף אים מיט צוגעבונדנקייט און ער האָט גערעדט, כּמעט געשריגן האָט ער, זײַן שטימע האָט געהערשט איבער דעם גאַנצן עולם, וואָס האָט זיך דערווײַל פֿאַרזאַמלט אַרום אונדז.

גאָלדמאַן האָט גערעדט, ער האָט געפּרעדיקט ווי אַן ערנסטער בעל־דרשן און האָרכנדיק אים, האָב איך געפֿילט, אַז זײַנע אויפֿגערעגטע בליקן דערגרייכן ווי שפּיזן אין מײַן האַרץ און אין מײַן דמיון, און אויך אין די

הערצער פֿון אַלע אַנדערע צוהערער, בכדי צו קאָנען אַנטפּלעקן די גאַנצע נידערטרעכטיקייט פֿון אונדזערע זינדיקע נשמות.

— ווי אַזוי קאָן מען לעבן? — האָט ער זיך געוואָנדן צו מיר, צום יוריסט, צום קעלנער וואָס האָט אַרומגעטראָגן די געטראַנקען, צו אַלע מאַטראָסן און צו אַלע פּאַסאַזשירן פֿון דער דאָזיקער שיף, צו אַלע מענער אויף דער גאָרער וועלט — ווי אַזוי קאָן מען לעבן אין אַ שטענדיקער פֿאַלשקייט? אַלע זענען מיר פֿאַלש, אַלע מענער, אַלע זענען מיר ליגנער, דאָס לעבן אַנטלויפֿט, די צייט אַנטלויפֿט און ווו איז אונדזער גרויסע ליבע, ווו איז אונדזער איינציקער ראָמאַן, ווו זענען די חלומות פֿון אונדזערע יונגע ראָמאַנטישע יאָרן, אָ, מיינט נישט, אַז איך בין ערגער פֿון אייך, אַלע זענען מיר די זעלבע, אָבער נישט אַלע האָבן מוט דאָס אַרויסצוברענגען אויף די ליפּן.

און צו דער אייגענער פֿרוי, צו דער ווייַנענדיקער פֿרוי גאָלדמאַן האָט ער צוגעגעבן.

— וויין נישט, דאַרפֿסט נישט וויינען, עס האָט דאָך גאָרנישט פּאַסירט, נאָר אויסגעשלאָגן האָט די שעה פֿון אמת. איך האָב ליב די דאָזיקע קליינע, פֿון ערשטן בליק האָב איך זיך אין איר פֿאַרליבט, און דיך האָב איך קיינמאָל נישט ליב געהאַט און איצט וויל איך דיך מער נישט אָפּנאַרן און איך וויל מער נישט זאָגן קיין ליגנט. זאָל אַלץ אויפֿגעדעקט ווערן, זאָל געשען דאָס, וואָס עס מוז געשען...

אַ ווייַלע האָט געדויערט די שטילקייט, מענטשן האָבן געקוקט געפּלעפֿטע. גאָלדמאַנס מאָנאָלאָג האָט פֿאַרמאָגט אין זיך עפּעס פֿון אַ שגעון — אַזוי רעדט אַ מענטש אַ שיכורער אָדער אַ קראַנקער. וואָס איז ער אויסן געווען מיט דער דאָזיקער ווידוי?

ער האָט אָנגענומען די מויד בייַ דער האַנט און אַרויסגעפֿירט זי פֿון קאַפֿע-זאַל, זיי זענען געגאַנגען שטאָלץ און צוגעדריקט איינער צום צווייטן, ווי חתן-כלה, ווי מאַן און ווייַב. ערשט עטוואָס שפּעטער האָט זיך אַרויסגעשאַרט פֿון זאַל די אָרעמע פֿאַרווייַנטע עגונה, ס'האַרץ האָט געקאָנט פּלאַצן, ווען מען האָט געזען איר פּיין.

נאָך דעם זעלבן טאָג האָט זיך געמאַכט אַ געוויטער, דער שטורעם איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז מענטשן זענען אַראָפּגעפֿאַלן פֿון די בענקלעך. צוויי טעג בין איך קראַנק געווען, געהאַט קאָפּווייטיק און געשאָלטן אויף וואָס די וועלט שטייט: נישט בעסער צו זיצן אין דער היים, אָנשטאָט זיך צו מאַטערן אויף דעם ימיקן אין-סוף און ליידן אויף ים-קראַנקהייט?

ערשט אין די לעצטע שעהן פאַר דער נסיעה האָט זיך דער ים באַרואיקט און איך בין אַרויסגעקראָכן פון בעט. און באַלד האָט זיך פאַר אונדזערע אויגן באַוויזן די יבשה, און אויך די זון האָט זיך באַוויזן און דער הימל איז ווידער געווען בלוי און לויטער.

אין האַפן האָט אויף אונדז געוואַרט אַן אָרקעסטער און מען האָט אונדז אויפגעשפּילט דעם נאַציאָנאַלן הימן און עס איז געווען אַ שטימונג אַ יום־טובדיקע, סיי אויף דער שיף, סיי אויפן ברעג.

די אַלטע פרוי, וואָס איז געפאָרן שטאַרבן אין די היימלענדישע קאַנטן, האָט שטיל געוויינט. דער יוריסט האָט זיך באַגריסט מיט אַן אָפיציעלער דעלעגאַציע, מען האָט אים באַגעגנט מיט בלומען, און אַ שיינע יונגע האַמע האָט זיך מיט אים האַרציק צעקושט.

אַ גרויסער עולם האָט געוואַרט אויף קרובים און באַקאַנטע. אַן אָנגעשטעלטער פון דער שיף־געזעלשאַפט האָט אויסגערופן נעמען, געזוכט די ברידער פון יענעם ברייטפּלייציקן, וואָס איז געקומען באַזוכן זיין היימדאָרף. זיי האָבן זיך געפונען, די דאָזיקע מכלומרשט הונגעריקע און באָרוועסע, זיי זענען צוגעקומען נענטער, צוויי דיקע אויסגעפרעסענע פאַרשוינען זענען עס געווען, אין פוקסענע פעלץ־מאַנטלען. און ער, דער צוריקגעקומענער פון גאָלדענעם לאַנד, מיט די מאָגערע באַקן און מיט דעם אומעטיקן געזיכט, מיט דעם קליינעם רענצעלע אין דער האַנט, האָט לעבן זיי אויסגעזען אָרעם און נעבעכדיק.

פאַרענדיקט מיינע ענינים מיט די צאָל־אָנגעשטעלטע בין איך אַרויס פון האַפן. די שטאָט איז געווען בליענדיק — אין פולן בלי פון פרילינג.

אין אַ געוויסן מאָמענט האָב איך באַמערקט גאָלדמאַנען, ער איז געגאַנגען מיט אַ שווערן הילוך, לייכט איינגעבויגן און מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. און ביי דער האַנט האָט ער געהאַלטן — נו, יאָ אויף דעם האָט מען זיך געקאָנט ריכטן — ביי דער האַנט האָט ער געפירט זיין געזעצלעכע פרוי — די קליינינקע הנוודיקע פרוי גאָלדמאַן.

עטוואָס שפּעטער האָט זיך באַוויזן די איינזאַמע מויד פון סאַוט־העמפּטן — זי איז געגאַנגען אַליין, איר פּנים איז געווען אומעטיק און אירע מאַנדל־אויגן האָבן געקוקט פאַר זיך אַזוי, ווי די אַרומיקע וועלט און די דאָזיקע גרויסע און רוישיקע האַפן־שטאָט וואָלט געווען נישט מער ווי אַ וויסטער מדבר.

דער פינפטער אין קאַמער

פיר זענען מיר געווען אין דער דאָזיקער תּפיסה־קאַמער, פיר פּ אָ ל י ט י ש ע, פיר קאָמוניסטן — און ער איז געווען דער פינפטער. נישט פאַר פּאָליטישער טעטיקייט איז ער געזעסן. ער איז געווען סתּם אַ פאַרברעכער, אַן איינפאַכער מערדער איז ער געווען. פאַרמשפּט איז ער געוואָרן צום טויט — יעדנפאַלס אַזויפיל האָבן מיר וועגן אים געוווסט. און פאַרוואָס מען האָט אים געבראַכט אין אונדזער קאַמער, וועל איך אויפקלערן עטוואָס שפּעטער.

ווער איז ער געווען?

וועגן זיין טבע האָבן מיר בלויז געקאָנט זאָגן, אַז ער איז אַן אויסטערלישער פּעדאַנט — דאָס האָט מען געקאָנט אַרויסדרינגען פון זיין אויפפירן זיך. איר האָט געדאַרפט זען די באַוועגונגען זיינע, די שטענדיק רואיקע און שטענדיק באַהערשטע באַוועגונגען, ווען ער האָט זיך געוואַשן, אָדער צוגעבעט דאָס געלעגער, אָדער צוזאַמענגעלייגט אין אָוונט די מלבושים און די טעגלעכע וועש. ער איז געווען אַ פּעדאַנט אפילו אין אופן פון רעדן, זיינע זשעסטן זענען געווען באַהערשטע און רואיקע, קיין איבעריק וואָרט האָט מען ביי אים נישט געהערט, נאָר ווען ער האָט שוין גערעדט, האָט ער גערעדט שיין, באַנוצט זיך מיט אַ פיינער ליטעראַרישער שפּראַך, אַזוי ווי עס רעדן מענטשן געבילדעטע און גוט דערצויגענע, ווען זיי געפינען זיך אין א פיינער געזעלשאַפט. אין משך פון גרויען תּפיסה־טאָג האָט ער פיל מאָל באַנוצט אַזעלכע ווערטער ווי „פּראָשע“, „דזשענקויע“, „פּשעפּראַשאַם“. און כאָטש עס זענען געווען נישט מער ווי ווערטער, נישט מער ווי קאָנווענציאָנעלע פאָרמולן, דאָך האָבן מיר אַדאַנק זיי אָפּט אויף אַ ווײַלע געקאָנט פאַרגעסן, אַז מיר געפינען זיך אין די פיר ווענט פון אַ צעלע.

מיר פלעגן אים באַוווּנדערן בשעת דעם עסן. ער פלעגט זיך אַוועקזעצן צו דער תּפיסה־זופּ ווי אַ בורזשואַ צו זיין רייכער און פעטער סעודה.

די בלעכערנע שיסל מיט קרויט פֿלעגט זיך ביי אים פֿאַרוואַנדלען אין אַ טעלער פֿון פֿיינסטן דינעם פּאָרצעלײַ און דער הילצערנער לעפֿל אין זײַנע פֿינגער האָט אויסגעזען ווי אויס זילבער. דאָס שטיקל שוואַרצע ראַזעווע ברויט פֿלעגט ער אַנידערלייגן אויפֿן ברעג פֿונעם האַנטעך — און געגעסן האָט ער בכבודיק, קיינמאָל איז ער נישט געווען הונגעריק און קיינמאָל האָט ער נישט געזאָגט, אַז דאָס עסן שמעקט נישט, כאָטש די זופּ האָט שטענדיק געהאַט אַן עקלדיקן גערוך און אַן עקלדיקן געשמאַק. ווען ער האָט געענדיקט עסן, פֿלעגט ער אונדז דאַנקען פֿאַר דער געזעלשאַפֿט.

די דאָזיקע גוטע מאַניערן האָבן אונדז אויסגעוויזן צו זײַן ווייט איבערגעטריבן. צום טײַוול! נישט אין סאַלאָן זענען מיר דאָ געווען, נאָר אין תּפֿיסה, הינטער אייזערנע גראַטן, הינטער אַן אייזערנער טיר, און אין ווינקל פֿון דער קאַמער איז געשטאַנען די פֿאַרשאָלטענע „פּאַראַשע" און האָט פֿאַרסמט די לופֿט מיט דעם געשטאַנק פֿון אורין.

מיר האָבן עס נישט געקאָנט פֿאַרשטיין און מיר האָבן געטראַכט: מיר זענען יונג, און דער קוואַל פֿון אויסדויער און פֿון געדולד שעפּט זיך ביי אונדז אויס פֿון טאָג צו טאָג, און ער, כאָטש אַ זקן — ווייל געווען איז ער שוין אַן אַלטער מענטש — ער לאָזט נישט צו צו זיך קיין שום אויפֿברויז, קיין שום פֿאַרצווייפֿלונג האָט צו אים נישט קיין צוטריט, קיין שום מרה־שחורה, און ווען מיר פֿלעגן אים דאָס זאָגן, האָט ער באַלד געהאַט אַן ענטפֿער און אויף זײַן רואיקן געווײנלעכן אופֿן פֿלעגט ער אונדז אויפֿקלערן, אַז גוטע מאַניערן און אַ באַהערשטע שטימונג זענען עדות פֿון מענטשלעכער קולטור. די דאָזיקע זאַכן באַלעסטיקן נישט אונדזער לעבן, פֿאַרקערט, אין פֿאַרשידענע שווערע לאַגעס העלפֿן זיי אונדז אויסהאַלטן און נישט אײַנברעכן זיך אונטערן יאָך פֿון גורל. מיר זענען געווען יונג, דעריבער האָבן זײַנע רייד נישט שטענדיק געקאָנט אונדז איבערצײַגן. מיר האָבן אָבער פֿאַרשטאַנען, אַז די שטעלונג זײַנע איז ווערט, מען זאָל זיך איבער איר פֿאַרטראַכטן.

צו דעם דאָזיקן פֿינפֿטן אײַנוווינער פֿון אונדזער קאַמער האָבן מיר זיך באַצויגן פֿרײַנדלעך, מיט אַ דיסקרעטער פֿרײַנדלעכקייט, מיט אַ דיסקרעטן דרך ארץ און מיט טיפֿן כאָטש שווײַגנדיקן מיטלייד: ער איז דאָך געווען פֿאַראורטיילט צום טויט און דאָס דאָזיקע וואָרט האָט אַן אכזריותדיקע קראַפֿט, בפֿרט ווען עס הערט אויף צו זײַן אַן אַבסטראַקטער באַגריף און ווערט אַ רעאַלע קאָנקרעטע דראָונג.

לויט דעם תּפיסה־רעגולאַמין האָט דער אַלטער געדאַרפט זיך געפינען אין צווייטן פליגל פון דער תּפיסהשער געביידע, דאָרט, וווּ עס זענען געזעסן די פּשוטע פאַרברעכער; דאָרט האָט ער געדאַרפט וואַרטן אויף זיין לעצטן טאָג, און אַ באַזונדערער קאַמער, צו וועלכער עס האָט געהאַט צוטריט דער קאַטוילישער גייסטלעכער, ווייל דער דאָזיקער פינפטער צווישן אונדז איז געווען אַ קריסט, כאָטש אויף אַ זייער גלויביקן און פרומען האָט ער נישט אויסגעזען.

דער נאַטשאַלניק פון דער תּפיסה איז אָבער געווען אַ מענטש נישט פון ערגסטן מין, האָט ער זיך באַמיט, דער פאַראורטיילטער צום טויט זאָל נישט זיין איינזאַם אין די דאָזיקע שווערע און לעצטע זיינע טעג, דעריבער האָט ער אים אַריינגעלאָזט אין אונדזער קאַמער.

דער דאָזיקער נאַטשאַלניק האָט פאַרנומען זיין טריבע שטעלע זייט פיל, פיל יאָרן, ער האָט דאָ פיל געזען און פיל האָט ער געלערנט און פאַרשטאַנען; דורך ז י י ן תּפיסה זענען אַדורכגעגאַנגען טויזנטער מענטשן, שולדיקע און אומשולדיקע, איידעלע און נידערטרעכטיקע, שטאַרקע און שוואַכע, פאָליטישע, וואָס האָבן געקעמפט פאַר אַ גליקלעכער צוקונפט פון דער מענטשהייט, און אַנדערע, סתּם פאַרברעכער, וואָס פאַרשיידענע סיבות האָבן געווירקט אויף זייער אומגליק.

דער נאַטשאַלניק איז שוין געווען אַן עלטערער מאַן; אין משך פון דער צייט, וועלכע ער האָט דאָ פאַרבראַכט, האָט ער געזען מענטשן, וואָס זענען אַהער געבראַכט געוואָרן יונגערהייט און זענען פון דאַנען אַרויס זקנים. דאָ האָט ער אָנגעהויבן צו אַרבעטן אַלס אַספּיראַנט, דעמלט איז ער נאָך געווען יונג און ענערגיש און אויך גענוג אכזריותדיק, בכדי אין אַ געוויסן טאָג צו אַוואַנסירן אויף אַ נאַטשאַלניק. אין דער קאַנצעלאַריע פון דער תּפיסה האָט געהאַנגען דאָס בילד פון קיסר פראַנץ־יאָזעף דעם ערשטן. יאָרן זענען געפלאָסן, צייטן האָבן זיך געענדערט, געענדערט האָט זיך אויך דער פאָרטרעט, וואָס איז געהאַנגען איבער דעם נאַטשאַלניקס שרייב־טיש, איצט האָט דאָ געהערשט פּילסודסקים בילד. אויך די מענטשן אין די תּפיסה־קאַמערן האָבן זיך געביטן, אָבער די וועלט האָט זיך נישט פיל געענדערט — דאָס איז געווען די זעלבע וועלט און אויך דער נאַטשאַלניק איז געווען דער זעלבער — כאָטש לאָמיר אים אָפּגעבן גערעכטיקייט: דער נאַטשאַלניק איז שוין נישט געווען אַזוי ענערגיש און נישט אַזוי אכזריותדיק, פאַרקערט, אין די לעצטע יאָרן פלעגט ער גאַנץ

אָפּט אַנטדעקן ביי זיך אַ געפיל פון צוגעבונדנקייט צו זיינע אַרעסטאַנטן, ער פלעגט זיי פון דערווייטן באַטראַכטן און פון דערווייטן האָט ער נישט איינעם פון זיי ליב געהאַט — כאָטש זיי האָבן, פאַרשטייט זיך, וועגן דעם גאָרנישט געוווּסט. און ווען איינער פון ז יי נ ע אַרעסטאַנטן איז גע־שטאָרבן, פלעגט דעם נאַטשאַלניק זיין אומעטיק און שווער אויפן האַרצן. און נישט פיל ווייניקער אומעט פלעגט ער פילן, ווען איינער פון זיינע אַרעסטאַנטן פלעגט פאַרלאָזן דאָס גראָע מלכות און אַרויסגיין אויף דער פרייהייט.

אַזוי אַרום, אַדאַנק דער גוטמוטיקייט פון דעם תפיסה־נאַטשאַלניק, האָט זיך אין אונדזער קאַמער געפונען דער פינפטער. דאָ, צווישן אונדז האָט ער געדאַרפט געפינען אַ רואיקע און פריינטלעכע סביבה אין דער דאָזיקער טראַגישער דערוואַרטונג, צו וועלכער ער איז געוואָרן פאַרמשפּט.

מיר האָבן געוווּסט, אַז ער האָט עמעצן דערמאָרדעט, אָבער מיר האָבן מיט אים נישט גערעדט וועגן דעם, נישט געפרעגט וועמען און פאַר־וואָס ער האָט דערמאָרדעט. ער האָט נישט אויסגעזען אויף אַ פשוטן מערדער. זיין געזיכט איז געווען איידל, אַ גוטמוטיק און קלוג געזיכט איז עס געווען. באַטראַכטנדיק אים, האָט מען געהאַט דעם איינדרוק, אַז ער האָט אַ שטאַרקן כאַראַקטער, דאָס איז אַ מענטש וואָס ווייסט וואָס ער וויל. טיילמאָל פלעגט ער לייכט שמייכלען צו אונדז, אָדער צו די אייגענע געדאַנקען — ניין, נישט אַזוי זעט אויס אַן איינפאַכער מערדער. און אפשר איז ער געווען אַן אומשולדיקער קרבן פון אַ יוסטיץ־טעות?

די צייט האָט זיך גערוקט פאָרויס, פאַרביי זענען טעג און וואָכן.

דער פינפטער איינוווינער פון אונדזער קאַמער איז געווען באַהערשט. מיר האָבן באַוווּנדערט זיין גלייכגילטיקייט צום אייגענעם גורל און צו דעם מאָרגנדיקן טאָג, וועלכער האָט דאָך געקאָנט זיין דער לעצטער אין זיין לעבן.

— אַזאַ מאָדנער מענטש...— האָב איך געטראַכט — אַ מענטש, וואָס ווייסט נישט פון קיין פחד, מוז אַליין וועקן פחד...

ביינאַכט, ווען עס פלעגן זיך ערגעץ אָפּרופן טריט, ווען עס פלעגט זיך הערן דער גרילץ פון געעפנטע שלעסער און טירן, אָדער ווען איך האָב געהערט ביינאַכט דעם אָנקומענדיקן תפיסה־פורגאָן, פלעגט מיך באַגייען אַ שוידער פון פחד, אַז אָט, אָט גייט מען שוין נאָך אים, נאָך דעם פינפטן פון אונדזער קאַמער, מען וועט אים פון אונדז אַרויספירן, ער וועט גיין

אינמיטן דער נאַכט, זיינע טריט וועלן גרויזאַם הילכן אין דער שטילקייט, באַגלייטן וועלן אים דער גלח מיטן פּראָקוראָר און יענער פינצטערער פּאַרשוין מיט א פאַרשטעלט געזיכט, מיט אַ מאַסקע אויף די אויגן — דער קאַט...

און אין דער זעלבער צייט, ווען איך בין געווען פול מיט אומרו וועגן זיין באַדראָט לעבן, איז ער אַליין רואיק געשלאָפן, פּונקט ווי ער וואָלט נישט געוווסט וועגן קיין שום געפאַר.

איז סוף כל סוף: ווער איז ער געווען? א מערדער מיט א פאַרשטיינערט האַרץ, וואָס אַפילו דער שאָטן פון מלאך־המות האָט אים נישט געקאָנט אַרויסברענגען פון גלייכגעוויכט?

איינמאָל, אין אַ געוויסן נאָכמיטאָג האָט זיך צעגרילצט דער שלאָס און אין דער געעפנטער טיר פון דער קאַמער האָט זיך באַוויזן דער נאַטשאַלניק מיט צוויי וועכטער. מיר האָבן זיך אויפגעכאַפּט פון די ערטער: צי זענען זיי שוין געקומען נאָך דעם פינפטן?

אין דער דאָזיקער מינוט פון שפּאַנונג איז בלויז איין מענטש געווען רואיק — ער, דער פינפטער, דער מענטש, וואָס הווקא אים האָט געקאָנט אָנגעזאָגט ווערן די ערגסטע בשורה.

ער איז געווען רואיק, רואיק און ערנסט, ווייל ערנסט פלעגט ער דאָך שטענדיק זיין — און גראָד איצט האָט ער אויסגעזען ווי אַ מענטש, מיט וועלכן עס האָט פּאַסירט עפּעס אָנגענעמס, עס האָט זיך געקאָנט דאַכטן, אַז ער איז צופרידן מיט דעם, וואָס דאָ קומט פאָר.

זיי האָבן אים אָנגערופן ביים נאָמען און ער איז אַרויסגעגאַנגען פון דער קאַמער, איבערלאָזנדיק נאָך זיך אַן אויפגערעגטע נערוועזע שטימונג. לאַנג זענען מיר געזעסן אויף די געלעגערס, געריכערט פּאַפּיראָסן, נאָכגעהאָרכט יעדן שאָרך; יעדער קלאַנג, וואָס האָט זיך דורכגעגנבעט דורך די מויערן פון דער תפיסה, האָט אויסגעזען צו האָבן אַ שייכות צו דעם אַלטן מענטשן מיט דעם טויט־אורטייל.

אפשר אין א שעה ארום האָט זיך ווידער געעפנט די טיר. אויף דער שוועל, אין דער באַגלייטונג פון נאַטשאַלניק איז ווידער געשטאַנען דער פינפטער. דאָס מאָל איז ער געווען בלאַס און איינגעבויגן אין צווייען, זעט אויס, אַז די דאָזיקע איינציקע שעה האָט אים איינגעבראָכן. ער האָט געהאַלטן די האַנט אויפן האַרץ; אין דער ערשטער מינוט זענען מיר געווען איבערצייגט, אַז מען האָט אים געשלאָגן, זעט אויס מען האָט אים דאָרט

געפייניקט — אין דאָזיקן פּאַלאַץ מיט פּארגראַטעוועטע פענצטער האָבן אַזעלכע זאַכן אָפּט פּאַסירט.

— נעמט מיט אייערע זאַכן, פּאַניע דאָקטאָזשע... — האָט געזאָגט דער נאַטשאַלניק מיט אַ העפלעכן, כמעט פּריוואטן טאָן, און ערשט אין דער דאָזיקער מינוט זענען מיר געוואויר געוואָרן, אַז דער אַלטער איז אַ דאָקטאָר.

מיט ציטערנדיקע הענט האָט ער געפּרוווט צונויפזאַמלען די קליי־ניקייטן, וועלכע עס פאַרמאָגט געוויינלעך יעדער ארעסטאַנט אין דער תפיסה.

— העלפט אים — האָט געזאָגט דער נאַטשאַלניק, זעענדיק ווי אַלץ לויפט אים פון די פינגער — און איילט זיך נישט. עס ברענט נישט. מיר וועלן וואַרטן.

דער אַלטיטשקער האָט נישט געענטפערט. אויף זיינע בלאַסע באַקן האָבן זיך געקייקלט צוויי שנירלעך טרערן. ער האָט אונדז שווייגנדיק צו־געשאָקלט מיטן קאָפּ און איז אַרויס פון דער קאַמער.

לאַנג זענען מיר געזעסן שטיל און דערשלאָגן. ענדלעך האָט איינער פון אונדז איבערגעריסן די שטילקייט:

— וואָלט איך געווען אַ גלויביקער, וואָלט איך גערן אָפּגעזאָגט אַ תפילה פאַר אים.

— ער דאַרף נישט דיין תפילה — האָב איך באַמערקט מיט כעס — עס איז שוין פאַרביי אַ שעה. ער לעבט שוין נישט. אַ סך וואָלט אים גע־קאָנט העלפן דיין תפילה.

— איצט איז אים שוין אַלץ גלייכגילטיק — האָט צוגעבאָמקעט דער דריטער חבר — אַ קאַסטן אוים נישט געהובלטע ברעטער, דאָס איז אַלץ אין וואָס ער נויטיקט זיך נאָך...

עס איז צוגעפאַלן די נאַכט, נאָר שלאָפן האָבן מיר לאַנג נישט גע־קאָנט, דער פינצטערער גורל פונעם אַלטן מענטש האָט אונדז נישט גע־געבן קיין רו.

אין אַ וואָך אַרום האָב איך באַקומען פון דער היים אַ פּעקל: אַ ברויטל, אַ שטיקל פּוטער, ציבעלעס. די ציבעלעס זענען איינגעוויקלט גע־ווען אין אַ צייטונג. פאַרשטייט זיך אַז קודם האָבן מיר זיך צוגעכאַפּט צו דער צייטונג און ערשט שפּעטער צום עסן. און, געמענדיק אין דער האַנט אַריין די צייטונג, זענען מיר פלוצים נתפּעל געוואָרן. פון דעם ערשטן צייטונג־זייטל האָט אויף אונדז געקוקט דער פינפטער פון אונדזער קאַמער

און אונטער זיין בילד האָט מיט גרויסע אותיות געשריגן אן אונטערשריפט: ד ע ר פּ אַ ר מ ש פּ ט ע ר א י ז א ו מ ש ו ל ד י ק!

ערשט איצט זענען מיר געוואויר געוואָרן דעם אמת וועגן דעם אַלטיטשקן, וועלכער איז געווען דער פינפטער אין אונדזער קאַמער: מיט אַ צייט צוריק איז מען אין דער האָזיקער שטאָט באַגאַנגען אַ מאָרד. דעם מערדערס שפּורן האָבן געפירט צו דער ווינונג פון אַלטן דאָקטאָר, וועלכער האָט זיך באַלד מודה געווען צום פאַרברעכן. אין עטלעכע וואָכן אַרום איז ער פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט.

עטלעכע טעג פאַר דעם אויספירן דעם אורטייל — האָט ווייטער אינפאָרמירט די צייטונג — האָט זיך ביים פּראָקוראָר געמאָלדן אַ מענטש, וועלכער איז אָקאָרשט אָנגעקומען פון אויסלאַנד — ער האָט דאָרט פאַרבראַכט אַ פּאָר חדשים, און ווען ער האָט זיך אומגעקערט אַהיים איז ער געוואויר געוואָרן וועגן דעם אומגליק פון אַלטן דאָקטאָר און וועגן דעם גרויזאַמען פאַרברעכן, וואָס דער אַלטער האָט מכלומרשט געזאָלט באַגיין. קענענדיק דעם דאָזיקן דאָקטאָר זייט פיל יאָרן, האָט ער נישט געוואָלט גלויבן אין זיין שולד. ער האָט גענומען בלעטערן די צייטונגען און באַלד האָט ער פעסטגעשטעלט די דאַטע פון יענעם פאַרברעכן און דאָ איז אים גאַנץ קלאָר געוואָרן, אַז דער אַלטער מענטש איז אומשולדיק, אומשולדיק איז ער פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט, נישט ער האָט דערמאָרדעט, ער האָט עס נישט געקאָנט טאָן, ווייל... אין יענער טראַגישער נאַכט, ווען דאָס אומגליק האָט פּאַסירט, איז דער דאָזיקער עדות געווען געפערלעך קראַנק, ער האָט זיך געראַנגלט מיטן טויט, און טאַקע דער דאָזיקער דאָקטאָר האָט ביים בעט פון קראַנקן פאַרבראַכט אַ גאַנצע נאַכט.

דער עדות האָט דאָס אַלץ דערציילט דעם פּראָקוראָר, די אומשולד און אליבי פון דעם מכלומרשטן מערדער איז שוין איצט געווען קלאָר און זיכער. ווידער האָט מען אָנגעהויבן אַ נייע אונטערזוכונג און דער פאַרמשפּטער איז באַפרייט געוואָרן באַצייטנס, דאָס הייסט איידער דער קאַט האָט באַוויזן אַרויפלייגן אים דעם שטריק אויפן האַלדז.

דער פינפטער פון אונדזער קאַמער איז נישט געווען קיין מערדער. דערהרגעט האָט זיין זון, דער געליבטער בן יחיד זיינער.

דער איינער טאָג

האָט איז א דערציילונג וועגן איינעם אַן אַלטן פּשוטן מענטש. איך וויל אים דאָ נישט אָנרופן ביים נאָמען, איך וועל אַפילו נישט באַשרייבן זיין אויסערלעכן אויסזען, ווייל אַזעלכע אַלטע פּשוטע מענטשן מיט ענלעכע, אָדער גאָר מיט די זעלבע איבערלעבונגען זענען מסתמא פאַראַן אויף דער וועלט א סך. און איך מיין, אַז עס וואָלט געווען איבעריק אפילו צו דערמאָנען, צי דער דאָזיקער זקן איז געווען א ייִד, צי אַ פּאָלאַק, אַן ענגלענדער צי אַ פראַנצויז — א מענטש איז א מענטש, און געוויסע פּסיכישע איבערלעבונגען, געוויסע ליידן און פריידן, זענען די זעלבע ביי אַלע בני־אדם, אויף אַלע קאָנטינענטן און אין אַלע לענדער פון דער וועלט.

דער דאָזיקער אַלטער מענטש, דער העלד פון דער דאָזיקער דערציילונג, איז געווען א שוואַכער און א קראַנקער. גאַנץ אָפט פלעגט ער באַזוכן דעם דאָקטאָר, וועלכער האָט שוין צייט געהאַט גאַנץ גוט אים צו דערקענען. דער דאָקטאָר האָט פאַרשטאַנען, אַז דער דאָזיקער חולה קומט צו אים זוכן נישט מעדיקאַמענטן, נישט רעצעפּטן, טראָפּנס אָדער פּילן — ער זוכט דאָ בלויז א גוט וואָרט, א טרייסט, א רמז פון האָפענונג.

— אַן אָרעמער מענטש — פלעגט וועגן אים טראַכטן דער דאָקטאָר — וואָס זאָל איך אים זאָגן? דעם אמת? דער אמת איז גוט דעמלט, ווען ער איז פאַר אונדז גינסטיק. און דעם דאָזיקן זקן קאָן מען טרייסטן בלויז מיט ווערטער און נישט מיטן אמת...

און אויף אַזאַ אופן האָט דער דאָקטאָר לאַנג באַהאַלטן פאַר דעם אַלטן פּאַציענט דעם אמתן צושטאַנד פון זיין געזונט. טיילמאָל פלעגט ער אים פאַרשרייבן פּילן אָדער א שלאָף־געטראַנק, טיילמאָל פלעגט ער אים פּטרן מיט א שמייכל, אָדער מיט איינע פון יענע ווערטער, וואָס זאָגן גאָרנישט און פאַרפליכטן דעם דאָקטאָר צו גאָרנישט: „איר זעט זייער גוט אויס...“ „לויט מיין מיינונג איז ביי אייך אַלץ אין בעסטן צושטאַנד...“

אָדער: „איר מוזט בלויז אכטונג געבן אויף זיך, וועט איר נאָך נישט איינעם איבערלעבן...“

דער אַלטער פֿלעגט זאָגן די דאָזיקע ווערטער, ער האָט זיי געהאָרכט מיט גיריקייט, און זיינע אויערן האָבן זיי געקלונגען ווי די שענסטע מוזיק. און די דאָזיקע זיסע מוזיק פֿלעגט אים שטאַרקן און שפּייזן מיט גוטער שטימונג און מיט בטחון. א באַרואיקטער, פֿלעגט ער מיט דריבנע טריט אוועקגיין צו זיינע טאָג־טעגלעכע באַשיידענע ענינים, צו די פֿריידן און זאָרגן פֿון דעם מענטשלעכן האַרבסט.

אָבער אין אַ געווסן טאָג איז ער יאָ געוויר געוואָרן דעם גאַנצן ברוטאַלן אמת וועגן צושטאַנד פֿון זיין געזונט און וועגן זיין באַדראָט לעבן. דער דאָקטאָר האָט דאָס אים דערקלערט מיט דער גאַנצער אכזריותדיקייט, און דעם קראַנקן מענטש האָט זיך געדאַכט, אַז די ווערטער פֿון דאָקטאָר קלינגען דאָס מאָל ווי אַן אורטייל. און נאָך האָט זיך אים געדאַכט, אַז די דאָזיקע ווערטער דריקן אויס דעם גאַנצן אָפּגרונט צווישן צוויי מענטשן און צוויי דורות — ווייל דער דאָקטאָר איז געווען יונג און דער חולה איז געווען אַלט. און קוקנדיק טיף אין די אויגן פֿון דעם יונגמאַן אין ווייסן מעדיצינישן מאַנטל, האָט זיך דעם אַלטיטשקן אויסגעוויזן, אַז עס וואַקסט פֿלוצים אויס א וואַנט צווישן זיי ביידע, א וואַנט פֿון פרעמדקייט, אפשר גאָר א וואַנט פֿון האַס. און מיט דעם דאָזיקן געדאַנק האָט ער פֿאַרלאָזט דעם ווייסן צימער, ווו עס האָט אים געטראָפֿן אַזאַ כמעט אומגעריכטע מפּלה.

ער האָט אָבער געהאַט א טעות. דער דאָקטאָר האָט עס נישט געזאָגט צוליב ביזוויליקייט און נישט צוליב פֿיינטשאַפֿט. דער דאָקטאָר איז גראָד אין דאָזיקן טאָג געווען אין א שלעכטער שטימונג; אין שטאָט האָט געהערשט אַן עפּידעמיע פֿון גריפּע, דער דאָקטאָר האָט געהאַט פֿיל אַרבעט, ביינאַכט האָט מען אים עטלעכע מאָל געוועקט צו קראַנקע און אינדערפֿרי האָט ער געהאַט אַ פֿריקרען שמועס מיט דער פֿרוי זיינער, וועלכע איז געווען א יונגע און לייכטזיניקע, זי האָט נישט געהאַט קיין פֿאַרשטענדעניש פֿאַר זיין אַרבעט און פֿאַר זיין באַרוף און שטענדיק האָט זי געהאַט צו אים טענות, אַז ער פֿאַרנעמט זיך מיט איר ווייניק און אַז ער באַמיט זיך נישט, זי זאָל האָבן די זעלבע פֿאַרוויילונגען, ווי אַנדערע פֿרויען וועלכע האָבן רייכע מענער און פֿאַרברענגען אין גוטער געזעלשאַפֿט...

איז ער שוין, דער דאָקטאָר, הייסט עס, אין דאָזיקן טאָג געקומען צו דער אַרבעט אין א שלעכטער שטימונג, און אין דער אַמבולאַטאָריע

האָט ער געטראָפֿן אַן עולם פֿון פּאַציענטן, נישט נאָר קראַנקע, נאָר אויך אַזעלכע, וואָס האָבן סתם ליב זיך צו היילן, צו קומען נאָך אַ רעצעפּט אויף זייער־וואַסער אָדער אויף פּילן קעגן קאָפּ־שמערצן. און ווי נאָר ער האָט גענומען באַהאַנדלען דעם ערשטן חולה, האָט מען אַנגעקלינגען פֿון שפּי־טאָל, אַז געשטאָרבן איז דעם דאָקטערס יינגסטער פּאַציענט, אַ יינגל פֿון אַ יאָר פֿופֿצן, אַן איינציקער זון פֿון זיינע עלטערן. ערשט נעכטן האָט דאָס בחורל געפֿרעגט ביי אים: „הער דאָקטאָר, מוז איך שוין שטאַרבן? איך וויל אַזוי לעבן... מיינע עלטערן וועלן וויינען...“ און איצט איז דער דאָקטאָר געוואָרן געוויר, אַז אַלע באַמיִונגען האָבן פֿאַרפֿירט. דעם יונגן דאָקטאָר איז געוואָרן שווער אויפֿן האַרץ. ער האָט זיך פֿאַרטראַכט וועגן דער דאָזיקער אַכזריותדיקער גרענעץ, וואָס טיילט אָפּ צוויי וועלטן און צוויי באַגריפֿן: לעבן — טויט...

און באַלד איז אַריינגעקומען דער אַלטער מענטש מיט זיין אומעטיק געבעכדיק געזיכט און מיט די רויטלעכע שטענדיק פֿאַרטרערטע אויגן, אין וועלכע עס האָט תמיד געדרימלט די האָפֿענונג אויף אַ נס פֿון אריכת ימים... און גראָד דעמלט האָט דער יונגער דאָקטאָר פֿאַרלוירן די הער־שאַפֿט איבער די אייגענע נערוון, און שרייענדיק אויף דעם אַלטן ציטערנ־דיקן מענטש, איז ער געווען איבערצייגט, אַז זיין שטימע רופֿט צום פֿאַר־שטאַנד די אַלע יונגע און די אַלע אַלטע, די אַלע געזונטע און די אַלע קראַנקע, וואָס ווילן גאָר נישט וויסן וועגן דער פֿאַרמיידלעכקייט פֿון מענטשלעכן לעבן, זיי האָבן מורא וועגן דעם צו וויסן און וועגן דעם צו טראַכטן, און זייער פֿאַרהאַלטן זיך לגבי דעם דאָזיקן פּראָבלעם דערמאָנט דעם שטרויס־פֿויגל, וואָס באַהאַלט דעם קאָפּ אין זאַמד, כּדי נישט צו זען די דראָענדיקע געפֿאַר.

— איר זענט דאָך אַ נאָרמאַלער דערוואַקסענער מענטש — האָט געשריגן דער אויפֿגעברויזטער דאָקטאָר צו דעם אַלטן דערשראָקענעם פּאַציענט — איר דאַרפֿט דאָך יאָ שוין עפּעס פֿאַרשטיין פֿון די דאָזיקע ענינים, איר דאַרפֿט זיך אָפּגעבן אַ חשבון, אַז אויף אייערע ליידן האָבן מיר נישט קיין שום רפֿואות, איר זענט גאַנץ פּשוט אַן אַלטער מענטש, איר האָט אָפּגעלעבט אַ היפּש שטיקל צייט, און ווי עס דרינגט אַרויס פֿון אייערע דערציילונגען, האָט איר איבערגעלעבט אייער פֿרוי און אייער זון, צום טייוול, אַביסל ניכטערקייט דאַרף מען דאָך פֿאַרמאָגן, אַביסל פֿאַר־שטאַנד, נסים זענען פֿאַראַן בלויז אין דער ביבל... צי זענט איר באמת נישט אימשטאַנד מיך צו פֿאַרשטיין? איר מוזט דאָך מסכּים זיין מיטן

סדר פֿון דער וועלט: עס איז פֿאַראַן אַ צייט פֿון זון־אויפֿגאַנג און אַ צייט פֿון שקיעה, פֿאַראַן אַן אָנהייב און פֿאַראַן אַ סוף, און אַזוי ווי עס איז, איז גוט, פּאַסט האָט אויך קיין שום קליגערע זאַך נישט אויסגעטראַכט... פֿאַרוואָס קוקסט איר אויף מיר מיט אַזאַ פּחד? אייער פֿאָטער איז אַוועק און אויך אייך וואַרט דאָס זעלבע און דאָס זעלבע וואַרט יעדן איינציקן בשר ודם. אין אַ געווייסן טאָג מוז עס דאָך קומען. און אַ געווייסן טאָג... און דערווייל... דערווייל מוזט איר זיך שוינען. נישט אויפֿרעגן זיך... און איצט אַנטשולדיקט. איך בין היינט זייער פֿאַרנומען. פֿאַראַן פֿיל יינגערע פֿון אייך, מיין צייט געהערט צו זיי.

און ווי נאָר ער האָט פֿאַרענדיקט די דאָזיקע אומבאַהערשטע דרשה, האָט ער שוין באַדויערט: ער האָט פֿאַרשטאַנען, אַז ער האָט איבערגעטריבן, ער האָט זיך נישט געטאָרט באַנוצן מיט די דאָזיקע ווערטער, און ער האָט חרטה געקריגן, חרטה אויף די אייגענע נישט באַהערשטע רייד. מיטן טויט קעמפֿט מען אומעטום, נישט אָפּהענגיק דערפֿון וויפֿל דער פּאַציענט איז אַלט. און לעבן וויל יעדעס לעבעדיק קעמערל, און דאָס לעבן איז הייליק פּונקט ווי הייליק עס איז דער באַרוף פֿון אַ דאָקטאָר, און צו קיין שום לעבעדיק באַשעפֿעניש און בפרט צו אַ מענטש טאָר מען נישט זאָגן: האָסט גענוג געלעבט... און דער דאָקטאָר האָט זיך ערשט איצט אָפּגעגעבן אַ חשבון, אַז אייגנטלעך האָט ער דעם דאָזיקן סימפּאַטישן אַלטן מענטש כמעט ליב געהאַט, ער איז שוין געווען צו אים צוגעוווינט ווי צו אַן אייגענעם, ווי צו אַ היימישן, און אפֿשר טאַקע דערפֿאַר האָט ער נישט באַהערשט די שלעכטע שטימונג און צעשריגן זיך אויף אים — אַזוי איז עס דאָך געוויינלעך אין לעבן, צו מענטשן נאָענטע און באַפֿרייַנדעטע באַציט מען זיך פֿיל שטרענגער, ווי צו פֿרעמדע און ווייטע. דעריבער האָט דער דאָקטאָר געוואָלט לויפֿן נאָך דעם אַלטן באַליידיקטן פּאַציענט און זיך אַנטשולדיקן פֿאַר אים, אָבער עס איז שוין געווען צו שפּעט, דער אַלטער מענטש איז שוין נעלם געוואָרן, ער האָט, זעט אויס, געוואָלט זיין וואָס ווייטער פֿון דאָזיקן אָרט, וווּ עס איז פֿאַר אים אַנטפּלעקט געוואָרן דער פּסק.

וואַקלענדיק זיך אויף די שוואַכע פֿיס, ווי אַ שיכור, איז ער לאַנג געגאַנגען אין דער ריכטונג פֿון דער צענטראַלער גאַס. ערשט ווען ער האָט זיך געפֿונען אין דעם שטאָט־צענטער, האָבן צו אים אָנגעהויבן דערגרייכן די אויסערלעכע איינדרוקן, קלאַנגען און בילדער: גרויע ווענט פֿון די פֿילשטאָקיקע הייזער, אַ המון פֿון מענטשן, אַ גערויש און געפּילדער און

געזשום פון דער גרויס־שטאָט, דער מיש־מאַש פון דער היינטצייטיקער טעכניק וואָס פרעסט אויף אונדזער נערוון־סיסטעם, אָבער אָן וועלכן די העלפט פון דער מענטשהייט קאָן זיך שוין היינט נישט באַגיין.

ער האָט זיך געלאָזט אין אַ זייטיק געסל — אַ שטילע אַלטמאָדישע גאַס, וואָס איז פאַרבליבן פון אַן אַנדער צייט, פון אַן אַנדערער עלטערער עפּאָכע. ער איז איצט געגאַנגען אין שאָטן פון אַ ריי ביימער, וואָס האָבן לייכט געראַוישט אין ווינט, און דער דאָזיקער ווינט האָט געטראָגן דעם ריח פון שפּעטן פרילינג און פון פריען זומער, און די זון — די זון האָט געשיינט מיט אַ הייסער שיין; און די וועלט איז געווען יונג, די וועלט ווי אַ בליענדיקער גאָרטן, די וועלט ווי דאָס לעבן: אומענדלעך גרויס און אומענדלעך אייביק.

אַרום דעם אַלטן מענטש טראָגן זיך דערמאָנונגען — מיט דער זעלבער גאַס איז ער געגאַנגען אַמאָל, יונג איז ער דעמולט געווען און גליקלעך, און געווען איז עס מיט אַ יאָר זעכציק צוריק, די שטאָט האָט דעמולט געהאַט אַ גאַנץ אַנדערן אויסזען. דעמולט איז די שטאָט געווען ייִנגער מיט איין דור, מיט איין דור איז זי געווען שענער, און אפשר... — דאָס איז דאָך אָפּהענגיק פון דעם מענטשנס אויפפאַסונג פון דער וועלט — אפשר מיט איין דור מיאוסער...

דער אַלטער מענטש איילט צו די טריט, ער וויל גיין שנעלער, ער פּרוּווט צוצופּאַסן זיך צו דעם ריטם פון דער שטאָט, אַרום אים ברויזט דאָס לעבן, אַרום אים איז רייפקייט און יוגנט, שטענדיק איז דאָך פאַראַן אַ יוגנט פון דער וועלט, שטענדיק איז דאָך אַזוי, אַז עפּעס ענדיקט זיך און עפּעס הויבט זיך אָן, עפּעס שטאַרבט און עפּעס ווערט געבוירן.

זיינע דערמאָנונגען טוען וויי: אָט גייט צוזאַמען מיט אים אַ קליין ייִנגעלע, דער זקן פאַרקלאַמערט די פינגער, אין דער אייגענער ביינערדיקער פויסט פילט ער דאָס קליינע פויסטל פון אַ קינד. דאָס איז זיין זון, זיין שיינער געלונגענער זון, זיין ייִנגעלע, זיי זענען צו זיך אַזוי ענלעך, אַלע באַוווּנדערן די דאָזיקע ענלעכקייט, און זיי ביידע, דער טאַטע און דער זון, זיי ביידע זענען דערפון זייער שטאָלץ. ווען דער דאָזיקער זון האָט געלעבט, האָט דער פאָטער געזען אין אים זיין האָפענונג און זיין המשך. ווען דעם זון האָבן דערמאָרדעט די פאַשיסטן, האָט דער פאָטער לאַנג נישט געקאָנט געפינען קיין באַגרינדונג פאַר זיין ווייטערדיקער איינזאַמער עקזיסטענץ. דערנאָך האָט ער געפונען אַ תירוץ: ער

וועט לעבן בכדי דער זון זיינער, זיין יינגעלע, זאָל נישט אומקומען אין דער פאַרגעסנקייט, ווייל אַזוי לאַנג ווי ער וועט לעבן, וועט דאָך אין זיין זכרון אויך לעבן זיין קינד. און מיט דעם דאָזיקן געדאַנק האָט ער עקזיסטירט און מיטן דאָזיקן געדאַנק האָט ער ווייטער געוואָלט פאַרנעמען זיין פּיצעלע אָרט אין דער גרויסער רוישיקער וועלט, וווּ ער האָט שוין נישט געהאַט קיין נאָענטע און נישט קיין ווייטערע קרובים, אפילו די חברים זיינע, יינגערע פון אים זענען שוין אויך אויסגעשטאָרבן. ביינאַכט פלעגט ער זיך אויפכאַפּן פון שלאָף מיט אַן אויסטערלישן אומעט און מיט אַ געפיל פון באַדויערן: וווּ איז אַהינגעקומען די צייט פון זיין קרעפטיקייט, פון זיין מענערלעכער גבורה, ער האָט דאָך געקאָנט היינט זיין אַ פאָטער פון פיל קינדער, געקאָנט האָבן זין און טעכטער און אייניקלעך, אָבער דעמאָלט איז ער נאָך געווען אַזוי נאַיוו, נישט געהאַט קיין פאָרגעפיל און נישט געהאַט קיין אַנונג וועגן דעם טרויער פון אַן איינזאַמער עלטער.

באַגלייט פון כאַאָטישע געדאַנקען און זכרונות, האָט ער זיך דערשלעפּט אַהיים. די היים: אַן אַלט איינגעהויקערט הילצערן הייזל הינטער דער שטאָט, דאָרט ווו די היינטצייטיקע אַרכיטעקטור האָט נאָך נישט דערגרייכט און די נידעריקע געביידעס זעען אויס ווי עדות פון אַנדערע פאַרגעסענע צייטן. אַרום דעם הייזל האָבן געבליט עטלעכע ווײנשל־ביימלעך, אויף די ביטלעך זענען געוואָקסן זאָרגעוודיק געהאָדעוועטע בלומען און האָס אַלץ איז געווען אַרומגעצוימט מיט אַן אַלטן האַלב־הרובן פּלויט.

דער אַלטער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף דער באַנק אונטער דער מערבדיקער וואַנט, ער האָט צוגעמאַכט די מידע אויגן און מיט פאַרגעניגן געפילט אויפן פּנים די וואַרעמקייט פון דער זון. אַ שווערן טאָג האָט ער היינט געהאַט, דאָס האַרץ האָט ביי אים געקלאַפּט גיך און שטאַרק, מיט אַ צוגעאײלטן ריטם, אַביסל האָט עס אים ווי געטאָן, אָבער ער האָט שוין דעם דאָזיקן ווייטיק גוט געקענט, אַזוי ווי אַ מענטש קען זיך אַליין, ער האָט געוווסט, אַז עס וועט גיך פאַרבייגיין, שטענדיק פלעגט עס ביי אים פאַרבייגיין, נאָר איין איינציק מאָל קאָן עס פּאַסירן, אַז דער ווייטיק וועט נישט פאַרבייגיין, און דעמאָלט וועט עס זיין שוין דאָס לעצטע מאָל, אָבער דער אַלטער מענטש האָפט, אַז אַזוי ווייט האַלט עס נאָך נישט ביי אים, ער גלויבט שטאַרק, אַז עס איז נאָך נישט אָנגעקומען די צייט, ווייל פאַרוואָס זאָל עס געשען גראָד היינט?

ער זיצט רואיק און שטיל און וואַרט, און ווען דאָס האַרץ הערט אויף ווי צו טאָן, אָטעמט ער אָפּ און רוקט זיך אויף דער באַנק עטוואָס ווייטער, אין דער ריכטונג, וווּ די געדיכטע ווייסע קרוין פון דעם בליענדיקן וויינשל־בוים וואַרפט אַ קילן מחיהדיקן שאָטן. און שוין פילט ער זיך כמעט גוט. דער שמועס מיטן דאָקטאָר רוקט זיך אָפּ, פאַרשווינדט אין דער פאַרגעסנקייט.

דער אַלטער האָט נישט געהאַט ביי זיך קיין זייגערל, ער האָט בלויז באַמערקט, אַז די היץ פון דער מיטאָג־שעה האָט זיך אָפּגעקילט, דער וויינשל־בוים האָט איבערגערוקט זיין שאָטן און דער מענטש האָט זיך ווידער געפונען אין ליכטיקן קרייז פון דער זון. עס האָט אים אַרומגענומען אַ זיסע אָנמעכטיקייט.

ער האָט געדרימלט. מיט דער גאַנצער גענויקייט און אויסדריקלעכקייט האָבן זיך אים געחלומט פּנימער, וואָס זייט יאָרצענדליקער האָט ער זיי אין וואָר נישט געזען: אויסגעשטראָצט אין אַ זעלנערישן בלויען מונדיר פון קיסר פראַנץ יוסף דעם ערשטנס צייטן, האָט מאַרשירט דער פאָטער פון אַלטן מענטש, אַ מעכטיקער זעלנערישער אָרקעסטער האָט געבלאָזן דעם רומפולן זיגרייכן ראַדעצקי־מאַרש, אין פענצטער פון שטוב איז געשטאַנען די מוטער און האָט געפאָכעט מיט אַ שוואַרץ טיכעלע. ווען די מוזיקאַנטן האָבן זיך דערווייטערט, איז אויך פאַרשוואונדן דאָס זיסע געזיכט פון דער מוטער. און דאַן האָט זיך ווידער באַוויזן דער פאָטער, שוין נישט אין אַ פּאַראַדנעם מונדיר, דאָסמאָל איז ער געווען אַרומגעהילט אין טראַנטעס, אָפּגעריסן ווי אַ בעטלער איז ער געווען, זיין בליק איז געווען ווילד און אומגליקלעך. ער איז צוגעגאַנגען צום פּאָסטקעסטל, אַראָפּגעריסן דאָס צווייקעפּיקע אָדלערל, געוואָרפן עס אין דער בלאָטע און נאָך צוגעטאָפּטשעט מיט די שטיוול. דערנאָך האָט ער דערזען אים, דעם זון זיינעם וואָס איז שוין היינט אויך אַ זקן, און ביידע האָבן זיי זיך צעוויינט. „מיין קינד...“ — האָט געיאָמערט דער פאָטער — „מיין אָרעם קינד, וואָס איז מיט דיר געשען, אויך דו ביסט שוין אַלט און שוואַך...“

ער האָט זיך אויפגעוועקט מיט אַ געפיל פון אומרו און אומעט. ווי אַ קליין קינד: וואָלט ער נאָך אַ פּאָר מינוט געשלאָפן, אפשר וואָלט זיך פאַר אים נאָך איין מאָל באַוויזן די מוטער.

ער האָט דערפילט, אַז ער איז הונגעריק און איז אַריין אין דער וווינונג. עס זענען דאָ געווען קליינע צוויי צימערלעך מיט אַ קיך —

אַמאָל איז ער דאָ גליקלעך געווען צוזאַמען מיט זיין פרוי און קינד. היינט איז ער פאַרבליבן אַליין און די צימערלעך זענען געווען כמעט לער. דאָס רוב פון די פאַרמאָגטע זאַכן, דאָס גאַנצע אָרעמקייט האָט ער ביסלעכווייז אויספאַרקויפט, כאָטש יעדע זאַך האָט דאָ געהאַט איר געשיכטע, יעדע זאַך איז געווען פאַרבונדן מיט זכרונות, מיט ווערטער, טרערן, שמייכלען...

ער איז אַריין אין קיך און פון דעם ערדענעם טאָפּ, וואָס איז געשטאַנען אויפן טיש האָט ער אָנגעשעפּט און צוגעטראָגן צום מויל עטלעכע שלינג זויער=מילך. ער האָט געטרונקען און האָט זיך דערפילט געשטאַרקט.

עס האָט זיך אים פלוצים פאַרגלוסט עפּעס צו טאָן, עפּעס נוצלעכעס. ער האָט זיך אומגעקוקט, זיין בליק האָט זיך געגליטשט איבער די אָרעמע ווענט פון דעם אינעווייניק. האַסטיק האָט ער זיך גענומען פאָרען אין די ווינקלען פון זיינע ד׳ אמות און זוכן אַ באַשעפטיקונג פאַר זיינע אלטע ציטערנדיקע הענט, פונקט ווי פון דער דאָזיקער אַרבעט וואָלט אָפּהענגיק געווען זיין גאַנץ לעבן.

ער האָט ברייט געעפנט דאָס פענצטער. דער פרילינגדיקער ווינט האָט לוסטיק גענומען רייסן די לאָדנס און האָט אַריינגעווייעט אַ ביסל ווייס=ראָזעווע דיניקע בלעטלעך פון די ווינשל=בליטן.

דער אַלטער מענטש האָט זיך גענומען פאָרען אין קעמערל, אַרויסגעצויגן פון האָרט אַן עמער קאַלך, אַ בערשטל צום קאַלכן די ביימער, און אויך אַ העמערל מיט טשוועקעס צום פאַריכטן דעם פלויט, און מיט די דאָזיקע מכשירים איז ער אַרויס אין גאָרטן.

פון דאַך האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער ערד אַ פּאָרל וואָרקנדיקע טויבן — דער אַלטער האָט אַ לאַך געטאָן צו זיי און האָט זיך גענומען צו דער אַרבעט. ער איז איצט געווען פאַרנומען בלויז מיט דעם, וואָס ער האָט געטאָן. ער איז געווען צופרידן פון זיך און קיין איין מאָל האָט ער נישט דערמאָנט דעם שמועס מיטן דאָקטאָר.

מינוטנווייז פלעגט ער אויסגלייכן דעם רוקן, אָפּרוען זיך און מיט אַ באַלעבאַטיש אויג באַטראַכטן, וואָס מען דאַרף נאָך טאָן. די סטעזשקעס פאַרוואַקסן אַזוי גיך מיט גראָז, יעדן טאָג מוז מען זיי רייניקן, אויף די בייטלעך מיט בלומען זענען נאָך אַלץ פאַראַן אַזויפיל שטיינער, און ביים פאַריכטן דעם פלויט וועט ער נאָך מוזן פאַרברענגען אַ גאַנצע וואָך.

ער האָט געאַרבעט ביז אין אָוונט. אַזוי גיך און גוט זענען פאַרביי די פּאָר שעה, אַז ער האָט גאָר נישט באַמערקט, ווען עס איז צוגעפאַלן דער בין השמשות.

פון מערב האָט אָנגעצויגן אַ טונקעלע כמאַרע, ערגעץ האָ, גאַנץ נאָענט האָט זיך צעברומט אַ דונער, אַ בליץ האָט דורכגעשניטן דעם הימל. עס האָט זיך צערעגנט.

דער אַלטער מענטש איז אַריין אין שטוב און נישט אָנצינדנדיק קיין ליכט, האָט ער זיך אַוועקגעזעצט ביים אָפענעם פענצטער.

עס האָט זיך אויפגעהויבן אַ ווינט און גענומען בייגן די וויינשל-ביימער. אַ קאַלטער שטראָם רעגן האָט באַגאָסן דעם אַלטנס פּנים. ער האָט זיך אַרויסגעבויגן דורכן פענצטער און אויסגעשטרעקט די אָרעמס צו דער נאַכט, צום ווינט, צום געוויטער. ער האָט שווער געאָטעמט, און מיט יעדן אָטעם האָט ער זיך געפרייט און געלאַכט און אין דעם האָזיקן געלעכטער איז געווען די פרייד פון לעבן און דער נצחון איבער דער שוואַרצער מאַכט פון דער נאַכט.

אָבער אין שכנות איז נישט געווען קיין שום לעבעדיקער מענטש און דעם האָזיקן געלעכטער פון זקן האָט שוין קיינער נישט געהערט.

גערעגנט האָט אַ גאַנצע נאַכט, אָבער אינדערפרי איז דער הימל ווידער געווען לויטער און בלאָ, און עס האָט זיך געקאָנט דאַכטן, אַז אין דער האָזיקער נאַכט איז די וועלט נאָך שענער געוואָרן, ווייל נאָך דעם רעגן און נאָך דעם געוויטער האָבן זיך אין די סעדער הינטער דער שטאָט צעבליט די ערשטע האָזעווע קנאָספן פון די עפּל-ביימער.

אינהאַלט:

	זייט
פאָררעדע ... דערפאַרונג	5
איין מאָל אין יאָר מוחל זיין	10
סענדער דער נגיד	13
א שטעטל ביים סאָן	17
די גאס	29
משפחה מאנדלבוים	39
אומקום	42
א מעשה מיט א טעלעפאָן	48
די שיינע טאָכטער	56
מוטער און זון	63
ביבלישע מאָטיוון	69
די ערשטע ליבע	71
דלילה פון טאָל שורק	76
דער אשמדאי און דער מלך	85
מיניאַטורן	103
א מענטש מיט א הינטל	105
די זיסקייט פון לעבן	108
א מעשה מיט א דאָנערשטיק	110
עבנהאָלץ איז שוואַרץ	111
בארעמהערציקע	112
רחמנות	113
ראָזעווע ברילן	115
אין א געוויסן טאָג	116
דער שיכור	117
אַ מאָדנע רייזע	118
ענטוזיאַזם	119
האַס און נקמה	120
אַ נעקראָלאָג	121
די גרויסע אנטדעקונג	122
צוויי פרויען אין קאַפע־הויז	125
אַ מינוט פיל מיט שפּאַנונג	127
ירושה	128
דריי אומגעבראכטע	130
א שמועס	133

	זייט
אַנטקעגן איינזאַמקייט	135
אַ נס	136
גאסטפריינדלעכקייט	137
דאָס קליינע מענטשעלע	139
דערפארונג	140
דער מענטש אויף דער באַנק	141
א מעשה מיט א תלין	142
פאַרגעסענע געזאנגען	143
א מעשה מיט א לייטער	144
דער מערדער מוז שטאַרבן	146
דער זקן פון די הויכע בערג	219
קאַבילארסקי און דער רופא	227
גנבים אין שטעטל	237
צווישן פויערים	249
דער פליט	261
צוויי נעמען	271
דער אומבאקאנטער לעוויטעס	279
אויפן פולן ים	284
דער פינפטער אין קאַמער	292
דער איינער טאָג	299